משה כן: ג פי' ולא תחשוב כי הוא חזיון בעלמא אלא אות אמת מהסנה: ד דאל"כ לך ל"ל אלא לך האות שאין אתה ניזוק כשתלך בשליחותי כאשר ראית הסנה שאינו אוכל ודו"ק: ה וא"ת מהיכן הוא מתחיל למנות אי מעת דבור זה והרי העשר מכות היו בנתים וכל מכה משמשת רביע החודש וגו' ואלקים היה מעיד ומתרה בו כדפי' בפ' וארא בפסוק ויגלא ז' ימים וא"כ היה עשר' חדשים וגם המכות לא התחילו מיד אחר הדבור זה ואי מעת יציאת מצרים מונה הרי לא היה אפי' שני חדשים אלי ניסן ואייר ושפי בסיון שקבלו התורה. וי"ל דלא מיירי בתורה שבכתב

רש"י

השיבו על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון שאמרת מי אנכי כי אלך אל פרעה לא שלך היא כי אם משלי כי אהיה עמך וזה המראה אשר ראית בסנה לך ג האות כי אנכי שלחתיך ד ותצליח בשליחותי וכדאי אני להציל כאשר ראית הסנה עושה שליחותי ואיננו אוכל כך תלך בשליחותי ואינך ניזוק. וששאלת מה זכות יש לישראל שיצאו ממצרים דבר גדול יש לי על הוצאה זו שהרי עתידים לקבל התורה על ההר הזה לסוף ג' חדשים ה שיצאו ממצרים. דבר אחר כי אהיה עמך וזה שתצליח בשליחותך לך האות על הבטחה אחרת שאני מבטיחך שכשתוציאם ממצרים תעבדון אותי על ההר הזה שתקבלו

פירוש לתורת אלהים

גזאגט מי אנכי זאג איך דיר דו גייסט ניט פון דיינעטוועגען נאר פון מיין שליחות וועגען כי ווארום איך גאט וועל זיין מיט דיר וזה אונ דעם וואנדער וום דו זעהסט פון דעם דארן וואס ווערט ניט פר ברענט לך דם איז צו דיר איין צייכען אז איך גאט שיק דיך אונ דו וועסט מצליח זיין אין מיין שליחות [עיין רש"י]

משלי נחמיה

ס'הרים ביי זיי מאגן געלט פאר די סחורה, ווי דער שליח איז געוועזן פערטיג צום פארען הט ער געזאגט צום סוחר גיב מיר געלט אויף דער הוצאה. האט דער סוחר אים גיגעבען אפאר רובעל, זאגט דער שליח צוא דעם סוחר דם געלט איז וויינעג אויף די הוצאה, זאגט דר סוחר צום שליח דו פארסט דאך געמן געלט, וועסטו פון דעם געלט געמען אביסעל געלט אויף דיין הוצאה, דאס האט געזאגט הקב"ה צו משה, דו פרעגסט מיך מיט וועלכען זכות וועלען יודען ארויסגיין פון מצרים, איך וועל דיר זאגען אז די יודען וועלען ארויס גיין פון מצרים וועלען זיי געמען אויף דעם בארג אתורה מיט מצות, נעם אראפ עטליכע מצות אונ גיב זיי שוין וועלען זיי האבען אויף די הוצאה, אויף אזכות, אונ אזו הט הקב"ה געטאהן, איידער דיא יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים האט ער זייא געגעבען עטליכע מצות, מילה, פסח, מצה, אונ אין דעם זכות זענען זייא אויסגעלייזט געווארען פון מצרים:

ספר הישר

דר מדבר אריין, איז ער געגאנגען אונ הט אים בגעגענט ביי דעם בארג ווי גאט הט אים געשיקט. אונ משה מיט אהרן זענען געקומען קיין מצרים צו די ישראל אונ האבען זיי געזאגט אלעריידי פון גאט אונ דם פאלק הט זיך געפרייט. דעם אנדערן טאג הט משה אונ אהרן זיך געפעדערט אונ זענען געגאנגען צו פרעה אונ דער שטעקען וום דער שם המפורש איז געווען געקריצט אויף אים האבען זייא גענומען אין זייערע הענד אונ אז זיי זענען געקומען צום טויער פון פאלעץ האבען זיי געזעהן אז צוויי לייבן זענען דארט צו געשלאסן מיט אייזערנע קייטן אונ קיין מענטש הט ניט געקענט אריין אונ

הָאֱלֹהִים עַל הָהָר הַזֶּה: יג וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־הָאֱלֹהִים הִנֵּה אָנֹכִי בָא
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתִּי לָהֶם אֱלֹהֵי
אֲבוֹתֵיכֶם שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם וְאָמְרוּ־לִי
מַה־שְּׁמוֹ מָה אֹמַר אֲלֵהֶם: יד וַיֹּאמֶר
אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה אֶהְיֶה אֲשֶׁר

אונקלוס

קֳדָם יְיָ עַל טוּרָא הָדֵין:
יג וַאֲמַר מֹשֶׁה קֳדָם יְיָ הָא
אֲנָא אָתֵי לְוָת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאֵימַר לְהוֹן אֱלָהָא
דַאֲבָהָתְכוֹן שַׁלְחַנִי
לְוָתְכוֹן וְיֵימְרוּן לִי מַה
שְׁמֵהּ מָה אֵימַר לְהוֹן:
יד וַאֲמַר יְיָ לְמֹשֶׁה אֶהְיֶה

תו"א מה שמו סנהדרין קיא עקרים מב כ כו: אהיה אשר אהיה ברכות ט ספר הזוהר פרשת אחרי מות:

בעל הטורים

(יג) ואמרו לי מה שמו מה. ס"ת שם בן ד' אותיות שמסר לו השם וכתיב בתרי' לך ואספת את זקני ישראל שאין מוסרין אותו אלא לזקנים שבדור: (יד) ג' פעמים אהיה כנגד ג' אבות והם אברהם יצחק ויעקב. אברהם והיה ברכה. יצחק גור בארץ הזאת ואהיה עמך. יעקב שוב אל ארץ אבותיך ואהיה עמך. אהיה עולה כ"א וכן התחלת ג' שמות של י"ג מדות ה' ה' אל וכן ר"ת אברהם יצחק יעקב וכן התחלת ה' חומשי תורה ב' ו' ו' א'. ב"פ אהיה עולה בחשבון מ"ב שמסר לו שם של מ"ב אותיות. ג"פ אהיה עולה ס"ג והם י"ב אותיות כנגד י"ב שבטים והשבטים הם נ' אותיות לרף עמהם י"ג אותיות של שמות האבות ויהיה החשבון ס"ג:

רשב"ם

(יג) מה אומר אליהם. כי איני מכיר ויודע שמך המיוחד: (יד) ויאמר אלהים אל משה. אם אינך יודע שמי אני אומר לך כי שמי אהיה לעולם ויכול אני לקיים מה שאני מבטיח. ומעתה שאמרתי לך כי שמי אהיה, כה תאמר לבני ישראל אהיה ש' חני לו. ומי שמפרשים ענינים אחרים אינם אלא טועים גמורים:

רש"י

התורה עליו והיא הזכות העומדת לישראל. ודוגמת לשון זה מליצו (ישעי' לז) וזה לך האות ו אכול השנה ספיח וגו' מפלת סנחריב תהיה לך לאות על הבטחה אחרת שארצכם חריבה מפירות ואני אברך הספיחים: (יד) **אהיה אשר אהיה.** אהיה עמם בצרה זאת אשר אהיה עמם בשעבוד שאר מלכיות (ברכות ט) אמר לפניו רבש"ע מה אני מזכיר

בית יהודא

בארג (וְהִיא הַזְּכוּת הָעוֹמֶדֶת לְיִשְׂרָאֵל) דס איז דער זכות וואס שטייט צו די יודען זיי זאלען ארויסגיין פון מצרים (וְדוּגְמַת לָשׁוֹן זֶה מָצִינוּ) אונ אזוי אגלייכען געפינען מיר אין פסוק דער נביא ישעיה הט געזאגט צום מלך חזקיהו (וְזֶה לְּךָ הָאוֹת אָכוֹל הַשָּׁנָה סָפִיחַ) דס איז צו דיר אצייכען אז מען וועט עסין דעם יאהר ספיח (מַפֶּלֶת סַנְחֵרִיב) וום סנחריב וועט געהרגת ווערען (תִּהְיֶה לְךָ לְאוֹת) וועט זיין צו דיר אצייכען (עַל הַבְטָחָה אַחֶרֶת) אויף איין אנדער צוזאג (שֶׁאַרְצְכֶם חֲרֵבָה מִפֵּרוֹת) אייער לאנד איז היינט וויסט פון פירות אונ דעם יאהר וועט איר עסען דיא תבואה וואס וועט וואקסען פון די קערנער וום זענען ארויסגעפאלען פון די זאנגען וום מען האט געשניטען פאר איאהרען אונ האבען זיך אליין איינגעווארצילט אין דיא ערד אונ האבען געוואקסען דעם יאהר וואס הייסט ספיח], דעם אנדערען יאהר וועט איר עסען שחיס וואס וועט וואקסען פון די אראפגעפאלענע קערנער פון דעם דריטען יאהר אבער אויף דעם יאהר וועט איר אקערען אונ זייען פלאנצען ווייגגערטנער אונ הקב"ה וועט אייך געבען אברכה, דס איז אויך אצייכען פון איין טובה אויף דיא אנדערע טובה: (יד) נאהיה אשר אהיה], הקב"ה האט געזאגט צו משה (אֶהְיֶה עִמָּם בְּצָרָה זֹאת) איך וועל זיין מיט די יודען אין די צרה פון מצרים (אֲשֶׁר אֶהְיֶה עִמָּם בְּשִׁעְבּוּד שְׁאָר מַלְכֻיּוֹת) אונ ווען זיי וועלען זיין אין גלות ביא אנדערע מלכים וועל איך אויך זיין מיט זיי איך זאל זייא העלפען (אָמַר לְפָנָיו) הט משה געזאגט פאר הקב"ה רבונו של עולם (מָה אֲנִי

דעת זקנים מבעלי התוספות

יוסף קרא: (יד) ויאמר אהיה. קשה כל הני ויאמר למה לי וי"ל זה קרא לו הקב"ה למשה אהיה שמי לפי שאהיה לעולם ועד ואשר אהיה פי' של אהיה והדר אמר הקב"ה שמא יסבור משה ששמי אהיה אשר אהיה ולכך חזר ואמר כה תאמר. ויאמר עוד שמא יקראוני עוד ישראל אהיה וטעות יהיה בידם שהרי יש לו לקרות יהיה לעולם לכך כתי' ויאמר עוד אלהים לו שנכתב ביה שיש במשמעותו יהיה:

שפתי חכמים

לחוד אלא גם בתורה שבעל פה שאחר קבלת התורה עלה להר והיה שם מ' יום ומ' לילה וקבל תורה שבע"פ ואחר שירד בי"ז בתמוז היו ג' חדשים שלמים והם נגאלו בשביל תורה שבע"פ כדכתיב ע"פ הדברים האלה כרתי וגו' על פי היינו התורה שבע"פ מגלתי. א"נ פי' לסוף בחודש השלישי שהוא סיון כד"א היו נכונים לשלשת ימים שהוא כמו ליום השלישי כדפירש"י שם: ו פי' דרוצה להביא ראיה שהקב"ה תולה הבטחתו בהבטחה אחרת ואע"פ שאותה הבטחה עצמה עדיין אינה נעשית וה"ה ה"נ אע"פ שהבטחת השליחות עצמו הוא מסופק וה"כ איך תהי' הבטחת השליחות שעדיין היא מסופקת ראיה ואות על הבטחת קבלת התורה שהיא הבטחה אחרת וזהו דוגמת ל' שמצינו בישעיה

פירוש לתורת אלהים

בְּהוֹצִיאֲךָ אַז דוּ וועסט אוֹם צִיהֶן דֶם פָאלְק פוּן מִצְרַיִם תַּעַבְדוּן וֶועט אִיר דִינֶן גָאט אוֹף דֶעם בַּארְג [עיין רש"י]: (יג) וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אוּנ מֹשֶׁה הָט גֶזָאגְט אֶל צוּ גָאט הִנֵּה אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתִּי אוּנ אִיךְ וֶועל זָאגִין צוּ זַייא אֱלֹהֵי דֶער גָאט פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָט מִיךְ צוּ אַייךְ גִשִׁיקְט מְבַשֵּׂר זַיין דִי גְאוּלָה וְאָמְרוּ אוּנ זֵיי וֶועלֶען מִיךְ פְרֶעגֶען וִוי אִיז דֶער נָאמֶען פוּן גָאט מָה וָוס זָאל אִיךְ זַייא זָאגֶן: (יד) וַיֹּאמֶר הָט גָאט

ספר הישר

ארויס גיין פר זיי. הט משה אויף געהובען זיין שטעקן אויף דיא לייבן אונ הט זיי אפ געבונדען אונ משה מיט אהרן זענען אריין געקומען צום מלך אונ די לייבן זענען אויך געקומען מיט זיי מיט שמחה אונ ווי פרעה הט דס געזעהן הט ער זיך זייער פר וואונדערט דען זייער געשטאלט איז געוועזען אזוי ווי מלאכים. הט פרעה צו זייא געזאגט וום ווילט איר. האבען זיי געזאגט דר וואהרר גאט הט אונז געשיקט צו זאגען אז מען זאל ארוס שיקן די יודן פון מצרים אונ זיי זאלן אים דינן, הט פרעה צו זיי געזאגט היינט גייט אוועק אונ מארגן זאלט איר קומן צו מיר. האבן זיי אזוי געטוהן. אונ ווי זיי זענן אוועק געגאנגן הט פרעה געשיקט רופן צו בלעם מיט זיינע זיהן יַנוס וְיַמְבְּרוּס אונ אלע מכשפים אונ הט זיי דר ציילט די זאך. הט בלעם געענטפערט זיי זענן נאר אזעלכע מכשפים

אֶהְיֶה וַיֹּאמֶר כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל אֶהְיֶה שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם׃
טו וַיֹּאמֶר עוֹד אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה כֹּה
תֹאמַר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵי
אֲבֹתֵיכֶם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי
יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם
זֶה־שְּׁמִי לְעֹלָם וְזֶה זִכְרִי לְדֹר דֹּר׃ חמישי

אונקלוס

אֲשֶׁר אֶהְיֶה וַאֲמַר כִּדְנַן תֵּימַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶהְיֶה שְׁלַחַנִי לְוָתְכוֹן׃ טו וַאֲמַר עוֹד יְיָ לְמֹשֶׁה כִּדְנַן תֵּימַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל יְיָ אֱלָהָא דַאֲבָהָתְכוֹן אֱלָהֵהּ דְאַבְרָהָם אֱלָהֵהּ דְיִצְחָק וֵאלָהֵהּ דְיַעֲקֹב שְׁלַחַנִי לְוָתְכוֹן דֵּין שְׁמִי לְעָלַם וְדֵין דָּכְרָנִי לְכָל דָּר וְדָר׃

תו"א זה שמי לעלם פסחים נ קדושין עא:

רשב"ם

אליכם: (טו) ויאמר עוד אלהים למשה. לא נאה שיקראו אותי בשמי בבל דבריהם כשם שאנו קורים המלכים בשמם. אלא ה' אלהי אבותיכם וגו' שהוא לשון אדנות ומלכות כשם שאומרים למלכים יחי המלך. המלך ציוני דבר: זה שמי לעולם. אהיה האמור בפסוק ראשון: וזה זכרי. ה' האמור בפסוק שני שהוא לשון מלכות וכענין הזה מזכירין את המלכים ולא בשמם.

בעל הטורים

(טו) זה שמי לעלם. זה עולה י"ב מלמד שמסר לו שם של י"ב ומה שב' בי"ה אפרש בא"ת ב"ש צצ"ת דפנ"ת זהי"ף תצמ"ץ פתט"ף דפגמ"י תפא"ף מצמ"ץ

בית יהודא

מזכיר להם צרה אחרת) צו וואס זאל איך זיי איצט דער־מאנען איין אנדער צרה, אז זיי וועלען זיין נאך אמאהל אין גלות (דיים בצרה זו) גענוג פאר זיי די צרה פון מצרים (אמר לו) הט הקב"ה געזאגט צו משה (יפה אמרת) דו האסט גוט געזאגט דו זאלסט זאגען צו די יודען נאר איין מאהל אהיה, וזאגט רש"י (לא שהשכיל הלילה משה ביותר) ניט משה הט פארשטאנען בעסער פון הקב"ה ווי מען דארף זאגען צו די יודען (אלא שלא הבין דברי הקב"ה) נאר משה הט ניט פארשטאנען וום הקב"ה האט צו אים געזאגט (כי לא מחשבתו מחשבת הקב"ה) משה הט ניט געטראכט ווי הקב"ה הט געטראכט (שמאז כך היתה דעתו) הקב"ה האט באלד אזוי געמיינט (באומרו יתברך) ווען הקב"ה הט געזאגט אהיה אשר אהיה (למשה לבדו הגיד) הט ער דאס נאר געזאגט צו משה אליין (לא שיגיד לישראל) אבער ניט ער זאל אזוי זאגען צו דיא יודען (וזהו יפת אמרת) דאס האט הקב"ה געמיינט וואס ער האט געזאגט צו משה, דו האסט גוט געזאגט (שגם דעתי מתחלה כך היתה) וואריום מיין מיינונג איז אין אנהייב אויך אזוי געוועזן (שלא תגיד לבני ישראל כדברים האלה) דוא זאלסט ניט זאגען צו די יודען אהיה אשר אהיה, וויא איך זאג צו דיר (אלא כה תאמר לבני ישראל) נאר אזו זאלסטו זאגען צו די יודען (אהיה פעם אחת) איין מאהל אהיה (וכן משמע בברכה) אונ אזוי מיינט דער מדרש: (טו) (זה שמי לעלם). זאגט רש"י (חסר וא"ו) עס פעלט א וא"ו, דריבער מיינט דער פסוק (לומר) צו זאגען מען זאל ליינען לעלם, צו בעהאלטען (העלימהו שלא יקרא ככתבו) מען זאל בעהאלטען אין זיך דעם נאמען פון הקב"ה אונ מען זאל ניט ליינען ווי עס איז געשריבען: (וזה זכרי). דאס איז מיין דערמאנונג, אזוי זאל מען ריידען מיין נאמען (למדו היאך נקרא) הקב"ה הט אים געלערנט ווי מען זאל ליינען זיין נאמען (וכן דוד הוא אומר) דוד המלך האט אויך אזוי געזאגט (ה' שמך לעולם) דיין נאמען הוי"ה איז אויף אייביג (ה' זכרך לדור ודור) אונ צו אלע דורות (צו אלע מענטשען) ווערט דערמאנט

רש"י

להם לרה אחרת דיים בלרה זו אמר לו יפה אמרת כה תאמר וגו' (ש"ר) (לא שהשכיל הלילה משה ביותר אלא שלא הבין דברי השי"ת כי לא מחשבתו מחשבת הש"י שמאז כך היתה דעתו באומרו ית' אהיה אשר אהיה למשה לבדו הגיד ולא שיגיד לישראל וזהו יפה אמרת שגם דעתי מתחילה כך היתה שלא תגיד לבני ישראל כדברים האלה אלא כה תאמר לבני ישראל אהיה פעם אחת וכן משמע במס' ברכות ודוק): (טו) זה שמי לעלם. חסר וי"ו לומר העלימהו שלא יקרא ככתבו ז (ש"ר): וזה זכרי. למדו היאך נקרא וכן דוד הוא אומר ה' שמך לעולם ה' זכרך לדור ודור:

שפתי חכמים

הבטחת מפלת סנחריב שהיא עדיין מסופקת תהי' אות על הבטחה אחרת שהיא ברכת הספיחים: ז (נח"י) כל מה שהאריך הרא"ם מבואר הוא

פירוש לתורת אלהים

גזאגט צוא משה מיין נאמען איז אהיה אשר אהיה [ע' רש"י] כה אזו זאלסטו זאגין צו די קינדר ישראל אהיה דער גאט וואס היישט אהיה הט מיך צו איך גשיקט [עי' רש"י]: (טו) ויאמר עוד אונ גאט הט נאך גזאגט צו משה כה אזו זאלסטו זאגין צו די קינדר ישראל יי דר גאט פון אייערע עלטערן פון אברהם יצחק יעקב שלחני הט מיך צו איך גשיקט זה דם איז מיין נאמן אויף אייביג וזה אונ דאס איז מיין גידעכניש אויף דור

ספר הישר

ווי מיר אונ שיק נאך זיי וועלן מיר זיי פרובן. צו מארגן זענן געקומן משה מיט אהרן. דר מלך זאגט צו זייא ווער וועט אייך גלייבן אז איר זענט שלוחים פון אייער גאט ווייזט דרוף איין מופת וועט מען אייך גלייבן הט אהרן גיווארפן זיין שטעקן פר פרעה אונ פר זיינע קנעכט איז דר שטעקן געווארען א שלאנג. האבן דיא מכשפים אויך געווארפן איטליכר זיין שטעקן אויף דר ערד אונ זענן געווארן צו שלאנגן הט אהרנ'ס שלאנג איין גישלינגען די כישוף מאכערס שלאנגן. הט דר מלך געהייסן ברענגען דעם ספר הזכרונות אונ מען האט געליינט אונ מען האט נ'ט געפונען דעם נאמען פון גאט. זאגט ער צו משה ואהרן איך קען ניט דעם גאט וואס איר זאגט די ישראל וועל איך ניט שיקן. האבן זיי גיענטפערט צום מלך ה' גאט דר האר איבר אלע הארן האט געשיקט זאגן שיק ארויס מיין פאלק זיי זאלען מיך דינען. אונ אז מען וועט אונז ניט שיקען וועט זיין צארען גריטען אונ וועט

שלאגען

טז לֵךְ וְאָסַפְתָּ אֶת־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם
נִרְאָה אֵלַי אֱלֹהֵי אַבְרָהָם יִצְחָק
וְיַעֲקֹב לֵאמֹר פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם
וְאֶת־הֶעָשׂוּי לָכֶם בְּמִצְרָיִם: יז וָאֹמַר
אַעֲלֶה אֶתְכֶם מֵעֳנִי מִצְרַיִם אֶל־אֶרֶץ
הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי
וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי אֶל־אֶרֶץ זָבַת חָלָב
וּדְבָשׁ: יח וְשָׁמְעוּ לְקֹלֶךָ וּבָאתָ

טז אֱזֵיל וְתִכְנוֹשׁ יָת סָבֵי
יִשְׂרָאֵל וְתֵימַר לְהוֹן יְיָ
אֱלָהָא דַאֲבָהָתְכוֹן אִתְגְּלִי
לִי אֱלָהֵהּ דְּאַבְרָהָם יִצְחָק
וְיַעֲקֹב לְמֵימַר מִדְכַּר
דְּכִירְנָא יָתְכוֹן וְיָת
דְּאִתְעֲבֵד לְכוֹן בְּמִצְרָיִם:
יז וַאֲמָרִית אַסֵּיק יָתְכוֹן
מִשִּׁעְבּוּד מִצְרָאֵי לַאֲרַע
כְּנַעֲנָאֵי וְחִתָּאֵי וֶאֱמוֹרָאֵי
וּפְרִזָּאֵי וְחִוָּאֵי וִיבוּסָאֵי
לַאֲרַע עָבְדָא חֲלַב
וּדְבָשׁ: יח וִיקַבְּלוּן
לְמֵימְרָךְ וְתֵיתֵי אַתְּ וְסָבֵי

תו"א ואספת את זקני ישראל יומא כח: עקד פקדתי ראש השנה לב: זבת חלב ודבש כתובות קיב:

בעל הטורים

אותיות: (טז) פקד פקדתי אתכם. כמנין פקד חסרתי לכם מלבון ולא נפקד ממנו איש. העשוי. ב' במסורה ואת העשוי לכם במצרים ואידך כל הזהב העשוי למלאכה בכל זהב הבאה להם במצרים היו מיחדים אותו למלאכת המשכן: (יח) ושמעו לקלך. ר"ל שאינך צריך להרבות בקול כי מיד ישמעו לך. ושמעו ב' במסורה. ושמעו לקלך. ושמעו מצרים כי העלית בכחך כשדבר משה עם פרעה שמעו כל מצרים. דבר אחר אע"פ שקולו היה כמיך היה נשמע בכל ארץ מצרים ולפי

רשב"ם

פמ"ף שידפ"י מפ"ק לי"ף פ"ם י"ע צפ"ע בתק"י זהו עיקר עומק פשוטו של מקראות הללו ואין מגלין אותם אלא לצנועים: (יח) אלהי העבריים. שהרי

רש"י

(טז) את זקני ישראל. מיוחדים לישיבה. וא"ת זקנים סתם היאך אפשר לו לאסוף זקנים של ס' רבוא: (יח) ושמעו לקולך. מאליהם מכיון שתאמר להם לשון זה ישמעו לקולך שכבר סימן זה מסור בידם מיעקב ומיוסף א שבלשון זה הם נגאלים יעקב אמר ואלהים פקוד יפקוד אתכם ט

בית יהודא

דיין נאָמען אֲדֹנָי: (טז) ואת זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל. זאָגט רש"י (מְיוּחָדִים לִישִׁיבָה) ער זאָל נעמען די אַלטע מענטשען וואָס זענען חֲכָמִים וואָס קענען זיצען בייא אַפאַרזאַמלונג פון חָכְמָה (וְאִם תֹּאמַר זְקֵנִים סְתָם) טאָמער וועסטו זאָגען הקב"ה האט געהייסען פאַרזאַמלען אַלע אַלטע מענטשען די פראַסטע אויך (אֵיךְ אֶפְשַׁר לוֹ לֶאֱסוֹף זְקֵנִים שֶׁל ס' רִבּוֹא) ווי אַזוי איז מעגליך משה זאָל קענען פאַרזאַמלען אַלע אַלטע מענטשען וואָס זענען דאַ בייא זעקס מאָהל הונדערט טויזענד מענטשען: (יח) (וְשָׁמְעוּ לְקוֹלֶךָ). זאָגט רש"י (מֵאֲלֵיהֶם) זייא וועלען אַליין וועלען הערען דיינע רייד (מִכֵּיוָן שֶׁתֹּאמַר לָהֶם לָשׁוֹן זֶה) אַז דו וועסט נאָר זאָגען די רייד "פָּקוֹד פָּקַדְתִּי" (יִשְׁמְעוּ לְקוֹלֶךָ) וועלען זייא באַלד הערען דיינע רייד (שֶׁכְּבָר סִימָן זֶה מָסוּר בְּיָדָם מִיַּעֲקֹב וּמִיּוֹסֵף) וואָרום דיא יודען האָבען שוין לאַנג דעם צייכען פון יַעֲקֹב און פון יוֹסֵף (שֶׁבְּלָשׁוֹן זֶה הֵם נִגְאָלִים) אַז דער אויסלייזער וועט זאָגען צו זייא די ווערטער "פָּקוֹד פָּקַדְתִּי" איז ער דער אֶמֶת'ער אויסלייזער און זייא וועלען דאַמאָלס אויסגעלייזט ווערען (יַעֲקֹב אָמַר לָהֶם פָּקוֹד יִפְקוֹד אֶתְכֶם) יַעֲקֹב האָט געזאָגט צו זיינע קינדער

דעת זקנים מבעלי התוספות

(יח) ושמעו לקולך. פירש"י שכבר סימן מסור בידם מיעקב ומיוסף שבלשון זה דפקוד יפקוד יהיו נגאלין. ויש מקשים שלא מצינו שאמר יעקב לשון זה דפקוד יפקוד ולמאי דפרש"י בפרשת ויחי ניחא:

שפתי חכמים

בס"ם ונעלם מעיני הרא"ם: ח וא"ת א"כ גם משה ידע כמו הם ומה הוכחה זו דלמא משה היה משקר וי"ל דבאותו זמן שברח מפרעה לא הי' משה כ"א בן י"ב שנה והם לא נמסרו הסי' אלא לגדול: ט ותימה הא לא מצינו פסוק זה גבי יעקב ושמא י"ל כיון דגבי יוסף נכתב פסוק זה ב"פ י"ל א' אמר משמו וא' אמר משום יעקב אביו כלו' שכן קבל יוסף מאביו

והשני ליוסף אע"פ שסניהם דברי יוסף. רא"ם בשם הרמב"ן. (נה"י) כן איתא בפדר"א פ' מ"ח וכ"כ תוספות בסוטה דף י"ג וכ"ה בס"ר

פירוש לתורת אלהים

דורות: (טז) לֵךְ גיי וְאָסַפְתָּ און דו זאָלסט איין זאַמלען די עלצטע פון די יודען וְאָמַרְתָּ און דו זאָלסט צו זייא זאָגען יְיָ דער גאָט פון אייערע עלטערען האט זיך צוא מיר באַוויזען אֱלֹהֵי דער גאָט פון אַבְרָהָם פון יִצְחָק און פון יַעֲקֹב לֵאמֹר צו זאָגען אייך פָּקוֹד גדענקען פָּקַדְתִּי איך טו גדענקען אֶתְכֶם אייך און וואָס ווערט געטאָהן צוא אייך אין מִצְרַיִם דם הייסט וואָס מען פייניגט אייך: (יז) וָאוֹמַר און איך האב געזאָגט אַעֲלֶה איך וועל אייך אויף ברענגען פון מִצְרַיִם וואָס מען פייניגט אייך דאָרטען און וועל אייך ברענגען אֶל צו דעם לאַנד פון די אומות וואָס ווערען גרופען הַכְּנַעֲנִי וגו' אֶל צו אַזוי אַלאַנד זָבַת וואָס אין איר רינט מילך און האָניג און דו משה אַז דו וועסט זאָגען צו די זְקֵנִים דם לָשׁוֹן (פָּקוֹד יִפְקוֹד) זאָג איך דיר: (יח) וְשָׁמְעוּ זיי וועלען

ספר הישר

שלאָגען גאַנץ מִצְרַיִם מִים דֶבֶר אָדער מִים שווערד האָט דעם מֶלֶךְ פאַר דראָסען אויף זיינע רייד האָט ער זיי אַוועק געטריבן פון זיך און האָט געזאָגט נאָך שווערער צוא מאַכען די אַרְבַּיִים. האָט גאָט געזאָגט צוא משה דוא וועסט זעהן אַז דורך מיין שטאַרקע מאַכט און מַכּוֹת נִמְרָצוֹת וועלען דיא מִצְרַיִם אַרויס שיקען דיא יִשְׂרָאֵל פון זייער לאַנד:

אתה וזקני ישראל אל מלך מצרים ואמרתם אליו יהוה אלהי העבריים נקרה עלינו ועתה נלכה נא דרך שלשת ימים במדבר ונזבחה ליהוה אלהינו: יט ואני ידעתי כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלך ולא

אונקלוס

ישראל לות מלכא דמצרים ותימרון ליה יי אלהא דיהודאי אתקרי עלנא וכען נזיל כען מהלך תלתא יומין במדברא ונדבח קדם יי אלהנא: יט וקדמי גלי ארי לא ישבוק יתכון מלכא דמצרים למיזל ולא מן

רשב"ם

מעבר הנהר באו הנה ואלהי מלכותם צריכים לעבוד: (יט) ואני ידעתי וגו'. אל ירך לבבך על שמתחלה לא ישמע לדברי לשלחם ולא מתוך יד החזקה שלו כי אין לו יכולת נגדי אך אני אקשה את לבו כדי לשלוח בו ידי תחלה וידעו הכל הקב"ה יודע אני כי לא יתן אתכם להלך בעצת בלעם וע"כ אני צריך להראותו ידי לבטל עצתו ואמר בלעם נאן ה' לתתי להלך עמכם לקלל

בעל הטורים

שקול בני אדם נמוך לכן הוא חסר: (יט) ואני ידעתי. פ' עקיבה רמז לחמשים מכות: להלך. ב' במסור' בתורה הכא ואידך כי מאן ה' לתתי להלך עמכם ג' היו באותי עצה יתרו איוב ובלעם אמר

בית יהודא

די ווערטער פקוד יפקוד (יוסף אמר להם פקוד יפקוד אלהים אתכם) יוסף האט אויך געזאגט צו זיינע ברידער די ווערטער פקוד יפקוד, פאר אצייכען אז מען וועט צו זיי זאגען צוויי מאהל דם ווארט „געדיינקען", זאלען זייא וויסען אז דאמאלס איז די צייט פון זייער אויסלייזונג: [ואלהי העבריים], זאגט רש"י (יוד יתירה) איין יוד איז איבעריג (רמז לי' מכות) דם ווייזט אז הקב"ה וועט שלאגען די מצריים מיט צעהן מכות]: נקרה עלינו, זאגט רש"י (לשון מקרה) טרעפונג, הקב"ה האט זיך געטראפען אויף אונז (וכן) אונ אזוי שטייט אין פסוק (ויקר אלהים) גאט האט זיך געטראפען (ואנכי אקרה כה), איז דערטייטש (אהא נקרה מאתו הלום) איך וועל געטראפען ווערען פון הקב"ה דא אויף דעם ארט: (יט) ולא יתן אתכם מלך מצרים להלוך, דער מלך פון מצרים וועט אייך ניט לאזען ארויסגיין פון מצרים (אם אין אני מראה לו את ידי החזקה) אויב איך וועל אים ניט ווייזען מיין שטארקע האנט (כלומר) אזוי מיינט מען (כל עוד שאין אני מודיעו ידי החזקה) אזוי לאנג ווי איך וועל אים ניט מאכען וויסען מיין שטארקע האנט (לא יתן אתכם להלוך) וועט ער אייך ניט לאזען גיין פון מצרים: (לא יתן), איז דערטייטש (לא ישבוק) ער וועט ניט לאזען (כמו) וויא עס שטייט אין פסוק הקב"ה האט געזאגט צו אבימלך (על כן לא נתתיך) ווייל איך האב דיך ניט געלאזען דו זאלסט זיא בעריהרען (לא נתנו אלהים להרע עמדי) הקב"ה האט אים ניט געלאזען ער זאל מיר שלעכטס טאהן (וכלן לשון נתינה הם) פון דעסטוועגען איז דערטייטש נתינה, געבען, נאר עס איז אלץ איינס ער האט ניט געגעבען, ער האט ניט געלאזען (ויש מפרשים) אנדערע זאגען (ולא ביד חזקה) מיינט מען (ולא בשביל שידו חזקה) ניט ווייל זיין האנט איז שטארק נדריבער וועט איר ניט באלד ארויסגיין פון מצרים, גיין, גאר ווייל איך וויל ניט איר זאלט באלד ארויסגיין פון מצרים ווייל איך וויל אלע זאלען זעהן מיינע וואנדער (כי מאז אשלח את ידי והכיתי את מצרים) פון דאמאלס ווען דוא וועסט קומען צו פרעה ער זאל ארויס שיקען די יודען אונ ער וועט זיי ניט וועלען שיקען וועל איך שיקען מיין האנט אויף מצרים אונ וועל זייא שלאגען (ומתרגמינן אותו) אונ דער תרגום שרייבט אויך אזוי (ולא מן קדם דחיליה תקיף) אונ ניט ווייל זיין כח איז שטארק ורש"י זאגט דער פשט (נאמר לי) איז צו

רש"י

יוסף אמר להם (בראשית נ) פקוד יפקוד אלהים אתכם: (אלהי העבריים. יו"ד יתירה רמז לי' מכות ברש"י יסן). נקרה עלינו. לשון מקרה וכן (במדבר כג) ויקר אלהים ואנכי אקרה כה אהא נקרה מאתי ב הלום: (יט) לא יתן אתכם מלך מצרים להליך אם אין אני מראה לו ידי החזקה כלומר כל עוד שאין אני מודיעו ידי החזקה לא יתן אתכם להלוך · לא יתן. לא ישבוק. כמו (בראשית כ) ע"כ לא נתתיך (שם לא) לא נתנו אלהים להרע עמדי וכולן לשון נתינה הם. וי"מ ולא ביד חזקה ולא בשביל שידו חזקה ל כי מאז אשלח את ידי והכיתי את מצרים וגו' ומתרגמינן אותו ולא מן קדם דחיליה

שפתי חכמים

כאן ובפרש' ה': י (רא"ם) אבל בר"פ ויקרא כ' אבל לנביאי עכו"ם נגלה עליהם בל' טומאה וטמא י"ל שפי' ויקר לעולם ל' מקרה הוא אלא שלשון מקרה פעם מתפרש על המקרה וההזדמן כמו כי יקרא קן לפיר ופעם על הפכבת זרע בהיא ל' טומאה כמו מקרה לילה: כ לא שאהיה נקרה אליו כמו ויקר אלהים אל בלעם שהשם נקרה אליו כי בלעם לא היה נקרה אל השם אלא נקרה מהשם ואמר הלום להודיע שפי' כה הלום כמו לא במעת עד כה לא ככה כמו כה אמר ה' שאם יהיה פי' כה ככה אפשר שיהיה פי' אקרה שגם אני אקרה אל אחר ככה כמו שיקרה השם אלי ואין זה הכוונה כאן רא"ם: ל כלו' דה"פ של קרא כי לא יתן אתכם מלך מצרים להלוך ולא בשביל שידו חזקה שהרי אם שלחתי

פירוש לתורת אלהים

פר נעמן דיין קול זייא וועלין דיר גלייבן [עיין רש"י] ובאת אונ דו זאלסט קומען מיט דיא עלצטי פון יודען צום קיניג פון מצרים ואמרתם אליו אונ איר זאלט זאגן צוא אים יי גאט דער גאט פון דיא יודען נקרה האט געטראפין זיך צו אונז אונ האט אונז געשאפט מיר זאלן גיין מקריב זיין קרבנות אין דער מדבר ועתה אונ אצונד נלכה בעטן מיר דיך דוא זאלסט מסכים זיין מיר זאלן גיין דריי טאג רייזע אין דר מדבר ונזבחה אונ מיר וועלן שעכטן קרבנות צו אונזר גאט. זאגט גאט צוא משה: (יט) ואני ידעתי אונ איך ווייס כי אז פרעה דר מלך פון מצרים וועט אייך ניט לאזן גיין ולא ביד חזקה כל זמן איך וועל אים ניט ווייזן מיין שטארקן

קֳדָם דְּחֵילָהּ תַּקִּיף׃
כ וְאֶשְׁלַח פּוֹן יָת מָחַת
גְּבוּרְתִּי וְאֶמְחֵי יָת מִצְרָאֵי
בְּכֹל פְּרִשְׁוָתִי דִּי אַעְבֵּד
בֵּינֵיהוֹן וּבָתַר כֵּן יְשַׁלַּח
יָתְכוֹן׃ כא וְאֶתֵּן יָת עַמָּא
הָדֵין לְרַחֲמִין בְּעֵינֵי
מִצְרָאֵי וִיהֵי אֲרֵי תְהָכוּן
לָא תְהָכוּן רֵיקָנִין׃
כב וְתִשְׁאַל אִתְּתָא
מִשְּׁבַבְתַּהּ וּמִקְּרִיבַת
בֵּיתַהּ מָנִין דִּכְסַף וּמָנִין
דִּדְהַב וּלְבוּשִׁין וּתְשַׁוּוּן
עַל בְּנֵיכוֹן וְעַל בְּנָתֵיכוֹן
וּתְרוֹקְנוּן יָת מִצְרָיִם׃

בְּיָד חֲזָקָה׃ כ וְשָׁלַחְתִּי אֶת־יָדִי
וְהִכֵּיתִי אֶת־מִצְרַיִם בְּכֹל נִפְלְאֹתַי
אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה בְּקִרְבּוֹ וְאַחֲרֵי־כֵן
יְשַׁלַּח אֶתְכֶם׃ כא וְנָתַתִּי אֶת־חֵן
הָעָם־הַזֶּה בְּעֵינֵי מִצְרָיִם וְהָיָה כִּי
תֵלֵכוּן לֹא תֵלְכוּ רֵיקָם׃ כב וְשָׁאֲלָה
אִשָּׁה מִשְּׁכֶנְתָּהּ וּמִגָּרַת בֵּיתָהּ כְּלֵי
כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּשְׂמָלֹת וְשַׂמְתֶּם עַל־
בְּנֵיכֶם וְעַל־בְּנֹתֵיכֶם וְנִצַּלְתֶּם אֶת־

בעל הטורים

העם: (כ) אשר אעשה בקרבו. אשר בגי' דל"ך עד"ש באח"ב שבקרבו היו רבוונות המכות: (כא) תלכון. ב' במסורה הכא ואידך ובמנוסה לא תלכון להקים גאולה אחרונה לגאולה ראשונה לענין שלא ילכו ריקם לא תלכו. ב' במסורה לא תלכו ריקם לא תלכו אחרי אלהים אחרים כשילאו ישראל ממצרים התרה בהם להשליך ע"א שבידם לפי שהיו עומדין בין הטו"א כדכתיב ביחזקאל ביום ההוא נשאתי ידי להם להוציאם מארץ מצרים שקוצי עיניו השליכו ובגלולי מצרים אל תטמאו. ואומר אליהם איש שקוצי וגו'. (כב) ושמלות. ב' במסורה הכא ואידך וישאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות לומר לך שכל כל הכסף והזהב לקחו אבל שמלות לא לקחו אלא כל אחד ב'

רשב"ם

כי רמה ידי וידעו על ידי נפלאותי כי אני ה' ויכולת בידי: (כב) ושאלה אשה משכנתה. במתנה גמורה וחלוטה. שהרי כתב ונתתי את חן העם. כמו שאל ממני ואתנה גוים נחלתך. וזהו עיקר פשוטו והשובה לאפיקורסים: כלי כסף וכלי זהב. תכשיטין לכבוד החג שתחוגו במדבר. ושמתם אותם על בניכם:

רש"י

בו תקיף משמו של רבי יעקב ברבי מנחם נאמר לי: (כב) ומגרת ביתה. מאותה שהיא גרה אתה בבית: ונצלתם. כתרגומו ותרוקנון. וכן (שמות יב) וינצלו את מצרים (שמות לג) ויתנצלו בני ישראל את עדים והנו"ן בו יסוד ומנחם חברו במחברת צד"י עם (בראשית לא) ויצל אלהים את מקנה אביכם. אשר הציל אלהים מאבינו. ולא יאמנו דבריו כי אם לא היתה הנו"ן יסוד והיא נקודה

בית יהודא

מיר געזאגט געוואָרען פון רבי יעקב בְּרַבִּי מְנַחֵם'ס וועגען: (כב) וּמִגָּרַת בֵּיתָהּ. זאגט רש"י מען מיינט (מֵאוֹתָהּ שֶׁהִיא גָרָה אִתָּהּ בַּבַּיִת) ודָס יודעשע ווייב וועט בָּארגען בייא די מִצְרִישֶׁע ווייבֶר וָוס וואוֹינט מיט איר אין איין שטוב: וְנִצַּלְתֶּם. זאגט רש"י (כְּתַרְגּוּמוֹ) ווי דער תַּרְגוּם טייטשט וּתְרוֹקְנוּן, איר וועט לֵיידיג מאכען (וְכֵן) אונ אזוי מיינט מען (וַיְנַצְּלוּ אֶת מִצְרַיִם) זיי האבען ליידיג געמאכט מִצְרַיִם (וַיִּתְנַצְּלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת עֶדְיָם) די יודען זענען לֵיידיג געוואָרען פון זייערע צירונג (וְהַנּוּן בּוֹ יְסוֹד) דער נון איז פון יְסוֹד (פונדאמענט) פון וואָרט ונפון שֹׁרֶשׁ נָצַל, זאגט רש"י (וּמְנַחֵם חִבְּרוֹ בְּמַחְבֶּרֶת צַדִי"ק) מְנַחֵם האט געשטעלט דעם וואָרט וְנִצַּלְתֶּם צו זאמען מיט דיא ווערטער וָוס זייער אָנהייב איז אצדי"ק (עִם) מיט דעם פָּסוּק (וַיַּצֵּל אֱלֹהִים אֶת מִקְנֵה אֲבִיכֶם) הקב"ה האט אָפגעשיידט די קִיה ובְּהֵמוֹת) פון אייער פאטער (אֲשֶׁר הִצִּיל אֱלֹהִים מֵאָבִינוּ) וואס הקב"ה הָט אָפגעשיידט פון אונזער פאטער, דריבער טייטשט מְנַחֵם דעם וואָרט "וְנִצַּלְתֶּם" איר וועט אָפּשיידען אָדער פון וואָרט צָלַל, אראפ נידערען, (וְלֹא יֵאָמְנוּ דְבָרָיו) זייגע רייד זענען ניט אֱמֶת (כִּי אִם לֹא הָיְתָה הַנּוּן יְסוֹד) וואָרום אויב דער נון איז ניט פון יְסוֹד ופונדאמענט פון

דעת זקנים מבעלי התוספות

(כב) ושאלה. פי' (הי') שאלה נתינה כמו שאל ממני ואתנה וגו' כי כשיחזקו מצרים למהר לשלחם שאלו להם שיתנו להם כלי כסף וכלי זהב קודם שילכו והם יתנו ברצון מפני שיתיראו מן

שפתי חכמים

את ידי והכיתי וגו' כלו' ואלו היתה ידו חזקה לא היה שולחם: מ פי' ולא מפני שכחו הוא חזק. וזה שתולה הפי' הזה לרבי יעקב ולא לאונקלוס המתרגם אינו רק על הפי' של ושלחתי את ידי שפי' אותו כי מאז אבלח את ידי והכיתי מיד ישלח אתכם אבל לא ידעתי איך יפרשו הוי"ו של ואחרי כן ישלח אתכם הרא"ם וג"ל שהוא כוי"ו ואלה בני לבעון ואיה וענה: נ פי' בתיבות שאות ראשון ביסוד הוא הלד"י ויהיה שרשו לל וא"כ

פירוש לתורת אלהים

שטארקען כח: (כ) וְשָׁלַחְתִּי אֶת יָדִי אונ איך וועל שיקען מיין כח וְהִכֵּיתִי אונ איך וועל שלאגען די מִצְרַיִם בְּכָל נִפְלְאוֹתַי מיט אלע מייני וואונדערליכע מַכּוֹת וָוס איך וועל טאהן בְּקִרְבּוֹ צווישען אים וְאַחֲרֵי כֵן יְשַׁלַּח אֶתְכֶם אונ דר נאך וועט ער אייך כִּינוֹן ארויס שיקען: (כא) וְנָתַתִּי אונ איך וועל געבען דעם חֵן פון דעם פאלק אין די אויגין פון מִצְרַיִם וְהָיָה אונ עס וועט זיין כִּי תֵלֵכוּן אז איר וועט ארויס גיין פון מִצְרַיִם לֹא תֵלְכוּ רֵיקָם זאלט איר ניט ארויס גיין ליידיג: (כב) וְשָׁאֲלָה אונ יעדע פרוי פון די יודען זאל אנטלייען פון איר שְׁכֵינָה וָוס זיא איז א מִצְרִית וּמִגָּרַת בֵּיתָהּ אונ פון די מִצְרִית וָוס זיא וואוינט ביי איר אין שטוב כְּלֵי כֶסֶף זילבערני כֵּלִים אונ גילדערני כֵּלִים וּשְׂמָלוֹת אונ קליידער וְשַׂמְתֶּם אונ איר זאלט זיי טאהן עַל בְּנֵיכֶם אויף אייערי זיהן אונ

מִצְרָיִם: ד א וַיַּעַן מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר וְהֵן לֹא־יַאֲמִינוּ לִי וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי כִּי יֹאמְרוּ לֹא־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְהוָה׃
ב וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה מַזֶּה בְיָדֶךָ וַיֹּאמֶר

א וַאֲתֵיב מֹשֶׁה וַאֲמַר וְהָא לָא יְהֵימְנוּן לִי וְלָא יְקַבְּלוּן מִנִּי אֲרֵי יֵימְרוּן לָא אִתְגְּלִי לָךְ יְיָ׃ ב וַאֲמַר לֵהּ יְיָ מָה דֵין בִּידָךְ וַאֲמַר חוּטְרָא׃

מה זה ל׳ ... זה״ב ... (masoretic notes)

תולדות אהרן

והן לא יאמינו שבת לו: מזה בידך בתרא קי:

בעל הטורים

שמלות אחד לגרור בו את הבלק דכתיב מסאריתם לרורות בשמלותם ואחד למלבוש והיא הספיקה להם כל ימי היותם במדבר דכתיב שמלתך לא בלתה מעליך: ונצלתם. בגימטרי׳ כמצולה שאין בה דגים: (ב) מזה בידך מזה מ׳ זה שבידך שארבע ס סלה מסקלו. ד״א מ׳ שנה יהיו זה. פי׳ י״ב שבטים בידך אמר לו הקב״ה לא תוות ־עתך אם אין אתה עושה שליחותי המטה הזה עושה שליחותי:

בית יהודא

וואָרט (וְהִיא נְקוּדָה חִירִק) אונ די נון איז געפּינקטעלט מיט אַחִירִק (לֹא תְהֵא מְשַׁמֶּשֶׁת) וועט דער וואָרט ניט בעדייטען וגעטייטש ווערין (בְּלָשׁוֹן וּפְעַלְתֶּם) איר וועט טאָהן (אֶלָּא בְּלָשׁוֹן וְנִפְעַלְתֶּם) נאָר ער וועט געטייטש ווערען „איר וועט געטאָהן ווערען" וועט זיין דער מיינונג פאַרקערט איר וועט אָפּגעשיידט ווערען פון דיא מִצְרַיִם (כְּמוֹ) ווי עס שטייט (וְנִסַּחְתֶּם מִן הָאֲדָמָה) איר וועט פארוּקט ווערען פון די ערד (וְנִתַּתֶּם בְּיַד אוֹיֵב) איר וועט געגעבען ווערען אין די האַנט פון פיינד (וְנִגַּפְתֶּם לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם) איר וועט געהרגעט ווערען פר אייערע פיינד (וְנִתַּכְתֶּם בְּתוֹכָהּ) איר וועט געגאָסען ווערען אין איר (וַאֲמַרְתֶּם נִצַּלְנוּ) איר וועט זאָגען נִצַּלְנוּ, (לְשׁוֹן נִפְעַלְנוּ). מיר זענען געטאָהן געוואָרען, דס הייסט מיר זענען גערעטעט געוואָרען, אונ דאָ מיינט מען דאָך פאַרקערט די יודען האָבען געטאָהן צו די מִצְרַיִם דריבער מוזען מיר זאָגען דר נון איז פון פונדאמענט (יסוד) פון וואָרט אונ וְנִצַּלְתֶּם איז דערטייטש איר וועט ליידיג מאַכען מִצְרַיִם, נאָר אַפִּילוּ ווי רש״י זאָגט איז דאָך אויך אַקְשְׁיָא פאר וואָס שטייט וְנִצַּלְתֶּם אונ עס שטייט ניט וּנְצַלְתֶּם, דריבער זאָגט רש״י (וְכָל נו״ן שֶׁהִיא בָּאָה בְּתֵיבָה לִפְרָקִים וְנוֹפֶלֶת מִמֶּנָּה) יעדער נון וואָס קומט צום וואָרט נאָר אַמאָהל, אונ אַמאָהל איז דער וואָרט אָן אַנו״ן (כְּגוֹן) אַזוֹי ווי דער נון פון דיא ווערטער נוגף נושא נותן נושך (כְּשֶׁהִיא מְדַבֶּרֶת לָשׁוֹן וּפְעַלְתֶּם) אַז די ווערטער שמועסען מיט דעם לָשׁוֹן „איר זאָלט טאָהן" (תִּנָּקֵד בִּשְׁוָ״א בַּחֲטַף) איז דער נון געפּינקטעלט מיט אַשְׁוָ״א (כְּגוֹן) דְהַיְינוּ וויא עס שטייט (וּנְשָׂאתֶם אֶת אֲבִיכֶם) איהר זאָלט טראָגען אייער פאָטער (וּנְמַלְתֶּם אֶת בְּשַׂר עָרְלַתְכֶם) איר זאָלט אָפּשניידען די הויט וואָס איז אייער עָרְלָה, זאָגט רש״י (לָכֵן אֲנִי אוֹמֵר) דריבער זאָג איך (שֶׁזֹּאת הַנְּקוּדָה בְּחִירִק) דיא נו״ן וואָס איז געפּינטעלט מיט אַחִירִק (מִן הַיְסוֹד הִיא) איז זיא פון יְסוֹד (פונדאמענט) פון וואָרט (וִיסוֹד שֵׁם דָּבָר נִצּוֹל הוּא מִן הַלְּשׁוֹנוֹת הַכְּבֵדִים) אונ דער וואָרט נִצּוֹל איז פון די ווערטער וואָס ווערען גערעט אויף אַשווערע זאַך (כְּמוֹ) אַזוֹי וויא דיא ווערטער דִּבּוּר כִּפּוּר לִמּוּד (כְּשֶׁיְּדַבֵּר בְּלָשׁוֹן וּפְעַלְתֶּם) אַז זייא ווערען גערעט מיט דעם לָשׁוֹן איר זאָלט טאָהן (יִנָּקֵד בְּחִירִק) ווערט געפּינטעלט מיט אַחִירִק (כְּמוֹ) ווי עס שטייט (וְדִבַּרְתֶּם אֶל הַסֶּלַע) איהר זאָלט רעדען צום שטיין (וְכִפַּרְתֶּם אֶת הַבַּיִת) איר זאָלט מְכַפֵּר זיין ופארגעבען אויף דיא שטוב (וְלִמַּדְתֶּם אוֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם) איר זאָלט זיי לערנען מיט אייערע קינדער ודער כְּלָל איז די זאַך וואָס ווערט געטאָהן גרינג שטייט מיט לָשׁוֹן קַל ואגרינגען לָשׁוֹן) אונ דיא נון איז געפּינטעלט מיט אַשְׁוָ״א אונ אויב דיא זאַך ווערט געטאָן שווער ווערט דער נון גפּינטעלט מיט אַחירק דס הייסט לָשׁוֹן כָּבֵד מיט אַשווערען לָשׁוֹן, אונ ווייל דאָ האָבען די יודען אוסגעליידיגט מִצְרַיִם אין גאַנצען, דריבער שטייט וְנִצַּלְתֶּם מיט אַחירק: (ב) מַזֶּה בְיָדֶךָ. זאָגט רש״י (לְכָךְ נִכְתַּב תֵּיבָה אַחַת) דריבער שטייט מַזֶּה איין וואָרט ואונ עס שטייט ניט מַה זֶּה (לִדְרֹשׁ) צו דרשנען (מִזֶּה שֶׁבְּיָדְךָ אַתָּה חַיָּיב לִלְקוֹת) פון די זאַך ומיט דיא זאַך וואָס דוא האָסט אין האַנט, ומיט דעם שטעקין דאַרף מען דיך שלאָגען (שֶׁחָשַׁדְתָּ בִּכְשֵׁרִים) דוא האָסט חושד געווען די פרומע יודין זייא וועלען דיר ניט גלויבען (וּפְשׁוּטוֹ) דער פּראָסטער פּשט איז (כְּאָדָם שֶׁאוֹמֵר לַחֲבֵירוֹ) אַזוֹ ווי אַמענטש זאָגט צו זיין חבר (מוֹדֶה אַתָּה שֶׁזֶּה שֶׁלְּפָנֶיךָ אֶבֶן הוּא) דוא ביזט מוֹדֶה אַז די זאַך וואָס ליגט פאר דיר איז אַשטיין (אוֹמֵר לוֹ הֵן) אונ דר חבר זאָגט יאָ עס איז אַשטיין (אָמַר לוֹ) זאָגט ער צו אים צום חבר (הֲרֵינִי עוֹשֶׂה אוֹתָהּ עֵץ) איך וועל באַלד מאַכען פון דעם שטיין זאָל ווערען האָלץ, אַזוֹ האָט הקב״ה געזאָגט

רש״י

בחיר״ק לא תהא משמשת בלשון ופעלתם אלא בלשון ונפעלתם כמו (דברי׳ כח) ונסחתם מן האדמה ונתתם ביד אויב (ויקרא כו) ונגפתם לפני אויביכם (יחזקאל כב) ונתכתם בתוכה ואמרתם נצלנו לשון נפעלנו וכל נו״ן שהיא באה בתיבה לפרקים ם ונופלת ממנו כנו״ן של נוגף נושא נותן נושך כשהיא מדברת לשון ופעלתם תנקד בשו״א בחטף כגון (בראשית מה) ונשאתם ע את אביכם (במדבר לב) ונתתם להם את ארץ הגלעד ונמלתם את בשר ערלתכם. לכן אני אומר שזאת הנקודה בחיר״ק מן היסוד הוא ויסוד שם דבר נצול והוא מן הלשונות הכבדים כמו דבור כפור למוד כשידבר בלשון ופעלתם ינקד בחיר״ק כמו (במדבר כ) ודברתם אל הסלע (יחזקאל מה) וכפרתם את הבית (דברים יא) ולמדתם אותם את בניכם: (ב) מזה בידך. לכך נכתב תיבה א׳ לדרוש מזה שבידך אתה חייב ללקות שחשדת בכשרים. ופשוטו פ כאדם שאומר להבירו מודה אתה שזו שלפניך אבן היא אומר לו הן אמר לו הריני עושה אותה עץ:

שפתי חכמים

. ם פי׳ ועוד ראיה שנו״ן וינצלו היא שרשית לדברי׳ אין הנו״ן יסוד ע כ״ם הכא יו״ן של ונצלתם שנופלת לגמרי שהרי אינו יסוד בו כלל וכו׳: פ אין זה כנגד הדרש אלא מלתא באנפי נפשיה הוא ויבא לתרץ לדברי מנחם היה לו לינקד בשו״א והוא״ל ונקוד בחיר״ק לכך אני אומר

פירוש לתורת אלהים

אויף אייערע טעכטער וְנִצַּלְתֶּם אונ איר וועט אויס ליידיגען דס לאַנד מִצְרָיִם: (א) וַיַּעַן מֹשֶׁה אונ משה הָט געענפערט אונ הָט געזאָגט וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי אַז די ישראל וועלין מיר ניט גלייבען וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי אונ וועלען ניט פאר נעמען מיין קול כִּי יֹאמְרוּ זייא וועלין זאָגען צוא מיר לֹא נִרְאָה אֵלֶיךָ יְיָ גאָט האָט זיך צו דיר ניט באַוויזען: (ב) וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְיָ האָט גאָט געזאָגט צוא משה מַזֶּה בְיָדֶךָ וואָס איז דאָס וואָס דו האַלסט אין דיין

מַטֶּה׃ ג וַיֹּאמֶר הַשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה
וַיַּשְׁלִכֵהוּ אַרְצָה וַיְהִי לְנָחָשׁ וַיָּנָס
מֹשֶׁה מִפָּנָיו׃ ד וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־
מֹשֶׁה שְׁלַח יָדְךָ וֶאֱחֹז בִּזְנָבוֹ וַיִּשְׁלַח
יָדוֹ וַיַּחֲזֶק בּוֹ וַיְהִי לְמַטֶּה בְּכַפּוֹ׃
ה לְמַעַן יַאֲמִינוּ כִּי־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְהוָה
אֱלֹהֵי אֲבֹתָם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי
יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ ו וַיֹּאמֶר יְהוָה
לוֹ עוֹד הָבֵא־נָא יָדְךָ בְּחֵיקֶךָ וַיָּבֵא

אונקלוס

ג וַאֲמַר רְמִיהִי לְאַרְעָא
וּרְמָהִי לְאַרְעָא וַהֲוָה
לְחִוֵי וַעֲרַק מֹשֶׁה מִן
קֳדָמוֹהִי׃ ד וַאֲמַר יְיָ
לְמֹשֶׁה אוֹשֵׁיט יְדָךְ וֶאֱחוֹד
בְּזַנְבֵהּ וְאוֹשֵׁיט יְדֵהּ
וְאַתְקֵף בֵּהּ וַהֲוָה
לְחוּטְרָא בִּידֵהּ׃ ה בְּדִיל
דִּיהֵמְנוּן אֲרֵי אִתְגְּלִי לָךְ יְיָ
אֱלָהָא דַּאֲבָהָתְהוֹן
אֱלָהֵהּ דְּאַבְרָהָם אֱלָהֵהּ
דְּיִצְחָק וֵאלָהֵהּ דְּיַעֲקֹב׃
ו וַאֲמַר יְיָ לֵהּ עוֹד אָעֵיל
כְּעַן יְדָךְ בְּעִטְפָּךְ וְאָעֵיל

תו"א ויאמר ה' לו שבת לו׃

בעל הטורים

(ו) הבא. ג' במסורה הכא ואידך הבא את האנשים הביתה לך הבא העיר גבי יהונתן ביוסף כתיב הבא את האנשים הביתה שעל ידו באו למצרים. ובמסה נאמר הבא ידך שעל ידו יתקבלו ויבאו לעיר שהיא ירושלים דכתיב כעיר שחברה לה יחדו: בחיקך. ג' במסורה הכא חד ותרתי גבי דוד ואתנה וגו' כשי הדוניך בחיקך ושכבה בחיקך כמו שלקה משה בצרעת כך דוד לקה בצרעת כמו שדרשו רז"ל שנצטרע ו' חדשים.

רש"י

(ג) ויהי לנחש. רמז לו שסיפר לשון הרע על ישראל באומרו לא יאמינו לי) ותפס אומנותו של נחש: (ד) ויחזק בו. לשון אחיזה הוא והרבה יש במקרא. (בראשית יט) ויחזיקו האנשים בידו (דברים כה) והחזיקה במבושיו. (שמואל א יז) והחזקתי בזקנו. כל ל' חזוק הדבוק לבי"ת

בית יהודא

צו משה וואס האסטו אין האנט, הט משה גזאגט אשטעקן, האט הקב"ה געזאגט צוא משה דו וועסט באלד זעהן פון שטעקן וועט ווערן אשלאנג: (ג) וַיְהִי לְנָחָשׁ. זאגט רש"י (רמז לו) הקב"ה הט געוויזען צו משה אופן וואונק (שסיפר לשון הרע על ישראל) אז ער הט גערעט לשון הרע אוף דיא יודן (באומרו לא יאמינו לי) מיט די רייד וואס ער הט געזאגט די יודן וועלן מיר ניט גלויבן" (ותפש אומנתו של נחש) ער האט אנגענומען דעם באטור פון שלאנג ווען דר שלאנג הט אנגערעט חוה זיא זאל עסין פון עץ הדעת האט ער באמאלס גערעט לשון הרע אוף הקב"ה ע"ש ברש"י: (ד) וַיַּחֲזֶק בּוֹ. זאגט רש"י (לשון אחיזה הוא) דער ווארט ויחזק איז דערטייטש אנגענומען (והרבה יש במקרא) פיל ווערטער ויחזק איז דא אין דיא פסוקים אונ דער טייטש איז אנגענומען, ניט געשטארקט (ויחזיקו האנשים בידו) דיא מענטשין האבען אים אנגענומען ביי זיין האנט (והחזיקה במבושיו) זיא האט אנגענומען דעם פארשעמטין ארט (והחזקתי בזקני) איך האב אנגענומען זיין בארד, זאגט רש"י (כל לשון חזוק הדבוק לבי"ת) אז דער ווארט חזוק איז בהעפט צו א בי"ת ווי עס שטייט פריער בידו, במבושיו, בזקנו (לשון אחיזה הוא) מיינט מען אנגעמען ודאס הייסט פעסט גהאלטן:

דעת זקנים מבעלי התוספות

(ג) ויהי לנחש. מפני מה הראה לו ית' נחש יותר המכות: מדבר אחר אלא מה נחש נושך וממית כך פרעה ועבדיו נושכין וממיתין את ישראל ומה ששב מטה רמז שיהא פרעה ועבדיו יבשין כעץ וידו שהיתה מצורעת שכך פרעה ועבדיו טמאין ומטמאין את ישראל והנה שבה כבשרו רמז שיטהרו ישראל מטומאת מצרים. ויאמר השב לפי שדרך נגעים לבא לידי הסגר. והיו לדם רמז שישפך דמן של מצרים בבכורות ועל הים:

שפתי חכמים

על מה ששאל מה זה בידך וכי לא ידע מה בידו והלא ראה ששוא מקל לכ"פ כאדם וכו' אבל לא כדי להכנס עמו בדבור כי הכא איננו תחילת

פירוש לתורת אלהים

האנט ויאמר הט משה גזאגט מַטֶּה אשטעקן[עיין רש"י]: (ג) ויאמר השליכהו ארצה הט גאט גזאגט צו משה ווארף דעם שטעקין צו דר ערד וישליכהו ארצה הט משה אים גווארפן צו דער ערד ויהי לנחש אונ ער איז גווארין אשלאנג וינס משה איז משה אנטלאפן פר אים[עיין רש"י]: (ד) ויאמר יי אל משה הט גאט גזאגט צו משה שלח ידך שטרעק אויס דיין האנד ואחוז בזנבו אונ נעם אן דעם שלאנג ביא זיין וויידל וישלח ידו אונ ער האט גשטרעקט זיין האנד ויחזק בו אונ הט אן גינומען אין אים ויהי למטה בכפו אונ דער שלאנג איז גיווארין אשטעקין ביי משה אין דר האנד הט גאט גזאגט צו משה דעם צייכן זאלסטו ווייזן צוא דיא ישראל: (ה) למען יאמינו דרום וועלען זייא גליבען כי אז דער גאט פון זייערי עלטערן האט זיך צוא דיר באוויזען אלהי אברהם דער גאט פון אברהם אלהי יצחק דר גאט פון יצחק ואלהי יעקב אונ דר גאט פון יעקב: (ו) ויאמר יי לו עוד האט גאט נאך גיזאגט צוא משה הבא ברענג דיין האנט אין דיין שוס ויבא ידו בחיקו הט משה גיבראכט זיין האנד אין זיין שוס ויוצאה אונ ער האט זיא ווידער ארוס גצוגען והנה

יָדוֹ בְּחֵיקוֹ וַיּוֹצִאָהּ וְהִנֵּה יָדוֹ מְצֹרַעַת
כַּשָּׁלֶג׃ ז וַיֹּאמֶר הָשֵׁב יָדְךָ אֶל־חֵיקֶךָ
וַיָּשֶׁב יָדוֹ אֶל־חֵיקוֹ וַיּוֹצִאָהּ מֵחֵיקוֹ
וְהִנֵּה־שָׁבָה כִּבְשָׂרוֹ׃ ח וְהָיָה אִם־לֹא
יַאֲמִינוּ לָךְ וְלֹא יִשְׁמְעוּ לְקֹל הָאֹת
הָרִאשׁוֹן וְהֶאֱמִינוּ לְקֹל הָאֹת
הָאַחֲרוֹן׃ ט וְהָיָה אִם־לֹא יַאֲמִינוּ גַּם
לִשְׁנֵי הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה וְלֹא יִשְׁמְעוּן
לְקֹלֶךָ וְלָקַחְתָּ מִמֵּימֵי הַיְאֹר וְשָׁפַכְתָּ

אונקלוס

יְדֵהּ בְּעִטְפֵּהּ וְאַפְקַהּ וְהָא
יְדֵהּ חִוָּרָא כְּתַלְגָּא׃
ז וַאֲמַר אֲתֵיב יְדָךְ
לְעִטְפָּךְ וַאֲתֵיב יְדֵהּ
לְעִטְפֵּהּ וְאַפְקַהּ
מֵעִטְפֵּהּ וְהָא תָּבַת הֲוָת
כְּבִשְׂרַהּ׃ ח וִיהֵי אִם לָא
יְהֵימְנוּן לָךְ וְלָא יְקַבְּלוּן
לְקָל אָתָא קַדְמָאָה
וִיהֵימְנוּן לְקָל אָתָא
בָּתְרָאָה׃ ט וִיהֵי אִם לָא
יְהֵימְנוּן אַף לִתְרֵין אָתַיָּא
הָאִלֵּין וְלָא יְקַבְּלוּן מִנָּךְ
וְתִסַּב מִמַּיָּא דִּבְנַהְרָא

תו״א ויוציאה והנה ידו מצרעת כשלג שם :

רש״י

לשון אחיזה הוא : (ו) מצרעת כשלג. דרך צרעת להיות לבנה. אם בהרת לבנה היא. אף באות זה רמז לו שלשון הרע סיפר באומרו לא יאמינו לי לפיכך הלקהו בצרעת כמו שלקתה מרים על לשון הרע : (ז) ויוציאה מחיקו והנה שבה וגו׳. מכאן שמדה טובה ממהרת לבא ממדת פורעניות שהרי בראשונה לא נאמר מחיקו (ש״ר) : (ח) והאמינו לקול האות האחרון. משתאמר להם בשבילכם לקיתי על שספרתי עליכם לשון הרע יאמינו לך שכבר למדו בכך שהמזדווגין להרע להם לוקים בנגעים כגון פרעה ואבימלך בשביל שרה : (ט) ולקחת ממימי

בית יהודא

(ו) וּמְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג . זָאגְט רש״י (דֶּרֶךְ צָרַעַת לִהְיוֹת לְבָנָה) גֶעוֶוינְלִיךְ אִיז דֶר צָרַעַת וְקְרֶעץ] ווייס , ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִם בַּהֶרֶת לְבָנָה הִיא) אויב דֶר צָרַעַת ווָס הֵייסְט בַּהֶרֶת אִיז גִיוֶועֶן ווייס , זָאגְט רש״י (אַף בְּאוֹת זֶה רָמַז לוֹ שֶׁלָּשׁוֹן הָרָע סִפֵּר) אֲפִילוּ מִיט דֶעם צֵייכֶען הָט אִים אוֹיךְ הקב״ה גֶעוויזֶן אוֹפִין וואוּנְק אַז עֶר הָט גֶערֶעט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף דִיא יוּדִין (בְּאוֹמְרוֹ לֹא יַאֲמִינוּ לִי) אַז עֶר הָט גֶעזָאגְט דִי יוּדִין ווֶעלֶן מִיר נִיט גְלוֹיבֶּן (לְפִיכָךְ הִלְקָהוּ בְּצָרַעַת) דְרִיבֶּר הָט אִים הקב״ה גֶעשְׁלָאגֶן [גֶעשְׁטְרָאפְט] מִיט צָרַעַת (כְּמוֹ שֶׁלָּקְתָה מִרְיָם עַל לָשׁוֹן הָרָע) אַזוֹי ווִי מִרְיָם אִיז גֶעשְׁלָאגֶען גֶעוָוארֶן מִיט צָרַעַת ווייל זִיא הָט גֶערֶעט לָשׁוֹן הָרָע : (ז) וַיּוֹצִיאָהּ מֵחֵיקוֹ וְהִנֵּה שָׁבָה כִּבְשָׂרוֹ . זָאגְט רש״י (מִכָּאן) פוּן דַאנֶן קֶענֶען מִיר זֶעהֶן (שֶׁמִּדָּה טוֹבָה מְמַהֶרֶת לָבֹא מִמִּדַּת פּוּרְעָנוּת) אַז דָם גוּטֶע קוּמְט גְשְׁווינְטֶער ווִי דָם שְׁלֶעכְטֶע (שֶׁהֲרֵי בָּרִאשׁוֹנָה לֹא נֶאֱמַר מֵחֵיקוֹ) ווֶען דִי הַאנְט זַיינֶע הָאט גֶעדַארְפְט ווֶערֶען מְצוֹרָע , אִיז זִיא נִיט גֶעוָוארֶן מְצוֹרָע דִי רֶגַע ווִי עֶר הָאט זִיא אַרוֹסגֶענוּמֶן פוּן בּוּזֶעם נָאר אַבִּיסֶעל שְׁפֶּעטֶער דְרִיבֶּר בַּיי דֶעם עֶרְשְׁטֶן מָאהְל שְׁטֵייט נִיט אִין פָּסוּק וַיּוֹצִיאָהּ מֵחֵיקוֹ וְהִנֵּה יָדוֹ מְצוֹרַעַת דֶר ווָארְט „מֵחֵיקוֹ" שְׁטֵייט נִיט , אָבֶּער בַּייא דֶעם אַנְדֶרֶן מָאהְל שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיּוֹצִיאָהּ מֵחֵיקוֹ , בַּאלְד אִין דִי רֶגַע ווִיא עֶר הָט אַרוֹיסְגֶענוּמֶן דִיא הַאנְט פוּן בּוּזֶעם וְהִנֵּה שָׁבָה כִּבְשָׂרוֹ , אִיז זִיא צוּרִיקְגֶעוָוארֶן גֶעזוּנְד ווִי זַיין לַייבּ : (ח) וְהֶאֱמִינוּ לְקוֹל הָאוֹת הָאַחֲרוֹן . (מִשֶּׁתֹּאמַר לָהֶם) אַז דוּא וֶועסְט צוּא זֵייא זָאגֶען (בִּשְׁבִילְכֶם לָקִיתִי) ווֶעגֶען אַייךְ בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען גֶעוָוארֶן מִיט צָרַעַת (עַל שֶׁסִּפַּרְתִּי עֲלֵיכֶם לָשׁוֹן הָרָע) ווייל אִיךְ הָאבּ אוֹיף אַייךְ גֶערֶעט לָשׁוֹן הָרָע (יַאֲמִינוּ לָךְ) ווֶעלֶן זֵיי דִיר גְלוֹיבֶּן (שֶׁכְּבָר לָמְדוּ בְּכָךְ) ווייל זֵייא ווייסֶן פוּן לַאנְג (שֶׁהַמִּזְדַּוְּגִין לְהָרַע לָהֶם לוֹקִים בִּנְגָעִים) דִי מֶענְטְשֶׁין ווָאס בְּהֶעפְטֶן זִיךְ צוּא זֵיי צוּ טָאהְן זֵייא שְׁלֶעכְטְס ווֶערֶען גֶעשְׁטְרָאפְט מִיט צָרַעַת (כְּגוֹן פַּרְעֹה וַאֲבִימֶלֶךְ בִּשְׁבִיל שָׂרָה) ווִיא פַּרְעֹה אוּנ אֲבִימֶלֶךְ זֶענֶען גְשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארֶען מִיט צָרַעַת ווֶעגֶען שָׂרָה : (ט) וְלָקַחְתָּ

שפתי חכמים

דבור , רא״ם . צ דהל״כ מה תולמיה דאות האחרון מאות הראשון הקשה רא״ם אבל לא ידעתי מה יאמר באות הדם דודאי תולמיה משני האותות הראשונים וג״ל דשני אותות הראשונים כיון שלא ראו אותם משום הכי לא יאמינו בו אבל אות הג׳ יראו בעיניהם משום הכי יאמינו בו והא שלא לוה לעשות אותות הראשונים מכים דאותות הראשונים היו ג״כ לעונשו של משה כמו שפי׳ רש״י . ומהרש״ל תירץ ממ״כ אם היה הטעם שמשום הכי היה נצטרע משום ל׳ הרע א״כ פעם ראשון כשעשה לפני הקב״ה קבל ליסורין שלו ולמה לו לחזור

פירוש לתורת אלהים

מְצוֹרַעַת זִי אִיז ווָארֶן קְרֶעצִיג כַּשָּׁלֶג אַזוֹ ווִי שְׁנֵיי [עי׳ רש״י]: (ז) וַיֹּאמֶר אוּנ גָאט הָאט ווִידֶער גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה הָשֵׁב קֶער ווִידֶער יָדְךָ אֶל חֵיקֶךָ דַיין הַאנְד אִין דַיין שׁוֹם וַיָּשֶׁב יָדוֹ אֶל חֵיקוֹ הָט מֹשֶׁה ווִידֶער אַריין גְטָאן זַיין הַאנְד אִין זַיין שׁוֹם וַיּוֹצִאֶהָ מֵחֵיקוֹ אוּנ הָט זִיא ווִידֶער אַרוֹס גְצוֹגֶן פוּן זַיין שׁוֹם וְהִנֵּה שָׁבָה זִיא אִיז ווָארֶען ווִידֶער גֶקֶערְט כִּבְשָׂרוֹ אַזוֹ ווִי זַיין פְלֵיישׁ רֵיין אַזוֹ ווִי פְרִיעֶר : (ח) וְהָיָה אוּנ עֶס ווֶעט זַיין אִם לֹא יַאֲמִינוּ לָךְ אוּב זֵייא ווֶעלֶן דִיר נִיט גְלֵייבֶּן וְלֹא יִשְׁמְעוּ לְקוֹל אוּנ זֵיי ווֶעלֶן נִיט פַר גֶעמֶן דַיין קוֹל אַז דוּא ווֶעסְט זֵייא ווַייזֶן הָאוֹת הָרִאשׁוֹן דֶעם עֶרְשְׁטֶן צֵייכֶן וְהֶאֱמִינוּ לְקוֹל ווֶעלֶן זֵיי גְלֵייבֶּן צוּ דַיין קוֹל אַז דוּ ווֶעסְט זֵיי ווַייזֶן הָאוֹת הָאַחֲרוֹן דֶעם אִינְטֶרְשְׁטֶן צֵייכֶן : (ט) וְהָיָה אוּנ עֶס ווֶעט זַיין אִם לֹא יַאֲמִינוּ אַז זֵיי ווֶעלֶן נִיט גְלֵייבֶּן גַּם לִשְׁנֵי הָאוֹתוֹת הָאֵלֶּה צוּ דִי צְווֵייא צֵייכוּנְס אוֹיךְ וְלֹא יִשְׁמְעוּן לְקוֹלֶךָ אוּנ ווֶעלֶן נִיט פַאר גֶעמֶין דַיין קוֹל וְלָקַחְתָּ אוּנ דוּא זָאלְסְט נֶעמֶען מִמֵּימֵי

הַיַּבָּשָׁה וְהָיוּ הַמַּיִם אֲשֶׁר תִּקַּח מִן הַיְאֹר וְהָיוּ לְדָם בַּיַּבָּשֶׁת׃ י וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה בִּי אֲדֹנָי לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי גַּם מִתְּמוֹל גַּם מִשִּׁלְשֹׁם

וְתֵישׁוֹד לְיַבֶּשְׁתָּא וִיהוֹן מַיָּא דִּי תִסַּב מִן נַהֲרָא וִיהוֹן לִדְמָא בְּיַבֶּשְׁתָּא׃ י וַאֲמַר מֹשֶׁה קֳדָם יְיָ בְּבָעוּ יְיָ לָא גְּבַר דְּמִלּוּל אֲנָא אַף מִתְּמָלֵי אַף מִדְּקַדְמוֹהִי אַף מֵעִדָּן

רשב"ם

(ט) והיו המים וגו'. כפולות ל' כעין נשאו נהרות ה' נשאו נהרות קולם. עד מתי רשעים ה' עד מתי רשעים יעלוזו: (י) כי כבד פה וכבד לשון אנכי. איני בקי

רש"י

היאור. רמז להם שבמכה ראשונה נפרע מאלהותם (פי' כשהקב"ה נפרע מן האומות נפרע מאלהותם תחילה שהיו עובדים לנילוס המחיה אותם והפכם לדם ברש"י ישן): והיו המים וגו'. והיו והיו שני פעמים. נראה בעיני אלו נא' והיו המים אשר תקח מן היאור לדם ביבשת שומע אני שבידו הם נהפכים לדם ואף כשירדו לארץ יהיו בהווייתן אבל עכשיו מלמדנו שלא יהיו דם עד שיהיו ביבשת: (י) גם מתמול וגו'. למדנו שכל שבעה ימים היה הקב"ה מפתה

בית יהודא

מִמֵּימֵי הַיְאֹר. (רָמַז לָהֶם שֶׁבְּמַכָּה הָרִאשׁוֹנָה נִפְרַע מֵאֱלָהוּתָם) הקב"ה האט געזאגט צו משה ער זאל ווייזן די יודן ווי דיא וואסער פון טייך נילוס וועלן ווערן בלוט, וועלן זיי פארשטיין אז די ערשטע מכה וועט זיין נום הקב"ה וועט שלאגן דעם גאט פון מצרים, דאס איז דער טייך נילוס (פירוש כְּשֶׁהַקָּבָּ"ה נִפְרַע מִן הָאוּמּוֹת) ווען הקב"ה וויל שטראפען אקעגינגרייך (נִפְרַע מֵאֱלָהוּתָם תְּחִלָּה) שטראפט ער פריער זייער גאט (שֶׁהָיוּ עוֹבְדִים לְנִילוּס הַמְחַיֶּה אוֹתָם) אונ די מצרים האבן געדינט צום נילוס ווייל דר נילוס פלעגט זיי שפייזן (וְהֲפָכָם לְדָם) אונ הקב"ה האט געמאכט פון די וואסער בלוט, ווארום אין מצרים רעגנט ניט, נאר יעדער חודש אב ווערט דער טייך נילוס זייער גרויס אונ ער בעגיסט מיט זיינע וואסער אלע פעלדער אונ גערטנער פון מצרים, נאכדעם הייבן אן צו וואקסן אלע פעלדער אונ גערטנער): וְהָיוּ הַמַּיִם וגו' וְהָיוּ לְדָם בַּיַּבָּשֶׁת]. פרעגט רש"י (וְהָיוּ וְהָיוּ שְׁנֵי פְּעָמִים) צו וואס שטייט אין פסוק צוויי מאהל וְהָיוּ, ענטפערט רש"י (נִרְאֶה בְּעֵינַי) מיר געפעלט צו זאגן (אִלּוּ נֶאֱמַר וְהָיוּ הַמַּיִם אֲשֶׁר תִּקַּח מִן הַיְאוֹר לְדָם בַּיַּבָּשֶׁת) ווען אין פסוק וואלט געשטאנען איין מאהל וְהָיוּ, אונ עס וואלט געשטאנען וְהָיוּ זייא זאלען זיין די וואסער וואס דו וועסט נעמן פון טייך בלוט אויף דיא טריקעניש (שׁוֹמֵעַ אֲנִי) וואלט איך מיינען (שֶׁבְּיָדוֹ הֵם נֶהֱפָכִים לְדָם) ווען די וואסער וועט זיין אין די האנט פון משה זאלען זיי ווערן בלוט (וְאָז כְּשֶׁיֵּרְדוּ לָאָרֶץ יִהְיוּ בַּהֲוָויָיתָן) אונ ווען דיא בלוט וועט אראפקומען אויף די ערד וועלן זייא זיין וויא זייא זענען געוועזן *) (אֲבָל עַכְשָׁיו מְלַמְּדֵנוּ) אבער איצט אז עס שטייט צוויי מאהל וְהָיוּ, וְהָיוּ לְדָם בַּיַּבָּשֶׁת, לערנט אונז דער פסוק (שֶׁלֹּא יִהְיוּ דָם) דיא וואסער וועט ניט ווערן בלוט (עַד שֶׁיִּהְיוּ בַּיַּבָּשֶׁת) ביז זייא וועלען זיין אויף דער טריקעניש, אויף די ערד: (י) וְגַם מִתְּמוֹל וגו'] זאגט רש"י (לִמְּדָנוּ) פון דעם פסוק לערנן מיר (שֶׁכָּל שִׁבְעָה יָמִים) גאנצע זיבען טעג (הָיָה הקב"ה מְפַתֶּה אֶת מֹשֶׁה בִּסְנֶה לֵילֵךְ בִּשְׁלִיחוּתוֹ) האט הקב"ה

דעת זקנים מבעלי התוספות

(י) ויאמר משה אל ה' בי אדני. אתה מעמיד אותי על אנשים שיודעים שבעים לשון עומדים לפני פרעה ואם אחד מהם מדבר לי בלשונו ואיני יודע להשיב וכי אינן צוחקין עלי ואו' לי של מי אתה שאינו יודע לשמוע ולהבין כל הלשונות. אמר לו ית' מי שם פה לאדם הראשון לקרא שמות לכל הבריות שנ' ויקרא שמות שם לא נאמר אלא שמות מלמד שקרא להם שמות בשבעים לשון וגם נתתי לו כשאמרתי לו המן העץ וגו' ואמר לי האשה אשר נתת עמדי. כ"ש לך שאתה בא לגאול בני. ד"א מי שם פה כלומר פה חדשה אני בורא כ"ש שאני מתקן שלך שאינה צריכה אלא תקון מעט מה"ר יוסף. ור' עובדיה פי' כלומ' מה לך להזכיר שאתה כבד פה מי שם פה לאדם הלא אנכי ה' ואנכי עשיתי גם פה שלך א"כ יודע אני שאתה כבד פה ובידי לתקנה:

שפתי חכמים

ולהצטער ואם לא היה בשביל החטא של משה מכ"ש שלא יצער אותו פעם אחרת בחנם: ק וא"ת מ"מ למה צריך למיכתב והיו ראשון וי"ל

פירוש לתורת אלהים

הַיְאֹר פון די וואסער פון דעם טייך וְשָׁפַכְתָּ הַיַּבָּשָׁה אונ דו זאלסט גיסן אויף דר טריקעניש וְהָיוּ אונ זיי וועלן זיין הַמַּיִם דאס וואסער אֲשֶׁר תִּקַּח מִן הַיְאֹר וואס דו וועסט נעמן פון דעם טייך נילוס וְהָיוּ אונ זיי וועלן זיין לְדָם צו בלוט בַּיַּבָּשֶׁת אויף דר טריקעניש: (י) וַיֹּאמֶר אונ משה האט געזאגט אֶל יְיָ צוא גאט בִּי אֲדֹנָי איך בעט דיך מיין האר לֹא איך בין דאך קיין ריידער מענטש געוועזן גַם אוך מִתְּמוֹל פון נעכטין גַם אוך מִשִּׁלְשֹׁום פון אייער

ליקוטי מרדכי

(י) בִּי אֲדֹנָי לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי וגו'. דער ילקוט שרייבט ווען משה איז אלט געוועזן אין דריטען יאהר, האט אמאהל גיטראפען פרעה ביים זיינע שרים זענען גיזעסן בייא דעם טיש, די מלכה איז גיזעסן נעבן מלך ביי די רעכטע זייט אונ בתיה די טאכטער פון פרעה איז גיזעסן נעבן זיין לינקע זייט אונ האט געהאלטין משה'ן אויף איר שויס, האט משה אויסגעצויגען דיא האנט אונ האט אראפגענומען די קרוין פון פרעה'ס קאפ אונ האט זיא געלייגט אויף זיין קאפ, פרעה מיט אלע שרים זענען דערשראקין געווארן אונ האבן זיך שטארק געוואונדערט, דארטין איז גיוועזן בלעם אויך האט ער גזאגט צו פרעה דו זאלסט וויסען דר קינד וועט ארויס נעמען דיא יודן פון מצרים, אונ ער וועט אוועק נעמען פון דיר דיא מלוכה, אונ ער וועט ווערן א מלך אויף דיא יודען, מיין עצה איז מען זאל אים באלד הרגנען, הקב"ה האט אראפגעשיקט א מלאך פון הימעל, דר מלאך האט זיך פארשטעלט ווי איינר פון די שרים אונ ער האט געזאגט צו פרעה, איך וועל דיר זאגן א עצה מען זאל ברענגן פאר דעם קינד א שיסל מיט גאלד אונ א שיסל מיט ברענענדיגע קוילן, וועלין מיר זעהן וועלכע ער וועט נעמן, אויב ער וועט נעמען די גאלד, וועלין מיר וויסען אז אלץ וואס ער טוהט איז מיט חכמה וועט מען אים הרגנן, אונ אויב ער וועט נעמען דיא קוילין, זעהן מיר דאך אז

---

*) **הערה** אונ אזוי וועט זיין דער פשט אין פסוק והיו הדם אשר תקח מן היאר, דאס וואסער וואס די וועסט נעמען פון טייך „לדם" וועט ווערין פון זיי בלוט, ביי דיר אין האנט, אונ די בלוט זאלסטו ניט ארייין גיסען צוריק אין טייך נאר זאלסט זיי אויסגיסען ביבשת, אויף די טריקעניש, אונ אויף די טריקעניש וועלין זיי ווערין צוריק וואסער, אזוי וואלט מען מיינען אז עס וואלט געשטאנען איין והיו:

גַּם מֵאָז דַּבֶּרְךָ אֶל־עַבְדֶּךָ כִּי כְבַד־פֶּה וּכְבַד לָשׁוֹן אָנֹכִי: יא וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֵלָיו מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם אוֹ מִי־יָשׂוּם

דְּמַלֶּלְתָּא עִם עַבְדָּךְ אֲרֵי יַקִּיר מַמְלַל וַעֲמִיק לִישָּׁן אֲנָא: יא וַאֲמַר יְיָ לֵהּ מָן שַׁוִּי פּוּמָא לַאֲנָשָׁא אוֹ מָן

רשב"ם

בלשון מצרים בחיתוך לשון כי בקטנותי ברחתי משם ועתה אני בן שמונים. וכן מצינו ביחזקאל. שמי שאינו בקי בלשון המלכות קרוי כן דכתיב ויאמר אלי בן אדם לך בא אל בית ישראל ודברת דברי אליהם. כי לא אל עם עמקי ש־ה יכבדי לשון אתה שלוח אל בית ישראל לא אל עמים עמקי שפה וכבדי לשון אשר לא תשמע דבריהם וגו'. וכי אפשר נביא אשר ידעו השם פנים אל

בעל הטורים

(יא) מי שם פה לאדם או מי ישום אלם. שם לא נא' אלא ישום לעתיד תאלמנה שפתי שקר ליום הדין שלא ימצאו מענה:

בית יהודא

געֶרעט מיט משה ביי דעם סנה אונ האט אים געבעטן ער זאל גיין וואהין ער שיקט אים, וואָרום מתמול (נעכטין) שלשום (פאר נעכטין) מאז דברך, פון די צייט וואס דוא האסט צו מיר גערעט נאך פריער (הרי שלשה) איז דריי טעג (ושלשה גמין רבוין הם) אונ עס שטייט דריי מאהל גם, גם מתמול גם משלשום גם מאז דברך, ווייזט אויף נאך דריי טעג פריער (הרי ששה) איז זעקס טעג (והוא היה עומד ביום השביעי כשאמר לו זאת) אונ ווען משה הט גזאגט די ווערטער צו הקב"ה איז ער געשטאנען פר הקב"ה דעם זיבעטן טאג, אונ איצט הט ער נאך אמאהל געזאגט פר הקב"ה (שלח נא ביד תשלח) שיק דורך וועמן דו ווילסט שיקען נאר ניט דורך מיר (עד שחרה בו) ביז הקב"ה איז בייז געוואָרן אויף אים (וקבל עליו) הט ער שוין אויף זיך גענומען צום גיין (וכל זה) אונ דס אליץ איז געוועזן (שלא היה רוצה ליטול גדולה על אהרן אחיו) ווייל ער הט ניט געוואלט נעמן גרויסקייט אויף זיין ברודר אהרן (שהיה גדול הימנו) אהרן איז געוועזן עלטער

רש"י

פלייש (וְלָקַח הוּא וּשְׁכֵנוֹ) זאל מען נעמען איין שעפס פר די שטוב מיט די שטוב פון שכן צוזאמען (זֶהוּ מַשְׁמָעוֹ לְפִי פְּשׁוּטוֹ) דס איז דער פראסטער פשט (וְעוֹד יֵשׁ בּוֹ מִדְרָשׁ) נאך ווערט געלערנט אויף דעם פסוק (לְלַמֵּד שֶׁאַחַר שֶׁנִּמְנוּ עָלָיו יְכוֹלִין לְהִתְמַעֵט) די מענטשען וואס האבען זיך געציילט צו דעם שעפס ודהיינו עם האבען זיך געציילט אויף דעם שעפס צוואנציג מענטשען קענען זיי חרטה האבען (וְלִמְשׁוֹךְ יְדֵיהֶם מִמֶּנּוּ) אונ זיך אפציהען פון דעם שעפס (וּלְהִמָּנוֹת עַל שֶׂה אַחֵר) אונ זיך ציילען אויף איין אנדער שעפס (אַךְ אִם בָּאוּ לִמְשׁוֹךְ יְדֵיהֶם וּלְהִתְמַעֵט) נאר אויב זיי ווילען זיך אפציהען פון דעם שעפס (מֵהְיוֹת מִשֶּׂה יִתְמַעֲטוּ) קענען זיי זיך אפציהען פון שעפס (בְּעוֹד הַשֶּׂה קַיָּים) אזוי לאנג ווי דער שעפס לעבט (בִּהְיוֹתוֹ בַּחַיִּים וְלֹא מִשֶּׁנִּשְׁחַט) אזוי לאנג ווי דער שעפס לעבט קען מען זיך ציילען אויף אים אונ מען קען זיך אפציהען פון אים, אבער אז דר שעפס איז געשאכטען געווארען, קען מען זיך ניט ציילען אויף אים אונ מען קען זיך ניט אפציהען פון אים: וּבְמִכְסַת. (חֶשְׁבּוֹן) אין צאהל, רעכענונג, ווי פיל מענטשען קענען עסען פון דעם שעפס (וְכֵן מִכְסַת הָעֶרְכְּךָ) דער צאהל פון דיין שאצונג: וּלְפִי אָכְלוֹ. (הָרָאוּי לַאֲכִילָה) די מענטשען וואס קענען עסען פון שעפס זאלען זיך ציילען אויף דעם שעפס (פְּרָט לְחוֹלֶה וְזָקֵן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לֶאֱכוֹל כַּזַּיִת) אבער א קראנקער אדער איין אלטער וואס וועלען ניט קענען עסען פון שעפס אזוי פיל פלייש ווי א איילבירט איז גרויס, ציילט מען זייא ניט צום קרבן פסח: וּתָכֹסּוּ. (תִּתְמְנוּן) איר זאלט ציילען: (ה) וְתָמִים. גאנץ (בְּלֹא מוּם) אן אפעלער: וּבֶן שָׁנָה. זאגט רש"י (כָּל שְׁנָתוֹ קָרוּי בֶּן שָׁנָה) דעם גאנצען יאהר ווערט ער גערופען בן שנה (כְּלוֹמַר) מען מיינט (שֶׁנּוֹלַד בְּשָׁנָה זוֹ) אין דעם יאהר איז ער געבארען געווארען: וּמִן הַכְּבָשִׂים וּמִן הָעִזִּים. (אוֹ מִזֶּה אוֹ מִזֶּה) פון שעפסען אדער פון ציגען (שֶׁאַף עֵז קָרוּי שֶׂה) אציג ווערט אויך גערופען שעפס (שֶׁנֶּאֱמַר) ווי עס שטייט אין פסוק (וְשֵׂה עִזִּים) דר שעפס־ציגען: (ו) וְהָיָה לָכֶם לְמִשְׁמֶרֶת. איר זאלט דעם שעפס היטען, זאגט רש"י מען מיינט ניט היטען ער זאל ניט אנטלויפען (זֶהוּ לְשׁוֹן בִּקּוּר) איר זאלט היטען דעם שעפס אונ אכטונג געבען ער זאל ניט האבען אפעלער (שֶׁטָּעוּן בִּקּוּר מִמּוּם אַרְבָּעָה יָמִים קוֹדֶם שְׁחִיטָה) פיר טעג פאר דעם שעכטען דארף מען אכטונג געבען טאמער הט ער אפעלער (וּמִפְּנֵי מָה הִקְדִּים לְקִיחָתוֹ לִשְׁחִיטָתוֹ ד' יָמִים) פאר וואס ביי דעם פסח פון מצרים האט הקב"ה געהייסן מען זאל געבען די שעפסען פיר טעג פריער פאר דעם שעכטען (מַה שֶּׁלֹּא צִוָּה כֵּן בְּפֶסַח דּוֹרוֹת) אונ אויף די פסחים וואס מען האט געמאכט ארויס־

שפתי חכמים

א משפחותיכם אם כן בית אבות היינו משפחה ולכך פירש"י שה למשפחותיכם שה לבית אבות : ר ר"ל מהיות אבל קריינן מחיותו דפסי דאותיות אחע"ה מתחלפות : ש דמדפסח הוא נאכל על השובע א"כ מאי נפקותא בין בעל אכילה לשאינו בעל אכילה אלא לפי אכלו היינו הראוי לאכילה : ת י"ל משום הכי הביא התרגום שלא תאמר תכוסו את אחרים לכך הביא התרגום תתמנון ע"י אחרים [נח"י] ול"נ עיקר כוונת הרב למעוטי שלא תפרש ל' שחיטה לא תשחטו תרגום לא תכסון וכן דעת הס"ס : א [נח"י] והתא למעט דלאחר שעבר עליו שנה אע"פ שעדיין לא נתמלאו שתי שנים פסול לקרבן פסח כדאמר בפסחים דף ל"ו ברש"י זכר בן שתי שנים אינו ראוי לפסח ע"ש מה שהאריך בראיות : ב דכתיב ושה עזים ואי אמרת אחד מן הכבשים ואחד מן העזים הל"ל שיים ל' רבים כיון דעז נמי קרוי שה אלא וכו' : ג והא דלא הקשה

פירוש לתורת אלהים

לעמעלע אי' פר זיי צו פיל זיי וועלין דם ניט קאנען אויף עסען אין גאנצען ולקח זאל ער מיט זיין שכן וואס וואוינט נאהענט געבין זיין הויז ביידי בשותפות נעמען אלעמעלע במכסת נפשות אין צאל פון נפשות איש אמענש לפי אכלו נאך זיין עסען נאך [עיין רש"י] תכוסו זאלט איר ציילען על השה אויף דעם לעמעל אבער די וואס קאנען ניט עסין היינו איין קראנקער אדער איין אלטער מאן זאלין קיין חלק ניט האבין אין דעם לעמעלע: (ה) שה איין לעמעל תמים גאנץ אן אמום זכר אזכר אונ ניט אנקבה בן שנה וואס עס איז אלט איאר יהיה לכם זאל דס צו אייך זיין מן הכבשים פון דיא שאף ומן העזים אדר פון דיא ציגען תקחו זאלט איר נעמען: (ו) והיה לכם למשמרת אונ דאס לעמעל זאל זיין צוא אייך צוא איין היטונג עד ביז

אַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְשָׁחֲטוּ אֹתוֹ כֹּל קְהַל עֲדַת־יִשְׂרָאֵל

עַסְרָא יוֹמָא לְיַרְחָא הָדֵין וְיִכְּסוּן יָתֵהּ כֹּל קְהָלָא כְנִשְׁתָּא דְיִשְׂרָאֵל בֵּין

תו"א ושחטו אותו פסחים סד:

בית יהודא

געווען פון מצרים אונ ווייטער אין ארץ ישראל האט הקב"ה גאר ניט געבאטן מען זאל זיי נעמען פיר טאג פריער פאר דעם שעכטן, האט רבי מתיא בן חרש געזאגט (הרי הוא אומר) עס שטייט אין פסוק הקב"ה האט געזאגט (ואעבור עליך ואראך והנה עתך עת דודים) איך בין דורך געגאנגען נעבן דיר אין מצרים, אונ איך האב דיך געזעהן עס איז שוין די צייט דיינע, דו זאלסט דיך בעפרייען ומתחתן זיין מיט מיר (הגיעה שבועה שנשבעתי לאברהם שאגאל את בניו) עס איז געקומען די צייט איך זאל מקיים זיין די שבועה וואס איך האב געשווארען צו אברהם איך זאל אויסלייזען זיינע קינדער פון מצרים (ולא היו בידם מצות להתעסק בהם כדי שיגאלו) די יודען האבען אבער ניט געהאט מצות זיי זאלען זיי טאהן וואס אין דעם זכות זאלען זיי אויסגעלייזט ווערען (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (ואת ערום ועריה) אונ דוא ביזט געוועזען נאקעט אונ שענדליך (ונתן להם שתי מצות) האט הקב"ה זיי געגעבען צוויי מצות (דם פסח ודם מילה) זייא זאלען שעכטען דעם קרבן פסח אונ זאלען זיך מלה זיין (שמלו עצמן באותה לילה) ווארום אין דיא נאכט האבען אלע יודען זיך געמלת איידער זיי האבען געגעסען דעם קרבן פסח (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (מתבוססת בדמיך) דוא ביזט געוועזען בפלעקט ובשמירט מיט דיינע בלוטען (בשני דמים) מיט צוויי ערלייא בלוט, מיט די בלוט פון קרבן פסח אונ מיט דיא בלוט פון מלה זיין (ואומר) נאך זאגט דר פסוק (גם את בדם בריתך שלחתי אסיריך מבור אין מים בו) ווענין די בלוט פון ברית מילה האב איך ארויסגשיקט דיינע געבונדענע ודי יודין וואס זענען געוועזען אין מצרים ווי געבונדענע) פון דעם גרוב ופון מצרים) וואס אין דעם גרוב איז קיין וואסער נקיין תורה אונ מצותו געוועזען *), (ושהיו שטופים בעבודת כוכבים) די יודין האבען אויך געגלויבט אין די עבודה זרה פון מצרים, אז דער שעפס איז הייליג (אמר להם) האט הקב"ה געזאגט צוא דיא יודין (משכו וקחו לכם), ציהט אונ געמט צו אייך, דאס מיינט מען (משכו ידיכם מעבודה זרה) ציהט אפ אייערע הענט פון די עבודה זרה (וקחו לכם צאן של מצוה) אונ איר זאלט נעמען דעם שעפס צוא אמצוה, איר זאלט אים מקריב זיין אקרבן צו הקב"ה, אונ ווייל מען האט גדארפט יודין זאלין האבען אמצוה איידער זיי ווערען אויסגעלייזט פון מצרים, דריבער האט הקב"ה געבאטין דעם ערשטין קרבן פסח וואס די יודין ווילען מאכין אין מצרים, זאלען זיי נעמען די שעפסין מיט פיר טעג פריער, זיי זאלען וויסען זיי נעמען די שעפסין צו מקריב זיין פר הקב"ה, אונ זאלען טאן תשובה אוף דעם וואס זיי האבען ביז איצט געדינט צום שעפס, אין דעם זכות ווערען זיי קענן אויסגלייזט ווערען פון מצרים, אבר נאכדעם ווי זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים האבען זיי שוין ניט געדארפט נעמען דעם קרבן פסח מיט פיר טעג פריער: ושחטו אותו וגו'. אלע יודין זאלין שעכטין די שעפסין, פרעגט רש"י (וכי כולן שוחטין) האבען דען אלע יודין געשאכטין, ווען צוואנציג מענטשין זענען געוועזען גצייילט אוף אקרבן פסח, האבען אלע אים גשאכטען, נאר אייגער האט דאך געשאכטען, (אלא מכאן ששלוחו של אדם כמותו) נאר פון דאנען ווייסין מיר אז אייגער שיקט אשליח נאמענטשין) ער זאל עפעס טאן פון זיינעטוועגען איז גלייך ווי ער אליין וואלט די זאך גטאהן, דריבער אז די צוואנציג מענטשין וואס זענען געוועזען גצייילט אוף דעם קרבן פסח האבען

רש"י

מתיא בן חרש אומר הרי הוא אומר (יחזקאל טז) ואעבור עליך ואראך והנה עתך עת דודים הגיעה שבועה שנשבעתי לאברהם שאגאל את בניו ולא היו בידם מצות להתעסק בהם כדי שיגאלו שנא' (שם) ואת ערום ועריה ונתן להם שתי מצות דם פסח ודם מילה שמלו באותו הלילה שנא' מתבוססת בדמיך (שם) בשני דמים ואומר (זכרי' ט) גם את בדם בריתך שלחתי אסיריך מבור אין מים בו ושהיו שטופים באלילים א"ל משכו וקחו לכם משכו ידיכם מאלילים וקחו לכם צאן של מצוה: ושחטו אותו וגו'. וכי כולן שוחטין אלא מכאן ששלוחו של אדם כמותו (מכילתא

שפתי חכמים

לעיל גבי בעשור לחודש ויקחו להם וגו'. וכ"ל דלעיל הייתי אומר מפני בקור ממום לריך ד' ימים ולה"נ דפסח דורות נמי לריך ד' ימים לבקור ולא בא הזה למעט מבקור ד' ימים אלא פסח שני אבל הכא דכתיב והיה לכם למשמרת וגו' וזהו ל' בקור ס"מ דויקחו דכתיב לעיל קיחה ממש הוא אם כן קשה למה לקיחתו ארבעה ימים קודם לשחיטתו בלו' לקיחתו לשם פסח ופסח דורות לקיחתו לשם פסח כ"ז שירלה אך קשה היאך מתורץ הקושיא במה שמביא בשם רבי מתיא בן חרש וכו' ולמה ד' ימים לא פחות ולא יותר ול"ע: ד פי' ועוד טעם אחר שהיו וכו': ה [רא"ם] וא"ת אמאי לא יליף מקרא אים שה לבית אבות שאחד לוקח לכל המשפחה ועוד דלמא שאני הכא שיש לו ולשליח שותפות בגויה. וי"ל דנפקא ליה מהני תרי קראי דאם איתו ענין להיכא דאית ליה שותפות בגויה תנהו ענין להיכא שאין לשליח חלק בגוי' כדאי' שם בקידושין [נח"י] והגב חורפיה לא עיין יפה והאריך שם ע"ב ומסיים ול"נ דהל"ל ושחטו אותם דהוי משמע דהרבה אנשים שוחטים

פירוש לתורת אלהים

דעם פערצעהנטן טאג אין דעם חודש ניסן [עיין רש"י] ושחטו אונ זייא זאלן אים שעכטן דאס גאנצע איין זאמלונג פון דר עדה ישראל בין הערבים צווישן די אבינטען דעם פערצטען טאג נאך האלבן טאג:

מצות השם

(ה) (ושחטו אותו וגו'). עס איז איין מצות עשה אז מען זאל ברענגען איין קרבן פסח אונ מען זאל עס קוילען פערצען טאג אין חודש ניסן פר נאכט דם זאל זיין איין לעמעלע אבער איין ציקעלע אונ עס זאל אלט זיין איין יאר אונ דאס עסן פון דעם קרבן פסח איז געוועזען עס האבען זיך אן געזאמילט חבורה חבורת פון צו דרייסעג מענטשן אונ האבן געברענגט פון זייער היים איין שעפעלע אדער איין ציקעלע אונ מען האט דאס געקוילט אין דר עזרה פון דעם בית המקדש די ספרים הקדושים שרייבן אז גאט ב"ה האט געבאטן די מצוה כדי די יודישע קינדער זאלען גידענקן די גרויסע ניסים וואס השי"ת האט מיט זיי געטאן ווען ער האט זיי אים געצוגן פון מצרים אונ די מצוה איז נוהג סאי ביי זכרים אונ סאי ביי נקבות אין דר צייט ווען דם בית המקדש וועט זיין השי"ת זאל אונז אלם לייזן פון דעם ביטערין גלות וועלן מיר דיא הייליגע מצוה צוריק האבען:

*) הערה דאס שעכטין דעם קרבן פסח איז גיוועזן אגרעסערע סכנה ווי דאס מלה זיין, ווייל משה האט געזאגט צו פרעה קען דאס זיין מיר וועלין שעכטין די שעפסין אין מצרים אונ די מצרים וועלין זעהן מיר שעכטין זייער גאט, וועלין זיי דען אונז ניט בעווארפין מיט שטיינער אונ הרגנן, פון דעסטוועגין ווען הקב"ה האט גיבאטין מיר זאלין שעכטין די שעפסין אין מצרים האבין די יודין זיך באלד איינגעשטעלט אין סכנת נפשות:

בֵּין הָעַרְבָּיִם: ז וְלָקְחוּ מִן־הַדָּם וְנָתְנוּ עַל־שְׁתֵּי הַמְּזוּזֹת וְעַל־הַמַּשְׁקוֹף עַל הַבָּתִּים אֲשֶׁר־יֹאכְלוּ אֹתוֹ בָּהֶם:

שִׁמְשַׁיָּא: ז וְיִסְּבוּן מִן דְּמָא וְיִתְּנוּן עַל תְּרֵין סִפַּיָּא וְעַל שַׁקְפָּא עַל בָּתַּיָּא דְּיֵיכְלוּן יָתֵהּ בְּהוֹן:

תו"א בין הערבים בב נט: על בם זבחים עג:

רשב"ם

אביא להם. חטף באות ראשונה: (ז) המשקוף. מפתן העליון הנראה לעין כל בכניסת הבית כמו וישקף אבימלך. והמפרש לשון שקיפה והבטת הדלת צריך למצוא לו חבר בלשון תורה ונביאים בלשון העברים:

רש"י

קידושין מא): קהל עדת ישראל. קהל ועדה וישראל. מכאן אמרו פסחי צבור נשחטין בשלש כתות זו אחר זו נכנסת כת ראשונה ננעלו דלתות העזרה וכו' כדאיתא בפסחים (דף סד): בין הערבים. משש שעות ולמעלה קרוי בין הערבים שהשמש נוטה לבית מבואו לערוב ולשון בין הערבים נראה בעיני אותן שעות שבין עריבת היום לעריבת הלילה עריבת היום בתחלת שבע שעות מכי ינטו צללי ערב ועריבת הלילה בתחילת הלילה. ערב לשון נשף וחשך כמו (ישעי' כד) ערבה כל שמחה: (ז) ולקחו מן הדם. זו קבלת ו הדם יכול ביד ז ת"ל אשר בסף: המזוזות. הם הזקופות אחת מכאן לפתח ואחת מכאן: המשקוף. הוא העליון שהדלת שוקף עליו כשסוגרין אותו לינט"ל בלעז [אבערשוועלע] ול' שקיפה חבטה כמו (ויקרא כו) קול עלה נדף טרפא דשקיף. חבורה משקופי: על הבתים אשר יאכלו אותו בהם. ולא על משקוף ומזוזות שבבית התבן ובבית הבקר ח שאין דרין בתוכו:

בית יהודא

גשיקט איינעם ער זאל שעכטין פון זייערטוועגן דעם קרבן פסח איז גלייך ווי זיי אלע וואלטען אים געשאכטן: [קהל עדת ישראל]. דריי נעמן, קהל עדה ישראל, זאגט רש"י (ומכאן אמרו) פון דאנען האבען די רבנן געזאגט (פסחי צבור נשחטין בשלשה כתות זו אחר זו) ערב פסח ווען אלע יודין דארפן שעכטין זייערע פסחים, ווערן די יודי, געטיילט אין דריי טייל, ווי עס שטייט אין די גמרא (נכנסה כת ראשונה) פריער גייט אריין די ערשטע טייל יודין אין הויף פון בית המקדש (ננעלו דלתות העזרה) ווערען פארשלאסין די טירען פון הויף, אז מען הט אפגעשאכטן זייערע פסחים גייען זיי ארויס פון הויף אונ עס גייט אריין די צווייטע טייל, אז די צווייטע טייל גייט ארויס, גייען אריין די דריטע טייל (כדאיתא בפסחים) ווי עס שטייט אין די מסכת פסחים: [ובין הערבים]. זאגט רש"י (משש שעות ולמעלה קרוי בין הערבים) פון צוועלף דעם זייגער ביי טאג ביז נאכט, ווערט גערופן בין הערבים, צווישן די אבענדין (שהשמש נוטה לבית מבואו לערוב) נוייל פון נאך צוועלף ביי טאג בייגט זיך די זונן צו מערב צו דעם ארט וואס זיא ווערט דארטין נעכטיגן (ולשון בין הערבים) פר וואס רופט מען דיא צייט פון צוועלף ביי טאג ביז נאכט צווישען דיא אבענדין, זאגט רש"י (נראה בעיני) מיר געפעלט צו זאגן (אותן שעות שבין עריבת היום לעריבת הלילה) די שעות וואס זענען צווישן דעם ערב פון ביי טאג ביז דעם ערב פון ביי נאכט, ווערט גערופן בין הערבים, צווישן דיא צוויי אבענדין (עריבת היום) דר ערב פון בייא טאג הייבט זיך אן (בתחלת שבע שעות) אין אנהייב זיבעטע שעה, פון נאך צוועלעף (מכי ינטו צללי ערב) ווען עס הייבען זיך אן דיא שאטטענס פון בייא נאכט ווען די זונן הייבט אן גיין צוא מערב] (ועריבת הלילה) (בתחלת הלילה) דער ערב פון בייא נאכט הייבט אן אין אנהייב נאכט (ערב לשון נשף וחשך) ווען די ליכטיגקייט איז צומישט מיט דיא פינסטערנים צוזאמען דאס הייסט ערב (כמו) וויא עס שטייט אין פסוק (ערבה כל שמחה) אלע שמחות זענען צומישט געווארען מיט טרויערקייט, אונ פון נאך האלבן טאג איז אריינגעמישט די טונקעלקייט פון די נאכט *): (ז) [ולקחו מן הדם]. זאגט רש"י (זו קבלת הדם) דם מיינט מען די בלוט וואס מען נעמט פון שעפס ווען מען שעכט אים (יכול ביד) איך וואלט מיינען ער זאל נעמען די בלוט אין האנט (תלמוד לומר אשר בסף) זאגט ווייטער דר פסוק די בלוט זאל זיין אין אבעקין, ווען מען שעכט דעם שעפס זאל ער האלטין אבעקין אונטר דעם האלדז, דיא בלוט זאל אריינגעגאסן ווערען אין בעקין: [המזוזות]. זאגט רש"י (הם הזקופות אחת מכאן לפתח ואחת מכאן) דם זענען די צוויי ברעטער וואס ביי דיא זייטין טיר איין די זייט טיר אונ איין ברעט אין דיא זייט טיר: [המשקוף]. (הוא העליון שהדלת שוקף עליו כשסוגרין אותו) די ברעט וואס ליגט אויבין איבר די טיר אויף די צוויי זייטיגע ברעטר אונ ווען מען פארמאכט די טיר קלאפט די טיר אויף די ברעט, דאס הייסט משקוף (ולשון שקיפה חבטה) שקיפה ומשקוף איז טייטש קלאפין (כמו) וויא עס שטייט קול עלה נדף, טייטשט דר תרגום טרפא דשקיף, אבלאט וואס קלאפט, חבורה, טייטשט דער תרגום משקופי, חבורה איז אבייל וואס מען בעקומט פון אקלאפ: [על הבתים אשר יאכלו אותו בהם]. מען זאל בעשמירען די בלוט אויף דעם משקוף אונ אויף די צוויא מזוזות וואס זענען אין די שטובן וואס מען ווערט אין זיי עסין דעם קרבן פסח (ולא על המשקוף ומזוזות שבבית התבן ובבית הבקר שאין דרין בתוכן) אבער אויף דעם משקוף אונ מזוזות פון דיא שטוב וואס אינוייניג ליגט שטרויא, אדער אשטאל פון בהמות, אונ פון די שטובין וואס מען וואהנט ניט אין זיי.

שפתי חכמים

הרבה פסחים או הל"ל ושחטו אותו הפתא דכתיב ושחטו אותו א"כ קשה וכי כולם שוחטים אלא וכו': ו דלא הל"ל אלא ונתנו מן הדם ולקחו ל"ל אלא זו קבלה: ז [גח"י] וה"פ מאחר שולקחו היינו שמקבל את הדם ולא כתיב לתוך מה יקבל יכול אף ביד ת"ל בסף: ח מדכתיב אשר יאכלו אותו בהם וא"ל דדוקא כתיב על הבתים אשר יאכלו אותו בהם אבל בית שאין אוכלין בתוכו אע"פ שראוי לדור בתוכו אין נותנין שם דם שהרי כתיב בסמוך והיה הדם לכם לאות על הבתים אשר אתם שם משמע אם ראוי לדור בהם אע"פ שאין אוכלין:

פירוש לתורת אלהים

(ז) וְלָקְחוּ אונ די ישראל זאלן נעמען מִן הַדָּם פון דעם בלוט פון דעם לעמעל וְנָתְנוּ אונ זייא זאלען געבען באשמירען אויף די צוויי ביי שטידלן וְעַל הַמַּשְׁקוֹף אונ אויף דעם אייבערשטן ביי שטידל עַל הַבָּתִּים אויף דיא

*) הערה ווייל אין ארץ ישראל גייען די זייגערס אנדערש ווי ביי אונז, אין דער פריה חען עס ווערט טאג איז דער זייגער צוועלף, אונ אנהייב אבענד ווען עס ווערט נאכט איז אויך דער זייגער צוועלף אונ האלבער טאג אונ האלבע נאכט איז דער זייגער זעקס, דריבער זאגט רש"י משש שעות פון זעקס שעה אונ ווייטער, אונ אזוי ווערט געזאגט אין דער גמרא.

ח וְאָכְלוּ אֶת־הַבָּשָׂר בַּלַּיְלָה הַזֶּה צְלִי־אֵשׁ וּמַצּוֹת עַל־מְרֹרִים יֹאכְלֻהוּ׃ ט אַל־תֹּאכְלוּ מִמֶּנּוּ נָא וּבָשֵׁל מְבֻשָּׁל בַּמָּיִם כִּי אִם־צְלִי־אֵשׁ

ח וְיֵיכְלוּן יָת בִּסְרָא בְּלֵילְיָא הָדֵין טְוֵי נוּר וּפַטִּיר עַל מְרָרִין יֵיכְלֻנֵּהּ׃ ט לָא תֵיכְלוּן מִנֵּהּ כַּד חַי וְאַף לָא בַשָּׁלָא מְבַשַּׁל בְּמַיָּא אֱלָהֵן טְוֵי נוּר

תו"א ואכלו את ברכות ט: אל תאכלו פס מא: ובשל מבושל פס: כי אם פס מד:

רשב"ם

(ח) ואכלו את הבשר בלילה הזה צלי אש וגו'. כל מיני אכילה דרך חפזון ומהירות הוא כאדם הנחפז ללכת: (ט) נא. נראה לשון צלי קדרה המבושל בלא

בעל הטורים

(ח) ואכלו את הבשר. הפסוק מתחיל באכילה ומסיים באכילה על מרורים יאכלוהו רמז שצריך שתי אכילות אכילת פסח ואכילת חגיגה:

אכליהו. וסמיך ליה אל תאכלו לומר שיאכלוהו דוקא לשם פסח ולא לשם אכילה גסה: יאכלוהו. ד' במסו' ב' בעניני דפסח ואידך אהרן ובניו יאכלוהו בעניית דמלואים מה התם נאטו ונפתח אהל מועד לא תצאו אף כאן לא תצאו איש מפתח ביתו ואידך כי מאספיו יאכלוהו דאתקש גאולה אחרונה לגאולה ראשונה: (ט) מבושל. ב' במסור'. ובשל מבושל. ולא אקח ממך בשר מבושל גבי חפני ופנחס לומר שהיו מחללין

בית יהודא

אוף דעם משקוף אונ מזוזות דארף מען ניט בעשמירן דיא בלוט: (ח) [את הבשר]. מען זאל עסין די פלייש (ולא גידים ועצמות) אבער ניט דיא אדערין אונ ניט די ביינער: [על מרורים]. זאגט רש"י (כל עשב מר נקרא מרור) יעדר ביטערר גראז ווערט גרופן מרור (וציום לאכול מרור) הקב"ה הט גבאטן מען זאל עסין מרור (זכר לוימררו את חייהם) מען זאל גדענקן אז אין מצרים הט מען זיי פארביטערט דס לעבן: (ט) [ואל תאכלו ממנו נא]. זאגט רש"י (שאינו צלוי כל צרכו קוראו נא בלשון ערבי) פלייש ווס איז ניט גוט געבראטן רופט מען אין אראביש נא: [ובשל מבושל]. זאגט רש"י (כל זה באזהרת לא תאכלו) דס געהער צו דעם אנזאג לא תאכלו, זאגט דער פסוק לא תאכלו ממנו נא, איר זאלט ניט עסין דעם קרבן פסח אויב ער איז ניט גוט געבראטן אונ לא תאכלו בשל מבושל, איר זאלט ניט עסין אויב ער איז גקאכט: [במים]. זאגט רש"י (מנין לשאר משקין) פון וואנען ווייסין מיר אז דער קרבן פסח איז גקאכט אין אנדערע משקה (ניט אין וואסער) טאר מען אים אוך ניט עסן (תלמוד לומר ובשל מבושל) שטייט צוויי מאהל דער ווארט קאכין צו ווייזן (מכל מקום) ווי ער איז געקאכט, טאר מען אים ניט עסין: [כי אם צלי אש],

רש"י

(ח) את הבשר. ולא גידים ועצמות (מכילתא פסחים פג): על מרורים. כל עשב מר נקרא מרור וציום לאכול מרור זכר לוימררו את חייהם: (ט) אל תאכלו ממנו נא. שאינו צלוי כל צרכו קוראו נא בלשון ערבי: ובשל מבושל. כל זה באזהרת לא תאכלו (פס פא): במים. מנין לשאר משקין ת"ל ובשל מבושל ב מ"מ (פס): כי אם

שפתי חכמים

בתוכו כותנין פס דס: ט דאל"כ לכתוב ואכלו אותו הבשר ל"ל [ג"א] ודוקא הגידין פסס קשין שאין נאכלין מחמת קושיין קמיירי: י מדכתיב מצות על מרורים הקיש מרור למצה מה מצה מין זרעים וכל דבר סבא לידי חימוץ יצא ידי מצה אף מרור מין זרעים וכל עשב מר יצא ידי מרור: כ ר"ל הואיל וכתיב מים ה"א דוקא מים ל"ל לכתוב ובשל מבושל

דעת זקנים מבעלי התוספות

(ח) ואכלו את הבשר. לכך נהגו העם לעשות בליל פסח שלש מצות זכר לשלש סאין שאמר מהרי שלש סאים ופסח היה. ויש אומר זכר לשלשה אבות ובציעתה זכר לקריעת ים סוף וירדן שנבקע בפסח ונב"ך על הפרוסה אכילת מצה כדאי' כפסחים מה דרכו של עני בפרוסה ושני טיבולין על ב' טבילות שטבלו יליד בית ומקנת כסף. ד"א כנגד שתי הזאות אחת על המשקוף ואחת על המזוזות. ד"א כנגד דם ברית ודם פסח שנאמר מתבוססת בדמיך. ובערבי פסחים מוכח שהן להיכרא דתינוקות שהיו רגילין לאכול ירקות לאחר אכילה לקנוח. והשתא קא אכלי קודם סעודה ישאלו מה נשתנה. ועוד היכר אחריתי כי כשיראו בשאר ימים טובים שלא ישתו קודם רק כוס א' ועכשיו מוזגין כוס ב' אז ישאלו וכן מסיק התם וכאן הבן שואל. והרוסת זכר לטיט ונותנין בו תפוחים זכר לתפוח כדכתיב לעיל תחת התפוח עוררתיך ומיני תבלין דומין לתבן זכר לתבן ואגוזים ושקדים שמלבנין החרוסת זכר לטיט שעושין מסיד שהוא לבן. וכן הביא בערבי פסחים תבלין זכר לתבן חרוסת זכר לטיט ב' תבשילין זכר למשה ואהרן. ד"א דג כנגד לויתן. ביצה כנגד זיז שדי. ובערבי פסחים מסיק אחד זכר לפסח וא' זכר לחגיגה. ד' כוסות כנגד ד' גאולות והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי וכוס חמישי דהיינו למאן דצריך למשתיה הוא כנגד והבאתי שגם הוא גאולה כדאמרי אינשי מאן דמריה שחרריה ומסר כל דידיה בידיה אי לא אייתיה לבי דריה מאי אהני ליה פי' עבד ששחררו רבו ומסר לו גביעו בידו אם לא הביאו לבית דירתו מה מועיל לו כל הטובה ה"נ אם לא הביא הקב"ה אותן לארץ ישראל מה היה מועיל להם היציאה של מצרים. ד"א ד' כוסות כנגד ד' ישועות ה' מנת חלקי וכוסי. כוסי רויה. כוס ישועות אשא ישועה לא נאמר אלא ישועות א' לימות המשיח וא' לעוה"ב. ד"א כנגד ד' כיסות שאמר שר המשקים ליוסף. ד"א כנגד ד' כוסות התרעלה שעתיד הקב"ה להשקות לעכו"ם שנא' קח את כוס החמה ונאמר כי כוס ביד ה'. וכן כוס חמה ביד ה' דכתיב גבי בבל. ונאמר ורוח זלעפות מנת כוסם: (ט) אל תאכלו ממנו נא. פי' ראב"ע דלפי שתועבת מצרים תזבחו שמא תאמרו לא נצלהו כל צרכו פן ירגישו בו המצרים ת"ל אל תאכלו ממנו נא ושמא תאמרו נבשלנו ונכסנו בקדרה ת"ל ובשל מבושל ושמא תאמרו לחתוך הראש והכרעים ואל יכירו מה זאת ת"ל ראשו על כרעיו ועל קרבו:

פירוש לתורת אלהים

הייזר ווס זייא וועלן עסן אין זייא דאס לעמלע: (ח) ואכלו אונ זיי זאלן עסין דם פלייש אין דר נאכט ווס נאך דעם פערצטן טאג צלי אש דאס פלייש זאל זיין געבראטן אויף פייער ומצות על מרורים אונ מיט ביטערי קרייטיכצר יאכלוהו זאלן זיי עסן דם פלייש: (ט) אל תאכלו ממנו נא איר זאלט ניט עסין פון אים

מצות השם

(ו) (ואכלו את הבשר וגו') פון דעם פסוק לערנן מיר ארוים אז מען זאל עסין דעם קרבן פסח ער זאל זיין גיבראטען אין פייער דיא מצוה האבן מיר שון אין דר פאריגע מצוה ערקלערט אז דס איז איין ציכן אז גאט ב"ה הט אונז אוס געצוגן פון גלות מצרים אונ דיא גאנצע חברה וואס זייא האבען זיך גערעכנט אויף דעם קרבן פסח מוזען זיין אין דעם חדר וואס מען עסט דארט דעם קרבן פסח אונ די מצוה איז מען נוהג סיי ביי זכרים אונ סיי ביי נקבות אין דר צייט ווס דם ביהמ"ק איז געשטאנען: (ז) (אל תאכלו ממנו נא) פון דעם פסוק געמען מיר ארוים אז מען טאר נישט עסין איידר עס בראט זיך אפ אפילו אז מען בראט דם פלייש די ספרים שרייבן דאס ענין ווס די תורה האט אונז געבאטן אז מען זאל נאר עסין גבראטען אונ נישט געקאכט איז דס ענין אזוי ווי א ך האב פריער געשריבן אז דר גאנצר קרבן פסח איז נאר איין זכר דס מיר זאלען זיך דר מאנען אן דעם נס

רֵישֵׁהּ עַל כְּרָעוֹהִי וְעַל גַּוֵּהּ׃ י וְלָא תַשְׁאֲרוּן מִנֵּהּ עַד צַפְרָא וּדְיִשְׁתְּאַר מִנֵּהּ

רֹאשׁוֹ עַל־כְּרָעָיו וְעַל־קִרְבּוֹ׃
י וְלֹא־תוֹתִירוּ מִמֶּנּוּ עַד־בֹּקֶר וְהַנֹּתָר מִמֶּנּוּ

תו"א ולא תותירו שבת כד: והנתר ממנו יבמות עד:

בעל הטורים

קדשי השם בכל דבר אף לבשל הפסח כי אכלו אותם ככל אשר חפץ לבם: (י) ולא תותירו ממנו עד בוקר. עד בוקר בגימטרי' הוא השני ליתן בוקר שני לשריפתו:

רשב"ם

מים ובלא צלי אש הכתוב כאן: ראשו על כרעיו. כל זה דרך מהירות:

רש"י

צלי אש. למעלה גזר עליו במצות עשה וכאן הוסיף עליו ל"ת אל תאכלו ממנו כי אם צלי אש: ראשו על כרעיו. צולהו כולו כאחד עם ראשו ועם כרעיו ועם קרבו ל ובני מעיו נותן לתוכו מ אחר הדחתן (שם עד) ולשון על כרעיו ועל קרבו כלשון (שמות יג) על צבאותם כמו בצבאותם כמות שהן אף זה כמות שהוא כל בשרו משלם: (י) והנותר ממנו עד בוקר. מה ת"ל עד בקר פעם שניה ליתן בקר על בקר שהבקר משמעו משעת הנץ החמה ב ובא הכתוב להקדים שאסור באכילה מעלות השחר זהו לפי משמעו. ועוד מדרש אחר למד שאינו נשרף בי"ט אלא ממחרת וכך תדרשנו והנותר ממנו בבקר ראשון עד בקר שני ם תעמוד

בית יהודא

(לְמַעְלָה גָּזַר עָלָיו בְּמִצְוַת עֲשֵׂה) פְרִיעֶר וְאִין פָּסוּק ח) הָט הקב"ה גֶעבָּאטֶן אַמִצְוָה מֶען זָאל עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח גֶעבְּרָאטִין, פוּן דֶעסְטְוָועגֶן וַויסֶן מִיר נָאךְ נִיט אוֹב מֶען וֶועט דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח עֶסִין נִיט גֶעבְּרָאטֶן אִיז אַעֲבֵירָה עֶס קֶען זַיין עֶר הָאט נִיט גִיטָאן אַמִצְוָה (וְכַאן הוֹסִיף עָלָיו לֹא תַעֲשֶׂה) אִין דֶעם פָּסוּק הָט הקב"ה צוּ גִיגֶעבֶּען (אַל תֹּאכְלוּ מִמֶּנּוּ כִּי אִם צְלִי אֵשׁ) מֶען טָאר נִיט עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אַנְדֶערְשׁ נָאר גִבְּרָאטֶן, אוּנ אוֹב מֶען עֶסְט אִים נִיט גִיבְּרָאטִין אִיז אַעֲבֵירָה: וְרֹאשׁוֹ עַל כְּרָעָיו. זָאגְט רש"י (צוֹלֵהוּ כּוּלוֹ כְּאֶחָד) עֶר זָאל בְּרָאטֶן דֶעם שֶׁעפְּס אִין גַאנְצִין מִיט אֵיין מָאל (עִם רֹאשׁוֹ וְעִם כְּרָעָיו וְעִם קִרְבּוֹ) מִיט דֶעם קָאפּ אוּנ מִיט דִי פִיס אוּנ מִיט אַלְץ וָוס אִיז דָא אִין שֶׁעפְּס (וּבְנֵי מֵעָיו נוֹתֵן לְתוֹכוֹ אַחַר הֲדָחָתָן) אוּנ עֶר נֶעמְט אַרוֹס פוּן בּוֹיךְ דִי קִישְׁקֶעס אוּנ וַואשְׁט זֵייא רֵיין אוּנ לֵייגְט זֵייא צוּרִיק אַרֵיין אִין בּוֹיךְ אוּנ בְּרָאט אִים (וְלָשׁוֹן עַל כְּרָעָיו וְעַל קִרְבּוֹ) אוּנ וָוס עֶס שְׁטֵייט עַל כְּרָעָיו וְעַל קִרְבּוֹ, מֵיינְט מֶען נִיט אוֹיף דִי פִיס אוֹיף דִי קִישְׁקֶעס נָאר דָאס אִיז (כְּלָשׁוֹן עַל צִבְאוֹתָם) ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (עַל צִבְאוֹתָם כְּמוֹ בְּצִבְאוֹתָם) אִיז גְלַייךְ ווִיא עֶס וָואלְט גֶעשְׁטַאנֶען בְּצִבְאוֹתָם, מִיט זֵייעֶר פַארְזַאמְלוּנְג (כְּמוֹת שֶׁהֵן) ווִי זֵיי זֶענֶען (אַף זֶה) דָא מֵיינְט מֶען אוֹיךְ אַזוֹ מֶען זָאל בְּרָאטֶן דֶעם שֶׁעפְּס (כְּמוֹת שֶׁהוּא) ווִי עֶר אִיז (כָּל בְּשָׂרוֹ מְשֻׁלָּם) דָאס גַאנְצֶע פְלֵייש מִיט אֵיין מָאהְל, אוּנ מֶען טָאר אִים נִיט צוּשְׁנַיידְען אוֹיף שְׁטִיקֶער אוּנ בְּרָאטֶען: (י) וְהַנּוֹתָר מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר. זָאגְט רש"י (מַה תַּלְמוּד לוֹמַר עַד בֹּקֶר פַּעַם שְׁנִיָּה) צוּ וָוס שְׁטֵייט נָאךְ אַמָאהְל עַד בֹּקֶר (לִיתֵּן בֹּקֶר עַל בֹּקֶר) מֶען זָאל גֶעבֶּען צוּם בֹּקֶר נָאךְ אַמָאל אַבֹּקֶר, עֶס זָאל זַיין נָאךְ פְרִיעֶר ווִיא בֹּקֶר (שֶׁהַבֹּקֶר מַשְׁמָעוֹ מִשְּׁעַת הָנֵץ הַחַמָּה) בֹּקֶר וֶוערְט גֶערוּפֶן וֶוען דִי זוּנְן הֵייבְּט אָן לַייכְטֶן, וָואלְט מֶען מֵיינֶען מֶען מֶעג עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח בִּיז אִין דֶער פְרִיה וֶוען דִי זוּנְן הֵייבְּט אָן לַייכְטִין, אוּנ וָוס עֶס בְּלַייבְּט נָאכְדֶעם זָאל מֶען פַארְבְּרֶענֶען (וּבָא הַכָּתוּב לְהַקְדִּים) זָאגְט דֶר אַנְדֶרְער בֹּקֶר אַז פְרִיעֶר טָאר מֶען נִיט עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח (שֶׁאָסוּר בַּאֲכִילָה מֵעֲלוֹת הַשַּׁחַר) ווִי עֶס גֵייט נָאר־אוֹיף דֶער מָארְגֶענְשְׁטֶערְן טָאר מֶען נִיט עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אוּנ וָואס עֶס בְּלַייבְּט מוּז מֶען פַארְבְּרֶענֶען (וְעוֹד מִדְרָשׁ אַחֵר לָמֵד) דֶר אַנְדֶערֶער בֹּקֶר לֶערְנְט אוּנְז נָאךְ אַזַאךְ (שֶׁאֵינוֹ נִשְׂרָף בְּיוֹם טוֹב) מֶען זָאל נִיט פַארְבְּרֶענֶען דִי גִבְּלִיבֶּענֶע פְלֵייש פוּן קָרְבַּן פֶּסַח אוּם יוֹם טוֹב (אֶלָּא מִמָּחֳרָת) נָאר אוֹיף מָארְגֶען נָאךְ יוֹם טוֹב (וְכַךְ תִּדְרְשֶׁנּוּ) אוּנ אַזוֹ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אִין פָּסוּק (וְהַנּוֹתָר מִמֶּנּוּ בַּבֹּקֶר רִאשׁוֹן) וָואס עֶס וֶועט בְּלַייבֶּן

שפתי חכמים

לרבות כל המשקים. וא"ת לא יכתוב לא מים ולא מבושל אלא לכתוב נא ובשל ותו לא ומתרץ הרא"ם כיון דמבושל כולל גם הצלי כדכתיב ובשלת ואכלת ופרש"י דאף הצלי קרי בישול הוצרך לכתוב ולפרש במים לאפוקי צלי אע"ג דכתיב כ"א צלי אש וע"כ דמבושל לאו בצלי קמיירי: ל תקן בזה שלא תאמר דהראש עם כרעיו ועם קרבו צלאם לבדו והכבש לבדו ל"פ עם ראשו וכו' כלו' כל הכבש במשלם צלאו: מ וכתב הרא"ם זה אינו אלא אליבא דר"י הגלילי אבל ר"ע פליג בזה ואומר כמין בישול הוא זה אלא תולין תולה לו ותמיה לי איך הניח דברי ר"ע שהלכ' כמותו מחבירו ותפס דברי ר"י הגלילי עכ"ל [נח"י] ול"נ דאת"ד דכוונת הרב לפסוק הלכה כר"י לכך הזכיר בני מעיו בלחוד שנותן לתוכו הל"ל נמי נותן כרעיו לתוכו אלא דס"ל דכמו דכראשו כ"ע ל"פ שנותן לתוכו ולא פליגי אלא בכרעיו לחוד וכו' ע"ש: נ (נח"י) תימה לי דבכמה מקומות בש"ס מוכח שהוא עמוד השחר וכן פירש"י בהדיא בברכות דף ט' ובפסחים דף ק"כ: ם הא דלא נקט בל'

פירוש לתורת אלהים

הַאלְבּ גִבְּרָאטֶן אוּנ נִיט גְקָאכְט כִּי נַייעֶרְט צְלִי אֵשׁ עֶס זָאל זַיין גִבְּרָאטֶן אוֹיף פַייעֶר רֹאשׁוֹ זַיין קָאפּ עַל כְּרָעָיו מִיט זַיינֶע קְנִיא וְעַל אוּנ מִיט קִרְבּוֹ זַיין אִינְוֵוייניגְסְטִי זַאכֶן זָאל אַלְץ זַיין גִבְּרָאטֶן: (י) וְלֹא תוֹתִירוּ אוּנ אִיר זָאלְט פוּן אִים נִיט לָאזֶען בִּיז מָארְגִין וְהַנּוֹתָר מִמֶּנּוּ עַד בֹּקֶר אוּנ דָס וָוס וֶועט בְּלַייבֶּן פוּן אִים בִּיז מָארְגִין

מצות השם

פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אוּנ דֶר סֵדֶר אִיז פוּן מְלָכִים וְשָׂרִים זֵיי זָאלֶען עֶסִין גֶעבְּרָאטֶן, פְלֵייש ווַייל דָס אִיז זֵייעֶר אֵיין גוּט מַאֲכָל אוּנ דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשֶׁן קֶענֶן נִישְׁט קוּמֶן צוּ דִי גוּטֶע מַאֲכָלִים וָוארֶן זֵיי ווִילֶן אַסַאךְ דוּרְךְ דֶעם קָאכֶן זֵיי אָן דָם פְלֵייש זֵיי זָאלֶן הָאבֶּן אַסַאךְ אָבֶּר בַּיי דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח ווַייל מִיר מַאכֶן דָם אֵיין זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם אַז מִיר זֶענֶען אַרוֹים גֶעגַאנְגֶן לְחֵירוּת מִיר זָאלֶן זַיין אֵיין קִינִיגְרַייךְ פַיר זִיךְ אוּנ מִיר זָאלֶן זַיין אֵיין בַּזוּנְדֶער פָאלְק אוּנ אֵיין עַם קָדוֹשׁ בַּדַארְף מִיר בְּוַודַאי זִיךְ נוֹהֵג צוּא זַיין אַזוֹ ווִי מְלָכִים אוּנ צוּ בְּרָאטֶן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח. אוּנ דִי דָאזִיגֶע מִצְוָה וָואס מִיר זָאגֶן דָא גֵייט אָן סַייא בַּיי זְכָרִים אוּנ סַיי בַּיי נְקֵבוֹת:

(ח) (וְלֹא תוֹתִירוּ וגו') ווַייל דִיא מִצְוָה אִיז נָאר גֶעגֶעבֶּן גֶעוָוארֶן פַר אֵיין זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרַיִם אַז מִיר זֶענֶען אַרוֹים גֶעגַאנְגֶן לְחֵירוּת דוּרְךְ דֶעם זֶענֶען מִיר גֶעבָּאטֶן גֶעוָארֶן אַז מִיר זָאלֶן נִיט אִיבֶּער לָאזֶען דָאס עֶנְיָן דֶער פוּן אִיז אַזוֹ ווִיא מְלָכִים וְשָׂרִים דַארְפֶען נִיט אִיבֶּער לָאזֶען פוּן אֵיין טָאג אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען אַזוֹ אוּנְז זֶענֶען מִיר גֶעבָּאטֶען גֶעוָוארֶען אַז מִיר טָארִין נִיט אִיבֶּער לָאזֶען פוּן אֵיין טָאג אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען אוּנ אַז מֶען הָט אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן אֵיין טָאג אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶן דַארְף מֶען פַר בְּרֶענֶען אַזוֹ ווִיא עֶס פִירְט זִיךְ בַּייא מְלָכִים דָאס אִיז אַלְץ אֵיין זֵכֶר אַז מִיר זֶענֶען דֶר לֵייזְט גֶעוָוארֶן פוּן דֶעם גָּלוּת אוּנ מִיר זֶענֶען עוֹלָה גֶעוֶוען לִגְדוּלָּה וּלְמַלְכוּת אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג סַייא בַּיי זְכָרִים אוּנ סַיי בַּייא נְקֵבוֹת בִּזְמַן וֶוען דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ אַזוֹ בַּאלְד מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶועזֶן אוּנ מֶען הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט קוּמְט נִישְׁט קֵיין מַלְקוּת:

עַד־בֹּקֶר בָּאֵשׁ תִּשְׂרֹפוּ׃ יא וְכָכָה תֹּאכְלוּ אֹתוֹ מָתְנֵיכֶם חֲגֻרִים נַעֲלֵיכֶם בְּרַגְלֵיכֶם וּמַקֶּלְכֶם בְּיֶדְכֶם וַאֲכַלְתֶּם אֹתוֹ בְּחִפָּזוֹן פֶּסַח הוּא

עַד צַפְרָא בְּנוּרָא תּוֹקְדוּן׃ יא וּכְדֵין תֵּיכְלוּן יָתֵהּ חַרְצֵיכוֹן יְהוֹן אֲסִירִין מְסָנֵיכוֹן בְּרַגְלֵיכוֹן וְחוּטְרֵיכוֹן בִּידֵיכוֹן וְתֵיכְלוּן יָתֵהּ בִּבְהִילוּ

תו"א ואכלתם אתו ו פסחים כד: בחפזון ברכות נז: פסח הוא פסחים לו:

רשב"ם

(יא) פסח הוא לה'. שהמלאך ידלג ויניח בית ישראל להכות בכורות שבבתי מצרים:

בעל הטורים

(יא) וככה. ב' במסור' וככה תאכלו אותו. וככה יהי' נעור גבי עזרא כשהשביע לבני הגולה לעזוב המשא לא יקח ביאה שניה לביאה ראשונה כמו שדרשו ראוי הי' ליעשות להם נס בימי עזרא כמו שנעשה בימי משה אלא שגרם החטא: חגורים. ג' במסור' מתניכם חגורים ואידך בענין פסל מיכה ושם מאות איש חגורים. וזה שדרשו שפסל מיכה עבר עמהם בים שאף כשהיו חגורים ללכת היה הפסל עמהם ואידך בדניאל והנה איש א' לבוש בדים ומתניו חגורים לו' שאע"פ שהיו כהם רשעים. לדיקים בכהם דומים למלאכי השרת: בחפזון. ג' במסורה הכא ואידך כי בחפזון יצאת ממצרים כי לא בחפזון תצאו וזה שדרשו דלאו בחפזון דישראל היה דכתיב כי לא

בית יהודא

פון די פלייש דעז ע־שטן פריה מארגן ודס איז יום טוב דר ערשטר טאג פסח) (עד בוקר שני תעמוד ותשרפנו) זאלסטו ווארטן ביז דעם אנדערן מארגן (ביז דעם ערשטן טאג חול המועד) אונ זאלסט פארברענגן די פלייש: (יא) ומתניכם חגורים). איירע לענדן זאלען זיין גגארטילט (מי ומנים לדרך) איר זאלט זיין גרייט צוא גיין אין וועג: ובחפזון). זאגט רש"י (לשון בהלה ומהירות) ווי איינר אײלט גשווינד ווייל ער שרעקט (כמו) ווי עס שטייט (ויהי דוד נחפז ללכת) דוד איז גיוועזן געאיילט צו גיין ווייל ער הט געשראקן גן ־ר שאול (אשר השליכו ארם בחפזם) וום די ארם האבען אנ געווארפען אײלענדיג ווייל זיי האבע געשראקן פר די מלחמה: ופסח

רש"י

ותשרפנו: (יא) מתניכם חגורים. מזומנים ע לדרך: בחפזון. לשון בהלה ומהירות כמו (ש"א כג) ויהי דוד נחפז ללכת (מ"ב ז) אשר השליכו ארם בחפזם: פסח הוא.

שפתי חכמים

הכתוב באם תשרפנו משום דלא תימא שורף והולך מיום ראשון עד יום שני לכך אמר תעמוד ותשרפנו יורה שתחלת עמידתו לשורפו לא יהא אלא עד בוקר שני (רא"ם) [ג"א] שלא תאמר שלא ישרפנו עד בקר השני אבל אם לא ירצה לשורפו הרשות בידו להניחו כך לכ"א תעמוד ר"ל שהוא מלות עשה לשורפו: ע ר"ל דלאו דוקא שיחגרו מתניהם וכו'

דעת זקנים מבעלי התוספות

(יא) ואכלתם אותו בחפזון. תקנו חכמים שיהא נאכל על השובע והטעם "מפרש בירושלמי משום דכתיב ועצם לא תשברו בו וכשאדם רעב יש לו לחוש לשבירת עצם ופרק כיצד צולין מסיק שאין חיוב שבירת עצם נוהג אלא בשעת אכילת הפסח:

ליקוטי מרדכי

(יא) וְכָכָה תֹּאכְלוּ אוֹתוֹ וגו'. דער אלשיך ז"ל שרייבט דיא תורה דערציילט אונז ווי גרויס ד"א אמונה פון יודען איז דאמא"ם גיוועזן אין הקב"ה אונ אין זיין קנעכט משה, זיי האבן געגלייבט. אין הקב"ה אז ער קען טאהן וום ער וויל, אונ האבן געגלייבט אין משה, ווס משה זאגט איז אמת אז הקב"ה הט אזוי געבאטן, אונ ווען אפילו יודן האבן נאך גאר ניט געזעהן קיין צייכען פון אאויסלייזונג, פון דעסטוועגען האבען זייא איינגישטעלט דם לעבען אונ האבן געשאכטען די שעפסין ווס ביי די מצרים איז דם גיוועזן הייליג ווי משה אליין הט אמאל געזאגט צו פרעה אז מיר וועלען שעכטען שעפסען אין מצרים וועלען דיא מצרים אונז בעווארפען מיט שטיינער), אונ האבען געשמירט די בלוט פון די שעפסן אויף דיא זייטען פון זייערע

פירוש לתורת אלהים

בָּאֵשׁ תִּשְׂרֹפוּ זאלט איר פאר ברענגען אין פייער׃ (יא) וְכָכָה תֹּאכְלוּ אוֹתוֹ אונ אזו זאלט איר אים עסען מָתְנֵיכֶם אייערע לענדין חֲגֻרִים ארום גינארטעלט נַעֲלֵיכֶם בְּרַגְלֵיכֶם אייערע שיך זאל זיין אויף אייערע פים וּמַקֶּלְכֶם בְּיֶדְכֶם אונ אייערע שטעקין זאלט איר האלטען אין אייערע הענד איר זאלט אלע זיין גרייט צוא גיין אין וועג אריין וַאֲכַלְתֶּם אוֹתוֹ בְּחִפָּזוֹן אונ איר זאלט אים עסען איילינדיג פֶּסַח הוּא לַיְיָ

משלי נחמיה

(יא) וַאֲכַלְתֶּם אוֹתוֹ בְּחִפָּזוֹן וגו'. דר ענין איז למשל אסוחר פון רוסלאנד הט גדארפט פארן אין פאריז, אונ דארטן האנדלין מיט אזעלכע סוחרים ווס ער וועט מוזין מיט זיי ריידן פראנצעזיש, ער הט אבר קיין פראנצעזיש געקענט, הט ער גזוכט נעמען מיט זיך אמענטש ווס קען פראנצעזיש, הט מען אים געזאגט אין די גאס וואהנט אאלמנה זיא הט אזוהן אבחור ווס קען פראנצעזיש, ער איז געקומען צו דיא אלמנה בעטען זיא זאל אים געבן איר זוהן ער זאל פארן מיט אים אין פאריז, הט די אלמנה ניט גיוואלט, זיא הט גזאגט זיא הט מורא טאמר וועט אים טרעפן אאומגליק אין וועג, נאך פיל בעטען ווס דר סוחר הט איר גבעטן, איז גבליבן דר סוחר זאל איר געבן אמשכון, ער זאל שווערן אויב עס וועט טרעפן דעם בחור אאומגליק אין וועג זאל ער איר געבען זיין געמאהערטע הויז ווס ער הט, עס איז אזוי געבליבן, דר סוחר מיט דעם בחור זענן גיפארן, דר סוחר האט שטארק געהיט דעם בחור עס זאל אים קיין אומגליק טרעפן דעם נאנצען וועג, ווייל ער וועט מוזן האלטן זיין שבועה, אונ אוב ח"ו עס וועט אים טרעפן אאומגליק וועט ער מוזן אוועק געבען די אלמנה זיין גרויסע הויז. ביז ער הט אים געברייגגט צוריק אהיים האט ער געהאט פון אים גרויסע צרות, ער הט אבר אלץ גמוזט ליידן. דם זעלביגע איז גיוועזן ביי הקב"ה ער הט געוואלט געבען ישראל מיט מצות אויף דר וועלט, ער הט אבער קיינע געהאט וועמען ער זאל געבן, הט ער גטראגן אברהם אבינו זיינע קינדער וועלן נעמען די תורה, נאר פריער מוזן זיי זיין אין מצרים אין גלות, זאל מיט זיי ארבעטן, אברהם וועלן זיי נעמען די תורה, אברהם הט אבער ניט איינגעוויליגט זיינע קינדער זאלן גיין אין מצרים ביז הקב"ה הט צו אים גשוואוירן (ונאך די עקדה) אונ ביי ברית בין הבתרים צוגעזאגט ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, דר מדרש זאגט אויף די צוויי ווערטער "ידוע תדע" ידוע שאני כמשכנן, זאלסט וויסן איך וועל זיי געבן אמשכון אין מצרים, תדע שאני פורקן, זאלסט וויסן איך וועל זיי אויסלייזן פון מצרים, דריבר איז גיוועזן הקב"ה שולדיג צו אברהם ער מוז אויסלייזן די יודן פון מצרים

אונ

לַיהוָה׃ יב וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ־מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה וְהִכֵּיתִי כָל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מֵאָדָם וְעַד־בְּהֵמָה וּבְכָל־אֱלֹהֵי מִצְרַיִם אֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים

פִּסְחָא הוּא קֳדָם יְיָ׃ יב וְאֶתְגְּלֵי בְאַרְעָא דְמִצְרַיִם בְּלֵילְיָא הָדֵין וְאֶקְטוֹל כָּל בּוּכְרָא בְּאַרְעָא דְמִצְרַיִם מֵאֱנָשָׁא וְעַד בְּעִירָא וּבְכָל טַעֲוַת מִצְרַיִם

תו"א ועברתי ברכות ט: בלילה הזה מגילה כא: ובכל אלהי נדרים כא:

רשב"ם

(יב) אעשה שפטים. לפי שהיה בוטח באלהי מצרים ואמר מי ה׳;

רש"י

לה׳. הקרבן הוא קרוי פסח על שם הדלוג פ והפסיחה שהקב"ה מדלג בתי ישראל מבין בתי מצרים וקופץ ממצרי למצרי וישראל אמצעי נמלט צ ואתם עשו כל עבודותיו לש"ש (ד"א) דרך דילוג וקפיצה זכר לשמו שקרוי פסח וגם פסק"א ל׳ פסיעה: (יב) ועברתי. כמלך העובר ממקום למקום ק ובהעברה אחת וברגע אחד כולן לוקין (מכילתא): כל בכור בארץ מצרים. אף בכורות אחרים ר והם במצרים ומנין אף בכורי מצרים שבמקומות אחרים ת"ל (תהלים קלו) למכה מצרים בבכוריהם: מאדם ועד בהמה. מי שהתחיל בעבירה תחלה ממנו מתחלת הפורענות: ובכל אלהי מצרים. של עץ נרקבת ושל מתכת נמסת ונתכת לארץ: אעשה שפטים אני ה׳.

בית יהודא

הוא לה׳. (הַקָּרְבָּן הוּא קָרוּי פֶּסַח) דֶר קָרְבָּן װערט גערופן פֶּסַח (עַל שֵׁם הַדִּלּוּג וְהַפְּסִיחָה) װעגען דם איבערהיפונג אונ דאס שפרינגען (שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּ"ה מְדַלֵּג עַל בָּתֵּי יִשְׂרָאֵל מִבֵּין בָּתֵּי מִצְרַיִם) װארום הקב"ה איז אריבערגעשפרונגען די יודישע הייזער װס זענען געװען צװישען די מצרישע הייזר (וְקוֹפֵץ מִמִּצְרִי לְמִצְרִי וְיִשְׂרָאֵל אֶמְצָעִי נִמְלָט) הקב"ה איז געשפרונגען פון איין מצרי צום אנדערען מצרי נער האט געהרגת די בכורים װס זענען געװען ביי דעם מצרי אונ האט געהרגת די בכורים װס זענען געװען ביי דעם אנדערען מצרי, אונ דער יוד װס איז געװען צװישען די ביידע מצרים איז גערעטעט געװארן (וְאַתֶּם עֲשׂוּ כָּל עֲבוֹדוֹתָיו לְשֵׁם שָׁמַיִם) אונ איר זאלט אלץ טאן ביי דעם קרבן פסח נוייל הקב"ה האט געבאטען (דֶּרֶךְ דִּלּוּג וְקְפִיצָה) װי מען שפרינגט אונ מען היפטאיבער (זֵכֶר לִשְׁמוֹ) דם זאל זיין אנדיינקונג צו דעם נאמען פון קרבן (שֶׁקָּרוּי פֶּסַח) װאס ער װערט גערופן פסח (וְגַם פַּסְקָא לָשׁוֹן פְּסִיעָה) דער װארט פסקא איז טייטש טרעטין אונ פסקא איז איך װיא פסחא: (יב) וְעָבַרְתִּי. הקב"ה האט געזאגט איך װעל דורך גיין אין מצרים (כְּמֶלֶךְ הָעוֹבֵר מִמָּקוֹם לְמָקוֹם) װי א מלך גייט פון איין ארט צום אנדערען ארט (וּבְהַעֲבָרָה אַחַת וּבְרֶגַע אֶחָד כֻּלָּן לוֹקִין) מיט איין דורך גיין אונ אין איין רגע זענען אלע בכורים פון גאנץ מצרים געשטארבען: וְכָל בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם. זאגט רש"י (אַף בְּכוֹרוֹת אֲחֵרִים וְהֵם בְּמִצְרַיִם) אפילו בכורים פון אנדערע מענטשען װאס זענען געװען די נאכט אין מצרים זענען אויך געשטארבען, זאגט רש"י (וּמִנַּיִן אַף בְּכוֹרֵי מִצְרַיִם שֶׁבִּמְקוֹמוֹת אֲחֵרִים) פון װאנען װייסען מיר אז די בכורים פון מצרים װס זענען געװען דיא נאכט אין אנדערע ארטער, זענען אויך געשטארבען (תַּלְמוּד לוֹמַר לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם) זאגט דער פסוק הקב"ה האט געשלאגען די מצרים מיט זייערע בכורים, די בכורים װאס זענען געװען אין מצרים אונ די בכורים װס זענען געװען אויסער מצרים: וּמֵאָדָם וְעַד בְּהֵמָה. זאגט רש"י (מִי שֶׁהִתְחִיל בַּעֲבֵירָה תְּחִלָּה) װער עס האט פריער אנגעהויבען זינדיגען (מִמֶּנּוּ מַתְחֶלֶת הַפּוּרְעָנוּת) פון אים האט פריער אנגעהויבען דיא שטראף: וּבְכָל אֱלֹהֵי מִצְרַיִם. הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא האט געזאגט איך װעל פארענדען די גאטער פון מצרים (שֶׁל עֵץ נִרְקֶבֶת) די הילצענע גאטער װעלען פארפוילט װערען (וְשֶׁל מַתֶּכֶת נְמַסֶּת וְנִתֶּכֶת לָאָרֶץ) די גאטער װאס זענען פון מאטערעיאל װעלען צושמאלצן װערען אונ צוגאסען װערען אויף די ערד: וְאֶעֱשֶׂה שְׁפָטִים אֲנִי

שפתי חכמים

אלא שיהיו ממהרים כמו שרוצים לילך לדרך: פ רצונו לפרש דפסח הוא לה׳ משמע שהוא נותן טעם למה ואכלתם אותו בחפזון: צ ה"ג ואתם עשו כל עבודותיו לשם שמים דרך דילוג וקפיצה זכר לשמו וכו׳ ול"ג ד"א (מהרש"ל): ק כלומר כמו מלך שמנהגו לילך בדרך ישרה ואינו פונה לכאן ולכאן במבואות העיר כך הקדוש ברוך הוא היה עובר במבוי אחד בלבד ובאותו העברה לקו בכורי מצרים בין באותו מבוי בין במבואות אחרים דאם לא כן ועברתי למה לי [רא"ם]: ר דאם

פירוש לתורת אלהים

דֶר קָרְבָּן װערט אַן גירופן פֶּסַח צוּ גאט [עיין רש"י]: **(יב) וְעָבַרְתִּי אונ איך גאט װעל איבער פארן אין לאנד מִצְרַיִם אין דער זעלביגער נאכט וְהִכֵּיתִי אונ איך װעל שלאגן אלע בכורים אין לאנד מִצְרַיִם מֵאָדָם פון די בכורים פון מענשען וְעַד בְּהֵמָה ביז דיא בכורים פון בהמות װעל איך אלע הרגנן וּבְכָל אונ אין אלע אפ געטער פון מִצְרַיִם װעל איך טאן מִשְׁפָּטִים** [עיין רש"י]

ליקוטי מרדכי

טירן, אלע מצרים זאלען זעהן דם בלוט פון זייער עבודה זרה, אונ מעי הט דעם שעפס געבראטען אויף אשפיז אויף דעם פייער, דר ריח זאל שמעקין אין גאנץ מצרים אונ האבן געגעסען דאס פלייש פון די שעפסין, אונ האבן געגלייבט אז די נאכט װעלען זייא אויסגעלייזט װערין, זענען זיי גיזעסין גרייט צום ארויס גיין אנגעטאהן די שיך, ארומגענארטילט, דיא שטעקנס אין דיא הענט, אונ האבען גיגעסען געשװינט, אונ האבען קיין ביין צו בראכן ארוים צו נעמן פון אים די מארך, װייל זייא האבן זיך געאיילט, װי הקב"ה הט גיזעהן די אמונה פון יודען איז אזוי גרוים, הט הקב"ה זיך באלד גענומן צו זייער אויסלייזונג אונ האט געהרגת דיא בכורים, װיא עס שטייט אין דיא פסוקים:

משלי נחמיה

אונ ער מוז זיי ברייגגען אין ארץ ישראל, דריבער אז הקב"ה הט געזעהן יודין שטייען שלעכט אין מצרים, ערשטונס פון די ארבעט, צװייטונס פון די טומאה, אז ער װעט זיי ניט אויפגעשװינט ארום נעמן פון מצרים, װעט ער זיי שון ניש קענן ארויסנעמן, נוס װעט זיין מיט די שבועה, דריבער הט הקב"ה געהייסן ואכלתם אותו בחפזון מען זאל עסין דעם קרבן פסח געשװינט, אז אין זיי װעט נאר אריין קומען די הייליגקייט פון קרבן פסח, מיט די אמונה צוא הקדוש ברוך הוא, װעט דיא טומאה פון מצרים ניט קענן זייא מער מטמא זיין אונ מען װעט זייא ארוים נעמען פון מצרים אונ מען װעט זייא געבען דיא תורה אונ ברייגגען אין ארץ ישראל:

אֲנִי יְהוָה׃ יג וְהָיָה הַדָּם לָכֶם לְאֹת
עַל הַבָּתִּים אֲשֶׁר אַתֶּם שָׁם וְרָאִיתִי
אֶת־הַדָּם וּפָסַחְתִּי עֲלֵכֶם וְלֹא־יִהְיֶה
בָכֶם נֶגֶף לְמַשְׁחִית בְּהַכֹּתִי בְּאֶרֶץ
מִצְרָיִם׃ יד וְהָיָה הַיּוֹם הַזֶּה לָכֶם
לְזִכָּרוֹן וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ חַג לַיהוָה

אונקלוס

אֶעְבֵּד דִּינִין אֲנָא יְיָ׃
יג וִיהֵי דְמָא לְכוֹן לְאָת
עַל בָּתַּיָא דִּי אַתּוּן תַּמָּן
וְאֶחֱזֵי יָת דְּמָא וְאֵיחוּס
עֲלֵיכוֹן וְלָא יְהֵי בְכוֹן
מוֹתָא לְחַבָּלָא בְּמִקְטְלִי
בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם׃ יד וִיהֵי
יוֹמָא הָדֵין לְכוֹן לְדוּכְרָנָא
וּתְחַגּוּן יָתֵהּ חַגָּא קֳדָם יְיָ׃

רשב"ם

(יד) תחגוהו. חטף קמץ נמצא בספרי מלכיות אחרות והוא עיקר שמגזרת חגג יאמר תחגוהו. כמו מן סבב יסבוהו ערבי נחל. אבל תחגוהו בפתח כן גזרת

בעל הטורים

בחפזון תלאו: (יג) והיה הדם לכם. לכם בגימטריא המילה שבאותו לילה נמלו: לאת. כתיב חסר וי"ו לומר שנמילת אברהם עד מילת

בית יהודא

ה׳]. הקב"ה זאגט (אֲנִי בְּעַצְמִי) איך אַליין וועל זיי שְׁטְרָאפֶן (וְלֹא ע"י שָׁלִיחַ) ניט דורך אַשְׁליח: (יג) [וְהָיָה הַדָּם לָכֶם לְאוֹת]. די בְּלוּט פון קָרְבַּן פֶּסַח וועט זיין צו אייך אַצייכען (לָכֶם לְאוֹת) צו אייך וועט די בְּלוּט זיין אַצייכען (וְלֹא לַאֲחֵרִים לְאוֹת) אָבער ניט צו אַנדערע וועט זיין דר צייכען, הקב"ה דַארף ניט דעם צייכען (מִכָּאן) פון דַאנען ווייסען מיר (שֶׁלֹּא נָתְנוּ הַדָּם אֶלָּא מִבִּפְנִים) אַז די יודען האָבען ניט בעשמירט די בלוט אויסוויינעג, נאר אינוויינעג: [וְרָאִיתִי אֶת הַדָּם]. פרעגט רש"י צו וואס דַארף הקב"ה זעהן דעם צייכען פון די בלוט (הַכֹּל גָּלוּי לְפָנָיו) הקב"ה ווייס דאך אַלץ (אֶלָּא אָמַר הקב"ה) נאר אַזוי האט הקב"ה געזאָגט (נוֹתֵן אֲנִי אֶת עֵינַי לִרְאוֹת) איך וועל געבען מיינע אויגען צו זעהן (שֶׁאַתֶּם עֲסוּקִים בְּמִצְוֹתַי) אַז איר בעשעפטיגט אייך מיט מיינע מצות (וּפוֹסֵחַ אֲנִי עֲלֵיכֶם) וועל איך איבער היפּען אייערע שטובען: [וּפָסַחְתִּי]. (וְחָמַלְתִּי) איך וועל אויף אייך רחמנות האָבען (וְדוֹמֶה לוֹ פָּסֹחַ וְהִמְלִיט) וויא עס שטייט אין פסוק ער וועט האָבען רחמנות, אונ וועט אים מאכען אַנטרינען, זאָגט רש"י (וַאֲנִי אוֹמֵר) אונ איך זאָג (כָּל פְּסִיחָה לָשׁוֹן דִּלּוּג וּקְפִיצָה) דער וואָרט פסיחה מיינט מען איבער היפּען אונ שפּרינגען, [וּפָסַחְתִּי] מיינט מען (מְדַלֵּג הָיָה מִבָּתֵּי יִשְׂרָאֵל לְבָתֵּי מִצְרַיִם) הקב"ה איז געשפּרונגען פון די יודישע שטובען צו דיא מצרישע שטובען (שֶׁהָיוּ שְׁרוּיִם זֶה בְּתוֹךְ זֶה) ווייל זיי האָבען געוואוינט אויסגעמישט איינער אין אַנדערען, די מצרים מיט די יודען צוזאַמען (וְכֵן פּוֹסְחִים עַל שְׁתֵּי הַסְּעִיפִּים) זיי שפּרינגען אויף צוויירלייא געדאַנקען, איז פּוסחים דער טייטש שפּרינגען (וְכֵן כָּל הַפִּסְּחִים הוֹלְכִים כִּקְופְּצִים) אַלע לאָהמע (הינקעדיגע) גייען שפּרינגענדיג (וְכֵן פָּסוֹחַ וְהִמְלִיט) קען מען אויך טייטשען (מְדַלְּגוֹ וּמְמַלְּטוֹ מִבֵּין הַמּוּמָתִים) ער האט אים געמאַכט שפּרינגען אונ אַנטרינען (אנטלויפען) פון צווישען די געהרגעטע: [וְלֹא יִהְיֶה בָכֶם נֶגֶף]. אין אייך וועט קיין מאַרד זיין (אֲבָל הוֹוֶה הוּא בְּמִצְרַיִם) אָבער אין מצרים וועט זיין אַמאַרד (הֲרֵי שֶׁהָיָה מִצְרִי בְּבֵיתוֹ שֶׁל יִשְׂרָאֵל) אויב אַמצרי (אַבכור) איז געוועזן די נאַכט בייא אַיוד אין שטוב (יָכוֹל יִמָּלֵט) וואָלט איך מיינען ער וועט געראַטעוועט ווערען (תַּלְמוּד לוֹמַר וְלֹא יִהְיֶה בָכֶם נֶגֶף) זאָגט דר פסוק אין אייך וועט קיין מאַרד זיין (אֲבָל יִהְיֶה בְּמִצְרִי שֶׁבְּבָתֵּיכֶם) אָבער עס וועט זיין אַמאַרד אין דעם מצרי אַפילו ער וועט זיין בייא אייך אין שטוב (הֲרֵי שֶׁהָיָה יִשְׂרָאֵל בְּבֵיתוֹ שֶׁל מִצְרִי) אויב אַיוד איז געוועזן בייא אַמצרי אין שטוב (שׁוֹמֵעַ אֲנִי יִלָּקֶה כְּמוֹתוֹ) וואָלט איך מיינען דר יוד זאָל אויך שטאַרבען אַזוי ווי דר מצרי איז געשטאָרבען (תַּלְמוּד לוֹמַר וְלֹא יִהְיֶה בָכֶם נֶגֶף) זאָגט דער פסוק צו די יודען אין אייך וועט ניט זיין אַנגף, וואו איר וועט זיין, אַפילו איר וועט זיין ביי דעם מצרי אין שטוב: (יד) [לְזִכָּרוֹן]. (לְדוֹרוֹת) צו

רש"י

אני בעצמי ולא ע"י שליח: (יג) והיה הדם לכם לאות. לכם לאות ולא לאחרים לאות מכאן שלא נתנו הדם אלא מבפנים: וראיתי את הדם. הכל גלוי לפניו אלא אמר הקב"ה נותן אני את עיני לראות שאתם עסוקים במצותי ופוסח אני עליכם: ופסחתי. וחמלתי ודומה לו (ישעיה לא) פסוח והמליט ואני אומר כל פסיחה לשון דלוג וקפילה ופסחתי מדלג היה מבתי ישראל לבתי מצרים שהיו שרויים זה בתוך זה וכן (מ"א יח) פוסחים על שתי הסעיפים וכן כל הפסחים הולכים כקופצים וכן פסוח והמליט מדלגו וממלטו מבין המומתים: ולא יהיה בכם נגף. אבל הווה הוא במצרים (מכילתא) הרי שהיה מצרי בביתו של ישראל יכול ימלט ת"ל ולא יהיה בכם נגף אבל הווה במצרי שבבתיכם הרי שהיה ישראל בביתו של מצרי שומע אני ילקה כמותו ת"ל ולא יהיה בכם נגף: (יד) לזכרון. ת לדורות:

שפתי חכמים

לא כן בארץ מצרים למה לי: ש מדכתיב אעשה שפטים לנ"ל אני ה׳ והא דכתיב וה׳ הכה כל בכור ופי׳ רש"י הוא ובית דינו יש לומר כיון שהוא עצמו היה המכה אף על פי שב"ד עמו אינו נקרא על ידי שליח: ת [גח"י] שלא גא"ר מדכתיב לכם ה"א

פירוש לתורת אלהים

אֲנִי יְיָ איך גאָט וועל דָס אַליין טאָן ניט דורך אַשְׁלִיחַ: (יג) וְהָיָה אונ דָס בלוט וואָס איר וועט שמירען אויף די בייא שטידלך פון אייערע הייזר זאָל זיין לָכֶם לְאוֹת צו אייך אַצייכען עַל הַבָּתִּים אויף די הייזר וואָס איר וואָנט דאָרטען וְרָאִיתִי אונ אַז איך וועל זעהן איר זענט עוסק אין מיינע מצות וּפָסַחְתִּי עֲלֵיכֶם וועל איך איבער אייך איבער היפּען בְּשָׁעַת איך וועל שלאָגען די בכורים פון מִצְרַיִם וְלֹא יִהְיֶה אונ עס וועט ניט זיין אין אייך קיין מאָרד לְמַשְׁחִית צו אַפּר דארבונג בְּהַכֹּתִי ווען איך וועל שלאָגען דיא בכורים בְּאֶרֶץ אין דעם לאַנד מִצְרָיִם׃ (יד) וְהָיָה אונ דער פיפצעהנטער טאָג אין חודש ניסן זאָל זיין צו אייך צו אַגידעכעניש וְחַגּוֹתֶם אוֹתוֹ אונ דער

לְדָרֵיכוֹן קְיָם עָלַם תְּחָגְּנֵהּ׃ טו שִׁבְעַת יוֹמִין פַּטִּיר תֵּיכְלוּן בְּרַם

לְדֹרֹתֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם תְּחָגֻּהוּ׃ טו שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ אַךְ

תו"א שבעת ימים פסחים לח:

בעל הטורים

מצרים היו ת"ח שנה: (טו) אך ביום הראשון תשביתו. אך בגימ' חובה שאין חובה אלא ביום הראשון:

רש"י

וחגותם אותו. (מכילתא) יום שהוא לך לזכרון אתה חוגגו ועדיין לא שמענו אי זהו יום הזכרון א ת"ל זכור את היום הזה אשר יצאתם למדנו שיום היציאה הוא יום של זכרון ואיזה יום יצאו ת"ל (במדבר לג) ממחרת הפסח יצאו הוי אומר יום ט"ו בניסן הוא של יו"ט שהרי ליל ט"ו אכלו את הפסח ולבקר יצאו: לדרתיכם. שומע אני מיעוט דורות שנים תלמוד לומר חקת עולם ב תחגוהו (מכילתא): (טו) שבעת ימים. שטיינ"א של ימים: שבעת ימים מצות תאכלו. ובמקום אחר הוא אומר (דברים טז) ששת ימים תאכל מצות (פסחים קכ) למד על שביעי של פסח שאינו חובה לאכול מצה ג ובלבד שלא יאכל חמץ מנין אף ששה רשות ת"ל שבעת ימים זו מדה בתורה דבר שהיה

בית יהודא

געדיינקען אויף שפּעטערדיגע צייטן ביי אייערע קינדער: וְחַגּוֹתֶם אוֹתוֹ. איר זאָלט אים מאַכן איום טוב, ווען, זאָגט רש"י מען מיינט (אותו יום שהוא לך לזכרון אתה חוגגו) דעם טאָג וואָס ער וועט ביי דיר זיין אַאָנדיינקונג אויף יְצִיאַת מִצְרַיִם, זאָלסטו דעם טאָג מאַכן יום טוב (ועדיין לא שמענו איזהו יום הזכרון) מיר האָבן אָבער נאָך ניט געהערט וועלכער טאָג זאָל זיין דר אָנדיינקונג (תלמוד לומר) זאָגט אונז דר פּסוק (זכור את היום הזה אשר יצאתם) איר זאָלט געדיינקען דעם טאָג וואָס איר זענט אין אים אַרויסגעגאַנגען פון מִצְרַיִם (למדנו) לערנען מיר (שיום היציאה הוא יום הזכרון) דעם טאָג וואָס מען איז אין אים אַרויסגעגאַנגען פון מִצְרַיִם אין דעם טאָג דאַרף זיין דר אָנדיינקונג (ואיזה יום יצאו) וועלכען טאָג איז מען אַרויסגעגאַנגען פון מִצְרַיִם (תלמוד לומר ממחרת הפסח יצאו) זאָגט אונז דער פּסוק אויף מאָרגען ווי מען האָט געמאַכט דעם קרבן פּסח איז מען אַרויסגעגאַנגען פון מִצְרַיִם, דעם קרבן פּסח האָט מען געמאַכט דעם פערצעהנטען טאָג אין ניסן געגעסען האָט מען אים די נאַכט צום פופצעהנטן (הוי אומר) וועלען מיר זאָגען (יום ט"ו בניסן הוא של יום טוב) דר פופצעהנטער טאָג אין ניסן איז יום טוב (שהרי ליל ט"ו אכלו את הפסח) וואָרום די נאַכט וואָס געהער צום פופצעהנטן טאָג האָט מען געגעסען דעם קרבן פּסח (ולבקר יצאו) אין דער פריה איז מען אַרויסגעגאַנגען פון מִצְרַיִם: (לדורותיכם) . דר יום טוב זאָל זיין צו אייערע דורות (שומע אני מיעוט דורות שנים) ווייל עס שטייט ניט צו ווי פיל דורות, איז דאָס ווייניגסטע צוויי דורות, וואָלט מען מיינען אַז נאָר צוויי דורות דאַרפן געדיינקען יציאת מִצְרַיִם און מאַכן יום טוב, ניט מעהר (תלמוד לומר חקת עולם תחגוהו) לערנט אונז דר פּסוק דער יום טוב זאָל געמאַכט ווערן אייביג: (טו) (שבעת ימים) . אַרט רש"י פאַר וואָס שטייט ניט שִׁבְעָה יָמִים, זאָגט רש"י (שטיינ"א של ימים) ווען עס וואָלט געשטאַנען שִׁבְעָה יָמִים, וואָלט מען געקענט מיינען זיבען טעג אֲפִילוּ ניט צוזאַמען, דריבער שטייט שִׁבְעַת צוזאַמען זיבען טאָג צוזאַמען איין טאָג נאָך דעם אַנדערען זאָלט איר מאַכען יום טוב: (שבעת ימים מצות תאכלו) . זיבען טעג זאָלט איר עסן מַצָּה, זאָגט רש"י (ובמקום אחר הוא אומר ששת ימים תאכל מצות) אויף איין אַנדער אָרט שטייט זעקס טעג זאָלט איר עסען מַצָּה (למד) דער פּסוק לערנט אונז (על שביעי של פסח שאינו חובה לאכול מצה) דעם זיבעטען טאָג פּסח איז ניט אַמִצְוָה צו עסן מַצָּה (ובלבד שלא יאכל חמץ) נאָר חָמֵץ טאָר מען ניט עסן (מנין אף ששה רשות) פון וואַנען ווייסען מיר אַז די זעקס טעג ביז צום זיבעטען איז אויך קיין מִצְוָה צו עסן מַצָּה (תלמוד לומר ששת ימים) אין דעם פּסוק שטייט שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ, זיבען טעג זאָל מען עסן מַצָּה, אין איין אַנדער פּסוק שטייט שֵׁשֶׁת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ, זעקס טעג זאָל מען

דעת זקנים מבעלי התוספות

(טו) אך ביום הראשון. פי' הזהרו שיהא השאור מושבת מבתיכם כבר ביום הראשון כלומר שתשביתו מכבר ביום י"ד

שפתי חכמים

לדור הזה ל"פ לדורות ולא הולרך הרב לזה שהרי כתיב אחריו לדורותיכם אלא כדי לסמכו לוחגותם וגו': א שהרי למעלה הוזכרו יום החודש ועבור וי"ד: ב (נח"י) וא"ל א"כ ל"ל לדורותיכם. י"ל דאי לאו לדורותיכם ס"א לזה הדור יהיה לחוקת עולם שיחוגו בכל שנה ושנה וכו': ג מדכתיב וביום השביעי עלרת לה' אלהיך (שמ"נ דלא

פירוש לתורת אלהים

טאָג זאָל זיין ביי אייך יום טוב צו גאָט לְדוֹרוֹתֵיכֶם צו אייערע דורות חֻקַּת עוֹלָם אַגעזעץ זאָלט איר אים מאַכן פאַר איום טוב אויף אייביג: (טו) שִׁבְעַת יָמִים זיבען טאָג פון פופצעהנטן טאָג אין ניסן ביז איין און צוואַנציג טאָג אין ניסן מַצּוֹת זאָלט איר עסן מַצּוֹת אַךְ בַּיּוֹם נאָר דעם ערשטן טאָג וואָס פאַר די זיבען טעג דאָס איז ערב

מצות השם

(ט) (אַךְ בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן תַּשְׁבִּיתוּ) פון דעם פּסוק לערנען מיר אַרוֹם אַז מען מוז פאַר שטערין דעם חָמֵץ וואָס מען האָט די נאַכט דאָ פריער גו זאַמען געגומען היינו וואָס מען האָט בודק חָמֵץ געוועזן און אַלעם דאָס עס געפונט זיך ביי אים אין הויז וואָס איז נאָר פון זוער טייג און אונזערע חֲכָמִים האָבען געשריבן אַז מען מוז נאָך זוכען אין אַלע לעכער און שפּאַלטן צו עס איז דאָרט ניט דאָ קיין חָמֵץ און די מִצְוָה איז אַז מען זאָל בודק חָמֵץ זיין מיט איין לעכט די נאַכט וואָס גיהער צום פערציטען טאָג און ער באַדאַרף מבטל צו זיין דעם חָמֵץ און אַז ניט איז ער עובר אויף

משלי חכמים

(טו) שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת וגו'. דר זוהר שרייבט דר ענין פון מַצָּה איז למשל אַמֶלֶךְ האָט גהאַט אַאיינציגען זוהן און ער איז קראַנק גיוואָרען, אַמאָל האָט גיטראָפן עס האָט אים געגלוסט צו עסין אַמין עסין וואָס איז ניט געזונד פאַר אים, האָט דר דאָקטאר געזאָגט מען זאָל אים געבען דעם מעדיצין, און ער וועט ניט וועלן נעמען דעם מעדיצין, זאָל מען אויסראַמין אַלע עסינוואַרג פון שטוב, וועט ער מוזין נעמען דעם מעדיצין, נאָכדעם אַז ער וועט האָבען גענומען דעם מעדיצין, וועט ער מעגען אַלין עסין. אַזוֹ איז גיוועזן ביי די יודין איידער זיי זענען אַרוס געגאַנגען פון מִצְרַיִם האָבן זיי נאָך ניט געוואָסט דעם עיקר אֱמוּנָה, האָט הקב"ה געזאָגט די יודין זאָלן אויסראַמען פון זייערע שטובין אַלע מינים חָמֵץ און זאָלן נאָר עסין דעם מעדיצין, די מַצָּה, אַז זיי וועלן האָבען גיגעסין די מַצָּה, וועלען זיי נאָכדעם

מעגין

בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן תַּשְׁבִּיתוּ שְּׂאֹר מִבָּתֵּיכֶם כִּי ׀ כָּל־אֹכֵל חָמֵץ וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִיִּשְׂרָאֵל מִיּוֹם הָרִאשֹׁן עַד־יוֹם הַשְּׁבִעִי׃ טז וּבַיּוֹם הָרִאשׁוֹן

בְּיוֹמָא קַדְמָאָה תְּבַטְּלוּן חֲמִיעַ מִבָּתֵּיכוֹן אֲרֵי כָּל דְּיֵיכוֹל חֲמִיעַ וְיִשְׁתֵּיצֵי אֱנָשָׁא הַהוּא מִיִּשְׂרָאֵל מִיּוֹמָא קַדְמָאָה עַד יוֹמָא שְׁבִיעָאָה׃ טז וּבְיוֹמָא

תו"א כי כל אכל פסחים מג: מיום הראשון ערכין יח:

בית יהודא

וויבר זענען מזנה, אונ זיי האבן געמיינט אז די קינדר זענען זייערע זענען זיי דאך ניט בכורים. אונ זיי האבן געזעהן אז אין שטוב שטארבן עטליכע קינדר, האבן זיי געשריגן עס איז ניט ווי משה הט געזאגט אז נאר בכורים וועלן שטארבן, נאר מיר וועלן אלע שטארבן: (לא) ויקרא למשה ולאהרן לילה. זאגט רש״י (מגיד) דר פסוק זאגט (שהיה מחזר על פתחי העיר) פרעה איז געגאנגן ביי נאכט צו די טירן פון די מענטשען וום וואהנען אין שטאט (וצועק) אונ ער הט געשריגן (היכן משה שרוי) וואו וואהנט משה (היכן אהרן שרוי) וואו וואהנט אהרן: וגם אתם. (הגברים) די גרויסע מענער: גם בני ישראל. (הטף) די קליינע קינדר: ולכו עבדו וגו׳ כדברכם. פרעה האט געזאגט צו משה גייט דינט אייער גאט אזוי ווי איר האט גערעט (הכל כמו שאמרתם) אלץ זאל זיין ווי איר הט געזאגט (ולא כשאמרתי אני) ניט ווי איך האב געזאגט (בטל לא אשלח) ווס איך האב געזאגט איך וועל אייך ניט ארויסשיקען פון מצרים, דאס איז גאר ניט (בטל מי ומי ההולכים) וואס איך האב געפרעגט ווער זאל גיין דינען גאט, דס איז גאר ניט, מען דארף ניט פרעגן ווער עס זאל גיין, וואורום אלע וועלן גיין (בטל רק צאנכם ובקרכם יוצג) ווס איך האב געזאגט אייערע שעפסען אונ אייערע רינדער וועלן בלייבען אין מצרים, די רייד איז אויך גאר ניט (גם צאנכם גם בקרכם קחו) נעמט אייערע שעפסן אונ אייערע רינדער (מהו כאשר דברתם) ווס הט פרעה געמיינט ווס ער הט געזאגט צו משה אונ אהרן עס זאל זיין ווי איר האט גערעט צו מיר (גם אתה תתן בידינו זבחים ועולות) דוא וועסט אונז אויך געבן בהמות מיר זאלן זיי מקריב זיין קרבנות שלמים אונ עולות, איך וועל אזוי טאהן, איך וועל דיר אויך געבען בהמות: (לב) וברכתם גם אותי. איר זאלט מיך בענטשען (התפללו עלי שלא אמות שאני בכור) איר זאלט בעטן פון מיינעטוועגן איך זאל ניט שטארבן וואורום איך בין אויך אבכור: (לג) וכולנו מתים. מיר וועלן אלע שטארבען (אמרו) די מצרים האבען געזאגט (לא כגזרת משה

שפתי חכמים

ט דאל״כ ויקרא אל משה מבע״ל כמו ויקרא אל משה וידבר ה׳ אליו כי למשה פירושו בעסר משה: י דאל״כ מה היה לריך לברכתם כיון:

פירוש לתורת אלהים

איין שטוב עס זאל דארט ניט זיין אמת [פיין רש״י]: (לא) ויקרא למשה ולאהרן האט פרעה גרופען צוא משה אונ צוא אהרן לילה בייא נאכט [פיין רש״י] ויאמר הט ער גזאגט צו זיי קומו שטייט אוף צאו גייט ארויס פון מיין פאלק גם אתם אויך איר גם אוך דיא קינדר ישראל ולכו אונ גייט דינט גאט אזו ווי איר האט גירעט: (לב) גם צאנכם אויך אייערי שאף גם בקרכם אוך אייערי רינדר קחו נעמט מיט אייך כאשר אזו ווי איר הט גרעט ולכו אונ גייט וברכתם אונ זייט פר מיר מתפלל איך זאל ניט שטארבן ווארום איך בין אבכור: (לג) ותחזק מצרים על העם אונ די מצרים האבן זיך גשטארקט אוף דעם פאלק ישראל למהר צוא איילען אוועק שיקען זייא פון דעם לאנד כי אמרו ווארום זיי האבען גטראכט אז דיא ישראל וועלען נאך פאר זומן אין לאנד כולנו מתים וועלין מיר אלע שטארבן: (לד) וישא העם האט איטליכר

טֶרֶם יֶחְמָץ מִשְׁאֲרֹתָם צְרֻרֹת
בְּשִׂמְלֹתָם עַל־שִׁכְמָם: לה וּבְנֵי־
יִשְׂרָאֵל עָשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיִּשְׁאֲלוּ
מִמִּצְרַיִם כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב
וּשְׂמָלֹת: לו וַיהוָה נָתַן אֶת־חֵן הָעָם
בְּעֵינֵי מִצְרַיִם וַיַּשְׁאִלוּם וַיְנַצְּלוּ אֶת־

עַד לָא חֲמַע מוֹתַר
אֲצֵוָתְהוֹן צְרִיר בִּלְבָשֵׁיהוֹן
עַל כַּתְפֵּיהוֹן: לה וּבְנֵי
יִשְׂרָאֵל עֲבַדוּ כְּפִתְגָּמָא
דְמֹשֶׁה וּשְׁאִילוּ מִמִּצְרַיִם
מָנִין דִּכְסַף וּמָנִין דִּדְהַב
וּלְבוּשִׁין: לו וַיָי יְהַב יָת
עַמָּא לְרַחֲמִין בְּעֵינֵי
מִצְרַיִם וּשְׁאִילְנוּן וְרוֹקִינוּ

תו"א וה' נתן את שנהדרין לא: וישאילום ברכות שם:

רשב"ם

משארותם. הוא הכלי שנותנין בו הבצק וזה מוכיח ברוך טנאך ומשארתך. כשם שהטנא הוא הסל שנותנין בה את הפרי כן משארותם כלי שנותנין בו את העיסה. וזהו ברכות הכלים שיהיו מלאים פירות ועיסה: (לו) נתן את חן העם. לתת להם במתנה כדכתיב באלה שמות ונתתי את חן העם בעיני מצרים: וישאילום. מצרי לישראל ישראל היו השואלים ומצרים המשאילים. השלימו שאילתם במתנה היתה. מי (שפועל) [נ"א ששואל] את הדבר קרוי פועל ומי שמוסר לו מה ששואל קרוי מפעיל. משאיל נותן לו מה ששואל: וינצלו את מצרים

בעל הטורים

ולבוש כו: (לד) צרורות. ב' במסו'. הכא ואידך צרורות עד יום מותן אלמנות רמז לאלמנות שיכסו פניהם בשמלה: (לו) וינצלו את מצרים.

בית יהודא

הוא) עס איז ניט ווי די גְזֵרָה פון מֹשֶׁה (שֶׁהֲרֵי אָמַר וּמֵת כָּל בְּכוֹר) משה הט געזאגט נאר בְּכוֹרִים וועלן שטארבען (וְכַאן אַף הַפְּשׁוּטִים מֵתִים) אונ מיר זעהן אפילו ניט בְּכוֹרִים שטארבען אויך (ה' או י' בְּבַיִת אֶחָד) פינף אדער צעהן מענטשן שטארבען אין אין שטוב זעה פסוק ל: (לד) וְטֶרֶם יֶחְמָץ. די יודען האבען געטראגן די טייג איידער עס איז זויער געווארן (הַמִּצְרִים לֹא הֵנִיחוּם לִשְׁהוֹת כְּדֵי חִימּוּץ) די מִצְרַיִם האבן ניט געלאזט ווארטן די יודען אין מִצְרַיִם ביז די טייג וועט זויער ווערן: וּמִשְׁאֲרוֹתָם. (שְׁיָרֵי מַצָּה וּמָרוֹר) די געבליבענע שטיקלאך מַצָּה אונ מָרוֹר: וְעַל שִׁכְמָם. אויף זייער אקסיל (אַף עַל פִּי שֶׁבְּהֵמוֹת הַרְבֵּה הָיוּ עִמָּהֶם) אפילו זייא האבן געהאט פיל בְּהֵמוֹת מיט זיך. האבן זיי דאך געקענט לייגען די טייג אויף די בְּהֵמוֹת, פון דעסטוועגן האבן זיי געטראגן די טייג אויף דיא אקסלען (מְחַבְּבִים הָיוּ אֶת הַמִּצְוָה) צוויל זיי האבען ליב געהאט די מִצְוָה פון קָרְבַּן פֶּסַח מַצָּה מָרוֹר: (לה) וּכִדְבַר מֹשֶׁה. ווי משה הט גערעט (שֶׁאָמַר לָהֶם בְּמִצְרַיִם) משה הט געזאגט צו זיי אין מִצְרַיִם (וְיִשְׁאֲלוּ אִישׁ מֵאֵת רֵעֵהוּ) זיי זאלן בארגען פון זייערע מִצְרִישע פריינד זילבער אונ גאלד: וּשְׂמָלוֹת. אונ קליידער (אַף הֵן הָיוּ חֲשׁוּבוֹת לָהֶן מִן הַכֶּסֶף וּמִן הַזָּהָב) די קליידער זענען געוועזן ביי די יודען טייערער ווי די זילבער אונ גאלד (וְהַמְּאוּחָר בַּפָּסוּק חָשׁוּב) וואס עס שטייט שפעטער אין פָּסוּק איז טייערער, פריער זילבער נאכדעם גאלד נאכדעם קליידער *): (ל) וַיַּשְׁאִלוּם. (אַף מַה שֶּׁלֹּא הָיוּ שׁוֹאֲלִים מֵהֶם) אפילו וואס די יודען האבן

רש"י

אמרו לא כגזרת משה הוא שהרי אמר ומת כל בכור וכאן אף הפשוטים מתים ה' או י' בבית א' (מכילתא): (לד) טרם יחמץ. המצריים לא הניחום לשהות כדי חימוץ: משארותם. שירי מצה ומרור (מכילתא): על שכמם. אע"פ שבהמות הרבה הוליכו עמהם מחבבים היו את המצות (מכילתא): (לה) כדבר משה. שאמר להם במצרים (שמות יא) וישאלו איש מאת רעהו: ושמלות. אף הן היו חשובות להם מן הכסף ומן הזהב והמאוחר בפסוק חשוב (מכילתא): (לו) וישאלום. אף מה שלא

שפתי חכמים

שאלו את העם: כ אבל לא בשביל איסור חמץ שהרי בפסח מצרים לא היו מוזהרים מלהיות חמץ בבית. א"כ דק"ל לנ"ל טרם יחמץ הל"ל טרם שאפו ע"ז פי' המצריים כו' כלו' מ"ה כתיב טרם להודיע אותנו כי כ"כ היו המצרים ממהרים כו': ל אבל לא שירי פסח דא"כ הוא נותר וחייב שריפה: מ דאל"כ ושמלות למ"ל דאם כסף וזהב השאילום כ"ש שמלות אלא וכו'. ומהרש"ל פירש מדלא צוה הקב"ה שישאלו שמלות ש"מ שלא היו חשובות ולכך לא אמר הקב"ה שישאלו אלא כסף וזהב כדי לקיים ואח"כ יצאו ברכוש גדול וישראל מעצמם היו שואלים מהם הבגדים לפי שהעני שלא היה לו בגד על צוארו לא היה נותן עיניו על כסף וזהב אלא לשאול מהם בגד או כתונת ועז"פ שחשובות היו כו' ר"ל בעיני מצרים היה זה דבר גדול וחשוב להשאיל להם לפי שהיו מובדלים מישראל במלבושיהן ובמנהגיהם לפיכך כשהיה המצרי נושאל הבגד לישראל הי' יודע בודאי שלא יחזיר לו לפי שהישראל ישנה הבגד ואפ"ה השאילום לכ"פ שהיו חשובות להן ר"ל למצרים ולא לישראל אבל כסף וזהב לא היה כ"כ חשוב בעיניהם לפי שהיו סבורים שיחזרו להם: נ וקשה והלא אבל חטה ושעורה מוקדם החשוב קודם וי"ל דכאן אין לו' החשוב קודם דאז הוה זו ואצ"ל זו שהרי הלוה להם החשוב מכ"ש שילוה להם השפל (מהרש"ל): ס מדכתיב בתחלה וישאלו ממצרים וגו' ואח"כ כתיב וה' נתן את חן העם וגו' ר"ל שנתן להם חן בעיניהם והשאלום למה צריך תו למיכתב

פירוש לתורת אלהים

פון דעם פאלק יִשְׂרָאֵל גיטראגען אֶת בְּצֵקוֹ זיין טייג טֶרֶם איי עס איז זויער געווארן עס הט ניט גיווארן ווארום די מִצְרַיִם האבן זיי ארוס גטריבן פון לאנד אונ האבן זיי ניט גלאזט פאר זומן אז דם טייג זאל יערן מִשְׁאֲרוֹתָם די מַצָּה מיט מָרוֹר וואס איז גבליבן פון דעם וואס זייא האבען דיא נאכט געגעסן צְרוּרוֹת בְּשִׂמְלוֹתָם איז געווען איין גבונדן אין זייערי קליידר אונ האבן דם גטראגן עַל שִׁכְמָם אויף זייערי אקסלן [עי' רש"י]: (לה) וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אונ דיא קינדער יִשְׂרָאֵל עָשׂוּ האבען גטאהן ווי משה הט צו זיי גרעט זיי זאלן אנטלייען פון די מִצְרַיִם כֵּלִים אונ קליידר וַיִּשְׁאֲלוּ אונ זיי האבן אנטליגן פון די מִצְרַיִם כְּלֵי כֶסֶף זילבערנע כלים וּכְלֵי זָהָב אונ גאלדני כלים וּשְׂמָלוֹת אונ קליידר: (לו) וַה' נָתַן אֶת חֵן הָעָם אונ גאט הט געגעבן די יִשְׂרָאֵל זאלן האבן

*) הערה פאר וואס קליידער איז גיוועז ביי די יודין טייערער ווי גאלד קען מען זאגין, ווייל אין מצרים איז גיוועז דער מנהג אקנעכט האט ניט געהאט ערלויבנים אנצוטאהן אקלייד פון אבעל הבית, נאר אלע קנעכט האבין געהאט איין סארט קליידער, אז זיי זענען געגאנגען אין גאס האט מען זיי דערקענט אז זיי זענען קנעכט, אונ ווען די יודין זענען גיוועזן אין מצרים זענען זיי אויך גיוועזן געקליידעט ווי אלע קנעכט, איצט אז די מצרים האבן ערלויבט די יודין אוים צו טאהן די קנעכט קליידער אונ אנטאהן קליידער ווי אלע מצרישע בעל בתים גייען האבין זיי שוין געוואוסט אז זיי זענען פריי, דריבער זענען קליידער גיוועזן ביי זיי טייערער ווי די זילבער אונ גאלד [עיין רש"י פ' מקץ על פסוק נער עברי עבד]:

מצרים: פ לז ויסעו בני־ישראל מרעמסס סכתה כשש־מאות אלף רגלי הגברים לבד מטף: לח וגם־ערב רב עלה אתם וצאן ובקר מקנה כבד מאד: לט ויאפו את־הבצק אשר הוציאו ממצרים עגת מצות כי לא חמץ כי־גרשו ממצרים

אונקלוס

ית מצרים: לז ונטלו בני ישראל מרעמסס לסכות כשית מאה אלפין רגלאין גבריא בר מטפלא: לח ואף נוכראין סגיאין סליקו עמהון ועאנא ותורין בעירא סגי לחדא: לט ואפו ית לישא די אפיקו ממצרים גריצן פטירן ארי לא חמעאדי אתרכו ממצרים ולא

בעל הטורים

בגימטריא עשאוה כמלודה שאין בה דגן: (לז) סכתה. ב' חסרים מרעמסס סכתה ויעקב נסע סכתה. שבזכות יעקב יצאו ממצרים:

רשב"ם

עדיים טוב מלבושיהן שאלו ונתנו על בניהם ועל בנותיהם וכדכתיב ויתנצלו בני ישראל את עדיים מהר חורב: (לח) ערב רב. לשון תערובות כדכתיב ויתערבו בגוים: (לט) עוגות. כי אין לחם אלא האפוי בתנור: כי לא חמץ. כי לא החמיץ. וכן כבד לב פרעה. ל' פעל. וכן אהב אביו והמלך דוד זקן הזקין: גם צדה. לדרך לא עשו. ולכך הוצרכו להתלונן ללחם ולמים:

רש"י

היו שואלים מהם היו נותנים להם אתה אומר אחד טול שנים ולך: וינצלו. ורוקינו: (לז) מרעמסס סכותה. ק"כ מיל היו ובאו שם לפי שעה שנאמר (שמות יט) ואשא אתכם על כנפי נשרים: הגברים. פ מבן עשרים שנה ומעלה: (לח) ערב רב. תערובות אומות של גרים: (לט) עגות מצות. חררה של מצה בצק שלא החמיץ קרוי

בית יהודא

גיט געבעטען פון דיא מצרים (היו נותנים להם) האבן די מצרים זיי געגעבן (אתה אומר אחד) דר מצרי הט געזאגט צום יוד, דו זאגסט דו ווילסט נאר איין כלי (טול שנים ולך) נעם צוויי כלים נאר גיי שוין ארויס פון מצרים: (וינצלו. ורוקינו) זיי האבן ליידיג געמאכט מצרים: (לז) מרעמסס סכותה. זאגט רש"י (ק"כ מיל היה) הונדערט מיט צוואנציג תחום שבת איז געווען פון רעמסס ביז סכות (ובאו שם לפי שעה) אונ אין איין שעה זענען די יודען געקומען פון רעמסס ביז סוכות (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק (ואשא אתכם על כנפי נשרים) הקב"ה זאגט צו דיא יודען איך האב אייך געטראגן פון רעמסס ביז סוכות אזוי געשווינט ווי איר וואלט געזעסן אויף די פליגל פון אדלער וואלט מיט אייך געקומען צו פליהען פון רעמסס ביז סוכות: (הגברים). זאגט רש"י גברים מיינט מען (מבן כ' שנה ומעלה) פון צוואנציג יאהר אונ עלטער: (לח) (ערב רב). זאגט רש"י (תערובות אומות עובדי כוכבים של גרים) פיל מענטשן פון פיל פעלקער וואס האבן זיך מגייר געווען זענען געגאנגען מיט די יודען פון מצרים: (לט) (עגות מצות). (חררה של מצה) קיכלאך פון אומגעזייערטע טייג (בצק שלא

דעת זקנים מבעלי התוספות

(לז) ויסעו בני ישראל. ק"כ מיל היו ובאו שם לפי שעה זש"ה ואשא אתכם על כנפי נשרים שלשה ממי"ן יש באותו פסוק בסופי תיבות הם ק"כ וזכר לדבר ע"ל כנפ"י בג"י ק"כ מילין מהרב משה: (לט) כי לא חמץ. למ"ד פסח מצרים לא נהגו אלא יום אחד ניחא כפשטי' כי לפי שגורשו ממצרים לא נתחמצו אלא למ"ד פסח מצרים נמי נצטרכו לאכול מצה כל שבעה א"כ מאי כי גורשו. וי"ל דה"ק ויאפו את הבצק מפני חיוב מצה ולפי שנורשו ממצרים לא יכלו להתמהמה לבקש צדה לדרך. אכן קשה קצת הווי"ן וכן וגם אמנה מצינו וי"ו יתירה נרדם ורכב וסוס וכן בהרבה מקומות:

שפתי חכמים

ויסאילוס אלא לרבות אף מה וכו': ע דלא היה לריך למכתב מרעמסס דהא הא היו ברעמסס כדכתי' כפ' ויגש אלא לו' לך ק"ך מיל היו וכו': פ דהא בפ' במדבר מנאן מבן ך' ולמעלה ולא היו יותר אלא כמו הכא והכל היה בשנה אחת ואי אמרת דהכא מנאן מי"ג שנה א"כ התם כשמנאן מבן ך' לא יהיה כ"כ הרבה כמו הכא דהא

פירוש לתורת אלהים

הן אין די אויגן פון די מצרים אונ האבען זייא אליין גליגן האטשי אזעלכי זאכן ווס די ישראל האבן זיי ניט געבעטן וינצלו אונ די ישראל האבן אום גליידיגט דם לאנד מצרים: (לז) ויסעו בני ישראל אונ די קינדר ישראל האבן גצוגן מרעמסס פון דר שטאט רעמסס סכותה צו דר שטאט סוכות אונ די צאל פון זיי איז געווען כשש זעקס הונדערט טויזנט מאן פיס גייער ווס זענען אלט געווען פון צוואנציג יאר אונ העכער לבד מטף חוץ קליינע קינדער: (לח) וגם אויך ערב רב פיל פון אנדרי אומות ווס האבן זיך מגייר געווען זענען אויך מיט זייא אויף גגאנגען וצאן ובקר אונ שאף אונ רינדר מקנה פיך כבד מאד זייער שווער זיי האבען מיט זיך גפירט זייער פיל בהמות: (לט) ויאפו את הבצק אונ די ישראל האבן גבאקן דאס טייג אשר ווס זייא האבן אום גצוגען פון מצרים עוגות קוכן פון מצה [ע' רש"י]

ליקוטי יקרים

(לז) ויסעו בני ישראל מרעמסס סכותה וגו'. דער תרגום יונתן שרייבט פון רעמסס ביז סוכות איז געווען הונדערט מיט דרייסיג תחום שבת, אין סוכות זענען אראפגקומען זיבן וואלקינס, פיר וואלקינס זענען גיווען אין די פיר זייטין פון די מחנה, איין וואלקן הט בדעקט די מחנה פון אויבין, עס זאל אויף זיי ניט קומען רעגען אונ ניט האגיל אונ די זונן זאל אויף זיי ניט ברענען, איין וואלקן איז גיווען אויף דיא ערד אונ די יודין האבן געטרעטן אויף אים, זייא זאלען ניט טרעטן אויף דערנער, אונ שלאנגן אונ עגדעסין זאלען זיי ניט בייסין די פיס, אונ איין וואלקן איז גגאנגן פאר זייא פאראוים, ער הט גלייך געמאכט פאר זיי דיא וועג, אלע בערג הט ער נידעריג גמאכט, אונ אלע נידעריגע ערטער הט ער אויפגעהובין, די יודין זענן גיווען זעקס הונדערט

וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ וְגַם־צֵדָה לֹא־
עָשׂוּ לָהֶם׃ מ וּמוֹשַׁב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר יָשְׁבוּ בְּמִצְרָיִם שְׁלֹשִׁים שָׁנָה

יְכִילוּ לְאִתְעַכָּבָא וְאַף
זְוָדִין לָא עֲבַדוּ לְהוֹן׃
מ וּמוֹתַב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דִּי
יְתִיבוּ בְּמִצְרַיִם אַרְבַּע

תו"א ומושב בני מגילה ט׃

רשב"ם

(מ) ומושב בנ"י אשר ישבו במצרים, עד סוף שלשים שנה וד' מאות שנה משנאמר לאברהם בין הבתרים כי בן שבעים שנה היה אברהם אבינו כשנדבר עמו בין

בית יהודא

החמיץ, קריי מצה) טייג וואס איז ניט זויער ווערט גרופען מצה׃ וגם צדה לא עשו להם. (לדרך) אפילו שפייז צום עסן האבן זיי ניט מיט גענומען אויף דעם וועג (מגיד שבחן של ישראל) דר פסוק זאגט די לויב פון די יודען (שלא אמרו איך נצא למדבר בלא צדה) זיי האבן ניט געזאגט ווי אזוי וועלן מיר גיין אין אמדבר אן שפייז (אלא האמינו והלכו) נאר זיי האבן געגלויבט געווים וועט הקב"ה זיי שפייזען אין דר מדבר אויך (הוא שמפורש בקבלה) דס איז וואס שטייט אין נביאים הקב"ה האט געזאגט צו די יודען (זכרתי לך חסד נעוריך) איך געדיינק דיר דעם חסד וואס דו האסט געטאהן אין דיין יוגענד (אהבת כלולותיך) איך געדיינק דיין ליבשאפט וואס דו האסט געהאט צו מיר ווען דו ביזט געווען ווי אכלה (לכתך אחרי במדבר) איך געדיינק דיין גיין נאך מיר אין דר מדבר (בארץ לא זרועה) אין אזוי אלאנד וואס זיא איז ניט געזייט (מה שכר מפורש אחריו) וואס איז דר שכר וואס שטייט נאכדעם (קודש ישראל לה') יודען זענען הייליג צו גאט (כל אוכליו יאשמו) די וואס עסן אים וועלען פארווישט ווערן׃ (מ) ואשר ישבו במצרים). די צייט וואס די יודען זענען געזעסען אין מצרים (אחר שאר הישיבות) נאך אנדערע זיצונגען (שישבו גרים בארץ לא להם) וואס זייא זענען געזעסן גרים אין לענדר וואס איז ניט געווען זייערע, אלע צוזאמען איז געווען (שלשים שנה וארבע מאות שנה) פיר הונדערט דרייסיג יאהר (בין הכל משנולד יצחק עד עכשיו היו ארבע מאות שנה) צוזאמען פון די צייט וואס יצחק איז געבארען געווארען ביז איצט וואס די יודען זענען ארויס־געגאנגען פון מצרים איז געווען פיר הונדערט יאהר (משהיה לו זרע לאברהם) פון די צייט וואס אברהם האט געבארען קינדער (ויצחק) (נתקיים כי גר יהיה זרעך) איז באלד מקוים געווארען די גזרה פון הקב"ה "דיינע קינדער וועלען זיין גרים" (ושלשים שנה היו משנגזרה גזרת בין הבתרים עד שנולד יצחק) אונ פון די צייט וואס הקב"ה האט גוזר געווען די גזרה ביז יצחק איז געבארען געווארען איז געווען דרייסיג יאהר, איז געווען צוזאמען פיר הונדערט מיט דרייסיג יאהר (פון דיא צייט וואס הקב"ה האט גוזר געווען די גזרה ביז יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים וואס די גזרה האט זיך געענדיגט) וואס איז "ברית בין הבתרים" זעה אין די סדרה לך לך טו ט). זאגט רש"י (ואי אפשר לומר בארץ מצרים לבדה) מען קען ניט זאגען אין מצרים אליין זענען יודען געווען פיר הונדערט דרייסיג יאהר (שהרי קהת מן הבאים עם יעקב היה) ווארום קהת איז געקומען מיט יעקב אין מצרים (צא וחשוב כל שנותיו) מיר וועלען אפילו רעכענען אלע יאהרען פון קהת ומיר וועלען זאגען קהת איז אריין געקומען אין מצרים דעם טאג וואס ער איז געבארען געווארען) (וכל שנות עמרם בנו) אונ אלע יאהרען פון זיין זוהן עמרם ומיר וועלען זאגן ווען קהת איז געשטארבען איז עמרם געבארען געווארען, אונ מיר וועלען זאגען ווען עמרם איז געשטארבען איז משה געבארען געווארען (ושמונים של משה) וועלען מיר רעכענען די אכציג יאהר וואס משה איז אלט געווען ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים (לא תמצאם כל כך) וועסטו אויך ניט געפינען פיר הונדערט דרייסיג יאהר (ועל כרחך הרבה שנים היה לקהת עד שלא ירד למצרים) אונ אין אמת איז קהת ניט אריין געקומען אין מצרים דעם טאג וואס ער איז געבארען געווארען, נאר קהת איז אלט געווען פיל יאהר ווען ער איז געקומען אין מצרים, אונ עמרם איז ניט געבארען געווארען דעם טאג וואס קהת איז געשטארבען.

רש"י

מלה׃ וגם צדה לא עשו להם. (מכילתא) לדרך. מגיד שבחן של ישראל שלא אמרו היאך נצא למדבר בלא צדה אלא האמינו והלכו הוא שמפורש בקבלה צ (ירמיה ב) זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה ומה שכר מפורש אחריו קודש ישראל לה' וגו'׃ (מ) אשר ישבו במצרים. אחר שאר הישיבות שישבו גרים בארץ לא להם׃ שלשים שנה וארבע מאות שנה. בין הכל משנולד יצחק עד עכשיו היו ארבע מאות שנה משהיה לו זרע לאברהם נתקיים כי גר יהיה זרעך ושלשים שנה היו משנגזרה גזירת בין הבתרים עד שנולד יצחק. וא"א לומר בא"מ לבדה שהרי קהת מן הבאים עם יעקב היה לא והשוב כל שנותיו וכל שנות עמרם בנו ושמונים של משה לא תמצאם כל כך ועל כרחך הרבה שנים היו לקהת עד שלא ירד למצרים והרבה משנות עמרם נבלעים בשנות קהת והרבה משמונים

שפתי חכמים

בשנה אחת לא הגיעו כולן לד' שנה אלא המנין דהכא נמי היה מכן ד' ולמעלה׃ צ פי' נביאים נקרא קבלה׃ ק ע"ל פ' לך לך ששם מבואר

ליקוטי יקרים

טויזענד גרויסע מענטשין פון צוואנציג יאהר אונ ווייטער, אלע זענען געגאנגען מיט די פיס, נאר זייערע קליינע קינדער האבן געריטן אויף אייזלען, פיל פרעמדע מענטשין צווייא הונדערט מיט פערציג רבו (ארבו איז צעהן טויזענד) זענען אויך געגאנגען מיט די יודין, אונ פיל בהמות זענען מיט זיי געגאנגען, די חרטומים ומכשפים) פון מצרים זענען גקומען צו משה אונ האבן גיזאגט זיי ווילן זיך מגייר זיין, האט הקב"ה געזאגט צו משה דו זאלסט זיי ניט צו נעמען, האט משה גזאגט צו הקב"ה די מענטשין זענען גקומען ווערן יודין ווייל זיי האבן גזעהן דיינע נסים אונ וואנדר וואס דו האסט גטאן אין מצרים. פר וואס זאל מען זיי ניט מיט נעמען, האט משה זייא מיט גענומען׃

פירוש לתורת אלהים

כי ווארום עס האט ניט גקאנט זויער ווערן כי ווארום זיי זענען פר טריבען געווארען פון מצרים ולא אונ זייא האבן ניט גקאנט פר זומען וגם אונ אויך צדה שפייז לא עשו להם האבן זייא ניט צייט גהאט אן צוא גרייטן׃ (מ) ומושב אונ דם זיצונג פון די קינדר ישראל אשר וואס זענען גיזעסען אין מצרים אונ אין אנדערע פרעמדע לענדר איז גיוועזן שלשים שנה דרייסיג יאר

וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה׃ מא וַיְהִי מִקֵּץ שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה וַיְהִי בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה יָצְאוּ כָּל־צִבְאוֹת יְהוָה מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ מב לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַיהוָה לְהוֹצִיאָם

אונקלוס

מְאָה וּתְלָתִין שְׁנִין׃ מא וַהֲוָה מִסּוֹף אַרְבַּע מְאָה וּתְלָתִין שְׁנִין וַהֲוָה בִּכְרַן יוֹמָא הָדֵין נְפַקוּ כָּל חֵילַיָּא דַיְיָ מֵאַרְעָא דְמִצְרָיִם׃ מב לֵילֵי נְטִיר הוּא קֳדָם יְיָ לְאַפָּקוּתְהוֹן

תו"א ליל שמורים ר"ס יח:

בעל הטורים

(מב) שמורים. ב' במסו' ליל שמורים. שמורים לכל בני ישראל שחלק הקב"ה ליל ט"ו לשנים חציו ליציאת מצרים וחציו השני לגאולה לעתיד לבא:

רשב"ם

הבתרים והארבע מאות של גר יהיה זרעך התחילו מיצחק כמו שפירשתי הכל בפר' בין הבתרים: (מא) ויהי מקץ שלשים. של ברית בתרים וארבע מאות שנה של לידת יצחק ויהי בעצם היום הזה וגו' ומ"מ במצרים לא ישבו אלא מאתים ועשר של סוף ארבע מאות ושלשים: (מב) ליל שמורים הוא לה'. מימות אביהם הי' הקב"ה מצפה לזה הלילה להוציא את בני ישראל ממצרים כמו שהבטיחם. ולישראל הוא ליל שמורים: לדורותם. לכל דורותם שמצפים לזה הלילה לחוג בו חג הפסח כמשפטיו. שמורים לשון המתנה כמו ואביו שמר את הדבר:

רש"י

של משה נבלעים בשנות עמרם הרי שלא תמצא ד' מאות לביאת מצרים והוזקקת לומר על כרחך שאף שאר הישיבות נקראו גרות אפי' בחברון כענין שנא' (בראשית לה) אשר גר שם אברהם ויצחק ואומר (שמות ו) את ארץ מגוריהם אשר גרו בה לפיכך אתה צריך לומר כי גר יהיה זרעך משהי' לו זרע. וכשתמנה ארבע מאות שנה משנולד יצחק תמצא מביאתן למצרים עד יציאתן ר"י שנה וזה אחד מן הדברים ששינו לתלמי המלך: (מא) ויהי מקץ שלשים שנה וגו' ויהי בעצם היום הזה. (מכילתא) מגיד שכיון שהגיע הקץ לא עכבן המקום כהרף עין בט"ו בניסן באו מלאכי השרת אצל אברהם לבשרו בט"ו בניסן נולד יצחק ובט"ו בניסן נגזרה גזירת בין הבתרים: (מב) ליל שמרים. שהיה הקב"ה שומר ומצפה לו לקיים הבטחתו להוציאם

בית יהודא

נאר (וְהַרְבֵּה מִשְּׁנוֹת עַמְרָם נִבְלָעִים בִּשְׁנוֹת קְהָת) פיל יאהר האט עמרם געלעבט מיט זיין פאטער קהת צוזאמען, זענען פיל יאהרען פון עמרם אריינגעגאנגען אין די יאהרן פון קהת (וְהַרְבֵּה מִשְּׁמוֹנִים שֶׁל מֹשֶׁה נִבְלָעִים בִּשְׁנוֹת עַמְרָם) פון משה'ס אכטציג יאהר זענען אריינגעגאנגען פיל יאהרן אין די יאהרן פון עמרם, וואס משה האט געלעבט צוזאמען מיט זיין פאטער עמרם (הֲרֵי שֶׁלֹּא תִּמְצָא אַרְבַּע מֵאוֹת לְבִיאַת מִצְרַיִם) איז דאך ניטא פיר הונדערט יאהר פון יעקב'ס קומען אין מצרים ביז די יודינם ארויסגיין פון מצרים (וְהֻזְקַקְתָּ לוֹמַר עַל כָּרְחֲךָ) מוזטו זאגן (שֶׁאַף שְׁאָר הַיְשִׁיבוֹת נִקְרְאוּ גֵרוּת) אנדערי ארטער וואו יצחק און יעקב האבען דארטען געוואהנט איז אויך גערופן געווארן גרות (וַאֲפִילּוּ בְּחֶבְרוֹן) אפילו וואס מען האט געוואהנט אין חברון איז אויך גערעכנט גרות (כְּעִנְיָן שֶׁנֶּאֱמַר) ווי עס שטייט אין פסוק (אֲשֶׁר גָּר שָׁם אַבְרָהָם וְיִצְחָק) אברהם און יצחק זענען געווען גרים אין חברון (וְאוֹמֵר) נאך זאגט דער פסוק (אֶת אֶרֶץ מְגוּרֵיהֶם אֲשֶׁר גָּרוּ בָהּ) די לאנד כנען וואס אברהם יצחק יעקב האבען אין איר געוואהנט וויא גרים (לְפִיכָךְ אַתָּה צָרִיךְ לוֹמַר) דריבער מוזטו זאגען (כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ מִשֶּׁהָיָה לוֹ זֶרַע) פון די צייט וואס צו אברהם איז געבארען געווארן יצחק האט זיך אנגעהויבן די גזרה וואס הקב"ה האט גוזר געווען דיינע קינדער וועלען זיין גרים (וּכְשֶׁתִּמְנֶה אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה מִשֶּׁנּוֹלַד יִצְחָק) און אז דו וועסט ציילן די פיר הונדערט יאהר פון די צייט וואס יצחק איז געבארען געווארן (תִּמְצָא מִבִּיאָתָן לְמִצְרַיִם עַד יְצִיאָתָן ר"י שָׁנָה) וועסטו געפינען פון די צייט וואס יעקב מיט זיינע קינדער זענען אריינגעקומען אין מצרים ביז די יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים איז געווען צוויי הונדערט מיט צעהן יאהר (וְזֶה אֶחָד מִן הַדְּבָרִים שֶׁשִּׁנּוּ לְתַלְמַי הַמֶּלֶךְ) דס איז איינע פון די זאכען וואס מען האט געענדערט אין די תורה ווען מען האט געשריבן די תורה פאר דעם מלך תלמי, מען האט געשריבען (וּמוֹשַׁב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָשְׁבוּ בְּמִצְרַיִם וּבִשְׁאָר אֲרָצוֹת אַרְבַּע מֵאוֹת וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה) יודען זענען געזעסען אין מצרים און אין אנדערע לענדער צוזאמען איז געווען פיר הונדערט דרייסיג יאהר; (מא) וַיְהִי מִקֵּץ שְׁלֹשִׁים וגו' וַיְהִי בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה. זאגט רש"י (מַגִּיד) דר פסוק זאגט אונז (שֶׁכֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ הַקֵּץ) ווי עס איז געקומען די ענדע פון די צייט (לֹא עִכְּבָן הַמָּקוֹם כְּהֶרֶף עַיִן) האט הקב"ה ניט אויפגעהאלטן דיא יודען אין מצרים איין רגע אויך ניט (בְּט"ו בְּנִיסָן בָּאוּ מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת אֵצֶל אַבְרָהָם לְבַשְּׂרוֹ) דעם פופצעהנטען טאג אין ניסן זענען געקומען די מלאכים צו אברהם אנזאגען אז יצחק וועט געבארען ווערען (בְּט"ו בְּנִיסָן נוֹלַד יִצְחָק) דעם פופצעהנטן טאג אין ניסן איז יצחק געבארען געווארן (וּבְט"ו בְּנִיסָן נִגְזְרָה גְּזֵרַת בְּרִית בֵּין הַבְּתָרִים) דעם פופצעהנטען טאג אין ניסן איז געווארן די גזרה פון גלות, דעם פופצעהנטען טאג אין ניסן זענען די יודען ארויסגעגאנגען פון מצרים: (מב) לֵיל שִׁמֻּרִים. זאגט רש"י דריבער רופט מען די נאכט שמורים (שֶׁהָיָה הקב"ה שׁוֹמֵר וּמְצַפֶּה לוֹ לְקַיֵּים הַבְטָחָתוֹ לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם) ווייל הקב"ה האט געווארט און געהאפט אויף דיא נאכט זיא זאל קומען ער זאל אין איר מקיים זיין וואס ער האט צוגעזאגט ארויס צו נעמען דיא יודען פון מצרים:

פירוש לתורת אלהים

וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה און פיר הונדערט יאהר: (מא) וַיְהִי און עס איז געוועזן בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה אין דעם פופצעטען טאג אין ניסן אין מיטן העלן טאג יָצְאוּ זענין ארויס גגאנגען דיא יודין פון דעם לאנד מִצְרָיִם: (מב) לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַיְיָ די נאכט איז געוועזן געהיט צו גאט גאט האט גיווארט און האט גהאפט עס זאל קומען דיא נאכט ווס גהער צום פופצעטן טאג אין ניסן כדי מקיים צו זיין וואס ער האט מבטיח געווען צו אברהם לְהוֹצִיאָם צוא אוס ציהן דיא ישראל פון דעם לאנד מִצְרָיִם הוּא הַלַּיְלָה הַזֶּה דס איז די נאכט ליי צו גאט [פיין רש"י] שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם דיא נאכט איז געהיט צוא דיא ישראל צוא זייערי דורות [פיין רש"י]:

מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הוּא־הַלַּיְלָה הַזֶּה
לַיהוָה שִׁמֻּרִים לְכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לְדֹרֹתָם׃ פ מג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח כָּל־בֶּן־
נֵכָר לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃ מד וְכָל־עֶבֶד אִישׁ
מִקְנַת־כָּסֶף וּמַלְתָּה אֹתוֹ אָז יֹאכַל

אונקלוס

מֵאַרְעָא דְמִצְרָיִם הוּא
לֵילְיָא הָדֵין קֳדָם יְיָ נְטִירִין
לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדָרֵיהוֹן׃
מג וַאֲמַר יְיָ לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן
דָּא גְזֵירַת פִּסְחָא כָּל בַּר
יִשְׂרָאֵל דְּיִשְׁתַּמַּד לָא יֵיכוֹל
בֵּהּ׃ מד וְכָל עֲבֵד גְּבַר
זְבִינֵי כַסְפָּא וְתִגְזַר יָתֵהּ

תו"א זאת פסחים פא: כל בן נכר שבת פז: ומלתה אותו פסחים לו יבמות עא:

בית יהודא

[הוּא הַלַּיְלָה הַזֶּה לַה']. זָאגְט רש"י (הוּא הַלַּיְלָה) דָס אִיז דִי נַאכְט (שֶׁאָמַר לְאַבְרָהָם) וָואס הקב"ה הָט גֶעזָאגְט צוּ אַבְרָהָם (בַּלַּיְלָה הַזֶּה אֲנִי גוֹאֵל אֶת בָּנֶיךָ) אִין דִי נַאכְט וֶועל אִיךְ אוֹיסְלֵייזֶן דַיינֶע קִינְדֶר׃ [שִׁמּוּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדוֹרוֹתָם]. זָאגְט רש"י (מְשׁוּמָּר וּבָא מִן הַמַּזִּיקִין) דִי נַאכְט אִיז גֶעהִיט פוּן מַזִּיקִין, אוֹיף אֵייבִּיג (כְּעִנְיַן שֶׁנֶּאֱמַר) וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וְלֹא יִתֵּן הַמַּשְׁחִית לָבֹא אֶל בָּתֵּיכֶם) הקב"ה וֶועט נִיט לָאזֶן דֶר מַשְׁחִית זָאל קוּמֶן אִין אַייעֶרֶע שְׁטוּבִּין׃ (מג) [זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח]. זָאגְט רש"י (בי' בְּנִיסָן נֶאֶמְרָה לָהֶם פָּרָשָׁה זוֹ) דִי פָּרָשָׁה אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארֶען צוּ מֹשֶׁה אוּנ אַהֲרֹן דֶעם צֶעהֶנְטִין טָאג אִין נִיסָן׃ [כָּל בֶּן נֵכָר]. זָאגְט רש"י מֶען מֵיינְט (שֶׁנִּתְנַכְּרוּ מַעֲשָׂיו לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם) דֶער מֶענְטְשׁ וָוס זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען פְרֶעמְד צוּא הקב"ה (אֶחָד עַכּוּ"ם וְאֶחָד יִשְׂרָאֵל מוּמָר בְּמַשְׁמַע) סַיי עֶר אִיז אַגוֹי אוּנ סַיי עֶר אִיז אַיִיד וָוס עֶר לֵייקֶנְט אִין גָאט, טָאר עֶר נִיט עֶסִין פוּן קָרְבַּן פֶּסַח׃ (מד) [וּמַלְתָּה אֹתוֹ אָז יֹאכַל בּוֹ]. דֶר יוּד וָוס הָאט גֶעקוֹיפְט אַגוֹיִשֶׁן קְנֶעכְט, אַז עֶר וֶועט דֶעם קְנֶעכְט מַלָּה זַיין וֶועט עֶר (רַבּוֹ) וְדֶר בַּעַל הַבַּיִת] מֶעגֶן עֶסִין פוּן קָרְבַּן פֶּסַח (מַגִּיד) דֶר פָּסוּק זָאגְט אוּנְז (שֶׁמִּילַת עֲבָדָיו מְעַכַּבְתּוֹ מִלֶּאֱכוֹל בַּפֶּסַח) אוּב זַיינֶע קְנֶעכְט זֶענֶען נִיט גֶעמַלְת טָאר עֶר וְדֶער בַּעַל הַבַּיִת] נִיט עֶסִין פוּן קָרְבַּן פֶּסַח (דִּבְרֵי רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ) אַזוֹ זָאגְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט (אֵין מִילַת עֲבָדָיו מְעַכַּבְתּוֹ מִלֶּאֱכוֹל בַּפֶּסַח) וָוס זַיינֶע קְנֶעכְט זֶענֶען נִיט גֶעמַלְת דָאס הַאלְט נִיט אָפּ וְדָס שְׁטֶערְט נִיט] דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּן צוּא עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פְרֶעגְט רש"י (אִם כֵּן) אוּב עֶס אִיז אַזוֹ, אֲפִילוּ דִי קְנֶעכְט זֶענֶען נִיט גֶעמַלְת מֶעג אוֹיךְ דֶער בַּעַל הַבַּיִת עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח (מַה תַּלְמוּד לוֹמַר אָז יֹאכַל בּוֹ) פַר וָוס זָאגְט דֶער פָּסוּק אַז מֶען וֶועט מַלָּה זַיין דֶעם קְנֶעכְט "דַאמָאלְס" וֶועט עֶר מֶעגֶן עֶסִין פוּן קָרְבַּן פֶּסַח, זָאגְט רש"י מֶען מֵיינְט "הָעֶבֶד" דֶעם קְנֶעכְט, אַז דֶער קְנֶעכְט וֶועט זִיךְ

רש"י

מארץ מלרים: הוא הלילה הזה לה'. הוא הלילה שאמר לאברהם בלילה הזה אני גואל את בניך: שמרים לכל בני ישראל לדרתם. משומר ובא מן המזיקין כענין שנא' ולא יתן המשחית וגו': (מג) זאת חקת הפסח. בי"ד בניסן נאמרה להם פרשה זו: כל בן נכר. שנתנכרו מעשיו לאביו שבשמים. ואחד נכרי ואחד ישראל מומר במשמע (מכילתא): (מד) ומלתה אותו אז יאכל בו. רבו (יבמות עא) מגיד שמילת עבדיו מעכבתו מלאכול בפסח דברי רבי יהושע. ר"א אומר אין מילת עבדיו מעכבתו מלאכול בפסח. א"כ מה ת"ל אז יאכל בו.

שפתי חכמים

ולאברהם היה בן ע' שנים בגזרת בין הבתרים וכן איתא בסדר עולם: ר דק"ל לרש"י כתיב שמורים לכל בנ"י לדורותם וכי לילה זו של יציאה יהיה לעולם ומתרץ משומר וכא כלומר כל לילה כזו שבא בכל שנה משומר מן המזיקין: ש דאי בר"ח נאמרה להם הי"ל לכותבה לעיל

פירוש לתורת אלהים

(מג) וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן הָט גָאט גְזָאגְט צוּא מֹשֶׁה אוּנ צוּ אַהֲרֹן זֹאת דָס זֶענֶען דִי דִינִים פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח כָּל בֶּן נֵכָר אִיטְלִיכֶער וָואס זַיינִי מַעֲשִׂים זֶענֶען פְרֶעמְד צוּא גָאט לֹא יֹאכַל טָאר עֶר נִיט עֶסִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח׃ (מד) וְכָל עֶבֶד אוּנ אִיטְלִיכֶער כְּנַעֲנִישֶׁער קְנֶעכְט וָוס דִינְט בַּייא אַיִשְׂרָאֵל מִקְנַת כֶּסֶף וָואס דֶער יִשְׂרָאֵל הָט אִים גְקוֹיפְט פַר גֶעלְט וּמַלְתָּה אוֹתוֹ אוּנ דוּ וֶועסְט אִים מַל זַיין אָז דֶענְסְמָאל יֹאכַל בּוֹ מֶעג עֶר עֶסֶן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אָבֶּר אַז מֶען הָט אִים נִיט מַל גְוֶועְן טָאר עֶר אִים נִיט עֶסֶן׃ (מה) תּוֹשָׁב אַגוֹי וָוס הָט אוֹיף

מצות השם

(יד) (כָּל בֶּן נֵכָר וגו') אִיטְלִיכֶר וָוס עֶר אִיז אַיין פְרֶעמְדֶער דָאס מֵיינְט מֶען אַיין מְשׁוּמָּד וָואס זַיינֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען פְרֶעמְד צוּא גָאט טָאר נִיט עֶסִין פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח דָאס אִיז דִיא מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה אַז מֶען טָאר דֶעם מְשׁוּמָּד נִישְׁט גֶעבֶּן פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט גֶעבְּן צוּא קַיין גוֹי פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח דִיא גְמָרָא בְּרֶענְגְט אַז אַיין מָאל הָאט זִיךְ אַיין גוֹי פַאר שְׁטֶעלְט אוּנ פְלֶעגְט צוּא גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַיין יוּד דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז אַיין יוּד אוּנ הָאבֶּען אִים גֶעגֶעבֶּען צוּא עֶסִין פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אַיין מָאל הָאט זִיךְ דֶער פַארְשְׁטֶעלְטֶער גוֹי בַּארוּמְט פַאר (ר' יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָא) אוּנ הָאט אִים גֶעזָאגְט דָאס עֶס שְׁטֵייט אַז אַיין גוֹי טָאר נִישְׁט עֶסִין אוּנ עֶר הָט יוֹא גֶעגֶעסֶען דָאס אִים (ר' יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָא) גִיפְרֶעגְט צוּא עֶר עֶסְט פוּן דִיא (אַלְיָה) דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע שְׁטִיק אוּנ דָאס הָאט מֶען נִישְׁט גִיגֶעסֶען נָאר מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶועְן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ דָס אַנְדֶערֶע יָאר אִיז דֶער בֶּעטְרִיגֶער וַייטֶער גֶעגַאנְגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם מֶען זָאל אִים גֶעבֶּען פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אוּנ הָאט זִיךְ גֶעהֵייסֶען גֶעבֶּען פוּן דֶער (אַלְיָה) זֶענֶען זַייא גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אַז עֶר אִיז אַיין גוֹי הָאט מֶען אִים גֶעהַרְגֶעט אוּנ ר' יְהוּדָה הָט אִים אַנִּשְׁנָה גֶעהֵייסֶן אַז עֶר זָאל זִיךְ הֵייסֶען גֶעבֶּען פוּן דֶער (אַלְיָה) כְּדֵי מֶען זָאל גֶעוָואר וֶוערִין אַז עֶר אִיז אַיין גוֹי אוּנ מֶען זָאל אִים הַרְגֶענֶען אוּנ אַלֶע הָאבֶּען גֶעגֶעבֶּן אַיין שֶׁבַח צוּא (ר' יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָא) דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג וֶוען דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען סַיי בַּיי זְכָרִים אוּנ סַיי בַּיי נְקֵבוֹת׃

בֹּו׃ מה תּוֹשָׁב וְשָׂכִיר לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃
מו בְּבַיִת אֶחָד יֵאָכֵל לֹא־תוֹצִיא מִן־

תו״א תושב ושכיר פסחים לו : בבית אחד פסחים פו : לא תוציא מן פסחים פה :

בֵּהּ יֵכוּל בֵּהּ׃ מה תּוֹתָבָא וַאֲגִירָא לָא יֵכוּל בֵּהּ׃
מו בַּחֲבוּרָא חֲדָא יִתְאֲכֵל לָא תַפֵּיק מִן בֵּיתָא מִן

רש״י

העבד : (מה) תושב . זה גר תושב : ושכיר . זה הנכרי ומה ת״ל והלא ערלים הם ונאמר כל ערל לא יאכל בו אלא כגון ערבי מהול וגבעוני מהול והוא תושב או שכיר : (מו) בבית אחד יאכל . (מכילתא) בחבורה אחת שלא יעשו הנמנין עליו שתי חבורות ויחלקוהו. אתה אומר בחבורה אחת או אינו אלא בבית, אחד כמשמעו וללמד שאם התחילו והיו אוכלים בחצר וירדו גשמים שלא יכנסו לבית ת״ל על הבתים אשר יאכלו אותו בהם מכאן שהאוכל אוכל א בשני מקומות : לא תוציא מן הבית. מן החבורה:

בית יהודא

מלה זיין וועט ער מעגין עסין פון קרבן פסח , אבער דער בעל הבית מעג עסין פון קרבן פסח אפילו זיינע קנעכט זענען ניט געמלת : (מה) [תושב].(זה גר תושב) ביי יודין זענען גוועזן צווייערליי גרים , גרים וואס האבן אויף זיך גענומען זיי זאלן זיין אמתה גרים , זיי זאלן היטן די תורה מיט אלע מצות ווי אלע יודין , דער הייסט אין דיא תורה גר , אונ עס זענען גיוועזן כנענים וואס האבן אויף זיך גענומען זיי זאלן ניט דינען עבודה זרה אבער די גאנצע תורה אונ מצות היטן זיי ניט , דם האבן זיי געטאן מען זאל זיי לאזן וואהנען אין ארץ ישראל , דיא גרים זענען גערופן „גר תושב" ער איז אגר צום וואהנען אין ארץ ישראל , נאך רופט אים די תורה „גר אשר בשעריך" ער איז אגר צו מעגן וואהנען אין דיינע שטעט , אונ צו אלע זאכן איז ער ווי אגוי , דער גר טאר ניט עסין פון קרבן פסח : [ושכיר] . (זה העובד כוכבים) שכיר מיינט מען ער איז אגוי פארדונגן צו איוד טאר ער ניט עסין פון קרבן פסח , פרעגט רש״י (מה תלמוד לומר) צו וואס דארף דר פסוק זאגן אז דער תושב אונ שכיר טארין ניט עסין פון קרבן פסח (והלא ערלים הם) זיי זענען דאך ניט גמלת (ונאמר וכל ערל לא יאכל בו) אונ דר פסוק זאגט דר וואס איז ניט גמלת טאר ניט עסין פון קרבן פסח (אלא כגון ערבי מהול וגבעוני מהול והוא תושב או שכיר) נאר דער פסוק מיינט טאמר וועט איין אראביער אדער אגבעוני וואס זיי זענען געמלת ווערן אתושב אדער אשכיר , פון דעסטוועגן טארן זיי ניט עסין פון קרבן פסח : (מו) ובבית אחד יאכל] . זאגט רש״י מען מיינט (בחבורה אחת) אין איין קאמפאניע אלע צוזאמען מוזען עסין דעם קרבן פסח (שלא יעשו הנמנין עליו שתי חבורות ויחלקו בו) די מענטשין וואס האבן זיך גציילט א״ף דעם קרבן פסח זאלן זיך ניט צוטיילין אויף צוויי אדר דריי טייל יעדר טייל זאל עסין בזונדר אפילו אין איין שטוב , נאר זיי מוזען עסין אלע צוזאמען אין איין שטוב , פרעגט רש״י (אתה אומר בחבורה אחת) דו זאגסט בבית אחד מיינט מען איין קאמפאניע אלע מענטשין וואס האבן זיך געציילט א״ף דעם קרבן פסח מוזין עסין צוזאמען , אפילו אין איין שטוב טארן זייא זיך ניט צוטיילין אויף צוויי אדער דריי טייל (או אינו) טאמר ניין (אלא בבית אחד כמשמעו) נאר אז עס שטייט איין שטוב , מיינט מען נאר איין שטוב (וללמד) אונ דר פסוק קומט לערנען (שאם התחילו והיו אוכלים בחצר) אוב זיי האבען אנגעהויבען עסין דעם קרבן פסח אין הויף (וירדו גשמים) אונ עס הט אנגעהויבן גיין רעגין (שלא יכנסו לבית) זאלן זיי ניט אריין גיין אין שטוב עסין דם איבעריגע פון קרבן פסח , ווייל דאס איז צוויי ארטער , גלייך ווי צוויי שטובין , (תלמוד לומר) לערונט אונז דער פסוק (על הבתים אשר יאכלו אותו בהם) מען זאל בעשמירען די בלוט אויף די שטובין וואס מען וועט אים עסין אין זיי ואז מען זאגט „שטובין" איז דאך ניט ווייניגער ווי צוויי שטובין , אז מען זאגט „אים" מיינט מען איין קרבן פסח (מכאן) פון דאנען ווייסין מיר (שהאוכל אוכל בשני מקומות) דר וואס עסט דעם קרבן פסח מעג ער אים עסין אין צוויי ארטער , פאר וואס דען שטייט בבית אחד יאכל , נאר מען מיינט איין קאמפאניע די מענטשין וואס האבן זיך גציילט אויף דעם קרבן פסח מוזין זיי אים עסין אלע צוזאמען , אונ זיי טארין זיך ניט צוטיילין אויף צוויי אדער דריי טייל אפילו אין איין שטוב צו עסין טאר מען אויך ניט : [לא תוציא מן הבית] . מען זאל ניט ארויס טראגען אשטיקל פלייש פון

שפתי חכמים

גבי החודש הזה לכם שהרי שתיהן נאמרו בפעם א׳ : ת הרא״ם האריך בשני הדבורים להקשות מסוגיא דגמרא וליסבה ע״ש באריכות : א ואם תאמר מנא ליה לרש״י דלמא איפוך אנא בבית אחד יאכל כמשמעו כדפירש״י לעיל וקרא דעל הבתים אשר יאכלו אותו בהם מלמד שיעשו הנמנים עליו לשתי חבורות ויחלקוהו ויאכלו אותו בשני בתים. ותירץ הרא״ם כיון דקרינן

פירוש לתורת אלהים

זיך מקבל גוועזן ער זאל ניט עבודת כוכבים דינען אבער ער עסט נבילות וטריפות ושכיר אדער איין כנעני וואס איז פר דונגן ביי אישראל אויף איין צייט לא יאכל בו טאר ער פון דעם קרבן פסח ניט עסין : (מו) בבית אחד יאכל דר קרבן פסח זאל געגעסן ווערען אין איין שטוב די מענטשן וואס האבן אחלק אין אים זאלן אים עסן אלי אין איין חברותה אבר זיי טארן זיך ניט צו טיילן מיט אים אונ זאלן אים עסען אין צוויי חברותות לא תוציא דו זאלסט ניט ארויס ציהן פון דר שטוב מיינט מען פון דר חברותה מן הבשר פון דעם פלייש פון דעם קרבן פסח חוצה אויף דער גאס דם מיינט מען זיי זאלן זיך ניט צו טיילען אויף

מצות השם

(טו) (לא תוציא וגו׳) פון דעם פסוק לערנן מיר ארויס די מצות לא תעשה איז די חברותה וואס זיי האבען זיך געציילט אויף דעם קרבן פסח טארן זייא זיך נישט צו טיילען ווידער לערנען מיר ארוס אז איין מענטש טאר נישט עסן ביי צוויי חברותות אין (ספר החינוך) שטייט אז דם וואס מיר טארען נישט אוים ציהן פון דעם קרבן פסח אויף דר גאס דם איז כדי מיר זאלען מאכן איין זכר אז מיר זענען דער לייזט געוואהרן פון גלות מצרים אונ מיר זענען פריי געווארן פון דעם גלות איבר דעם טאר מיר נישט ארוס נעמן דעם קרבן פסח אויף דר גאס וואָרן מיר דארפן זיך פירן אזוי ווי מלכים ושרים וואס זיי שיקען נישט פון זייער עסין אויף דר גאס אבר דיא געמיינע לייט שיקן איינר צו דעם אנדערן זייערע מאכלים צו זייערע גוטע פריינד ווייל עס איז ביי זיי איין נייע זאך אונ די נאכט פון פסח זענען מיר גיגלעכינט צוא מלכים איבער דעם מוז מען זיך פירען אזו ווי מלכים :

הַבַּיִת מִן־הַבָּשָׂר חוּצָה וְעֶצֶם לֹא תִשְׁבְּרוּ־בוֹ׃ מז כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אֹתוֹ׃ מח וְכִי־יָגוּר אִתְּךָ גֵּר וְעָשָׂה פֶסַח לַיהוָה הִמּוֹל לוֹ כָל־זָכָר וְאָז יִקְרַב לַעֲשֹׂתוֹ וְהָיָה כְּאֶזְרַח הָאָרֶץ וְכָל־עָרֵל לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃

בִּסְרָא לְבָרָא וְגַרְמָא לָא תְתַבְּרוּן בֵּהּ׃ מז כָּל כְּנִשְׁתָּא דְיִשְׂרָאֵל יַעְבְּדוּן יָתֵהּ׃ מח וַאֲרֵי יִתְגַּיַּר עִמָּךְ גִּיּוֹרָא וְיַעְבֵּד פִּסְחָא קֳדָם יְיָ מִגְזַר לֵהּ כָּל דְּכוּרָא וּבְכֵן יִקְרַב לְמֶעְבְּדֵהּ וִיהֵי כְּיַצִּיבָא דְאַרְעָא וְכָל עַרְלָא לָא יֵיכוּל בֵּהּ׃

תו"א ועלס לא פסחים פג : לה' המול ע"ז ס : המול לו כל יבמות עא : ואז שם : וכל ערל פסחים ג :

רשב"ם

(מו) ועצם לא תשברו בו. כדרך אכילתו בחפזון : (מח) וכל ערל. ישראל

בעל הטורים

(מו) חוצה. ג' מן הבשר חוצה. כן הראלם לעקו חולה. כי מגרעות נתן לבית סביב חוצה. פי' חוץ לבתיהם היה הקב"ה מגרעס והורג בכוריהם על כן לעקו חוצה אבל בבית לא נתן המשחית לבא על כן לא תוליא מן הבשר חוצה שלא ללאת בחוץ : (מח) ואז. ד' במסו'. ואז יקרב לעשותו. ואז תשכיל. ואז ירלו את עונס. ואז חיל מלך בבל לריס על ירושלים. כלומר ואז כש ק"ב להקריב קרבן אז ילליח וישכיל וכן אז כשחיל מלך בבל לריס על ירושלים ואז ירלו את עונס : וכל ערל לא יאכל בו. וסמיך ליה תורה אחת רמז לק"ו שנשא משה במעשה העגל ומה פסח שהיא מלוה אחת אמרה תורה וכל ערל לא יאכל בו וגו' :

בית יהודא

קָרְבַּן פֶּסַח (מִן הַחֲבוּרָה) פוּן דִי קָאמְפַּאנְיֶע : וְעֶצֶם לֹא תִשְׁבְּרוּ בוֹ. זָאגְט רַשִׁ"י מְעֶן מֵיינְט (הָרָאוּי לַאֲכִילָה) דֶר בֵּיין וָוס טוֹיג צוּם עֶסִין טָאר מֶען אִים נִיט צוּבְּרֶעכֶן (כְּגוֹן יֵשׁ עָלָיו כְּזַיִת בָּשָׂר) דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם בֵּיין אִיז דָא אַשְׁטִיקֶל פְלֵייש גְרוֹיס וִוי אַאֵייל בִּירְט נָאדֶער אִין בֵּיין אִיז דָא מַארְךְ (יֵשׁ בּוֹ מִשּׁוּם שְׁבִירַת עֶצֶם) דֶעם בֵּיין טָאר מֶען נִיט צוּבְּרֶעכֶן (אֵין עָלָיו כְּזַיִת בָּשָׂר) אָבֶּער אַז אוֹיף דֶעם בֵּיין אִיז נִיטָא פְלֵייש גְרוֹיס וִוי אַאֵייל בִּירְט (אוֹ מוֹחַ) אָדֶער מַארְךְ אִיז אוֹיךְ נִיטָא אִין בֵּיין (אֵין בּוֹ מִשּׁוּם שְׁבִירַת עֶצֶם) אִיז נִיט אָסוּר צוּם צוּבְּרֶעכֶן דֶעם בֵּיין : (מז) וְכָל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אֹתוֹ. זָאגְט רַשִׁ"י (לָמָּה נֶאֱמַר) צוּא וָואס שְׁטֵייט דֶער פָּסוּק מִיר ווייסִין דָאךְ אַז אַלֶע יוּדִין דַארְפִין מַאכֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, עֶנְטְפֶערְט רַשִׁ"י (לְפִי שֶׁהוּא אוֹמֵר בְּפֶסַח מִצְרַיִם) וַוייל בַּיי דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח וָואס דִי יוּדִין הָאבֶּען גֶעמַאכְט אִין מִצְרַיִם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שֶׂה לְבֵית אָבוֹת) יֶעדֶר מִשְׁפָּחָה וּפַאמִילְיֶע בְּאַזוּנְדֶער זָאל נֶעמֶען אַשֶעפְּס צוּם קָרְבַּן פֶּסַח (שֶׁנִּמְנוּ עָלָיו לְמִשְׁפָּחוֹת) מֶען הָט זִיךְ גֶעצֵיילְט צוּם קָרְבַּן פֶּסַח יֶעדֶרֶע פַאמִילְיֶע בְּזוּנְדֶער (יָכוֹל אַף פֶּסַח דּוֹרוֹת כֵּן) וָואלְט אִיךְ מֵיינֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח וָואס מֶען וֶועט מַאכֶען אִין שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צֵייטִין מוּז מֶען אוֹיךְ מַאכֶען יֶעדֶערֶע מִשְׁפָּחָה בְּזוּנְדֶער (תַּלְמוּד לוֹמַר) לֶערְנְט אוּנְז דֶר פָּסוּק (כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אֹתוֹ) אַלֶע יוּדִין צוּזַאמֶען מֶעגִין מַאכִין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, דִי מֶענְטְשִׁין וָוס צֵיילִין זִיךְ אוֹיף דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח מֶעגִין זַיין פוּן עֶטְלִיכֶע פַאמִילְיֶעס צוּזַאמֶען : (מח) וְעָשָׂה פֶּסַח. זָאגְט רַשִׁ"י (יָכוֹל כָּל הַמִּתְגַּיֵּיר יַעֲשֶׂה פֶּסַח מִיָּד) אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען דֶער גוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְגַיֵּיר זָאל עֶר בַּאלְד מַאכֶען אַקָרְבַּן פֶּסַח, אֲפִילוּ נִיט אוֹיף פֶּסַח (תַּלְמוּד לוֹמַר וְהָיָה כְּאֶזְרַח הָאָרֶץ) זָאגְט אוּנְז דֶר פָּסוּק דֶר גֵּר זָאל זַיין וִוי דֶר אֶזְרָח וִוי דֶר גֶעבָּארֶענֶער יוּד (מָה אֶזְרָח בי"ד) אַזוֹי וִוי דֶער גֶעבָּארֶענֶער יוּד מַאכְט אַקָרְבַּן פֶּסַח דֶעם פֶערְצֶנְטֶען טָאג אִין נִיסָן (אַף גֵּר בי"ד) דֶער גֵּר זָאל אוֹיךְ מַאכִין אַקָרְבַּן פֶּסַח דֶעם פֶערְצִינְטֶען טָאג אִין נִיסָן : וְכָל עָרֵל לֹא יֹאכַל

רש"י

ועצם לא תשברו בו. הראוי לאכילה כגון שיש עליו כזית בשר יש בו משום שבירת עלם ב אין עליו כזית בשר או מוח אין בו משום שבירת עלם : (מז) כל עדת ישראל יעשו אותו. למה נאמר לפי שהוא אומר בפסח מלרים שה לבית אבות שנמנו עליו למשפחות יכול אף פסח דורות כן תלמוד לומר כל עדת ישראל ג יעשו אותו : (מח) ועשה פסח. יכול כל המתגייר יעשה פסח מיד תלמוד לומר והיה כאזרח הארץ מה אזרח בארבעה עשר אף גר בארבעה עשר : וכל ערל לא יאכל בו. להבית

שפתי חכמים

יאכל בלירי"י משמע דקאי על הפסח אבל אי קאי על הבית ה"ל לנקוד יאכל בחולם ופת"ח דהנמנים עליו יאכלו בבית אחד : ב פי' דיאכל דרישא דקרא קאי נמי אעלם לא תשברו בו וכאלו כתיב ועלם הנאכל לא תשברו בו (הרא"ם) : ג פי' אפי' אינן

פירוש לתורת אלהים

צְוַוייא חֲבוּרוֹת וְעֶצֶם אוּנ אַבֵּיין טָאר מֶען אִין אִים נִיט צוּ בְּרֶעכֶן : (מז) כָּל גָאר דִי עֵדָה פוּן יִשְׂרָאֵל זָאלֶן מַאכֶן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח : (מח) וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר אוּנ אַז עֶס וֶועט וואוֹנֶען מִיט דִיר אַגֵּר וְעָשָׂה פֶּסַח לַיְיָ אוּנ עֶר וֶועט מַאכֶן אַקָרְבָּן פֶּסַח צוּ גָאט דֶעם פֶערְצֶטֶן טָאג אִין נִיסָן הִמּוֹל לוֹ כָּל זָכָר זָאל עֶר פְרִיעֶר מַל זַיין אַלֶע זְכָרִים וְאָז אוּנ דֶענְצְמָאל יִקְרַב לַעֲשׂוֹתוֹ מֶעג עֶר גֶעהְנֶן צוּ מַאכֶן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח וְהָיָה אוּנ דֶער גֵּר וָוס הָט זִיךְ מַל גֶוועֶן זָאל זַיין כְּאֶזְרַח הָאָרֶץ וִוי אַגֶעבָּארֶענֶער יוּד וְכָל עָרֵל אוּנ אִיטְלִיכֶער וָוס אִיז נִיט גֶמַלְתְּ וַוייל זַיינֶע

מצות השם

(מו) וְעֶצֶם לֹא תִשְׁבְּרוּ בוֹ) פוּן דֶעם פָּסוּק לֶערְנֶען מִיר אַרוֹיס אַז מֶען טָאר נִישְׁט צוּא בְּרֶעכִין .קַיין בֵּיין פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אוּנ דָס אִיז אֵיין מִצְוָה לֹא תַעֲשֶׂה אוּנ אַזוֹי בַּאלְד אַז מֶען צוּא בְּרֶעכְט אַבֵּיין אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶער לֹא תַעֲשֶׂה אוּנ עֶס קוּמְט דְרוֹיף מַלְקוֹת. פוּן דֶער מִצְוָה זֶעהְן מִיר אֵיצְט אַז דִיא תּוֹרָה הָאט אוּנְז גֶעהֵייסֶען מַאכֶען אַזֵכֶר אַז מִיר זֶענֶען דֶער לֵייזְט גֶעוָוארֶען אוּנ מִיר מוּזֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַזוֹי וִוי מְלָכִים דָארְף דֶעם טָאר מִיר נִישְׁט צוּ בְּרֶעכֶן .קַיין בֵּיין אִין קָרְבַּן פֶּסַח וָוארֶען עֶס אִיז נִישְׁט דֶער סֵדֶר פוּן .קַיין מֶלֶךְ עֶר זָאל צוּא בְּרֶעכֶען אַיין בֵּיין אוּנ זָאל עֶסִין דָס אֵינֶערְוַוייגְסְט : דָאס טוּהְט אַיין פְרֶעסֶר (יז) (וְכָל עָרֵל לֹא יֹאכַל בּוֹ) אוּנ אִיטְלִיכֶער וָואס אִיז פַ־ שְׁטָאפְּט מֵיינְט מֶען וָואס אִיז נִישְׁט גִימַלְתְּ הָאטְשֶׁע עֶר אִיז אַיִשְׂרָאֵל

מט תּוֹרָה אַחַת יִהְיֶה לָאֶזְרָח וְלַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכְכֶם׃ נ וַיַּעֲשׂוּ כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ׃ ס נא וַיְהִי בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה הוֹצִיא יְהוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַל־צִבְאֹתָם׃ פ שביעי יג א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ ב קַדֶּשׁ־לִי כָל־בְּכוֹר פֶּטֶר

אונקלוס

מט אוֹרַיְתָא חֲדָא יְהֵא לְיַצִּיבָא וּלְגִיּוֹרָא דְיִתְגַּיְּרוּן בֵּינֵיכוֹן׃ נ וַעֲבָדוּ כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּמָא דִי פַקֵּיד יְיָ יָת מֹשֶׁה וְיָת אַהֲרֹן כֵּן עֲבָדוּ׃ נא וַהֲוָה בִּכְרַן יוֹמָא הָדֵין אַפֵּיק יְיָ יָת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאַרְעָא דְמִצְרַיִם עַל חֵילֵיהוֹן׃ א וּמַלֵּיל יְיָ עִם מֹשֶׁה לְמֵימָר׃ ב אַקְדֵּשׁ קֳדָמַי

תו"א קדש לי מנחות לד: כל בכור בכורות מז: פטר כל רחם שם יט:

רשב"ם

שמתו אחיו מחמת מילה ולא נימול: (נא) ויהי בעצם היום וגו'. אע"פ שכבר [נאמר] זה למעלה חוזר וכופלו עתה לומר לך שביום שיצאו אמר הקב"ה למשה קדש לי כל בכור: (ב) פטר. לשון פתיחה. כמו פוטר מים ראשית מדון: באדם. עבודה מתחלה היתה בבכורות:

רש"י

את שמתו אחיו מחמת מילה שאינו מומר לערלות ואינו נלמוד מבן נכר לא יאכל בו: (מט) תורה אחת וגו'. (מכילתא) להשוות גר ד לאזרח אף לשאר מצות שבתורה: (ב) פטר כל רחם. שפתח את הרחם ה תחלה כמו

בית יהודא

בו). דער וואָס איז ניט געמַלְתְּ זאָל ניט עֶסין פון קָרְבַּן פֶּסַח (לְהָבִיא אֶת שֶׁמֵּתוּ אֶחָיו מֵחֲמַת מִילָה) דער מענטש וואָס איז ניט געמַלְתְּ וַוייל זיינע ברידער זענען געשטאָרבן פון דעם מָלָה זיין וְדִרִיבֶּר טאָר מען אים ניט מַלָה זיין (שֶׁאֵינִי מוּמָר לַעֲרָלוֹת) ער איז ניט אַרְשֶׁע צו די מִצְוֹת מִילָה, פון דעסטוועגן טאָר ער ניט עסין פון קָרְבַּן פֶּסַח (וְאֵינוֹ נִלְמַד מִבֶּן נֵכָר לֹא יֹאכַל בּוֹ) דעם דין קען מען ניט אָפּלערנען פון דעם דין וואָס שטייט פְרִיער בֶּן נֵכָר לֹא יֹאכַל בּוֹ, וואָרום בֶּן נֵכָר מיינט מען ער טוּהט ניט וואָס הקב"ה האָט געבאָטען ווייל ער גלויבט ניט אין הקב"ה אונ ניט אין די תּוֹרָה, דער דאַרף ניט עסין פון קָרְבַּן פֶּסַח, אָבער אַז ער גלויבט אין הקב"ה אונ אין תּוֹרָה אונ מִצְוֹת נאָר ער האָט זיך ניט געמַלְתְּ וועגען סַכָּנָה, וואָלטען מיר מיינען ער מעג עסין פון קָרְבַּן פֶּסַח, דריבער דאַרף שטיין דער פָּסוּק וְכָל עָרֵל לֹא יֹאכַל בּוֹ, ווער עס איז אַעָרֵל אַפִילוּ וועגין סַכָּנָה טאָר ער אויך ניט עסין פון קָרְבַּן פֶּסַח: (מט) וְתוֹרָה אַחַת וגו'). (לְהַשְׁווֹת גֵּר לְאֶזְרָח אַף לִשְׁאַר מִצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה) דער פָּסוּק לערונט אונז אַז דער גר זאָל זיין גלייך צו דעם געבאָרענעם יוד צו אַלע דִינִים אונ מִצְוֹת וואָס שטייט אין דיא תּוֹרָה: (ב) [פֶּטֶר כָּל רֶחֶם]. (שֶׁפָּתַח אֶת הָרֶחֶם תְּחִלָּה) דער קינד [אַזָכָר] וואָס ער האָט דער ערשטער געעפינט דם מוטער לייב פון זיין מוטער, פֶּטֶר איז טייטש

שפתי חכמים

ממשפחה אחת: ד וא"ת מהיכא תיתי לחלק והא גר ישראל גמור הוא בכלמא לעיל דכתיב כאזרח הארץ להשוות את הגר לאזרח הארץ בהקרבת פסח בי"ד דס"א מיד שנתגייר יהיה חייב בקרבן פסח מ"ס כ' כאזרח הארץ כדפירש"י לעיל אבל שאר מצות שבתורה מנ"ל לחלק. [רא"ס] וי"ל מדאצטריך קרא ל השוות הגר לישראל לענין הקרבת פסח בי"ד ס"א שאין הגר שוה לישראל בשאר מצות: ה דק"ל הא כל

פירוש לתורת אלהים

ברידער זענען געשטאָרבן מַחֲמַת מִילָה האָט מען אים מוֹרָא געהאַט מַל צוא זיין לֹא יֹאכַל בּוֹ טאָר ער דעם קָרְבַּן פֶּסַח ניט עסן: (מט) תּוֹרָה אַחַת יִהְיֶה איין תורה זאָל זיין לָאֶזְרָח צום געבאָרענעם יוד. וְלַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכְכֶם אונ צוא דעם גר וואָס וואוינט צווישן אייך אַלע מִצְוֹת וואָס אין דער תּוֹרָה שטייט מוז דער גר זיי מְקַיֵּים זיין אַזוֹ ווי איין יִשְׂרָאֵל: (נ) וַיַּעֲשׂוּ האָבן אַלע יודין געטאָן כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְיָ וויא גאָט האָט געבאָטין צו משה אונ צו אַהֲרֹן וואָס די יִשְׂרָאֵל זאָלן טאָהן כֵּן עָשׂוּ אַזוֹ האָבן זיי געטאָהן: (נא) וַיְהִי אונ עס איז געוועזן בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה אין דעם פופצעטן טאָג אין ניסן הוֹצִיא יְיָ האָט גאָט אויס געצוגן דיא קינדער יִשְׂרָאֵל פון דעם לאַנד מִצְרַיִם עַל צִבְאֹתָם מיט זייערי שאַרען: (א) וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה האָט גאָט גערעט צוא משה לֵאמֹר ער זאָל צוא די יִשְׂרָאֵל אַזוי זאָגען: (ב) קַדֶּשׁ לִי דוא זאָלסט הייליגן צוא מיר כָּל בְּכוֹר אַלע בְּכוֹרִים אַלע ערשטע קינדער

מצות השם

פאַר זיינע ברידער זענען געשטאָרבן מַחֲמַת מִילָה האָט מען אים אויך מוֹרָא געהאַט מַלָה צוא זיין טאָר ער דעם קָרְבַּן פֶּסַח נישט עסין דיא מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה איז נאָר נוֹהֵג בִּזְמַן ווען דאָס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז געשטאַנען:

(יח) [קַדֶּשׁ לִי כָל בְּכוֹר וגו') דו זאָלסט הייליגן צו מיר דיא אַלע בְּכוֹרִים וואָס די מוּטֶער האָט קיין קינד נישט געהאַט פאַר דעם קינד אונ דאָס איז איין זָכָר סיי פון מענטשן אָדער פון בְּהֵמוֹת זאָל מען אַלץ מַקְדִּישׁ זיין צוא גאָט אונ פון איין כָּשֵׁרֶע בְּהֵמָה האָט מען געשפּרענגט דָם בְּלוּט אויף דעם מִזְבֵּחַ אונ דָם פְלֵייש האָבן געגעסן די (כֹּהֲנִים) דאָס איז געוועזן ווען דָם ביהמ"ק איז געוועזן אונ דיא מִצְוָה גייט אַצוּנְד אויך אָן אַז עס ווערט געבוירין ביי איין מענטש איין בְּכוֹר מוז ער אים ביי דעם כֹּהֵן אויס לייזן אונ פון איין בְּהֵמָה מוז ער האַלטן ביז עס בַּקוּמְט אַפֶעלער אונ דר נאָך קען דר כֹּהֵן טוּען אַזוֹ ווי ער וויל אונ אַז מען האָט בְּשׁוּתָּפוּת מיט איין גוי אין דעם קעלבּיל וואָס עס איז געבוירן געוואָרן אָבער אין די מוּטֶער פון דעם קעלבּיל דאַרף מען נישט צו געבען

כׇּל־רֶחֶם בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָדָם
וּבַבְּהֵמָה לִי הוּא׃ ג וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה
אֶל־הָעָם זָכוֹר אֶת־הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר
יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים כִּי
בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיא יְהוָה אֶתְכֶם מִזֶּה
וְלֹא יֵאָכֵל חָמֵץ׃ ד הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים
בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב׃ ה וְהָיָה כִי־יְבִיאֲךָ
יְהוָה אֶל־אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי

כָּל בּוּכְרָא פְּתַח כָּל וַלְדָּא
בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בֶּאֱנָשָׁא
וּבִבְעִירָא דִּילִי הוּא׃
ג וַאֲמַר מֹשֶׁה לְעַמָּא הֲווֹ
דְּכִירִין יָת יוֹמָא הָדֵין דִּי
נְפַקְתּוּן מִמִּצְרַיִם מִבֵּית
עַבְדוּתָא אֲרֵי בִּתְקוֹף
יְדָא אַפֵּיק יְיָ יָתְכוֹן מִכָּא
וְלָא יִתְאֲכֵל חֲמִיעַ׃
ד יוֹמָא דֵין אַתּוּן נָפְקִין
בְּיַרְחָא דְאַבִּיבָא׃ ה וִיהֵי
אֲרֵי יַעֲלִנָּךְ יְיָ לְאַרְעָא
דִּכְנַעֲנָאֵי וְחִתָּאֵי

תו"א ויאמר משה שבת עז : ולא יאכל פסחים כח : היום אתם שם לו : והיה כי יביאך מנחות לד :

רשב"ם

(ד) האביב . ביכור ובישול תבואה . כמו עודנו באבו לא יקטף . באבי הנחל . הדגש [בבי"ת] במקום אות בי"ת החסירה :

בית יהודא

עֶפְּענֶן (כְּמוֹ) ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (פּוֹטֵר מַיִם רֵאשִׁית מָדוֹן) דֶר אָנְהֵייבּ פוּן אַקְרִיג אִיז ווי אַעֶפְּענוּנְג פוּן וואסֶער [אַזוֹי ווִיא אַעֶפְעוּנְג פוּן וואסֶער אַז מֶען פַארְמַאכְט נִיט בַּאלְד, רֵייסְט דוּרְךְ דִי וואסֶער אוּנ מַאכְט אַגְרוֹיסֶע עֶפֶענוּנְג, בַּיי אַקְרִיג אִיז אוֹיךְ אַזוֹ אַז מֶען, מַאכְט נִיט בַּאלְד שְׁטִיל דִיא קְרִיג, ווֶערְט זִיא גְרֶעסֶער אוּנ גְרֶעסֶער] (וְכֵן יַפְטִירוּ בְּשָׂפָה) אִיז דֶר טַייטְשׁ (יִפְתְּחוּ שְׂפָתַיִם), זֵיי ווֶעלֶן עֶפְּענֶן דִי לֶעפְּצֶן: [לִי הוּא]. הקב"ה זָאגְט דִי בְּכוֹרִים גִיהֶערִין צוּ מִיר (לְעַצְמִי קְנִיתִים) אִיךְ הָאבּ זֵייא גֶעקוֹיפְט פַר זִיךְ (עַל יְדֵי שֶׁהִכֵּיתִי בְּכוֹרֵי מִצְרַיִם) ווַייל אִיךְ הָאבּ גִישְׁלָאגֶען דִיא בְּכוֹרִים פוּן מִצְרַיִם: (ג) [זָכוֹר אֶת הַיּוֹם הַזֶּה]. זָאגְט רש"י (לָמַד) דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז (שֶׁמַּזְכִּירִין יְצִיאַת מִצְרַיִם בְּכָל יוֹם) מֶען דַארְף דֶערְמַאנֶען אַלֶע טָאג אַז הקב"ה הָאט אוּנְז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם: (ד) [בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב]. פְרֶעגְט רש"י (וְכִי לֹא הָיוּ יוֹדְעִים בְּאֵיזֶה חוֹדֶשׁ יָצְאוּ) הָאבִּין דֶען דִיא יוּדִין נִיט גֶעווּאסְט אִין ווֶעלְכִין חוֹדֶשׁ זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם (אֶלָּא כָּךְ אָמַר לָהֶם) נָאר אַזוֹ הָאט מֹשֶׁה גִיזָאגְט צוּא דִיא יוּדִין (רְאוּ חֶסֶד שֶׁגְּמָלְכֶם) זֶעהְט דֶעם חֶסֶד ווָס הקב"ה הָאט אַייךְ גֶעטָאהְן (שֶׁהוֹצִיא אֶתְכֶם בְּחוֹדֶשׁ שֶׁהוּא כָּשֵׁר לָצֵאת) הקב"ה הָט אַייךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם אִין אַחוֹדֶשׁ ווָאס אִיז גוּט צוּ גֵיין אִין ווֶעג (לֹא חַמָּה וְלֹא צִנָּה וְלֹא גְשָׁמִים) נִיט הֵייס נִיט קַאלְט נִיט רֶעגִין (וְכֵן הוּא אוֹמֵר) אַזוֹ הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט (מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת) הקב"ה הָט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִיא גֶעבּוּנְדֶענֶע יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם בַּכּוֹשָׁרוֹת (חוֹדֶשׁ שֶׁהוּא כָּשֵׁר לָצֵאת) אִין אַחוֹדֶשׁ ווָאס אִיז גוּט צוּ גֵיין אִין ווֶעג: (ה) [אֶל אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי]. זָאגְט רש"י (אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא מָנָה אֶלָּא חֲמִשָּׁה עֲמָמִין) אַ־ּלּ

רש"י

(משלי יז) פוטר מים ראשית מדון וכן (תהלים כב) יפטירו בשפה יפתחו שפתים : לי הוא . לעלמי קניתים ו ע"י שהכיתי בכורי מלרים : (ג) זכור את היום הזה . למד שמזכירין יליאת מלרים ז בכל יום : (ד) בחדש האביב . וכי לא היו יודעין באיזה חדש יצאו אלא כך אמר להם ראו חסד שגמלכם שהוליא אתכם בחדש שהוא כשר ללאת לא חמה ולא צנה ולא גשמים . וכן הוא אומר (תהלים סח) מוליא אסירים בכושרות חדש שהוא כשר ללאת : (ה) אל ארץ הכנעני וגו'. (תנחומא) אע"פ שלא מנה אלא חמשה

שפתי חכמים

עוכר פתח את הרחם נכ"פ תחלה : ו דק"ל הא כל דבר שבעולם שלו הוא ועז"פ לעלמי קניתים כלו' אף אם לא תקדים אותי הוא קדוש אך קדם לי כל בכור כדי שתקבל שכר : ז מדכתיב זכור בקמ"ץ משמע זכור תמיד כמו שפירש"י בפ' יתרו על פסוק זכור את יום השבת. כה"י

פירוש לתורת אלהים

זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים אונ זיי וועלן געבען אטרכטונג אין הארצען זיי זאלן גיין צוריק אין מצרים: (יח) וַיַּסֵּב. זאגט רש"י (הֵסִיבָם מִדֶּרֶךְ הַפְּשׁוּטָה לְדֶרֶךְ הָעֲקוּמָה) הקב"ה האט זיי אפגעקערט פון די גלייכע וועג צו אקרומע וועג: יַם סוּף. (כְּמוֹ) ווי עס וואלט געשטאנען (לְיַם סוּף) צום ים סוף, הקב"ה האט זיי געפירט אין די וועג וואס גייט צום ים סוף (וְסוּף הוּא לָשׁוֹן אֲגַם שֶׁגְּדֵלִים בּוֹ קָנִים) דעם ים רופט מען ים סוף ווייל דר ווארט סוף ווערט געזאגט אויף אוואסר וואס אין אים וואקסען גראז־שטעקליך, אונ ווייל אין דעם ים וואקסען אויך גראז־שטעקליך דריבער רופט מען אים ים סוף (כְּמוֹ) ווי עס שטייט אין פסוק (וַתָּשֶׂם בַּסּוּף) זיא האט געטאהן דם קעסטעל צווישען די גראז וואס וואקסט אין וואסר (קָנֶה וָסוּף קָמֵלוּ) אז דר וואסער ווערט אויסגעטריקנט ווערען וועלען פארשימען אונ פארטריקנט ווערען די שטעקליך מיט דעם גראז וואס האבן געוואקסען אין דעם וואסער (ישעיה יט) וַחֲמֻשִׁים. זאגט רש"י (אֵין חֲמוּשִׁים אֶלָּא מְזוּיָּנִים) חמושים מיינט מען געוואפענט מיט געווער ובלים צו מלחמה) אונ מיט אלע זאכן וואס מען דארף אין וועג (לְפִי שֶׁהֱסִיבָתָן בַּמִּדְבָּר גָּרַם לָהֶם שֶׁעָלוּ חֲמוּשִׁים) ווייל זיי האבן געוואוסט אז זיי וועלן דארפן גיין אין דר מדבר דם האט זיי געברייננט זיי זאלען אויפגיין פון מצרים געוואפענט מיט אלע זאכן וואס מען דארף אין וועג (שֶׁאִלּוּ הָיָה דֶּרֶךְ יִשּׁוּב) ווארום אז מען וואלט זיי געפירט דורך אוועג וואס איז בעוואהנט מיט מענטשן (לֹא הָיוּ מְחוּמָּשִׁים לָהֶם כָּל מַה שֶּׁצְּרִיכִים) וואלטען זייא זיך ניט בעוואפענט מיט אלע זאכען וואס מען דארף אין וועג (אֶלָּא כְּאָדָם שֶׁעוֹבֵר מִמָּקוֹם לְמָקוֹם וּבְדַעְתּוֹ לִקְנוֹת שָׁם כָּל מַה שֶּׁיִּצְטָרֵךְ) נאר זיי וואלטען געטאהן ווי אמענטש וואס גייט פון איין ארט צום אנדערען ארט אונ ער טראכט אויף וועלכען ארט ער וועט קומען וועט ער קויפען וואס ער דארף, דריבער נעמט ער ניט מיט זיך פון דערהיים פיל זאכן ווייל ער וועט אלץ קענען קויפען ביםאכנוייז אין וועג (אֲבָל כְּשֶׁהוּא פּוֹרֵשׁ לְמִדְבָּר) אבער דער מענטש וואס דארף גיין אין דער מדבר (צָרִיךְ לְזַמֵּן כָּל הַצּוֹרֶךְ) דארף ער אנגרייטען אונ מיט נעמען פון דערהיים אלץ וואס ער וועט דארפן אין וועג (וְכָתוּב זֶה

רש"י

לב לשוב: (יח) ויסב. הסיבם מן הדרך הפשוטה לדרך העקומה: ים סוף. כמו לים סוף וסוף הוא ל' אגם שגדלים בו קנים. כמו ותשם בסוף. קנה וסוף קמלו: וחמשים. אין חמושים אלא מזויינים (לפי שהסיבתן במדבר גרם להם שעלו חמושים שאלו היה דרך ישוב לא היו מחומשים להם כל מה שצריכין אלא כאדם שעובר ממקום למקום ובדעתו לקנות שם מה שיצטרך אבל כשהוא פורש למדבר צריך לזמן כל הצורך וכתוב זה לא נכתב כי אם

שפתי חכמים

סוא והיינו לפי ד"א ספי' לעיל בפרשת ברחשית אבל לפי פי' ראשון יכחס לשון נחמס סוא כמו שמפרש שם: ז דל"ת שסוא לשון קן והוי

דעת זקנים מבעלי התוספות

שירשו הכנענים את הארץ דכתיב ודור רביעי ישובו הנה ועדיין לא היה להם דור רביעי לפיכך הקיפן הקב"ה במדבר מ' שנה. ועוד אמר הקב"ה אם אני מוליכם דרך הישר עכשיו מחזיקין איש בשדהו ובכרמו ומבטלין תלמוד תורה אבל אני אוליכם ארבעים שנה דרך המדבר ויאכלו המן וישתו מי באר ותתישב בגופן. ועוד כששמעו הכנעניים שישראל יצאו ממצרים אמרו עכשיו באין עלינו ונוטלין מידינו את הארץ עמדו הן והשחיתו את הארץ אמר הקב"ה אני הבטחתי לאברהם להכניס בניו אל ארץ מלאה כל טוב הריני מעכבן במדבר כדי שיתקנו מה שקלקלו זש"ה אני יסרתי אתכם במדבר לחזק את זרועותם וגו':

ליקוטים על התורה

האלטען אונ ניט לאזען זייא גיין דורך זייער לאנד, אונ וועלען מאכען אמלחמה מיט זיי, אונ ווען די יודען וועלען זעהן די פלשתים גייען ארוס געגען זיי אנגעטאהן מיט שווערדען אונ ביקסען צו אמלחמה אונ זיי האבן קיין מלחמה געלערונט, וועלען זיי גיין צוריק אין מצרים, דריבער האט זיי הקב"ה געפירט אין דער מדבר געגען ים סוף די מצרים זאלען קומען צו זיי צום ים אונ דארטען וועלען זייא דערטרונקען ווערען:

פירוש לתורת אלהים

אז זיי וועלען דר זעהן אמלחמה אז די פלשתים וועלען מיט זיי וועלען מלחמה האלטען ושבו וועלען זיי זיך אום קערען נאך מצרים ווייל עס איז אנהנטער וועג דרום: (יח) ויסב האט גאט גמאכט ארום רינגלען דאס פאלק ישראל דארך אקרומען וועג דרך דארך דר מדבר ים סוף וועלען זייא זיך ניט קאזען גרינג אום קערען וחמשים

אונ געוואפינט מיט כלי זיין עלו זענען אויף גגאנגען דיא קינדער ישראל מארץ פון דעם לאנד מצרים. נאך

משלים על התורה

בעל הבית האט געחאפט זיין זוהן אונ האט געשיקט צו אים אויב דו וועסט ניט שיקען דעם שעפס וועל איך דיין זוהן הרגען, האט דר פאסטוך אפגעשיקט דעם שעפס, נאכדעם האט דער בעל הבית פון שעפס געחאפט דעם פאסטוך אונ האט אים געשלאגן, האט דר פאסטוך געזאגט איך האב דאך דיר דעם שעפס צוריק געגעבן וואס ווילסטו נאך פון מיר, האט דר בעל הבית געזאגט צום פאסטוך גיב מיר צוריק די קינדער וואס דער שעפס האט ביי דיר געבארען, דם זעלביגע איז געווען ביי פרעה, דר פאסטוך פון די חזירים, ער האט געזעהן נעבען זיך, דעם שעפס, די יודען, האט ער זיי ארויין געצויגן אין זיין סטאדע אונ דר שעפס, די יודען, זענען ביי זיי געפייניגט געווארען, דר בעל הבית פון שעפס, הקב"ה, האט געשיקט צו אים משה מיט אהרן ער זאל די יודען ארוס שיקען פון זיין סטאדע, אונ ער האט ניט געוואלט, האט הקב"ה געמאכט בלוט פון זיינע וואסר אונ נאך מכות אונ עס האט ניט געהאלפען, ביז הקב"ה האט געהרגת זיינע

מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ יט וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ כִּי הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹהִים אֶתְכֶם וְהַעֲלִיתֶם אֶת־

יִשְׂרָאֵל מֵאַרְעָא דְמִצְרָיִם׃ יט וְאַסֵּיק מֹשֶׁה יָת גַּרְמֵי יוֹסֵף עִמֵּהּ אֲרֵי אוֹמָאָה אוֹמֵי יָת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמֵימַר מִדְכַּר דְּכִיר יְיָ יָתְכוֹן וְתַסְּקוּן יָת גַּרְמַי

תו״א ויקח משה פסחים סו׃

בעל הטורים

('ט) השבע השביע. ב' במסו' הכא ואידך גבי שאול השבע השביע אכיך את העס כדדרשינן הכא מלמד שהשביע את אחיו שישביעו לבניהם אף התם נמי השביע לעס שישביעו אף לאותם שלא היו שם כשהשביעם ולכך נלכד יהונתן אע"פ שלא שמע את השבועה׃

רש"י

לשבר את האוזן שלא תתמה במלחמת עמלק ובמלחמות סיחון ועוג ומדין מהיכן היו להם כלי זיין שהכו ישראל בחרב ברש"י ישן) וכה"א (יהושע א) ואתם תעברו חמושים. וכן תרגם אונקלוס מזרזין כמו (בראשית יד) וירק את חניכיו וזריז. ד"א חמושים מהומשים אחד מחמשה ח יצאו וד' חלקים מתו בשלשת ימי אפילה׃ (יט) השבע השביע. השביעם שישביעו ט לבניהם (מכילתא) ולמה לא השביע בניו שישאוהו לארץ כנען י מיד כמו שהשביע יעקב אמר יוסף אני שליט הייתי במצרים והי' ספוק בידי לעשות אבל בני לא יניחום מצריים לעשות לכך השביעם לכשיגאלו ויצאו משם שישאוהו (סוטה יג)׃ והעליתם את עצמותי מזה אתכם. לאחיו השביע כן ב למדנו שאף עצמות כל

בית יהודא

לא נכתב כי אם לשבר את האוזן) דר פסוק איז נאר געשריבן געווארן צו געבען פארשטיין דעם איער ודעם מענטשן (שלא תאמר במלחמת עמלק ובמלחמת סיחון ועוג ומדין) דו זאלסט ניט זאגן ופרעגען ביי די מלחמה מיט עמלק אונ סיחון אונ עוג אונ מדין (מהיכן היו להם כלי זיין) פון וואנען האבן זיי געהאט געווער וכלים צו מלחמה (שהכו ישראל בחרב) די יודען האבען געשלאגן די פעלקר מיט שווערדן, פון וואנען האבן זיי געהאט שווערדן, דריבער זאגט דער פסוק וחמושים עלו בני ישראל ממצרים, די יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים בעוואפענט מיט געווער וכלים צו מלחמה (וכן הוא אומר) אונ אזוי זאגט דר פסוק (ואתם תעברו חמושים) אונ איר וועט אריבער גיין געוואפענט (וכן תרגם אונקלוס) אונ אזוי טייטשט דר תרגום אויף דעם וואָרט חמושים, מזרזין, גענאפענט (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (וירק את חניכיו), טייטשט אויך דער תרגום (וזריז), ער האט געוואפינט (דבר אחר חמושים) נאך אפשט זאגט דר מדרש אויף דעם וואָרט חמושים, חמושים איז דערטייטש אפינפטול (אחד מחמשה יצאו) איין טייל פון פינף טייל זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים (וארבעה חלקים מתו בשלשת ימי אפלה) אונ פיר טייל זענען געשטארבען אין מצרים אין די דרייא טעג וואס איז געווען פינסטער׃ (יט) השבע השביע. זאגט רש"י דריבער שטייט צוויי מאהל דער לשון שבועה ווייל (השביעם שישביעו לבניהם) יוסף הט זיינע ברידר בשווארן זיי זאלן בשווערן זייערע קינדער ואונ די קינדר זאלען ווייטער בשווערען ביז די מענטשן וואס וועלן ארויסגיין פון מצרים זאלן מיט נעמען זיינע ביינר פון מצרים, פרעגט רש"י (ולמה לא השביע לבניו שישאוהו לארץ כנען מיד) פר וואס הט יוסף ניט בשווארן זיינע קינדר זיי זאלען אים טראגען אין כנען צום באגראבן, באלד ווי ער וועט שטארבען (כמו שהשביע יעקב) וויא יעקב האט אים בשווארען, ענפערט רש"י (אמר יוסף) יוסף הט געזאגט (אני שליט הייתי במצרים) איך האב געוועלטיגט אין מצרים (והיה ספק בידי לעשות) איז מיר געווען מעגליך אלץ צוא טאהן, האב איך געקענט מיין פאטער יעקב באלד טראגן אין כנען (אבל בני לא יניחום מצרים לעשות) אבר צו מיינע קינדר וועלן די מצרים ניט לאזען מיך ארויס פירען פון מצרים אין כנען (לכך השביעם) דריבער האט ער זיי בשווארן (לכשיגאלו ויצאו משם שישאוהו) ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערען אונ וועלן ארויסגיין פון דארטן זאלן זיי אים טראגן פון מצרים׃ והעליתם את עצמותי מזה אתכם. זאגט רש"י (לאחיו השביע כן) צו זיינע ברידער הט ער אזוי בשווארן זיי זאלען אויפברייגען זיינע ביינער פון מצרים, נאך זאגט רש"י (למדנו) מיר לערנן פון דעם פסוק (שאף עצמות כל השבטים

שפתי חכמים

פירושו שנסעו לסוף הים לכן פי' סוף ל' אגם וכו' ויס הוא מלא אגם לכך נ"ל יס סוף כמו ליס סוף. מהרש"ל׃ ח דלפירוש ראשון קשה איך מכיא ראיה דהתם א"א לפרש בענין אחר לכן פירש ד"א ואמר אין המקרא יוצא מידי פשוטו שגם הוא לשון זירוז׃ ט (נח"י) דליכא למימר דברה תורה כלשון בני אדם וכי עלתה על הדעת שאותו הדור יעלו ממצרים והלא היה להם להיות במצרים ת' שנה ולפחות רד"ו שנה ועוד מאי נתינת טעם הוא אלא שהשביעם וכו' ודלא כהרא"ס׃ י פירוש ולא היה צריך להשביעם שישביעו אחרים ותי' אמר יוסף וכו' וזהו מיושב למה לא הקשה רש"י הקושיא על הפסוק ולא על פירושו ועוד למה לא הקשה זה בפרשת ויחי במקום עיקר השבועה (דכ"ע)׃ כ ופירוש

פירוש לתורת אלהים

אפירוש איז חמשים אין גפיפט כלומר אפינפט חלק פון די ישראל זענען נאר ארוס גגאנגן פון מצרים אונ פיר חלקים זענען געשטרבן אין די דריי טעג פון חושך מחמת זיי האבן ניט געוואלט ארוס גיין פון מצרים׃ (יט) ויקח אונ משה הט גנומן את עצמות די ביינר פון יוסף מיט אים כי ווארום השבע בשווערען השביע ער הט בשווארן זייני קינדער אז זייא זאלען בשווערן זייערע קינדר לאמר ער הט אזו גזאגט פקוד גדענקען

משלים על התורה

קינדר, הט ער ארוס געשיקט די יודן, נאכדעם הט הקב"ה פארהאלטן פרעה מיט די מצרים ביי דעם ים אונ הט זיי געשלאגן מיט מכות, האבען זיי געפרעגט מיר האבן דאך שוין די יודן ארוס געשיקט פון מצרים וואס וויל נאך הקב"ה פון אונז, האט הקב"ה געזאגט צו פרעה, גיב מיר צוריק די קינדר פון די יודן וואס זיי האבן ביי דיר אין לאנד גבארן, אונ ווייל דו האסט זיי דערטרונקן אין וואסר מוזט איר אויך דערטרונקן ווערן, דס זאגט דר פסוק ויהי בשלח פרעה את העם וגו', אפילו פרעה הט ארוסגעשיקט די יודן, פון דעסט וועגן איז דר כעס פון הקב"ה נאך ניט געשטילט געווארן ביז ער הט געברענגט די מצרים צום ים אונ הט זיי דערטרונקען, ווייל זיי האבן דערטרונקען די קינדר פון די יודן׃

עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם׃ כ וַיִּסְעוּ מִסֻּכֹּת
וַיַּחֲנוּ בְאֵתָם בִּקְצֵה הַמִּדְבָּר׃
כא וַיהוָה הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם יוֹמָם בְּעַמּוּד
עָנָן לַנְחֹתָם הַדֶּרֶךְ וְלַיְלָה בְּעַמּוּד
אֵשׁ לְהָאִיר לָהֶם לָלֶכֶת יוֹמָם
וָלָיְלָה׃ כב לֹא־יָמִישׁ עַמּוּד הֶעָנָן יוֹמָם

מִבָּא עִמְּכוֹן׃ כ וּנְטַלוּ
מִסֻּכּוֹת וּשְׁרוֹ בְּאֵתָם
בִּסְטַר מַדְבְּרָא׃ כא וַיְיָ
מְדַבַּר קֳדָמֵיהוֹן בִּימָמָא
בְּעַמּוּדָא דַעֲנָנָא
לְדַבָּרוּתְהוֹן בְּאוֹרְחָא
וְלֵילְיָא בְּעַמּוּדָא
דְאֶשָּׁתָא לְאַנְהָרָא לְהוֹן
לִמְהַךְ בִּימָמָא וּבְלֵילְיָא׃
כב לָא עֲדֵי עַמּוּדָא דַעֲנָנָא

רשב"ם

תו"א וה' הולך קידושין לה: לא ימיש שבת כג:

(כא) וה' הולך. מלאך שהי' מוליך לפני ישראל עמוד האש ועמוד הענן: יומם ולילה. שכששמע פרעה יאמר בורחים הם וירדפו אחריהם: (כב) לא ימיש. הקב"ה

בעל הטורים

(כא) ולילה בעמוד אש. ולילה ו' במסורה. הכא ואידך ולילה אור בעדני. ולילה כיום יאיר. ולילה ולא דומיה לי. ולילה באים להרגך. ולילה ללילה יחוה דעת. וזהו ולילה באים להרגך שבליל ז' השיגום ובאים להרגם ולילה אור בעדני וכיום יאיר לי בעמוד אש ע"כ ולילה ולא דומיה לי שאמרתי לפניו שירה. ולילה ללילה יחוה דעת שלילה זה מחוה דעת לליל מלחמת סיסרא שהיתה ג"כ בלילה שנאמר הכוכבים ממסילותם נלחמו עם סיסרא ואימתי כוכבים נראים בלילה: (כב) לא ימיש עמוד הענן יומם ועמוד האש וגו'. בעמוד האש משלים לעמוד הענן מדכתיב לפני העם ולא כתיב מלפני העם משמע שלפעמים היו שניהם לפני העם: לא ימיש. ב' במסו' הכא ואידך ביהושע לא ימיש מתוך האהל כמו שהעננים היו משלימים זה לזה כך עשה יהושע מבכים בבוקר בעוד עמד עמוד האש ללמוד ולערב הקדים ולמד בעוד עמד עמוד

רש"י

השבטים העלו עמהם שנא' אתכם: (כ) ויסעו מסכות. ביום השני שהרי בראשון באו מרעמסס לסכות: (כא) לנחותם הדרך. נקוד פת"ח שהוא כמו להנחותם כמו (דברים א) לראותכם בדרך אשר תלכו בה שהוא כמו להראותכם אף כאן להנחותם ע"י שליח ל ומי הוא השליח עמוד הענן והקב"ה בכבודו מ מוליכו לפניהם. ומ"מ את עמוד הענן הכין להנחותם על ידו שהרי ע"י עמוד הענן הם הולכים. עמוד הענן אינו לאורה נ אלא להורותם הדרך: (כב) לא ימיש. הקב"ה ס את עמוד הענן יומם

בית יהודא

הֶעֱלוּ עִמָּהֶן) דיא בייגער פון אַלע שְׁבָטִים האבן די יודען מיט גענומען פון מִצְרַיִם (שֶׁנֶּאֱמַר אִתְּכֶם) ווי עס שטייט אין פָּסוּק אִתְּכֶם, מיט אייערע בייגער צוזאמען: (כ) וַיִּסְעוּ מִסֻּכּוֹת] . זיי האבן געצויגען פון סוכות (בְּיוֹם הַשֵּׁנִי) דעם צווייטען טאג (שֶׁהֲרֵי בָּרִאשׁוֹן בָּאוּ מֵרַעְמְסֵס לְסֻכּוֹת) ווארום דעם ערשטען טאג זענען זיי געקומען פון רַעְמְסֵס צו סוכות: וַיַּחֲנוּ בְאֵתָם בִּקְצֵה הַמִּדְבָּר] . זיי האבן גערוהט אין אֵתָם ביי דעם עק מִדְבָּר וואו מען דארף אנהייבען אריין גיין אין דר מִדְבָּר] : (כא) וַה' הוֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם יוֹמָם בְּעַמּוּד עָנָן] . הקב"ה איז געגאנגען פאר די יודען ביי טאג מיט אַוואלקען ווי אַזייל פון הימעל ביז די ערד: וְלַנְחֹתָם הַדֶּרֶךְ] . ער זאל זייא פירען אונ ווייזען די וועג, זאגט רש"י (נָקוּד פַּתָּח) אונטער די לַמֶד איז אַפַּתָּח (שֶׁהוּא כְּמוֹ לְהַנְחוֹתָם) עס איז גלייך ווי עס וואלט געשטאנען לְהַנְחוֹתָם, זיי צו מאכען פירען (כְּמוֹ) וויא עס שטייט אין פָּסוּק (לַרְאוֹתְכֶם בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר תֵּלְכוּ בָהּ, שֶׁהוּא כְּמוֹ לְהַרְאוֹתְכֶם) דער ווארט לַרְאוֹתְכֶם איז גלייך וויא עס וואלט געשטאנען לְהַרְאוֹתְכֶם, אייך צו מאכען ווייזען די וועג וואס איר זאלט גיין אין איר (אַף כָּאן לְהַנְחוֹתָם עַל יְדֵי שָׁלִיחַ) דא איז אויך גלייך ווי עס וואלט געשטאנען לְהַנְחוֹתָם, זיי צו מאכען פירען דורך אַשְׁלִיחַ (וּמִי הוּא הַשָּׁלִיחַ) ווער איז דער שָׁלִיחַ (עַמּוּד הֶעָנָן) דער וואלקען (וְהַקָּבָּ"ה בִּכְבוֹדוֹ מוֹלִיכוֹ לִפְנֵיהֶם) אונ הקב"ה אַליין הט געפירט דעם עמוד הענן פר די יודען (וּמִכָּל מָקוֹם אֶת עַמּוּד הֶעָנָן הֵכִין) פון דעסטוועגען הט הקב"ה אנגעגרייט דעם עמוד הענן (לְהַנְחוֹתָם עַל יָדוֹ) ער זאל פירען דיא יודען דורך דעם עמוד הענן (שֶׁהֲרֵי עַל יְדֵי עַמּוּד הֶעָנָן הֵם הוֹלְכִים) ווארום דורך דעם עמוד הענן זענען דיא יודען געגאנגען (עַמּוּד הֶעָנָן אֵינוֹ לְאוֹרָה) דר עמוד הענן איז ניט געווען צום בעלייכטען (וְאֶלָּא לְהוֹרוֹתָם הַדֶּרֶךְ) נאר זייא צו ווייזען די וועג (וְלַיְלָה בְּעַמּוּד אֵשׁ) ביי נאכט איז הקב"ה געגאנגען פאר זיי מיט אַפייערדיגען זייל (לְהָאִיר לָהֶם) זיי צו מאכען ליכטיג (לָלֶכֶת יוֹמָם וָלָיְלָה) זיי זאלען קענען גיין טאג אונ נאכט: (כב) [לֹא יָמִישׁ] , ער האט ניט אפגעטאהן, ווער הט ניט אפגעטאהן, זאגט רש"י הקב"ה האט ניט אפגעטאהן (אֶת עַמּוּד הֶעָנָן יוֹמָם וְעַמּוּד הָאֵשׁ לַיְלָה), זאגט רש"י (מַגִּיד

שפתי חכמים

בני ישראל בני יעקב. ולאמר פקוד יפקוד אלהים אתכם את בניכם פסס במקומכם דאל"כ אתכם ל"ל ל"פ לאחיו השביע כך ואתכם קאי על עצמות אחיו וה"פ פקוד יפקוד אלהים אתכם ר"ל בניכם שלכם והעליתם בליווי קאמר שיביאו הם את בניהם שישאו את עצמותיו עם עצמות שלהם: ל כלומר שהוא פועל יוצא לשלישי ומביא ראיה מן לראותכם שהוא כמו להראותכם דאל"כ היה לראותכם מן הקל ופירושו לראות אתכם ואין זה המכוון מן הקרא אע"כ שהוא כמו להראותכם אף כאן כמו להנחותם [אבל אין זה כוונת הרא"ם]: מ דק"ל הא כתיב וה' הולך לפניהם ולא העמוד הענן. ולכן פירש הקב"ה בכבודו וכו' ר"ל הקב"ה מוליך את עמוד הענן לפניהם ואין להקשות כיון שהקב"ה היה הולך לפניהם למה צריך לעמוד הענן ומפרש והולך ומ"מ את עמוד הענן וכו': נ [נח"ין] דהא ביום א"צ לאורה אלא להורותם כו' והא דכתיב להאיר להם קאי אעמוד אש בלבד ומ"מ עמוד האש ג"כ היה להורותם דכתיב ללכת יומם ולילה: ס כי הוא מכנין הפעיל דאל"כ

פירוש לתורת אלהים

יִפְקֹד ער וועט גדענקען אֱלֹהִים גאט אֶתְכֶם אייך וְהַעֲלִיתֶם זאלט איר אויף ברענגען מיינע בייגער פון דאנען מיט אייך: (כ) וַיִּסְעוּ אונ זייא האבן גצויגן פון סוכות וַיַּחֲנוּ אונ זייא האבן גרוהט אין דעם ארט איתם בִּקְצֵה אין עק מִדְבָּר: (כא) וַיי אונ גאט הֹלֵךְ הט גפירט לִפְנֵיהֶם פר זיי יוֹמָם בטאג בְּעַמּוּד עָנָן מיט דר זייל פון וואלקען לַנְחֹתָם ער זאל זיי פירען אויף דעם וועג ווס זיי ווען זיין וָלַיְלָה אונ ביי דר נאכט הט ער זיי גפירט בְּעַמּוּד אֵשׁ מיט דר זייל פון פייער לְהָאִיר צו לייכטען עס זאל זיי זיין ליכטיג ביי דר נאכט צו גיין לָלֶכֶת כדי זייא זאלן קאנן גיין ביי טאג אונ ביי נאכט: (כב) לֹא יָמִישׁ גאט ב"ה הט ניט גמאכט אפ טאהן עַמּוּד דעם עמוד

הענן

וַעַמּוּד הָאֵשׁ לָיְלָה לִפְנֵי הָעָם: פ
יד א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר:
ב דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ
לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת בֵּין מִגְדֹּל וּבֵין הַיָּם
לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן נִכְחוֹ תַחֲנוּ עַל־הַיָּם:

אונקלוס

בִּימָמָא וְאַף לָא עַמּוּדָא
דְאֶשָּׁתָא בְּלֵילְיָא קֳדָם
עַמָּא: א וּמַלֵּיל יְיָ עִם
מֹשֶׁה לְמֵימַר: ב מַלֵּיל עִם
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וִיתוּבוּן
וְיִשְׁרוּן קֳדָם פּוּם חִירָתָא
בֵּין מִגְדּוֹל וּבֵין יַמָּא קֳדָם
בְּעֵיל צְפוֹן לָקְבְלֵהּ

בעל הטורים

הענן והיינו לא ימיש כמו שהענניס לא משו כך יהושע לא מש מתוך האהל וע"כ זכה לילך לפני העם: (ב) נכחו. ב' במסו' דין ואידך כי נכחו יצא ביחזקאל מה התם בשער שנכנס לא יצא כדכתיב לא ישוב דרך השער אשר בא בו כי נכחו יצא אף כאן פרעה ואילו הדרך אשר נכנסו

רשב"ם

לשון מפעיל ממיש את אחרים. אבל לא ימוש ספר התורה. לי פועל:

רש"י

ועמוד האש לילה. מגיד שעמוד הענן משלים לעמוד האש ועמוד האש משלים לעמוד הענן (שבת כג) שעד שלא ישקע זה עולה זה: (ב) וישבו. לאחוריהם לצד מצרים היו מקרבין כל יום השלישי כדי להטעות את פרעה שיאמר תועים הם בדרך כמו שנאמר ואמר פרעה לבני ישראל וגו': ויחנו לפני פי החירות. (מכילתא) הוא פיתום ועכשיו נקרא פי החירות על שם שנעשו בני חורין והם שני סלעים גבוהים זקופים והגיא שביניהם קרוי פי הסלעים: לפני בעל צפון. (מכילתא) הוא נשאר מכל אלהי

בית יהודא

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז (שֶׁעַמּוּד הֶעָנָן מַשְׁלִים לְעַמּוּד הָאֵשׁ) דֶר עַמּוּד עָנָן הָט גֶעוָוארְט פַארִין נַאכְט בִּיז דֶר עַמּוּד הָאֵשׁ אִיז גֶעקוּמֶען (וְעַמּוּד הָאֵשׁ מַשְׁלִים לְעַמּוּד הֶעָנָן) דֶר עַמּוּד הָאֵשׁ הָט גֶעוָוארְט אִין דֶער פְּרִיה בִּיז דֶר עַמּוּד הֶעָנָן אִיז גֶעקוּמֶען (שֶׁעַד שֶׁלֹּא יִשְׁקַע זֶה עוֹלֶה זֶה) אֵיידֶער דֶר עַמּוּד אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אִיז שׁוֹין דֶר אַנְדֶערֶער עַמּוּד גֶעקוּמֶען: (א) וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. הקב"ה הָט גֶערֶעט צוּ מֹשֶׁה אוּנ הָט גֶעזָאגְט צוּ אִים (דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל) רֵייד צוּ דִי יוּדֶען (וְיָשׁוּבוּ) זֵיי זָאלֶען צוּרִיק קֶערֶען (לְאַחוֹרֵיהֶם) אוּנְטֶער זִיךְ (לְצַד מִצְרַיִם הָיוּ מְקָרְבִין כָּל יוֹם הַשְּׁלִישִׁי) דֶעם גַאנְצֶען דְרִיטֶען טָאג זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעגַאנְגֶען צוּרִיק אִין דֶעם וֶועג וָוס גֵייט צוּ מִצְרַיִם (כְּדֵי לְהַטְעוֹת אֶת פַּרְעֹה) צוּ נַארֶען פַּרְעֹה (שֶׁיֹּאמַר תּוֹעִים הֵם בַּדֶּרֶךְ) עֶר זָאל זָאגֶן אוֹיף דִי יוּדֶען אַז זֵיי בְּלָאנְדְזֶען אִין וֶועג זֵיי וֵויסֶען נִיט וְואוּ צוּ גֵיין (כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר) וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וְאָמַר פַּרְעֹה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל) פַּרְעֹה וֶועט זָאגֶן אוֹיף דִי יוּדֶען זֵייא בְּלָאנְדְזֶען אִין דֶעם לַאנְד: וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירוֹת. זֵיי זָאלֶען רוּהֶען פַאר דֶעם אָרְט פִּי הַחִירוֹת, זָאגְט רש"י (הוּא פִּיתוֹם) פִּי הַחִירוֹת מֵיינְט מֶען פִּיתוֹם וָוס דָארְטֶען הָאבֶען דִי יוּדֶען גֶעאַרְבֶּעט (וְעַכְשָׁיו נִקְרָא פִּי הַחִירוֹת) אִיצְט רוּפְט מֶען דֶעם אָרְט "פִּיתוֹם", "פִּי הַחִירוֹת" (עַל שֵׁם שֶׁנַּעֲשׂוּ שָׁם בְּנֵי חוֹרִין) ווייל זֵיי זֶענֶען דָארְטֶען גֶעוָוארֶען פְרֵיי פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט (וְשָׁם שְׁנֵי סְלָעִים גְּבוֹהִים זְקוּפִים) דָארְטֶען זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען צְוֵויי הוֹיכֶע שְׁטֵיינֶער (וְהַגַּיְא שֶׁבֵּינֵיהֶם) דֶעם טָאהָל וָוס צְווִישֶׁן דִי שְׁטֵיינֶער (קְרוּי פִּי הַסְּלָעִים) הָט מֶען גֶערוּפֶען דִיא מוֹיל פוּן דִיא שְׁטֵיינֶער (בֵּין מִגְדּוֹל וּבֵין הַיָּם) זֵיי זָאלֶען רוּהֶען צְווִישֶׁן יָם אוּנ צְווִישֶׁן טָארֶעם (לִפְנֵי בַּעַל צְפוֹן) פַאר דִי עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל צְפוֹן (נִכְחוֹ) גֶעגֶען אִים, גֶעגֶען דִי עֲבוֹדָה זָרָה (תַּחֲנוּ עַל הַיָּם) זָאלְט אִיר רוּהֶען גֶעבֶּען יָם: וְלִפְנֵי בַּעַל צְפוֹן. זָאגְט רש"י (הוּא

דעת זקנים מבעלי התוספות

(ב) לפני בעל צפון. פרש"י הוא נשאר מכל אלהי מצרים כדי להטעותם חשב פרעה בלבו הוא מטעה אותן כדי להסכים על גזרתי לאבדם במים אלך ואעבדנו לכך נאמר ופרעה הקריב קרב לא נאמר אלא הקריב מלמד שהקריב קרבן לפניו. ד"א הקריב ישראל לעשות תשובה: נכחו תחנו. תמה להרב רבי יהודה היאך אמר לו שיחנו על הים לפני בעל צפון והא אמרינן אסור לאדם לומר לחבירו המתן לי בצד ע"ז פלונית צ"ע. ולי נראה דדוקא לאדם אבל להקב"ה לא שהרי מצינו שהקב"ה יושב ודן את כל העולם אפילו בשבת ואפילו בר"ה ויום הכפורים אע"פ שלישראל אסור (וכה"ג כתב רש"י ז"ל בר"ה (דף ל' ע"א) ד"ה א"נ דאבני בליליא וכו' ה"מ בנין בני אדם וכו' יע"ש). ועוד נ"ל דעדיין לא נתנה התורה אין לחוש אע"פ שכבר היא כתובה ומונחת לפני הקב"ה:

שפתי חכמים

ה"ל לינקד ימוש בחולם וי"ו: ע דאל"כ לא ימיש וגו' ל"ל דהא כתיב וה' הולך וגו': פ דהא הפסוק רוצה להגיד לנו באיזה גבול היו חונים ועדיין אין אנו יודעין פי החירות דלא הוזכר פי החירות במקרא אלא ודאי הוא פיתום: צ לפי שבאותו מקום היה עכו"ם שלא היה מניח לברוח אפי' עבד ולכך נקרא פיתום שהוא נוטריקון פה סתום

פירוש לתורת אלהים

הֶענָן בַּיי טָאג אוּנ דֶעם עַמּוּד אֵשׁ בַּיי נַאכְט לִפְנֵי הָעָם פוּן פַר דֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל: (א) וַיְדַבֵּר הָט גָאט גֶערֶעט צוּ מֹשֶׁה לֵאמֹר אַזוֹ צוּ זָאגֶן: (ב) דַּבֵּר רֵייד צוּ דִי יִשְׂרָאֵל וְיָשֻׁבוּ אוּנ זֵייא זָאלֶען זִיךְ אוּם קֶערֶן אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס מֶען גֵייט צוּ מִצְרַיִם וְיַחֲנוּ אוּנ זֵייא זָאלֶן רוּהֶן לִפְנֵי פַר דֶעם אָרְט וָוס הֵייסְט פִּי הַחִירוֹת [עיין רש"י] בֵּין מִגְדּוֹל וּבֵין הַיָּם צְווִישֶׁען דֶעם אָרְט מִגְדּוֹל אוּנ צְווִישֶׁן דֶעם יָם לִפְנֵי בַּעַל צְפוֹן פַאר דִיא עֲבוֹדַת

ליקוטי יקרים

(ב) וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ וגו' לִפְנֵי בַּעַל צְפוֹן וגו'. מִיר וֵויסֶן גָאלְד קוּמְט פוּן צָפוֹן זַיְיט פוּן דֶער וֶועלְט וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט מִצָּפוֹן זָהָב יֶאֱתֶה, פוּן צָפוֹן זַיְיט קוּמְט גָאלְד, דְרִיבֶּער הָאבֶּן דִי פַארְצַייטִיגֶע מִצְרִים גֶעשְׁטֶעלְט אַ עֲבוֹדָה זָרָה אִין צָפוֹן זַיְיט אוּנ הָאבֶּען זִיא גֶערוּפֶן "בַּעַל צְפוֹן" ווייל זֵיי הָאבֶן גֶעגְלוֹיבְּט אַז דִיא עֲבוֹדָה זָרָה וֶועט צוּ זֵיי בְּרֵיינְגֶען פִיל גָאלְד פוּן צָפוֹן זַיְיט דְרִיבֶּר הָט הקב"ה גֶעהֵייסֶן דִי יוּדֶן זָאלֶן בְּלֵייבֶּן שְׁטֵיין נֶעבֶּן דִיא עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל צְפוֹן, וֶועלֶען דִי מִצְרַיִם זָאגֶען דִיא עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל צְפוֹן לָאזְט נִיט דִי יוּדֶן זָאלֶען אַנְטְלוֹיפֶן מִיט דֶעם גָאלְד אוּנ זִילְבֶּער וָוס זֵיי הָאבֶּען גִיבָּארְגְט אִין מִצְרַיִם, דִי צוּרָה פוּן דִי עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל צְפוֹן אִיז גִיוֶוען וִוי דִי צוּרָה פוּן אַ אָקְס, דָס אִיז שׁוֹר, דִי מִצְרַיִם הָאבֶּען גִזָאגְט דִיא עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל צְפוֹן גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף דֶעם מִדְבַּר שׁוּר, דְרִיבֶּער הָאט פַּרְעֹה גִיזָאגְט סָגַר עֲלֵיהֶם הַמִּדְבָּר, דִיא עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל צְפוֹן וָואס זִיא גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף דֶעם מִדְבַּר שׁוּר, הָט פַארְשְׁלָאסֶען פַר דִי יוּדֶן דֶעם מִדְבָּר אוּנ עֶר לָאזְט זֵיי נִיט אַרֵיין אִין דֶעם מִדְבָּר, נִיט וִויא מֹשֶׁה הָט גֶעזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶען זֵייא וֶועלֶען גֵיין אִין דֶער מִדְבָּר שֶׁעֵבֶּען קָרְבָּנוֹת צוּ הקב"ה:

ג וְאָמַר פַּרְעֹה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל נְבֻכִים
הֵם בָּאָרֶץ סָגַר עֲלֵיהֶם הַמִּדְבָּר׃
ד וְחִזַּקְתִּי אֶת־לֵב־פַּרְעֹה וְרָדַף
אַחֲרֵיהֶם וְאִכָּבְדָה בְּפַרְעֹה וּבְכָל־

אונקלוס

תִשְׁרוּן עַל יַמָּא׃ ג וְיֵימַר
פַּרְעֹה עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
מְעַרְבְּלִין אִנּוּן בְּאַרְעָא
אֲחַד עֲלֵיהוֹן מַדְבְּרָא׃
ד וְאֶתַקֵּף יָת לִבָּא
דְפַרְעֹה וְיִרְדֹּף בָּתְרֵיהוֹן
וְאֶתְיַקַּר בְּפַרְעֹה וּבְכָל

רשב"ם

(ג) נבוכים הם. לפניהם. כמו נבכי ים. לפיכך שבו אחור שלא ידעו היכן ילכו כי סגר עליהם המדבר את דרכם שהוא מקום נחש שרף ועקרב וחיות רעות ודאגים שם מאחריהם. ולפיכך שבו ממקום שהיו חונים באתם בקצה המדבר עתה באו בין מגדול ובין הים לחנות על הים והרי נבוכים נבכי ים לפניהם הרי אין להם מקום לנוס לא לפנים ולא לאחור: נבוכים. סגורים בנבכי ים שלפניהם.

בעל הטורים

ביס לא ילאו בו אלא מלך אחר כדאיתא בפסקים שאמרו ישראל כמו שאנו עולין מלך זה כך הם עולים מלך אחר אמר הקב"ה ליס ופלטן לגד פילאו בו ישראל: (ד) וחזקתי. ב' הכא ואידך וחזקתי את זרועות מלך בבל שהקב"ה מחזיק לב הרשעים לטורדן מן העולם:

בית יהודא

נִשְׁאַר מִכָּל אֱלֹהֵי מִצְרַיִם) דִי עֲבוֹדָה זָרָה בַּעַל צְפוֹן אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פוּן אַלֶע גֶעטֶער וָוס זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם וַאלֶע גֶעטֶער אִין מִצְרַיִם זֶענֶען צוּבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען אוּנ בַּעַל צְפוֹן אִיז גֶעבְּלִיבֶּען (כְּדֵי לְהַטְעוֹתָן) צוּ נַארֶען דִי מִצְרַיִם (שֶׁיֹּאמְרוּ קָשָׁה יִרְאָתָן) זֵיי זָאלֶען זָאגֶן דֶר גָאט בַּעַל צְפוֹן אִיז שְׁטַארְק (וְעָלָיו פֵּירֵשׁ אִיּוֹב) אוֹיף דִיא זַאךְ הָט אִיּוֹב גֶעזָאגְט (מַשְׂגִּיא לַגּוֹיִם וַיְאַבְּדֵם) הקב"ה פַארְפִירְט דִי פֶעלְקֶר אִין אַטָעוּת עֶר זָאל זֵיי פַרְלִירֶן פוּן דֶר וֶועלְט׃ (ג) וְאָמַר פַּרְעֹה] . פַּרְעֹה וֶועט זָאגֶען (כְּשֶׁיִּשְׁמַע שֶׁהֵם שָׁבִים לְאַחוֹרֵיהֶם) וֶוען פַּרְעֹה וֶועט הֶערֶן אַז דִי יוּדִין גֵייעֶן צוּרִיק צוּ דֶר זַייט פוּן מִצְרַיִם, וֶועט עֶר זָאגֶען אוֹיף דִי יוּדִין זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט גֶוָוארֶן אִין דִי לַאנְד אוּנ קֶענֶען נִיט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִיר וַוייל דֶער גָאט בַּעַל צְפוֹן הָט פַארְשְׁלָאסֶן דֶעם מִדְבָּר אוּנ עֶר לָאזְט נִיט דִי יוּדִין זָאלֶען אַרַיינְגֵיין אִין דֶער מִדְבָּר דְרִיבֶּער גֵייעֶן זֵיי צוּרִיק צוּ מִצְרַיִם (אלשיך) : [לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל] . זָאגְט רַשִׁ"י נִיט צוּ דִיא יוּדִין וֶועט פַּרְעֹה זָאגֶען, נָאר עֶר וֶועט זָאגֶן צוּ דִי מִצְרַיִם (עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל) אוֹיף דִי יוּדִין (וְכֵן) אוּנ אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (ה' יִלָּחֵם לָכֶם), מֵיינְט מֶען נִיט גָאט וֶועט שְׁטְרֵייטִין צוּא אֵייךְ, נָאר מֶען מֵיינְט הקב"ה וֶועט שְׁטְרֵייטִין מִיט דִי מִצְרַיִם (עֲלֵיכֶם) פוּן וֶועגֶן אֵייךְ, נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִמְרִי לִי אָחִי הוּא), מֵיינְט מֶען נִיט אַבְרָהָם הָאט גֶזָאגְט צוּ שָׂרָה זָאג צוּ מִיר עֶר אִיז מַיין בְּרוּדֶער, נָאר מֶען מֵיינְט (אִמְרִי עָלַי), זָאג אוֹיף מִיר, וְאוֹיב מֶען וֶועט דִיךְ פְרֶעגֶן אוֹיף מִיר, זָאלְסְטוּ זָאגֶן אוֹיף מִיר עֶר אִיז מַיין בְּרוּדֶער: [נְבֻכִים הֵם] . (כְּלוּאִים וּמְשֻׁקָּעִים), זֵיי זֶענֶען פַר שְׁלָאסֶען אוּנ פַארְשְׁפַּארְט וִוי אֵיינֶער אִיז אִין אַטִיפֶין אָרְט אוּנ קֶען נִיט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִים, אִיז דֶערְטַייטְשׁ נְבוּכִים זֵיי זֶענֶען פַארְטִיפְט אִין דִיא לַאנְד (כְּמוֹ) וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּעֵמֶק הַבָּכָא) אִין טִיפֶן טָאהָל (מִבְּכִי נְהָרוֹת) פוּן דִי טִיפְקֵייט פוּן יַם (נִבְכֵי יָם) דִיא טִיפֶע טֵייכֶן (נְבוּכִים הֵם, כְּלוּאִים הֵם בַּמִּדְבָּר) זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁלָאסֶן אִין דֶער „מִדְבָּר" *) (שֶׁאֵינָן יוֹדְעִין לָצֵאת מִמֶּנּוּ) זֵיי וֵוייסֶן נִיט דִי וֶועג אַרוֹס צוּ גֵיין פוּן אִים אוּנ זֵיי וֵוייסֶן נִיט (וְלְהֵיכָן יֵלֵכוּ) וְואהִין זֵיי זָאלֶן גֵיין׃ (ד) וְחִזַּקְתִּי אֶת לֵב פַּרְעֹה]. אִיךְ וֶועל שְׁטַארְקֶען דִי הַארְץ פוּן פַּרְעֹה (וְרָדַף אַחֲרֵיהֶם) אוּנ עֶר וֶועט יָאגֶען נָאךְ זֵייא (וְאִכָּבְדָה בְּפַרְעֹה וּבְכָל חֵילוֹ) אוּנ אִיךְ וֶועל הָאבֶּן כָּבוֹד פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ פַּרְעֹה אוּנ וֶועגֶן זַיינֶע גַאנְצֶע מִילִיטֶער (וְיָדְעוּ מִצְרַיִם כִּי אֲנִי ה') אוּנ דִי מִצְרַיִם וֶועלֶן וִויסֶען אַז אִיךְ בִּין גָאט. זָאגְט וִויא תּוֹרָה וַיַּעֲשׂוּ כֵן, דִי יוּדִין הָאבֶּען אַזוֹי גִיטָאן וִוי הקב"ה הָאט גֶבָּאטֶן דוּרְךְ מֹשֶׁה׃ [וְאִכָּבְדָה בְּפַרְעֹה] . זָאגְט רַשִׁ"י (כְּשֶׁהקב"ה מִתְנַקֵּם בָּרְשָׁעִים) וֶוען הקב"ה טוּהְט נְקָמָה אוּנ שְׁטְרָאפְט אִין דִי רְשָׁעִים (שְׁמוֹ מִתְגַּדֵּל וּמִתְכַּבֵּד) וֶוערְט זַיין נָאמֶען גְרוֹס מִיט

רש"י

מצרים ק כדי להטעותן שיאמרו קשה יראתן ועליו פירש (איוב יב) משגיא לגוים ויאבדם: (ג) ואמר פרעה. כשישמע שהם שבים לאחוריהם: לבני ישראל. על בני ישראל. וכן ה' ילחם לכם (בראשית כ) אמרי לי אחי הוא אמרי עלי: נבכים הם. כלואים ומשוקעים ובלע"ז שירי"ר (איינגעענגט) כמו (תהלים פד) בעמק הבכא (איוב כח) מבכי נהרות (שם לח) נבכי ים נבוכים הם כלואים הם במדבר שאינן יודעין לצאת ממנו ולהיכן ילכו: (ד) ואכבדה בפרעה. כשהקב"ה מתנקם ברשעים שמו מתגדל ומתכבד. וכן הוא אומר (יחזקאל לח)

שפתי חכמים

ועכשיו נעשו בני חורין שם על ידי שהקדוש ברוך הוא היה מהפך הכוכב מצרים בשמים ועכשיו הוא נקרא פי החירות על שם החירות ואין להקשות למה לא יהא נקרא חירות וגם קודם לכן למה לא יהא נקרא תוס ולמה נקרא פיתוס ומפרש והולך שהיו שני סלעים וכו' והגיה שביניהם הוא כמו פה: ק אף על פי שכתוב ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים מכל מקום הוא נשאר

פירוש לתורת אלהים

כּוֹכָבִים וָואס זִיא הֵייסְט בַּעַל צְפוֹן [עיין רש"י] נֹכַחוֹ אַקֶעגֶן דֶר עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים תַּחֲנוּ זָאלְט אִיר רוּהֶן עַל הַיָּם בַּיי דֶעם יַם׃ (ג) וְאָמַר וֶועט פַּרְעֹה זָאגֶען לִבְנֵי אוֹיף דִי יִשְׂרָאֵל נְבֻכִים זֵיי זֶענֶען פַר אִירְט אוּנ בְּלָאנְזֶן אִין לַאנְד סָגַר עֶר הָט פַר שְׁלָאסֶן פַר זֵיי דִי מִדְבָּר אוּנ זֵיי וֵוייסֶן נִיט וִוי אַרַיין צוּ גֵיין אִין דֶר מִדְבָּר אוּנ וִויא הִין צוּא גֵיין׃ (ד) וְחִזַּקְתִּי אוּנ אִיךְ וֶועל שְׁטַארְקֶען אֶת דָאס הַארְץ פוּן פַּרְעֹה וְרָדַף אוּנ עֶר וֶועט נָאךְ יָאגֶען זֵייא וְאִכָּבְדָה אוּנ אִיךְ וֶועל וֶוערֶען גֶעעֶרְלִיכְט בַּיי פַּרְעֹה וּבְכָל חֵילוֹ אוּנ גָאר זַיין חֵיל וְיָדְעוּ

*) הערה וויא מען זעהט פון רש"י זענען די יודין שוין גיוועזן אין דער מדבר אונ האבין געוואלט ארויסגיין פון דער מדבר אונ האבין געבלאנזעט אין דער מדבר [אזוי וועט פרעה זאגין], אין פסוק שטייט דאך ויחנו באתם בקצה המדבר, זענען דאך דיא יודין גיוועזן אין אתם נעבין מדבר, אונ נאך רש"י האט געדארפט שטיין נבוכים הם „במדבר" סגר עליהם המדבר, פאר וואס שטייט נבוכים הם „בארץ" סגר עליהם המדבר, דריבער מוז מען זאגין וויא דער אלשיך ז"ל טייטש דעם פסוק [וויא עס שטייט פריער] אונ דער ווארט „במדבו" כלואים הם „במדבר" איז אטעות נאר וויא עס שטייט אין פסוק נבוכים הם „בארץ" סגר עליהם המדבר דער בעל צפון האט פארשלאסין פאר דיא יודין דעם מדבר ער לאזט זייא ניט אריין גיין אין דער מדבר, אונ משה האט געזאגט זייא וועלין גיין אין דער מדבר שעכטין קרבנות, וייל זייא קענען ניט אריין גיין אין מדבר, זעהן זייא דאך עס איז ניט וויא משה האט געזאגט דריבער גייען זייא צוריק אין מצרים, אזוי וועט אלץ פרעה זאגין, אונ דריבער וועט געשטארקט ווערין דיא הארץ פון פרעה ער זאל לויפין נאכין דיא יודין ער זאל זייא מיט שטארקייט אדער מיט גוטע רייד אריין נעמען צוריק אין מצרים וייל עס איז ניט וויא משה האט געזאגט ווארום מען קען ניט אריין קומען אין דער מדבר:

משריתה וידעון מצראי ארי אנא יי ועבדו כן: ה ואתחוא למלכא דמצרים ארי אזל עמא ואתהפיך לבא דפרעה

חילו וידעו מצרים כי־אני יהוה ויעשו־כן: ה ויגד למלך מצרים כי ברח העם ויהפך לבב פרעה

בעל הטורים

(ה) ויהפך. ב׳ הכא ואידך ויהפך להם לאויב שפרעה נהפך להם לאויב:

רשב״ם

כדכתיב הבאת עד נבכי ים. מבכי נהרות: (ה) כי ברח העם. מתוך ששבו

רש״י

ונשפטתי אתו וגו׳ ואח״כ והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי וגו׳ ואומר (תהלים עו) שמה שבר רשפי קשת ואח״כ נודע ביהודה אלהים ואומר (שם ט) נודע ה׳ משפט עשה: בפרעה ובכל חילו. הוא התחיל בעבירה וממנו התחילה הפורענות (מכילתא): ויעשו כן. להגיד שבחן שמשמעו ר לקול משה ולא אמרו היאך נתקרב אל רודפינו אנו צריכים לברוח אלא אמרו אין לנו אלא דברי בן עמרם (מכילתא): (ה) ויוגד למלך מצרים. איקטורין (אגענטען) שלח עמהם ש וכיון שהגיעו לשלשת ימים שקבעו לילך ולשוב וראו שאינן חוזרין למצרים באו והגידו לפרעה ביום ד׳ (מכילתא). ובחמישי ובששי ת רדפו אחריהם וליל שביעי ירדו לים (פ״ק דסוטה) בשחרית אמרו שירה והוא יום שביעי א של פסח. לכן אנו קורין השירה ביום השביעי: ויהפך. נהפך ממה שהיה שהרי אמר להם (שמות יב) קומו צאו מתוך עמי ונהפך לבב עבדיו שהרי לשעבר היו אומרים עד מתי יהיה זה לנו למוקש

בית יהודא

כבוד אויף דער וועלט (וכן הוא אומר) אונ אזו זאגט דר פסוק הקב״ה הט געזאגט (ונשפטתי אתו) איך וועל גיט אים ומיט גוג) האבן אמשפט אונ וועל אים שטראפען מיט אדבר אונ מיט בלוט (ואחר כך) נאכדעם (והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי) וועל איך געגרייסט ווערן אונ וועל געהייליגט ווערען אונ וועל בעוואסט ווערן צו פיל פעלקר אונ זיי וועלען וויסן אז איך בין גאט (ואומר) נאך זאגט דער פסוק (שמה שבר רשפי קשת) דארטן הט הקב״ה צובראכן די פייֵלן פון דעם פייל־אונ־בוגין (ואחר כך) נאכדעם (נודע ביהודה אלהים) איז הקב״ה בעוואסט גיווארן ביי די יודין (ואומר) נאך זאגט דר פסוק (נודע ה׳ משפט עשה) ווען הקב״ה טוהט אמשפט ווערט ער בעוואסט אויף דער וועלט: ובפרעה ובכל חילו. זאגט רש״י (הוא התחיל בעבירה) ווייל פרעה הט אנגעהובן דר ערשטער צו זינדיגן געגען יודין (וממנו התחילה הפורענות) דריבר הט די שטראף אנגעהובן נאלע מאהל פון אים, ער איז גיוועזן דר ערשטער צו געשטראפט ווערן: ויעשו כן. די יודין האבן אזו געטאן, זאגט רש״י (להגיד שבחן) צו זאגן דעם לויב פון די יודין (ששמעו לקול משה) זיי האבן געהערט די שטימע פון משה, זיי האבן געטאן וואס משה הט צו זייא געזאגט (ולא אמרו איך נתקרב אל רודפינו) אונ זייא האבן ניט געזאגט ווי אזו וועלן מיר אונז דרנענטערן צו אונזערע פיינד ווס יאגן אונז (אנו צריכים לברוח) מיר דארפן דאך אנטלויפן פון זיי (אלא אמרו) נאר זיי האבן געזאגט (אין לנו אלא דברי בן עמרם) מיר האבן נאר צו הערן דירייד וואס בן עמרם זאגט: (ה) ויגד למלך מצרים כי ברח העם. עס איז גזאגט גיווארן צום מלך מצרים אז דאס פאלק איז אנטלאפן, זאגט רש״י (איקטורין שלח עמהם) פרעה האט געשיקט פון זיינע מענטשין מיט דיא יודין (וכיון שהגיעו לשלשת ימים שקבעו לילך ולשוב) ווי עס הט זיך גיענדיגט דריי טעג וואס די יודין האבן גזאגט מיר וועלן גיין דריי טאג אונ נאכדעם וועלן מיר צוריק גיין (וראו שאינן חוזרין למצרים) ווי די מצרים האבן גזעהן אז דיא יודין גייען ניט צוריק אין מצרים (באו והגידו לפרעה ביום הרביעי) אויף דעם פערטין טאג זענען זיי גקומען צו פרעה אונ האבן געזאגט צו אים די יודין זענען אנטלאפן פון מצרים (ובחמישי ובששי רדפו אחריהם) דעם פינפטען טאג אונ דעם זעקסטין טאג האבען די מצרים געיאגט די יודין (וליל שביעי ירדו לים) די נאכט צום זיבעטין טאג זענען אלע אריין אין ים די יודין זענען אריבר דעם ים אונ די מצרים זענען דרטרונקן גיווארן אין ים) (בשחרית אמרו שירה) דעם זיבעטין טאג אין דר פריה האבן די יודין געזונגען צו הקב״ה (והוא יום שביעי של פסח) דס איז דר זיבעטער טאג פסח (לכן אנו קורין השירה ביום השביעי) דריבר לייענט מען די שירה דעם זיבעטן טאג פסח: ויהפך לבב פרעה ועבדיו אל העם. עס איז פארקערט גיווארן די הארץ פון פרעה אונ די הערצער פון זיינע קנעכט אויף דעם פאלק יודין (נהפך כמה שהיה) זייערע הערצר זענן פארקערט גיווארן פון ווי עס איז גיוועזן פריער (שהרי אמר להם) וואורום פרעה האט צו זיי געזאגט (קומו צאו מתוך עמי) שטייט אויף אונ גייט ארויס פון מיין פאלק (ונהפך לבב עבדיו) אונ עס איז פארקערט גיווארן די הערצר פון זיינע קנעכט (שהרי לשעבר היו אומרים לו עד מתי יהיה זה לנו למוקש) פריער האבן זיי געזאגט צו פרעה ביז וויא לאנג וועט משה זיין צו

שפתי חכמים

וכו׳: ר דק״ל למה לא כתיב בכל המכות ויעשו כן א״ו פשיטא לן שעשו כן א״כ בזה נמי פשיטא הוא ל״פ להגיד שבחן וכו׳ ר״ל דהכתוב מעיד על לדקתם. [נח״י] ועיין ברא״ם שנשאר על פי׳ זה בל״ע ולנ״ל דהא כתיב אחריו וישיגו אותם חונים על הים על פי החירות לפני בעל לפון הרי מוכח דחזרו וא״כ ויעשו כן מיותר ש״מ להגיד שבחן וכו׳: ש דק״ל הא פרעה שלח ישראל מדעתו וידע שילאו ממלרים ומהו ויוגד אלא וכו׳: ת וא״ת והא ביום הראשון ושני נסעו ישראל ובשלישי חזרו מה שנסעו ביום שני כמ״ש לעיל וישובו וגו׳ נמלא שלא היו ממלרים אלא מהלך יום א׳ ולמה לא הגיען פרעה אלא בשני ימים. וי״ל מ״ש לעיל וישובו כלומר שהלכו באלכסון וזה נמי שנקט רש״י לעיל לגד מלרים היו מקרבים איגו ר״ל שחזרו ממש אלא נוטין מן הדרך על הלד שזו אינו חזרה ממש אלא מבוכה לא שחזרו בדרך שבאו בו ואם לא חזרו בתועים לא הי׳ רודף פרעה אחריהם שהרי הוא שלחם חפשי לחשבו שהוא גזירת אלהים ובזו החזרה ידין שאם היתה גזירה היה מוליכן דרך ישרה: א וא״ת והא רש״י פי׳ בפ׳ שלח שאמרו שירה ביום ח׳. וי״ל אם תמנה ע״פ שהוא יום שחיטת הפסח בין הערבים ומתן דמו על המשקוף ובתי המזוזות דלאו יום שלם הוא כיון שאין לילו עמו אלא לענין קדשים חשוב יום שלם דלילה שהוא אחר היום נחשב מן היום. א״כ כשתמנה יום השחיטה נמלא יום ז׳ של פסח הוא יום ח׳ לשחיטת הפסח והתם מיירי כשתמנה יום השחיטה והכא כשלא תמנה

פירוש לתורת אלהים

אונ די מצרים וועלן וויסן אז איך בין אגאט [עיין רש״י] ויעשו כן האבן דיא ישראל אזו גיטאהן אונ האבען זיך אום גקערט נאך מצרים צו: (ה) ויוגד איז ווארן גזאגט למלך צו דעם מלכות פון מצרים כי אז דאס פאלק ישראל זענן אנטלאפן גווארן זייא ווילן זיך שון ניט אום קערען ויהפך אונ עס איז פאר קערט גיווארען לבב דאס הארץ פון פרעה ועבדיו אונ פון זיינע קנעכט אל צום פאלק ישראל ויאמרו אונ זייא

האבן

וַעֲבָדָיו אֶל־הָעָם וַיֹּאמְרוּ מַה־זֹּאת עָשִׂינוּ כִּי־שִׁלַּחְנוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ: ו וַיֶּאְסֹר אֶת־רִכְבּוֹ וְאֶת־עַמּוֹ לָקַח עִמּוֹ: ז וַיִּקַּח שֵׁשׁ־מֵאוֹת רֶכֶב בָּחוּר וְכֹל רֶכֶב מִצְרָיִם וְשָׁלִשִׁם

וְעַבְדוֹהִי לְעַמָּא וַאֲמַרוּ מָה דָא עֲבַדְנָא אֲרֵי שַׁלַּחְנָא יָת יִשְׂרָאֵל מִפָּלְחָנָנָא: ו וְטַקֵּיס יָת רְתִכֵּהּ וְיָת עַמֵּהּ דַּבַּר עִמֵּהּ: ז וּדְבַר שֵׁית מְאָה רְתִכִּין בְּחִירָן וְכֹל רְתִכֵּי מִצְרָאֵי וְגִבָּרִין מְמַנַּן עַל

תו"א ⸫ מלות פסחים קיג:

רשב"ם

אחור: מעבדנו. חטף קמץ. מעבוד אותנו. וכן משמרו את השבועה. אכלנו האש. באכלנו לחם לשובע: (ז) רכב בחור. רכב חשוב ומובחר: ושלישים.

בית יהודא

אונז אשטרויכלונג, אאומגליק (וְעַכְשָׁיו נֶהֶפְכוּ לִרְדּוֹף אַחֲרֵיהֶם) איצט זענען זיי אלע גוואָרן פארקערט זיי זאָלן יאָגן די יודין (בִּשְׁבִיל מָמוֹנָם שֶׁהִשְׁאִילוּם) וועגן זייער געלט וואס זיי האבען פארבארגט צו די יודין (וַיֹּאמְרוּ) זיי האבן געזאָגט (מַה זֹּאת עָשִׂינוּ) וואס האבן מיר געטאָהן (כִּי שִׁלַּחְנוּ אֶת יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ) מיר האבן ארויסגעשיקט די יודין מעבדנו (מֵעֲבוֹד אוֹתָנוּ) פון צו דינען אונז: (ו) וַיֶּאְסֹר אֶת רִכְבּוֹ. זאָגט רש"י (הוּא בְּעַצְמוֹ) פרעה אליין האט איינגעשפאנט זיין רייטוואגען: וְאֶת עַמּוֹ לָקַח עִמּוֹ. זיין פאָלק האט ער גענומען מיט זיך, זאָגט רש"י (מְשָׁכָן בִּדְבָרִים) פרעה האט זיין פאָלק געצויגן צו זיך מיט רייד, ער האט געזאָגט צו זיי (לָקִינוּ וְנָטְלוּ מָמוֹנֵנוּ וְשִׁלַּחְנוּם) מען האט אונז געשלאָגן אונ מען האט אונז צוגענומען אונזער געלט אונ מיר האבן זיי אוועק געשיקט פון אונז (בּוֹאוּ עִמִּי) קומט מיט מיר (וַאֲנִי לֹא אֶתְנַהֵג עִמָּכֶם כִּשְׁאָר מְלָכִים) איך וועל מיך ניט פירן מיט אייך וויא אנדערע מלכים (דֶּרֶךְ שְׁאָר מְלָכִים עֲבָדָיו קוֹדְמִין לוֹ בַּמִּלְחָמָה) דער פירונג פון אנדערע מלכים איז, זייערע קנעכט גייען פריער פאר אים צוא די מלחמה (וַאֲנִי אַקְדִּים לִפְנֵיכֶם) אונ איך וועל גיין פריער פאר אייך (שֶׁנֶּאֱמַר) ווי עס שטייט אין פסוק (וּפַרְעֹה הִקְרִיב) פרעה האט געמאכט גענענהען, וועמען? נאר מען מיינט (הִקְרִיב עַצְמוֹ) ער האט זיך אליין גענענט צו די מלחמה (וּמִהֵר לִפְנֵי חֲיָלוֹתָיו) ער האט גאיילט גיין צו די מלחמה פאראויס פאר זיינע זעלנער, נאך האט פרעה צו זיי געזאָגט (דֶּרֶךְ שְׁאָר מְלָכִים לִיטּוֹל בִּיזָּה בְּרֹאשׁ כְּמוֹ שֶׁיִּבְחַר) דער פירונג פון אנדערע מלכים איז ווען די זעלנער נעמען אוועק אין די מלחמה נעמט דער מלך פון דעם רויב דער ערשטער דם בעסטע וואס ער וויל (אֲנִי אֶשְׁוֶה עִמָּכֶם בַּחֵלֶק) איך וועל נעמען אחלק גלייך מיט אייך אלע (שֶׁנֶּאֱמַר) וויא עס שטייט אין פסוק פרעה האט געזאָגט צו דיא מצרים (אֲחַלֵּק שָׁלָל) איך וועל מיך טיילין מיט די רויב גלייך מיט אייך: (ז) וַיִּקַּח שֵׁשׁ מֵאוֹת רֶכֶב בָּחוּר. פרעה האט גנומען זעקס הונדערט רייטוועגען בחור, זאָגט רש"י (נִבְחָרִים) אויסגעקליבענע די בעסטע, פרעגט רש"י פאר וואס שטייט (בָּחוּר לָשׁוֹן יָחִיד) אאויסגעקליבענער, מיינט מען דאך נאר איינעם, ענטפערט רש"י אזוי מיינט מען (כָּל רֶכֶב וְרֶכֶב שֶׁבְּמִנְיָן זֶה הָיָה בָּחוּר) יעדער רייטוואגען פון די זעקס הונדערט איז געוועז אויסגקליבען פון דיא בעסטע רייטוועגען פון מצרים. וְכֹל רֶכֶב מִצְרָיִם: זאָגט רש"י (וְעִמָּהֶם כָּל שְׁאָר הָרֶכֶב) צוא די זעקס הונדערט

רש"י

ועכשיו נהפכו ב לרדוף אחריהם בשביל ג ממונם שהשאילום: מעבדנו. מעבוד אותנו: (ו) ויאסר את רכבו. הוא בעצמו (מכילתא): ואת עמו לקח עמו. משכם בדברים לקינו ונטלו ממוננו ושלחנום בואו עמי ואני לא אתנהג עמכם כשאר מלכים דרך שאר מלכים עבדיו קודמין לו במלחמה ואני אקדים לפניכם שנא' ופרעה הקריב. הקריב עצמו ומיהר לפני חיילותיו דרך שאר מלכי' ליטול ביזה בראש כמו שיבחר אני אשוה עמכם בחלק שנאמר אחלק שלל: (ז) בחור. נבחרים ד בחור לשון יחיד כל רכב ורכב שבמנין זה היה בחור: וכל רכב מצרים. ועמהם כל

שפתי חכמים

והרא"ם פי' ושמא י"ל שר"מ הדרשן שאמר זה חולק עם ההגדה האומרת בזיי"ן אמרו פירה: ב יש מקשים ממ"נ אי דעתו של פרעה היה שילאו ישראל ממלרים ולא ישובו עוד וכדפירש"י ויהפך וגו' שנהפך ממה שהיה וכו' א"כ קשה למה שלח איקטורין אלא ודאי היה דעתו שיחוגו ג"י במדבר ואח"כ ישובו וכדמשמע קרא קומו לאו מתוך עמי גם אתם גם בני ישראל ולכו עבדו את ה' כדברכם וגו' א"כ מה זה שפירש"י ויהפך נהפך. וי"ל דשליחות ישראל היה מתחלה שילאו מתוך עמו הן שישובו הן שלא ישובו ואיקטורין שלח שאם ילאו מכל וכל יתנו לאיקטורין הממון או שישובו להחזיר מה ששאלו ולפ"ז ניחא ג"כ מה שפירש"י ועכשיו נהפכו לרדוף אחריהם בשביל ממונם וכיון שראו שרולים לילך ולברוח הודיעו הדבר לפרעה ועבדיו ויהפוך ה' את לבם לרדוף אחריהם ולהשיב אותם לארצם ולעבוד כבתחלה אף שמתחלה לא היה בדעתם שישובו: ג (מהרש"ל) וקשה מנ"ל לרש"י דלמא הטעם כמו דכתיב כי שלחנו את ישראל מעבדנו. וי"ל דבשלמא אלל פרעה הטעם כך הוא על כי מעולם לא רלה לשלוח את ישראל מארלו כ"א בשביל העבודה אבל עבדי פרעה מעולם אמרו עד מתי וגו' ועכשיו אמרו מה זאת עשינו וגו' אלא ודאי בשביל ממונם. עי"ל מדכתיב אל העם משמע בשביל העם שהשאילו ממונם עכ"ל: ד דהל"ל בחורים. שהוא

פירוש לתורת אלהים

האבען גיזאָגט מַה וואס האבען מיר געטאָהן כִּי וואס מיר האבען אוועק געשיקט די יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ פון צו ארבעטן אונז: (ו) וַיֶּאְסֹר האט פרעה אליין איין געשפאנט זיין רייט וואגען וְאֶת אונ זיין פאָלק לָקַח האט ער איין גנומען מיט גוטע רייד עִמּוֹ מיט אים [עיין רש"י]: (ז) וַיִּקַּח האט ער גנומען שש זעקס הונדערט רייט וועגען

משלי יהודא

(ה) מַה זֹּאת עָשִׂינוּ כִּי שִׁלַּחְנוּ אֶת יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ. דער מדרש שרייבט למשל דר זוהן פון אמלך איז אמאהל אוועק געפאָרן אין אווייטע מדינה, האט אים געזעהן דארט אבייכער מענטש האט ער אים גענומען צו זיך אין שטוב, אונ האט אים פון שטוב ניט געוואָלט אוועק לאָזען, דעם מלך איז בעוואוסט געוואָרען וואו זיין זוהן איז, אונ ביי וועמן ער איז, האט ער געשריבען בריף אונ געשיקט מתנות צו דעם זוהן אונ פון דעם זאָל געשפייזט ווערן דר גביר אויך אמאהל האט דר מלך אנגעהויבען שרייבען בריף צום גביר ער זאָל אפשיקען זיין זוהן אהיים, האט דר גביר ניט געוואָלט, דר מלך האט געזעהן אז נאך אזוי פיל בריף שרייבען אונ דר גביר שיקט ניט צו אים זיין זוהן, איז ער אליין געקומען

כלהון: ח ותקיף יי ית לבא דפרעה מלכא דמצרים ורדף בתר בני ישראל ובני ישראל נפקו בריש גלי: ט ורדפו מצראי בתריהון ואדביקו יתהון כד שרן על ימא כל סוסות

על־כלו: ח ויחזק יהוה את־לב פרעה מלך מצרים וירדף אחרי בני ישראל ובני ישראל יצאים ביד רמה: שני ט וירדפו מצרים אחריהם וישיגו אותם חנים על־הים כל־סוס

בעל הטורים

(ח) ביד רמה. ג' הלא והידך בפ' מסעי והנפש אשר תעשה ביד רמה בפ' שלח גבי ע"ז מלמד שפסל מיכה עבר עמהם כמו שדרשו ועבר

רשב"ם

שרים לפי שכתוב לפנינו ומבחר שלישיו טבעו בים סוף: (ח) יוצאים ביד רמה. לא היו דואגים כלל עד שראו פרעה ועמו רודפים אחריהם. אז וייראו מאוד:

רש"י

אחר ה הרכב (מכילתא) ומהיכן היו הבהמות הללו א"ת משל מצרים הרי נא' (שמות ט) וימת כל מקנה מצרים וא"ת משל ישראל והלא נא' (שם י) וגם מקננו ילך עמנו משל מי מן הירא את דבר ה' מכאן היה ר"ש אומר כשר שבמצרים הרוג טוב שבנחשים רצוץ את מוחו: ושלשם על כלו. שרי צבאות כתרגומו: (ח) ויחזק ה' את לב פרעה. שהי' תולה אם לרדוף אם לאו וחזק את לבו לרדוף: ביד רמה. (מכילתא) בגבורה גבוהה ומפורסמת:

בית יהודא

בעסטע רייטוועגן הט מען נאך גענומען אלע רייטוועגן וואס זענען געווען אין מצרים, פרעגט רש"י (ומהיכן היו הבהמות הללו) פון וואנען הט פרעה גענומען די בהמות צו די רייטוועגן אונ צו דיא רייטער (אם תאמר משל מצרים) אוב דו וועסט זאגן ער הט גענומען פון די מצרים (הרי נאמר וימת כל מקנה מצרים) דער פסוק זאגט דאך אלע בהמות פון די מצרים זענען געפיינגערט (ואם תאמר משל ישראל) אוב דו וועסט זאגן ער הט גענומען פון די יודין והלא נאמר וגם מקננו ילך עמנו) דער פסוק זאגט דאך משה הט געזאגט צו פרעה אונזערע בהמות ועלן גיין מיט אונז, האבן דאך די יודין מיט גנומען זייערע בהמות (משל מי היו) פון וועמען זענען געווען די בהמות? זאגט רש"י דיא בהמות זענען געווען (מהירא את דבר ה') פון דיא מצרים וואס האבן מורא געהאט פר די רייד פון הקב"ה וויא עס שטייט אין פסוק די מצרים וואס האבן מורא געהאט פאר די רייד פון הקב"ה האבן בעהאלטין זייערע בהמות אין דיא שטובין, זענען זייערע בהמות געבליבן לעבן ווארום בייא דעם דבר אונ ביי דעם ברד זענען נאר געפיינגערט די בהמות וואס אין פעלדו, די פרומע מצרים האבן גיגעבן זייערע בהמות צו פרעה צו די רייטוועגן אונ צו די רייטער מען זאל לויפן האלטען מלחמה מיט די יודין (מכאן היה ר' שמעון אומר) פון דאנען הט רבי שמעון געזאגט (כשר שבמצרים הרוג) דעם פרימסטען פון די מצרים מעג מען אוך הרגען (טוב שבנחשים) דעם בעסטען פון די שלאנגען (רצוץ את מוחו) מעגסטו שפאלטען זיין מוח: ושלשים על כולו. זאגט רש"י שלישים מיינט מען אלצטע (שרי צבאות) אלצטע אויף דיא מיליטער זעלנער, ווי דר תרגום שרייבט (ממנן על כולן), אלצטע אויף אלע וואס זענען גגאנגען אין מלחמה: (ח) ויחזק ה' את לב פרעה. הקב"ה הט געשטארקט די הארץ פון פרעה (שהיה תולה אם לרדוף או לאו) ווארום פרעה איז געווען אין ספק ער האט ניט גוואוסט וואס ער זאל טאן, ער זאל לויפן צו דיא יודין אדער ניין (וחזק את לבו לרדוף) הט הקב"ה געשטארקט די הארץ זיינע ער זאל לויפן צו די יודין: ובני ישראל יצאים ביד רמה. דיא יודין זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים ביד רמה, מיט אהויכע האנט, זייער האנט איז געווען העכר איבר די מצרים אונ האבען געוועלטיגט אויף דיא מצרים, זאגט רש"י (בגבורה גבוהה ומפורסמת) מיט אהויכע שטארקייט אפענטליכע וואס אלע האבן גזעהן, ניט ווי אנטלאפענע: (ט) וירדפו מצרים אחריהם. די מצרים האבן געיאגט נאך די יודין (וישיגו אותם חונים על הים) אונ האבן זיי גטראפען רוהען נעבין ים, גקומען צו דיא יודין זענען (כל סוס רכב פרעה) אלע פערד פון פרעה'ס רייטוועגען (ופרשיו) אונ זיינע רייטער (וחילו) אונ זיינע

שפתי חכמים

לשון רבים רק אי הוה נקט בחורים הייתי אומר שהוא מלשון גם בחור גם בתולה לאפוקי זקן לכך נקט לשון בחור שהוא לשון בחירה כל הששׁ מאות היו נבחרים מש"ה נקט רש"י ג"כ לשון רבים שבחור מוסב על הששׁ מאות שהוא רבים: ה דק"ל דמתחלה כתיב שלא לקח עמו כי אם שש מאות ואח"כ כתיב וכל רכב מצרים ועוד כיון דכתיב וכל רכב מצרים לל"ל שש מאות רכב ל"פ ועמהם וכו' ר"ל דודאי העיקרים

פירוש לתורת אלהים

בחור אום גקליבני וכל אונ אלע רייט וועגן פון מצרים ושלשים אונ עלצטי איבר אלי: (ח) ויחזק האט גאט גישטארקט את דאס הארץ פון פרעה מלך מצרים וירדוף אונ ער האט נאך גיאגט אחרי נאך די קינדער ישראל זאגט דער פסוק ובני אונ די קינדער ישראל יוצאים זענען ארויס גינאנגען ביד רמה מיט אהוך שטארקייט: (ט) וירדפו אונ די מצרים האבן זיי נאך גיאגט וישיגו אונ האבן זיי גגרייכט חונים זיי האבן

משלי יהודא

צום גביר אונ הט אפ גענומען פון אים זיין זוהן, הט דר גביר שטארק געזארגט אונ איז געווען טרויעריג וואס דער זוהן פון מלך איז פון אים אוועק גענומען געווארן האבען מענטשן גפרעגט דעם גביר וואס ביזטו אזו שטארק פארזארגט וועגען דעם זוהן פון מלך, הט דר גביר געזאגט ווייל ביי מיר זענען אוועק גענומען געווארן דריי זאכן מיט איין מאהל, ערשטענס דר כבוד, וואס דר מלך פלעגט צו מיר שרייבען בריף, דס צווייטע אלע מתנות וואס דער מלך הט געשיקט צו זיין זוהן האב איך אוך פון זיי הנאה געהאט, דס דריטע ער פלעגט ארבעטן מיינע גשעפטן. דס זעלביגע הט איצט פרעה פארשטאנען אז ער הט ארויס געשיקט די יודן הט ער פארלארן דריי זאכן, דס ערשטע הקב"ה הט גבענטשט די לאנד מצרים מיט אלעם גוטען נאר ווייל די יודן זענען דארט גיוועזן, אז דיא ברכה אין מצרים איז געווען זייער גרוס, האבן די מצרים געגעבן צו די יודן אוך גוט צו עסן, איצט אז די יודן זענען ארוס געגאנגן פון מצרים, הט אויף

רֹכֶב פַּרְעֹה וּפָרָשָׁיו וְחֵילוֹ עַל־פִּי
הַחִירֹת לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן: י וּפַרְעֹה
הִקְרִיב וַיִּשְׂאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־
עֵינֵיהֶם וְהִנֵּה מִצְרַיִם | נֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם
וַיִּירְאוּ מְאֹד וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־
יְהוָה: יא וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה הֲמִבְּלִי
אֵין־קְבָרִים בְּמִצְרַיִם לְקַחְתָּנוּ לָמוּת

אונקלוס

רָתְכֵי פַרְעֹה וּפָרָשׁוֹהִי
וּמַשִּׁרְיָתֵהּ עַל פּוּם
חִירָתָא קֳדָם בְּעֵיל צְפוֹן:
י וּפַרְעֹה קָרֵיב וּזְקַפוּ בְנֵי
יִשְׂרָאֵל יָת עֵינֵיהוֹן וְהָא
מִצְרָאֵי נָטְלִין בַּתְרֵיהוֹן
וּדְחִילוּ לַחֲדָא וּזְעִיקוּ בְנֵי
יִשְׂרָאֵל קֳדָם יְיָ: יא וַאֲמַרוּ
לְמֹשֶׁה הֲמִדְּלֵית קִבְרִין
בְּמִצְרַיִם דְּבַרְתָּנָא לִמְמַת
בְּמַדְבְּרָא מָה דָא

תו"א המבלי אין ערכין טז:

רשב"ם

(יא) המבלי אין קברים. כפל לשון: למות במדבר. אשר אין לחם ואין מים

בעל הטורים

דים לרה: (י) ופרעה הקריב. ג' במסו' ופרעה הקריב. ופרעה חולם. כאשר כבדו אתכם מלרים ופרעה וגו' הלא כאשר התעולל בהם. פי' אע"פ שפרעה חלם ופתר לו יוסף חלומותיו לא זכר לו זו הטובה ופרעה הקריב להלחם עם ישראל ע"כ התעולל בהם: הקריב. ב' במסו' ופרעה הקריב. הקריב את קרבנו. כיון שבא לפני בעל לפון הקריב קרבן לו: והנה מלרים נוסע אחריהם. זה עוזא שר של מלרים ולכך אמרו עזי וזמרת יה עמד כנגד שר של מלרים:

בית יהודא

זעלבער, זיי זענען געשטאנען (על פי החירות) געגען פי החירות, פאר די עבודה זרה בעל צפון: (י) (ופרעה הקריב) . זאגט רש"י (היה לו לכתיב ופרעה קרב) עס הט געדארפט שטיין פרעה הט גענענט (מהו הקריב) פאר וואס שטייט ער הט גמאכט גענענען (הקריב עצמו) ער הט זיך אליין גענענט (ונתאמץ לקדם לפניהם) ער הט זיך געשטארקט ער זאל קומען צו די יודין פריער פאר זיינע זעלבער (כמו שהתנה עמהם) ווי ער הט געהאט אתנאי מיט זיי ווי ער הט זיי צוגזאגט: (וישאו בני ישראל את עיניהם) . די יודין האבן אופגהובן זייערע אויגן אונ האבן געזעהן (והנה מצרים נוסע אחריהם) מצרים ציהט נאך זיי, פרעגט רש"י פאר וואס שטייט נוסע, ער ציהט עס דארף דאך שטיין נוסעים, זיי ציהען, זאגט רש"י דריבער שטייט נוסע ער ציהט ווייל זיי זענען גוועזן (בלב אחד כאיש אחד) אלע מיט איין הארץ געגען דיא יודין וויא זייא וואלטען גוועזן איין מענטש (דבר אחר) נאך אפשט איז דריבער שטייט והנה מצרים נוסע אחריהם (ראו שר של מצרים נוסע מן השמים לעזור למצרים) זייא האבען געזעהן דער שר פון דיא מצרים ציהט פון הימעל צוא דיא מצרים ער זאל זייא העלפין, אונ דר שר פון מצרים הייסט אויך מצרים: (ויצעקו) . די יודען האבן געשריגען, זיי האבן געבעטען צו הקב"ה (תפשו אומנות אבותם) זייא האבען גענומען דאס פירונג פון זייערע אלטערען (באברהם הוא אומר) ביי אברהם זאגט דר פסוק (אל המקום אשר עמד שם) ער איז געקומען צו דעם ארט וואס ער איז דארטן געשטאנען אונ געבעטען צו הקב"ה (ביצחק לשוח בשדה) בייא יצחק שטייט ער איז געגאנגען אין פעלד צו בעטען בייא הקב"ה (ביעקב ויפגע במקום) ביי יעקב שטייט ער הט געבעטען אויף דעם ארט: (יא) (ויאמרו אל משה) . די יודען האבן געזאגט צו משה (המבלי אין קברים במצרים) איז דען ניטא קברים אין מצרים

רש"י

(י) ופרעה הקריב. הי' לו לכתוב ופרעה קרב מהו הקריב הקריב עלמו ונתאמץ לקדם לפניהם כמו שהתנה עמהם: נוסע אחריהם. בלב א' כאיש אחד. ד"א והנה מלרים נוסע אחריהם ראו שר של מלרים ו נוסע מן השמים לעזור למלרים. תנחומא: ויצעקו. (מכילתא) תפשו אומנות אבותם. באברהם הוא אומר (בראשית יט) אל המקום אשר עמד שם. ביצחק (שם כד) לשוח בשדה. ביעקב (שם כח) ויפגע במקום: (יא) המבלי אין קברים.

שפתי חכמים

לא היו כי אם שם מאות ולאותן שש מאות היו ג"כ עבדים שג"כ הלכו עם פרעה ממלרים: ו וקוראו מלרים ולא קראו בשמו הייעו משום

פירוש לתורת אלהים

גרוהט ביי דעם ים כל אלע פערד פון די רייט וועגן פון פרעה ופרשיו אונ זיינע רייטער וחילו אונ זיין חיל על קעגן דעם ארט וואס הייסט פי החירות לפני פר דר עבודת כוכבים וואס הייסט בעל צפון: (י) ופרעה אונ פרעה האט זיך געשטארקט פריער צו גיין פאר זיין פאלק אזו ווי ער הט מיט זיי אתנאי אום גנומען וישאו האבען די ישראל אוף גהובען זייערי אויגען האבען זייא גזעהן והנה מצרים די מצרים נוסע ער ציהט נאך זייא וייראו האבען די ישראל זיך זייער גפארכטען ויצעקו האבען די ישראל גשריגן צו גאט: (יא) ויאמרו אונ זיי האבען גזאגט צוא משה המבלי אוב פון וועגן דעם אין ווייל קיין קברים איז ניט פאר האנדען אין מצרים

משלי יהודא

גיהערט די ברכה פון מצרים, דם צווייטע דעם כבוד, משה מיט אהרן פלעגען קומען צו פרעה אין דעם נאמן פון הקב"ה ער זאל ארויס שיקען די יודען, אונ ער הט געוויזען גרויס־קייט פאר אלע זיינע שרים אז ער הט ניט מורא פאר הקב"ה, איצט איז דער כבוד אוועק געגאנגען ער אליין הט געמוזט קומען צו משה בייא נאכט אים בעטען ער זאל ארויס גיין מיט די יודען פון מצרים, דם דריטע דעם נוטצען פון זייער ארבעט, איצט הט פרעה אנגעהויבן חרטה האבען וואס ער הט ארויס געשיקט די יודען, וועגען דיא ברכה מיט דעם כבוד וואס ער הט פארלארן הט ער זיך געשעמט צו זאגען, הט ער נאר געזאגט וואס האבען מיר געטאהן וואס מיר האבען ארויס געשיקט די יודען פון צו דינען אונז:

במדבר מה־זאת עשית לנו
להוציאנו ממצרים: יב הלא־זה
הדבר אשר דברנו אליך במצרים
לאמר חדל ממנו ונעבדה את־
מצרים כי טוב לנו עבד את־מצרים
ממתנו במדבר: יג ויאמר משה אל־
העם אל־תיראו התיצבו וראו את־
ישועת יהוה אשר־יעשה לכם היום

אונקלוס

עבדתא לנא לאפקותנא
ממצרים: יב הלא דין
פתגמא די מלילנא עמך
במצרים למימר שבוק
מננא ונפלח ית מצראי
ארי טב לנא דנפלח
ית מצראי מדנמות
במדברא: יג ואמר משה
לעמא לא תדחלון
אתעתדו וחזו ית פורקנא
דיי דיעבד לכון יומא
דין ארי כמא דחזיתון

רש״י

וכי מחמת חסרון קברים שאין קברים במצרים ז ליקבר שם לקחתנו משם. סיפו״ר פלינלס״א דיכו״ן פוסי״ש: (יב) אשר דברנו אליך במצרים. (מכילתא) והיכן דברו ירא ה׳ עליכם ח וישפוט: ממותנו. מאשר נמות ואם הי׳ נקוד מלאפו״ס (ר״ל הול״ם כנודע לבעלי דקדוק שקראו חול״ם מלאפו״ס ועי׳ לקמן פ׳ יתרו ברש״י פסוק פן יפרוץ) היה כבאר ממיתתנו עכשיו שנקוד בשור״ק כבאר מאשר נמות וכן מי יתן מותנו שנמות וכן (ש״ב יט) מי יתן מותי דאבשלום שאמות כמו (צפניה ג) ליום קומי לעד (דה״ב

בית יהודא

אין דער מדבר אום ראש חודש ויחן האבען דיא ישראל דארטען גרוהט נגד אקעגען בארג סיני [ע' רש״י]: (ג) ומשה עלה אל האלהים אונ משה איז אויף גגאנגען צוא גאט דעם אנדערען טאג אין חודש סיון ויקרא האט גאט גרופין צוא אים פון דעם בארג סיני לאמר ער האט אים אזוי גיזאגט כה תאמר אזוי

משלי יהודא

(ג) ומשה עלה אל האלהים וגו'. די גמרא זאגט ווען משה איז געקומען אין הימל נעמען די תורה האבען דיא מלאכים געפרעגט ביי הקב״ה וואס טוהט דא דער מענטש, הט הקב״ה געזאגט ער איז געקומען נעמען די תורה, האבען די מלאכים אים געוואלט הרגנען, אונ האבען גזאגט צו הקב״ה גיב אונז די תורה, הט הקב״ה געמאכט די צורה פון משה זאל זיין ווי די צורה פון אברהם, הט הקב״ה גיזאגט צוא די מלאכים איר קענט דעם מענטש, איר געדיינקט איר הט אמאל ביי דעם מענטש געגעסן, זענען די מלאכים שטיל געווארן, איז דאך אקשיא נוייל זיי האבען געגעסן ביי אברהם דריבער קענען זיי ניט בעטן מען זאל זיי געבען די תורה, אונ אפילו זיי האבען גיטאן אעבירה אונ האבען גיגעסין פלייש מיט מילך, דריבער קען מען זיי ניט געבען די תורה, די יודין אין מצרים האבען מער עבירות גיטאן פון דעסטוועגן האט מען זיי געגעבן די תורה, נאר דר מיינונג איז געוועזן למשל אסוחר איז גקומען אין אשטאט מיט פיל ערליי מינים סחורות, סחורות וואס איז איצט די נייע מאדע געוועזן, סחורה פון די אלטע מאדע, קרעמער זענען צו אים געקומען קופען סחורה, האבען זיי נאר געוואלט קופען פון די נייע מאדע, זיי האבען געזאגט פון די אלטע מאדע קענען מיר ניט קופען נוייל עס וועט ביי אונז קיינר קופען, די קרעמער האבען אים געוואלט גוט בצאהלן פר די סחורה פון די נייע מאדע, אבער פר די סחורה פון די אלטע מאדע האבען זיי איין קאפעקע ניט געוואלט געבען, דר נוייל הט מען געהערט אין שטאט אז עטליכע גרויסע שרים וועלן מאכען חתונות אונ בעלער, הט מען אנגעהובען זיכן באלאווע קליידער פון די נייעסטע מאדע, איז מען געקומען צו דעם סוחר, ער זאל פארקופען די באלאווע קליידר, ווי די קרעמר האבען גערעט מיט דעם סוחר איז אריין געקומען אקליינער קרעמער אונ הט אוך געוואלט קופען די באלאווע קליידר, האבן יענע קרעמער אים געוואלט שלאגען אונ ארוסטרייבן פון קראם, הט דר סוחר געזאגט צו די ערשטע קרעמער איר געדיינקט איך האב אייך געזאגט איך האב אלטע מאדישע סחורה אוך, זאג איך אייך איך וועל ניט פארקופען די באלאווע סחורה נאר צו דעם וואס וועט ביי מיר צונעמען די אלטע מאדישע סחורה אוך, נאר איין זאך וועל איך טאן צו דעם מענטש וואס וועט ביי מיר קופען אלע סחורה מיט איין מאהל, פר די באלאווע סחורה אליין גיט מען מיר הונדערט פראצענט צו פארדינען, אז מען וועט ביי מיר קופען אלע סחורה מיט איין מאהל, וועל איך פארקופען פר פופצעג פראצענט פארדינסט, האבען זיי גיענטפערט דיא אלטע מאדישע סחורה קענען מיר ניט קויפען נוייל זיא ניצט אונז גאר ניט, הט דר קליינר קרעמר געזאגט איך קען קופען דיא גאנצע סחורה, פר מיר ניצט די גאנצע סחורה, הט דר סוחר אים פארקויפט די גאנצע סחורה, דס זעלביגע איז געוועזן ביי די תורה, הקב״ה הט געשריבן אין די תורה צווייערליא דינים, אזעלכע דינים וואס געהערן צו מענטשן אונ צו מלאכים, דהיינו מורא האבן פר הקב״ה, ליב האבן הקב״ה,

דם

אונקלוס

טוּרָא לְמֵימַר כִּדְנַן תֵּימַר לְבֵית יַעֲקֹב וּתְחַוֵּי לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל: ד אַתּוּן חֲזֵיתוּן דִּי עֲבָדִית לְמִצְרָיִם וּנְטָלִית

תו"א אתם ראיתם שם:

תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל: ד אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל־

בעל הטורים

(ג) ותגיד לבני ישראל. מלא יו"ד שתגיד להם עשרת הדברות: (ד) אתם. ד' ר"פ. הכא. ואידך אתם קחו לכם תבן בשביל שלא רצו מצרים לתת להם תבן אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים. אתם נצבים. אתם עדי. לומר בשביל שאתם נצבים היום. לעולם תוכלו להיות עדי כי לעולם אני

רשב"ם

(ד) על כנפי נשרים. שהעברתי אתכם את הים ביבשה כנשרים שעוברים ימים דרך פריחה גם שלא הוזקתם כדכתיב כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף: ואבא אתכם

רש"י

אלו הנשים תאמר להן ד בל' רכה: ותגיד לבני ישראל. עונשין ודקדוקין פרש לזכרים. דברים הקשין כגידין (מכילתא): (ד) אתם ראיתם. (שבת פו) לא מסורת היא בידכם ה ולא בדברים אני משגר לכם לא בעדים אני מעיד עליכם אלא אתם ראיתם אשר עשיתי למצרי' על כמה עבירות היו חייבין לי קודם שנזדווגו לכם ולא נפרעתי מהם אלא על ידכם: ואשא אתכם. (מכילתא) זה יום שבאו ישראל לרעמסס ו שהיו ישראל מפוזרין בכל ארץ גושן ולשעה קלה כשבאו ליסע ולצאת נקבצו כלם לרעמסס ואונקלוס תרגם ואשא ואטלית יתכון כמו ואסיע אתכם תיקן את הדבור דרך כבוד למעלה: על כנפי נשרים. כנשר הנושא ז גוזליו על

בית יהודא

בֵּית יַעֲקֹב מיינט מען ווייבר (תֹאמַר לָהֶם בִּלְשׁוֹן רַכָּה) זאלסטו צו זיי זאגן מיט ווייכע רייד: [וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל]. (עוֹנְשִׁין וְדִקְדּוּקִין פָּרֵשׁ לַזְּכָרִים) צו זְכָרִים זאלסטו זאגן די שטראף וואס קומט אויף יעדער עֲבֵירָה, אונ אלע כַּוָּנוֹת וואס געהער צו יעדער מִצְוָה, אונ זאלסט זיי זאגען (דְּבָרִים הַקָּשִׁים כְּגִידִין) אזעלכע רייד וואס זענען הארט ווי אדערען: (ד) [אַתֶּם רְאִיתֶם]. זאלסט זאגן צו די יודען (לֹא מַסּוֹרֶת הִיא בְּיֶדְכֶם) דס איז ניט אזאך וואס איז צו אייך איבערגעגעבען געווארן פון אייערע אלטערן (לֹא בִּדְבָרִים אֲנִי מְשַׁגֵּר לָכֶם) איך שיק ניט צו אייך מען זאל אייך איינרעדען (לֹא בְּעֵדִים אֲנִי מֵעִיד עֲלֵיכֶם) איך ברייננג ניט פר אייך עדות וואס זאלען עדות זאגן אויף די אלע נסים (אֶלָּא אַתֶּם רְאִיתֶם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרַיִם) נאר איר אליין הט געזעהן וואס איך האב געטאהן צוא מִצְרַיִם (עַל כַּמָּה עֲבֵירוֹת הָיוּ חַיָּיבִין לִי קוֹדֶם שֶׁנִּזְדַּוְּגוּ לָכֶם) אויף וויא פיל עֲבֵירוֹת זענען די מִצְרִים צו מיר שולדיג געוועזן איידער זיי האבן זיך בהעפט מיט אייך (וְלֹא נִפְרַעְתִּי מֵהֶם) אונ איך בין ניט געצאהלט געווארן פון זיי, איך האב זיי ניט געשטראפט (אֶלָּא עַל יֶדְכֶם) נאר וועגען אייך האב איך זיי געשטראפט: [וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם וגו']. זאגט רש"י (זֶה הַיּוֹם שֶׁבָּאוּ יִשְׂרָאֵל לְרַעְמְסֵס) דאס איז געוועזן אין דעם טאג וואס די יודען זענען געקומען אין רַעְמְסֵס (שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְפוּזָּרִין בְּכָל אֶרֶץ גֹּשֶׁן) די יודען זענען געוועזן פארשפרייט אין דעם גאנצען לאנד גושן (וּלְשָׁעָה קַלָּה כְּשֶׁבָּאוּ לִיסַּע וְלָצֵאת נִקְבְּצוּ כּוּלָּם לְרַעְמְסֵס) אונ ווען דיא יודען האבן געדארפט ארויסגיין פון מִצְרַיִם אין אקליינע צייט זענען אלע יודען צוזאמען געקומען אין רַעְמְסֵס (וְאוּנְקְלוֹס תִּרְגֵּם וָאֶשָּׂא כְּמוֹ וְאַסִּיעַ אֶתְכֶם) דר תַּרְגּוּם טייטשט דעם ווארט וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם, ווי עס וואלט געשטאנען וְאַסִּיעַ אֶתְכֶם, איך האב אייך געמאכט ציהען, דאס איז וואס דער תַּרְגּוּם שרייבט וְאַטְלֵית יָתְכוֹן, איך האב אייך געצויגן (תִּיקֵּן אֶת הַדִּיבּוּר דֶּרֶךְ כָּבוֹד לְמַעְלָה) דר תַּרְגּוּם הט געענדערט דעם ווארט וָאֶשָּׂא, עס זאל זיין שענער פאר הקב"ה, ווייל עס איז ניט שיין צו זאגען אויף הקב"ה ער הט געטראגען: [עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים]. זאגט רש"י (כַּנֶּשֶׁר הַנּוֹשֵׂא גוֹזָלָיו עַל כְּנָפָיו) ווי דר אדלער וואס ער

שפתי חכמים

נשים תחלה ואח"כ לאנשים: ד כיון שמצינו דדבור הוא ל' קשה כדכתיב דבר אדוני הארץ אתנו קשות ש"מ שאמירה הוא ל' רכה ועוד מדכתיב ויאמר יוסף אל אחיו אני יוסף וגו' וכתיב כמי ויאמר יוסף אל אחיו גשו נא וגו' וכתיב כמי סוף סדר ויחי ויאמר אליהם יוסף אל תיראו וגו' מכל אלה נראה דלשון ויאמר ל' רכה הוא: ה דק"ל למה הוצרך לו' אתם ראיתם ועוד שלא תפול ראייה אלא על הדברים הנעשים לא על העשייה ועוד בקרא משמע דהמאמר הזה אינו אלא להודיעם שהם חביבים לו כדמסיים ואשא אתכם על כנפי נשרים ומה חבה הראה להם בזה דהלא לא עשה להם מה שעשה אלא בעבור שחטאו ולא בעבור חבתן ל"פ וכו' הרא"ם: ו אע"פ דכפרשת בא בפסוק ויסעו בני ישראל מרעמסס סכותה פרש"י ק"ך מיל היה ובאו שם לפי שעה הוא שנא' ואשא אתכם על כנפי נשרים וכאן פי' שכולם נקבצו לרעמסס כו' דהא והא איתא: ז הרא"ם גורס ד"א כנשר וכו' והוא במכילתא שני פירושים הראשון פי' על הקלות והשני כנשר הנושא וכו' על ההכא

פירוש לתורת אלהים

זאלסטו זאגן לְבֵית צו דעם הויז גזינד פון יַעֲקֹב [ע' רש"י] צו זיי זאלסטו זאגן ווייכע רייד וְתַגֵּיד אונ דו זאלסט זאגן הארטע רייד לִבְנֵי צו די קינדער יִשְׂרָאֵל [ע' רש"י]: (ד) אַתֶּם איר האט גזעהן אֲשֶׁר וואס איך האב גטוען צוא די מִצְרַיִם וָאֶשָּׂא אונ איך האב גטראגען אֶתְכֶם אייך עַל אזו ווי אויף די פליגעל פון אדלערס [עיין רש"י]

משלי יהודא

דם קענן מַלְאָכִים טוהען בעסר ווי מענטשן, אונ אזעלכע דינים וואס גיהערן נאר צו מענטשן, מַלְאָכִים זענן געקומן צו הקב"ה אונ האבן געזאגט מען זאל זיי געבען די תּוֹרָה זיי וועלן פר איר גוט בצאהלין נזיי וועלן זיא גוט היטן, בעסר ווי מענטשן וועלן זיא היטן דערנוייל איז געקומן משה אונ הט אויך געוואלט מען זאל אים געבן די תּוֹרָה, האבן די מַלְאָכִים אים געוואלט הרגנן אדער אראפטרייבן פון הימעל, הט הקב"ה געמאכט דעם פָּנִים פון משה וויא עס איז געוועזן דער פָּנִים פון אַבְרָהָם, אונ הקב"ה האט געזאגט צו די מַלְאָכִים איר גדיינקט איר הט געגעסן ביי דעם מענטש, פר וואס האב איך אייך אראפגעשיקט צו דעם מענטש איר זאלט ביי אים עסין? ער זאל טאהן די מִצְוָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים גְּמִילוּת חֲסָדִים, קענט איהר אויך טאהן אזעלכע מִצְוֹת וועל איך אייך געבען דיא תּוֹרָה, אז איר קענט ניט טאהן אזעלכע מִצְוֹת, קענט איר דאך ניט נעמען די גאנצע תּוֹרָה, וועל איך אייך די תּוֹרָה ניט געבן, איך וויל נאר געבן די תּוֹרָה צו דעם וואס וועט זיא נעמן אין גאנצן, אפילו איר וועט מיר פר די העלפט תּוֹרָה בעסער בצאהלן, איך וויל אבער פר וועלוועלער פארקיפן ואפילו מען וועט זיא ניט היטן אזוי גוט] נאר מען זאל זיא נעמן אין גאנצן, הט משה געזאגט איך וועל נעמן דיא גאנצע תּוֹרָה, הט הקב"ה אים געגעבן די תּוֹרָה:

כנפי נשרים ואבא אתכם אלי׃
ה ועתה אם־שמוע תשמעו בקלי
ושמרתם את־בריתי והייתם לי

אונקלוס

יתכון כד על גדפי נשרין וקריבית יתכון לפולחני׃ ה וכען אם קבלא תקבלון למימרי ותטרון ית קימי

בעל הטורים

כלב׃ ואביא אתכם אלי. מה אשה נקנית בכסף ובשטר ובביאה אף ישראל כן. בכסף זו ביזת מצרים. בשטר זו התורה שנאמר תורה צוה לנו משה מורשה אל תקרי מורשה אלא מאורסה. בביאה זהו שנאמר ואפרוש כנפי עליך וגו' ואבא בברית אתך לכן אמר הושע ג"פ וארשתיך לי׃ ואביא בגימ' בביאה׃ (ה) והייתם לי סגולה מכל העמים. ס"ת מילה׃

בית יהודא

טראגט זיינע קינדער אויף זיינע פליגעל (שכל שאר העופות נותנים את בניהם בין רגליהם) אלע אנדערע עופות האלטען זייערע קינדער אונטער זיי, צווישען זייערע פיס (לפי שמתיראים מעוף אחר שפורח על גביהם) נוייל זייא האבען מורא צו האלטען זייערע קינדער אויף זיך, טאמער וועלען דיא עופות וואס פליהען העכער איבער זיי חאפען די קינדער אונ אויפעסען (אבל הנשר הזה אינו מתירא אלא מן האדם שמא יזרוק בו חץ) אבער דר אדלער הט נאר מורא פר אמענטש, טאמער וועט דר מענטש אויף אים שיסען מיט אפייל אדער מיט אקאהל (לפי שאין עוף פורח על גביו) נוייל עס איז ניטא איין עוף וואס זאל פליהען העכער איבער אים (לכך נותנן על כנפיו) דריבער גיט ער זיינע קינדער אויף זיינע פליגעל (אומר) ער זאגט (מוטב יכנס החץ בי ולא בבני) זאל בעסער דיא פייל אריין קומען אין מיר אונ ניט אין מיינע קינדער, זאגט הקב"ה (אף אני עשיתי כן) איך האב אייך אזוי געטאהן (ויסע מלאך האלהים וגו') דר מלאך פון הקב"ה וואס איז געגאנגען פאר די מחנה יודען (ויבא בין מחנה מצרים וגו') איז ער געקומען צווישען דיא מחנה יודען אונ דיא מחנה מצרים (והיו מצרים זורקים חצים ואבני בליסטראות והענן מקבלם) נוייל עס איז געוועזען פינסטער האבען די מצרים ניט געזעהן אז צווישען זייער מחנה אונ דיא מחנה יודען שטייט אוואלקען, דריבער האבען זייא געשאסען מיט פיילען אונ געווארפען שטיינער, זיי האבען געמיינט זיי ווארפען אויף די יודען, אונ אין אמת האבען זיי געווארפען אויף דעם מלאך אונ דער מלאך הט אין זיך אריינגענומען אלע פיילען אונ שטיינער וואס דיא מצרים האבען אויף אים געווארפען׃ ואבא אתכם אלי. (כתרגומו) ווי דר תרגום טייטשט, איך האב אייך דערגענטערט צו מיר איר זאלט מיך דינען׃ (ה) ועתה. אונ איצט (אם עתה תקבלו עליכם) אויב איר וועט איצט גענעמען אויף אייך איר זאלט היטען מיין תורה (יערב לכם מכאן ואילך) וועט מיין תורה צו אייך זיס זיין פון איצט אונ ווייטער (שכל התחלות קשות) אלע זאכען זענען אין אנהייב שווער׃ ושמרתם את בריתי. איר וועט היטען מיין פארבינדונג (שאברית ערים על

רש"י

כנפיו שכל שאר העופות נותנים את בניהם בין רגליהם לפי שמתיראין מעוף אחר שפורח על גביהם אבל הנשר הזה אינו מתירא אלא מן האדם שמא יזרוק בו חץ לפי שאין עוף אחר פורח על גביו לכך נותנן על כנפיו אומר מוטב יכנס החץ בי ולא בבני. אף אני עשיתי כן ויסע מלאך האלהים וגו' ויבא בין מחנה מצרים וגו' והיו מצרים זורקים חצים ואבני בליסטראות והענן מקבלם׃ **ואבא אתכם אלי.** כתרגומו׃ (ה) **ועתה.** אם עתה תקבלו עליכם ח יערב לכם מכאן ואילך שכל התחלות קשות (מכילתא שבת פז)׃ **ושמרתם את**

שפתי חכמים

פ"ש׃ ח הוסיף רש"י מלת אם שכתב אם עתה מפני שכל מלה שהיא תנאית כמו מלת אם שכתוב בקרא מורה על הזמן לכן נקט רש"י אם עתה כאילו הכתוב הוא מסורס ופירושו אם עתה בזמן ההוא תקבלו עול התורה יערב לכם לעתיד ואלו לפי משמעות הקרא יהיה מלת אם שהיא מלה תנאית קאי על קבלת המצות ויהיה פירושו אם תקבלו ולא יובן ממנו שיערב לכם מכאן ולהבא המורה על זמן העתיד. רא"ם׃

פירוש לתורת אלהים

ואבא אונ איך האב אייך געבראכט צו מיר דם הייסט צוא מיין דינסט׃ (ה) ועתה אונ אצונד אם אוב שמוע הערען תשמעו איר וועט הערען בקולי אין מיין קול איר וועט מקבל זיין מייני מצות ושמרתם אונ איר

משלי יוסף

(ה) ועתה אם שמוע תשמעו בקולי וגו'. דער ענין איז למשל עס איז געוועזען אגרויסער גביר ער האט געהאט עטליכע זיהן, ער האט אבער פון אלע זיהן קיין גרויסען פארגעניגען געהאט, נאר איין זוהן איז געוועזען אגרויסער חכם אונ אלמדן, אונ אסוחר, דר פאטער הט אים שטארק ליב געהאט, אמאהל הט געטראפען דער זוהן איז קראנק געווארען אונ דאקטוירים האבען געזאגט ער וועט ניט מעהר לעבען, הט ער גערופען דעם פאטער אונ הט אים געבעטען ער זאל זיך זעצען נעבען זיין בעט ער הט מיט אים עפעס צו ריידען, הט ער געזאגט צום פאטער איך ווייס איך וועל באלד שטארבען אונ דו ווייסט אז פון מיין גאנצע ארבעט לאז איך אויף דער וועלט איין קינד, בעהט איך דיך דו זאלסט דם קינד נעמען צו דיר אונ זאלסט אים אויפערצויען ביז ער וועט גרוס ווערען זאלסטו אים געבען נדן אונ זאלסט אים חתונה מאכען גלייך ווי ער איז דיין אייגען קינד, אין אמת ווייס איך ווען איך וואלט דיך ניט בעטען וואלסטו אליין אויך אזו געטאהן, נאר פר וואס בעט איך דיך נוייל איך ווייס די ביזט אמענטש וואס הט ליב ערליך אונ פרום, טאמער וועט מיין קינד ניט אזו זיין, בעט איך דיך ווי ער וועט זיין זאלסטו אלץ טאהן ווי איך האב דיך געבעטען, דר פאטער הט אים צוגעזאגט, דר זוהן איז געשטארבען דר זיידע הט גנומען דעם קינד צו זיך, אונ הט אים געאדעוועט ביז ער איז גרויס געווארען, ער האט געטאהן מיט אים אשידוך אונ הט אים גיגעבען עטליכע טויזענד רובל נדן, פר דער חופה הט דר זיידע אים אריינגערופען אין אבעזונדר שטוב אונ הט געזאגט צו אים, זאלסט וויסען אזו אונ אזוי הט דיין פאטער מיך געבעטען פר זיין שטארבען אונ איך האב אים צוגעזאגט איך זאל דיך חתונה מאכען, אונ איך האב גיהאלטען מיין ווארט אונ דו גייסט באלד צו דער חופה, נאר זאלסט וויסען באלד נאך דיין חתונה, האסטו אויף מיר קיין שולדיגקייט, נאר אויב דו וועסט זיין אערליכער מאן אפרומער, וועל איך דיר אייביג שטיצען אונ העלפען מיט וואס דו וועסט דארפען, ערשטונס נוייל דו ביזט מיין אייניקעל, אזוי גוט ווי מיינע קינדער, דם צווייטע וועל איך דיר אייביג

סְגֻלָּה מִכָּל־הָעַמִּים כִּי־לִי כָּל־
הָאָרֶץ׃ ו וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לִי מַמְלֶכֶת
כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ אֵלֶּה הַדְּבָרִים
אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ חמישי
ז וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיִּקְרָא לְזִקְנֵי הָעָם וַיָּשֶׂם
לִפְנֵיהֶם אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
אֲשֶׁר צִוָּהוּ יְהוָה׃ ח וַיַּעֲנוּ כָל־הָעָם
יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה

ותהון קדמי חביבין מכל
עממיא ארי די לי כל
ארעא׃ ו ואתון תהון
קדמי מלכין כהנין ועם
קדיש אלין פתגמיא די
תמלל עם בני ישראל׃
ז ואתא משה וקרא לסבי
עמא וסדר קדמיהון ית
כל פתגמיא האלין
דפקדיה יי׃ ח ואתיבו כל
עמא כחדא ואמרו כל די
מליל יי נעבד ואתיב

תולדות אהרן

ואתם תהיו שבת פו : ויבא משה שבת פו :

בעל הטורים

(ו) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים. אלו זכו ישראל היו כולם כהנים גדולים ולע"ל תחזור להם שנא' ואתם כהני ה' תקראו : ממלכת. ד' במס'. ממלכת כהנים ממלכת יהויקים ויתן להם משה את ממלכת סיחון מלך האמורי ואת ממלכת עוג מלך הבשן בשביל ממלכת כהנים זכו למלוכה וניתן להם ממלכת העכו"ם : וגוי. ד' וגוי קדוש וגוי לא ידעוך אליך ירוצו ושנים בירמיה על חורבן הבית וגוי גדול יעזור מירכתי ארץ וגוי גדול

רשב"ם

וגו'. להיות אני לכם לאלהים : (ה) כי לי כל הארץ. וכל העמים שלי ולא בחרתי כי אם אתכם לבדכם : (ו) ממלכת כהנים. שרים כמו ובני דוד כהנים

רש"י

בריתי. שאכרות עמכם על שמירת ט התורה : סגלה. אוצר חביב כמו (קהלת ב) וסגלת מלכים כלי יקר ואבנים טובות שהמלכים גונזים אותם. כך אתם תהיו לי סגולה משאר אומות ולא תאמרו אתם לבדכם ש' ואין לי אחרים עמכם ומה יש לי עוד שתהא חבתכם נכרת כי לי כל הארץ והם בעיני ולפני לכלום : (ו) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים. שרים כמה דאת אמר (ש"ב ח) ובני דוד כהנים היו : אלה

בית יהודא

שמירת התורה) וואס איך וועל איצט מיט אייך מאכען איר זאלט היטן די תורה : וסגולה, מיינט מען (אוצר חביב) אגעליבטער אוצר (כמו) ווי דר פסוק זאגט (וסגלת מלכים) די אוצרות פון מלכים (כלי יקר ואבנים טובות שהמלכים גונזים אותם) טייערע כלים אונ בריליאנטען וואס מלכים בעהאלטען זיי, דם הייסט סגלה, אאוצר (כך אתם תהיו לי סגולה משאר אומות) אזוי וועט איר זיין ביי מיר געליבט מער פון אלע פעלקער (ולא תאמרו אתם לבדכם שלי ואין לי אחרים עמכם) איר זאלט ניט זאגן נאר איר אליין זענט מיינע אונ איך האב ניט אנדערע פעלקער מיט אייך (ומה יש לי עוד שתהא חבתכם ניכרת) אונ וועלכע פעלקער האב איך נאך עס זאל זיין צו דערקענען אייער ליבשאפט, זאג איך אייך (כי לי כל הארץ) אלע מענטשן פון דר וועלט געהערן צו מיר (והם בעיני ולפני לכלום) אונ זיי זענען ביי מיר ווי גאר ניט : (ו) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים). איר וועט זיין ביי מיר אמלוכה פון שרים, שרים ווערען גערופן כהנים (כמה דאת אמר) ווי דר פסוק זאגט (ובני דוד כהנים היו) די קינדער פון דוד זענען געווען כהנים, דוד איז דאך ניט געוועזן אכהן, נאר מען מיינט זייא זענען געוועזן שרים : ואלה הדברים) . הקב"ה הט געזאגט צו משה די רייד זאלסטו רייִדען צו די

שפתי חכמים

ט פי' לא אותו הכרית שכרתי כבר דהיינו ברית שבת וברית מילה כי פשט הכ' מורה על ברית התורה שעתיד לצוות בה שזה עיקר הכונה

פירוש לתורת אלהים

וועט היטען מיין ברית והייתם וועט איר זיין צוא מיר אגליבט פאלק מכל בעסער פון אלע פעלקער כי ווארום צוא מיר איז גאר דיא וועלט [עיין רש"י] : (ו) ואתם אונ איר תהיו לי איר וועט זיין צוא מיר ממלכת קינגרייך כהנים פון הארען וגוי קדוש אונ אהייליג פאלק אלה דם זענען די רייד אשר וואס דו זאלסט רייִדן צו די קינדער ישראל : (ז) ויבא אונ משה איז גיקומען דעם דריטען טאג אין סיון ויקרא אונ הט גרופען צו דיא עלצטע פון דעם פאלק ישראל וישם אונ האט פאר זיי גטאהן די רייד אשר וואס גאט הט אים גבאטן : (ח) ויענו האבן געענפערט גאר דאס פאלק בנאנד ויאמרו אונ זייא האבען גזאגט כל גאר

משלי יוסף

געדיינקען דעם זכות פון דיין פאטער, אבער אז דו וועסט ביט זיין ערליך אונ פרום, וועסטו פון מיר זיין גאנץ פארלאזן. דם זעלביגע דערציילט אונז די תורה, דר גביר דם איז הקב"ה, ער האט בשאפען די גאנצע וועלט מענטשין, ער איז אבער פון זיי ניט צופרידען גיוועזן נאר איין מענטש איז גיוועזן אברהם אבינו וואס הקב"ה הט אים ליב געהאט. איידער אברהם אבינו איז געשטארבן הט ער גיזאגט צוא הקב"ה דו ווייסט דאך מיט וויפיל פרובונג דוא האסט מיך געפרובט, אונ בין פרום געבליבן, אונ איצט איז געקומען די צייט וואס איך גיי אוועק פון דר וועלט, אונ לאז בייא דיר מיינע קינדער, יצחק, פון אים וועט זיין יעקב מיט זיינע קינדער, בעט איך דיך דו זאלסט זיי אויפפאדערען ביז די צייט דו וועסט זייא חתונה מאכען וגעבען די תורה אונ וועסט זיי געבען נדן ודי לאנד כנען, הקב"ה הט אים אזוי צוגזאגט אונ הט דרהאלטן די יודין זיי זאלן ניט פרלענדט ווערן אין מצרים פון די שווערע ארב... אונ הט זיי ארויסגענומען פון מצרים מיט נסים אונ מיט רייכטוהם, אונ הט זיי געברייננגט ביז צום בארג סיני ער זאל זיי מאכען חתונה

נַעֲשֶׂה וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה אֶת־דִּבְרֵי הָעָם
אֶל־יְהוָה׃ ט וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן
בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ
וְגַם־בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם וַיַּגֵּד מֹשֶׁה
אֶת־דִּבְרֵי הָעָם אֶל־יְהוָה׃ י וַיֹּאמֶר

אונקלוס

מֹשֶׁה יָת פִּתְגָמֵי עַמָּא
קֳדָם יְיָ׃ ט וַאֲמַר יְיָ לְמֹשֶׁה
הָא אֲנָא מִתְגְּלֵי לָךְ
בְּעֵיבָא דַעֲנָנָא בְּדִיל
דְּיִשְׁמַע עַמָּא בְּמַלָּלוּתִי
עִמָּךְ וְאַף בָּךְ יְהֵימְנוּן
לְעָלַם וְחַוִּי מֹשֶׁה יָת
פִּתְגָמֵי עַמָּא קֳדָם יְיָ׃
י וַאֲמַר יְיָ לְמֹשֶׁה אִיזֵיל

תו"א ויאמר ה' נדרים לה: ויגד משה שבת פוז:

רשב"ם

היו : (ח) וישב משה את דברי העם אל ה' . למחר כמו שמפרש והולך ויאמר ה' אל משה הנה אנכי בא אליך בעב הענן וגו' אז ויגד משה את דברי העם אל ה' . זהו וישב משה וגו' כולל . ואח"כ מפרש כך אמר לו משה להקב"ה כבר מאתמול קבלו עליהם לעשות מה שתצום . וכמוהו ותצא אש מלפני ה' ותאכל את העולה ובתוך כך ויקחו שני בני אהרן נדב ואביהוא וגו' ותצא אש מלפני ה' מצא נדב ואביהוא לפני מזבח הזהב שבהיכל בהקריבם עליו אש זרה ושרפם ויצא לחוץ ואכל את העולה על מזבח הנחושת שבעזרה חוץ להיכל . וכן בספר שופטים בפ' מיכה וישב את אלף ומאה הכסף לאמו ותאמר אמו הקדיש הקדשתי את הכסף לה' וגו' וישב את הכסף לאמו . בתחלה אמר הכתוב וישב את הכסף לאמו . ופירש אח"כ כיצד ותאמר אמו וגו' : (ט) בעב הענן .

בעל הטורים

ומלכים רבים יעורו מירכתי ארץ אם תהיו גוי קדוש גוי לא ידעוך אליך ירוצו ואם לאו גוי גדול יעור : (ט) לעולם . ב' מלאים הכא ואידך לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך לעולם וכן יש במדרש לימות

בית יהודא

יודען (לֹא פָּחוֹת וְלֹא יוֹתֵר) ניט ווייניגער אונ ניט מער : (ח) וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה אֶת דִּבְרֵי הָעָם אֶל ה'ן . משה הט געזאגט די רייד פון די יודען צו הקב"ה (בְּיוֹם הַמָּחֳרָת שֶׁהוּא יוֹם שְׁלִישִׁי) אויף מארגן דם איז דר דריטער טאג (שֶׁהֲרֵי בְּהַשְׁכָּמָה עָלָה) וואורום צו יעדער צייט פלעגט משה ארויפגיין צו הקב"ה גאנץ פריה , דריבער קען דם אנדערש ניט זיין נאר דער דריטער טאג , פרעגט רש"י (וְכִי צָרִיךְ הָיָה מֹשֶׁה לְהָשִׁיב) הט דען משה געדארפט זאגען צו הקב"ה וואס די יודען האבן געענפערט , הקב"ה הט דאך אליין געוואוסט (אֶלָּא בָּא הַכָּתוּב לְלַמֶּדְךָ דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִמֹּשֶׁה) נאר דר פסוק לערונט אונז דרך ארץ פון משה (שֶׁלֹּא אָמַר הוֹאִיל וְיוֹדֵעַ מִי שֶׁשְּׁלָחַנִי אֵינִי צָרִיךְ לְהָשִׁיב) משה הט ניט געזאגט ווייל דער וואס האט מיך געשיקט ווייס וואס איך האב צו ענפערען אים דריבער וועל איך ניט גיין ענפערען נאר ער איז געגאנגען ענפערען : (ט) וּבְעַב הֶעָנָן) . זאגט רש"י (בְּמַעֲבֵה הֶעָנָן, וְזֶהוּ עֲרָפֶל) הקב"ה הט געזאגט צו משה איך וועל צו דיר קומען מיט אגראבען וואלקען, דם איז דער וואלקען וואס הייסט ערפל : וְגַם בְּךָ) די יודען וועלען גלויבען אין דיר (וְגַם בִּנְבִיאִים הַבָּאִים אַחֲרֶיךָ) אין די נביאים וואס וועלען קומען נאך דיר וועלען זיי אויך גלויבען : וַיַּגֵּד משה וגו'ן . דם איז געווען (בְּיוֹם הַמָּחֳרָת שֶׁהוּא רְבִיעִי לַחוֹדֶשׁ) אויף מארגען דר פערטער טאג אין חודש : וְאֶת דִּבְרֵי הָעָם וגו'ן . משה האט געזאגט צו הקב"ה (תְּשׁוּבָה עַל דָּבָר זֶה שָׁמַעְתִּי מֵהֶם) אענפער אויף די רייד האב איך געהערט פון די יודען (שֶׁרְצוֹנָם לִשְׁמוֹעַ מִמְּךָ) זיי ווילען הערען דיא תורה פון דיר אליין (אֵינִי דּוֹמֶה הַשּׁוֹמֵעַ מִפִּי שָׁלִיחַ לְשׁוֹמֵעַ מִפִּי הַמֶּלֶךְ) עס איז ניט גלייך די ווערטער וואס מען הערט פון א שליח, צו די ווערטער וואס מען הערט פון מלך , די יודען זאגן (רְצוֹנֵנוּ לִרְאוֹת אֶת מַלְכֵּנוּ) מיר ווילען זעהן אונזער מלך : (י) וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה) הקב"ה האט געזאגט

רש"י

הדברים. לא פחות ולא יותר : (ח) וישב משה את דברי העם וגו'. ביום המחרת שהוא יום שלישי שהרי בהשכמה עלה וכי לריך היה משה להשיב אלא בא הכתוב ללמדך דרך ארץ ממשה שלא אמר הואיל ויודע מי ששלחני איני לריך להשיב : (ט) בעב הענן . במעבה הענן וזהו ערפל : וגם בך . גם בנביאים הבאים אחריך : ויגד משה וגו'. ביום המחרת שהוא ב רביעי לחודש : את דברי העם וגו'. תשובה על דבר זה שמעתי מהם שרלונם לשמוע ממך אינו דומה השומע מפי השליח לשומע מפי המלך ל רלוננו לראות את מלכנו : (י) יאמר ה' אל משה. א"כ שמוקיקין

שפתי חכמים

במקום הזה : י דקשה למ"ל כפל ל' דהא עב נמי שם ענן כמו דכתיב והנה ה' רוכב על עב קל והנה עב קטנה ככף איש וגו' ועז"פ שגלת עב דהכא ל' עובי הענן וזהו ערפל שהוא עב יותר מענן : כ שהרי כל עליותיו בהשכמה היו : ל מתשובתו של הקב"ה שהשיב למשה אנו למדין שמשה אמר לו כך שהרי השיב למשה כי ביום הג' ירד ה' וגו'

דעת זקנים מבעלי התוספות

(ח) וישב משה . פשט למה נאמר וישב ואחר ויגד לפי שמתחלה בא משה להשיב דברי ישראל להקב"ה ואמר לו הקב"ה המתן שאני רוצה לדבר עמך ודבר עמו הדבור והנה אנכי בא אליך ואחר כך כשגמר הקב"ה הדבור ויגד משה את דברי העם אל ה' . ובמסכת שבת פרק אמר רבי עקיבא מסיק דהאי וישב משה ויגד משה מצות הגבלה היה דברי ר' יו"ט בר' יהודה. ורבי אומר דמתחלה אמר מתן שכרה והיינו וישב. משה דברים המיושבים ללב ולבסוף פי' עונשה דכתיב ויגד משה

פירוש לתורת אלהים

וָוס גָאט הָט גְרֶעט נַעֲשֶׂה וֶועלֶן מִיר טָאהְן וַיָּשֶׁב הָט מֹשֶׁה גְזָאגְט דִי רֵייד פוּן דֶעם פָאלְק צוּ גָאט [עיין רש"י]: (ט) וַיֹּאמֶר הָט גָאט גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה הִנֵּה אָנֹכִי אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִיר בְּעַב הֶעָנָן אִין דֶער גְרֶעב פוּן דֶעם עָנָן בַּעֲבוּר פוּן וֶועגֶן יִשְׁמַע דָם פָאלְק זָאל הֶערֶן וִויא אִיךְ וֶועל רֵיידֶן מִיט דִיר וְגַם בְּךָ אוּנ אוֹיךְ אִין דִיר [עיין רש"י] יַאֲמִינוּ וֶועלֶן זַייא גְלֵייבֶען אוֹיף אֵייבִּג אַז דוּ בִּיסְט אַנְבִיא פוּן גָאט וַיַּגֵּד הָאט מֹשֶׁה גְזָאגְט אֶת דִיא רֵייד פוּן דֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל צוּא גָאט [עיין רש"י]: (י) וַיֹּאמֶר הָט גָאט גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה לֵךְ גֵייא צוּם פָאלְק.

משלי יוסף

וְגַעבִּין דִי תּוֹרָה] הָט הקב"ה גְזָאגְט צוּ דִי יוּדִין, בִּיז אִיצְט אִיז גִיוֶועזְן מַיין צוּזָאג וָוס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט אַייעֶרֶע אֶלְטֶערִין, אוּנ אִיצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּען דִי תּוֹרָה, אוֹיבּ אִיר וֶועט הִיטֶן דִי תּוֹרָה, הָט אִיר גְנוּג נַדָן, אִיר וֶועט זַיין מַלְכִים כֹּהֲנִים אוּנ אַהֵיילִיגֶע פָאלְק, אוּנ דִי לַאנְד כְּנַעַן וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבִּן וֶועט אִיר זַיין דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע אוֹיף דֶר וֶועלְט׃

יהוה אל־משה לך אל־העם
וקדשתם היום ומחר וכבסו
שמלתם: יא והיו נכנים ליום
השלישי כי ביום השלישי ירד יהוה
לעיני כל־העם על־הר סיני:
יב והגבלת את־העם סביב לאמר
השמרו לכם עלות בהר ונגע
בקצהו כל־הנגע בהר מות יומת:
יג לא־תגע בו יד כי־סקול יסקל

לות עמא ותזמנון יומא
דין ומחר ויחורון
לבושיהון: יא ויהון זמינין
ליומא תליתאה ארי
ביומא תליתאה יתגלי יי
לעיני כל עמא על טורא
דסיני: יב ותתחם ית עמא
סחור סחור למימר
אסתמרו לכון מלמסק
בטורא ולמקרב
בסופה כל דיקרב
בטורא אתקטלא
יתקטל: יג לא תקרב
בה ידא ארי אתרגמא

תו"א וקדשתם היום שבת פו: סקול יסקל סנהדרין מה:

בעל הטורים

המטיח יצא מכה ויוליך עמו דור המדבר וכן כא להזהיר בעמוני ומואבי שלא לדרוש שלומם וטובתם לעולם: (יג) סקול יסקל. ב' במסו' הכא ... ארד, כמו שפירשתי וה' המטיר על סדום וגו' מאת ה' מן השמים. וגם בהגדות. ראשון שבפסוק גבריאל והשני הקב"ה: (יב) והגבלת. הראה להם ועשה להם סימני גבול עד היכן יכולין לקרב: (יג) לא תגע בו יד. הנוגע בהר שאמרתי. מות יומת. מרחוק ימיתוהו שלא יקרבו אל ההר להמיתו

רשב"ם

עב וחשך שלא להסתכל בשכינה: (י) וקדשתם. לשון הזמנה כמו התקדשו למחר ואכלתם בשר: (יא) ירד ה' לעיני כל העם. יש לומר ויאמר ה' של תחלת הפסוק ע"י מלאך. לכן אמר ירד ה'. ולא הקב"ה בעצמו מדלא כתיב

רש"י

לדבר עמם לך אל העם: וקדשתם. וזימנתם שיכינו עצמם היום ומחר: (יא) והיו נכנים. מובדלים מן אשה (מכילתא): ליום השלישי. (מכילתא) שהוא ששה בחדש ובחמישי בנה משה את המזבח תחת ההר ושתים עשרה מצבה כל הענין האמור בפ' ואלה המשפטים ואין מוקדם ומאוחר בתורה: לעיני כל העם. מלמד שלא היה בהם סומא שנתרפאו כולם (מכילתא): (יב) והגבלת. קבע להם תחומין לסימן שלא יקרבו מן הגבול והלאה: לאמר. הגבול אומר להם

בית יהודא

צו משה (אם בן) אויב עס איז אזוי (שמזקיקין לדבר עמם) אז זיי גייטען איך זאל מיט זיי ריידען (לך אל העם) גיי צום פאלק (וקדשתם) מיינט מען (וזמנתם), זאלסט זיי צו גרייטען (שיכינו עצמם היום ומחר) זיי זאלען זיך צוגרייטען היינט אונ מארגען: (יא) (והיו נכונים). זיי זאלען זיין גרייט (מובדלים מאשה) זיי זאלען זיין אפגעשיידט פון אשה, אזוי שטייט אין מכילתא: ולַיום השלישי. צום דריטען טאג (שהוא ששי בחודש) דס איז דער זעקסטער טאג אין חודש (ובחמישי בנה משה את המזבח תחת ההר) דעם פינפטען טאג אין חודש הט משה געבאהט אמזבח אונטער דעם בארג (ושתים עשרה מצבה) אונ ער האט געשטעלט צוועלף שטיינער (כל הענין האמור בפרשת ואלה המשפטים) דר גאנצער ענין וויא עס שטייט אין די סדרה ואלה המשפטים (ואין מוקדם ומאוחר בתורה) אין די תורה איז ניטא צו זאגן וןם עס שטייט פריער איז געוועזן פריער אונ וואם עס שטייט שפעטער איז געוועזן שפעטער, נאר עס קען זיין וואס עס שטייט שפעטער אונ וןם עס שטייט פריער איז געוועזן שפעטער איז געוועזן פריער: ולעיני כל העם. פר די אויגען פון גאנצען פאלק, זאגט רש"י (מלמד) דער פסוק לערונט אונז (שלא היה בהם סומא) עס איז ניט געוועזן איין יוד אבלינדער (שנתרפאו כולם) אלע זענען געהיילט געוואָרן: (יב) והגבלת. מיינט מען (קבע להם תחומין לסימן שלא יקרבו מן הגבול והלאה) דו זאלסט זייא מאכען אגרענעץ ארום בארג פר אצייכען פון דעם גרענעץ אונ נוייטער זאלען זיי ניט גיין: ולאמר. זאגט רש"י (הגבול אומר להם) דר גרענעץ וועט זאגען צו זיי (השמרו מעלות

דעת זקנים מבעלי התוספות

דברים הקשים כגידים שהוא ירק מר ויום שבת היה כשנתנה תורה כדמוכח פרק רבי עקיבא וש"ה בשובה ונחת תושעון זה התורה שנתנה בראשונה בשבת שהוא יום מנוחה ולוחות האחרונות שהוריד משה ביום הכפורים שהוא יום תשובה: (יג) לא תגע בו יד. למה נאמר והלא כבר נאמר כל הנוגע. שמעתי מפי רבי יצחק דהאי קרא קאי אדלעיל דכתיב כל

שפתי חכמים

ע"כ נ"ל שהם בקשו ממנו. והרא"ם פי' בשם המכילתא דהל"ל מה אמרו ישראל למשה לאמר למקום: מ דילפינן ג"ש נכונים נכונים כתיב הכא והיו נכונים וכתיב להלן היו נכונים אל תגשו אל אשה: נ וזה פיס

פירוש לתורת אלהים

אונ זאג זייא וקדשתם דו זאלסט זייא אן ברייטען היום היינט אונ מארגין וכבסו אונ זיי זאלען וואשען זייערע קליידער: (יא) והיו אונ זייא זאלען זיך אן ברייטען ליום אויף דער דריטען טאג דאס איז דער זעקסטער טאג אין סיון כי ווארום דעם דריטען טאג ירד וועט גאט אראפ נידערן לעיני כל העם פאר דיא אויגען פון גאר דעם פאלק על אויף דעם בארג סיני [עיין רש"י]: (יב) והגבלת אונ דו זאלסט זייא שטעלען אצייכין פון דעם צייכען אונ ווייטער טארן זיי ניט גיין לאמר דער צייכין וועט זייא אליין זאגן גייט ניט ווייטער אונ דו זאלסט זיי אויך זאגין השמרו היט אייך עלות אויף צוא גיין אויף דעם בארג ונגע אונ אן צוא רירין בקצהו אפילו אין עק בארג כל ווער עס וועט אן רירין אין בארג מות וועט ווערין געטייט: (יג) לא תגע עס זאל

אוֹ־יָרֹה יִיָּרֶה אִם־בְּהֵמָה אִם־אִישׁ
לֹא יִחְיֶה בִּמְשֹׁךְ הַיֹּבֵל הֵמָּה יַעֲלוּ
בָהָר׃ יד וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן־הָהָר אֶל־
הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת־הָעָם וַיְכַבְּסוּ
שִׂמְלֹתָם׃ טו וַיֹּאמֶר אֶל־הָעָם הֱיוּ

יִתְרְגֵם אוֹ אִשְׁתְּדָאָה
יִשְׁתְּדֵי אִם בְּעִירָא אִם
אֱנָשָׁא לָא יִתְקַיַּם בְּמִנְגַּד
שׁוֹפָרָא אִנּוּן מַרְשַׁן
לְמִסַּק בְּטוּרָא׃ יד וּנְחַת
מֹשֶׁה מִן טוּרָא לְוָת עַמָּא
וְזַמִּין יָת עַמָּא וְחַוַּרוּ
לְבוּשֵׁיהוֹן׃ טו וַאֲמַר
לְעַמָּא הֲווֹ זְמִינִין לִתְלָתָא

תו"א אם בהמה ב"ק לד: במשך היובל ביצה ה: היו נכונים שבת פז:

רשב"ם

ויתחייבו גם הם מיתה. לכן לא תגע בו יד להמיתו אלא יורוהו בחצים מרחוק או ישליכו עליו אבנים לסקלו: במשוך היובל. בהסתלק שכינה ויפסקו קול השופרות והלפידים:

בעל הטורים

ואידך סקול יסקל השור דילפינן לדורות מכאן מה כאן בדחייה ובסקילה אף לדורות דחייה וסקילה: אם בהמה אם איש לא יחיה. בכלל מתחילין מן הקטן: במשך. ב' במסורה. הכא ואידך במשוך בקרן

בית יהודא

מכאן והלאה) איר זאלט אייך היטען פון צו גיין פון דאנען און ווייטער (ואתה תזהירם על כך) און דו זאלסט זיי אנזאגן זיי זאלן פאלגען וואס דער גרענץ וועט זיי זאגען: ונגע בקצהו. מיינט מען (אפילו בקצהו) אפילו דעם עק בארג זאלט איר ניט אנרירען: (יג) ירה יירה]. ער וועט געווארפן ווערן, זאגט רש"י (מכאן) פון דאנען ווייסען מיר (לנסקלין שהם נדחין למטה מבית הסקילה שהיה גבוה שתי קומות) די מענטשען וואס מען האט זיי געדארפט הרגנן מיט סקילה [בעווארפען מיט שטיינער] האט מען אים פריער ארויפגענומען אויף א הויכען ארט וואס ער איז געווען צוויי מאהל אזוי הויך ווי דר מענטש און פון דעם ארט האט מען אים אראפגעווארפען אויף דער ערד נאכדעם האט מען אים בעווארפען מיט שטיינער: ייריה]. מיינט מען (יושלך למטה לארץ) ער וועט געווארפן ווערן אונטען אויף די ערד (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (ירה בים) ער האט געווארפן אין ים: ובמשוך היובל]. מיינט מען (כשימשוך היובל קול ארוך) ווען דער שופר וועט ציהען א לאנגע שטימע (הוא סימן סילוק שכינה) דס וועט זיין א צייכען אז די שכינה גייט אוועק פון בארג (והפסקת הקול) און די שטימע וועט באלד אויפהערן (וכיון שנסתלק הם רשאין לעלות) אז די שכינה וועט אוועקגיין מעגען זיי ארויפגיין אויף דעם בארג: והיובל]. (הוא שופר של איל) דער הארין פון א שעפס אזכר ווערט גערופען שופר (שכן בערביא קורין לדכרא יובלא) אין אראביא רופט מען אויף א שעפס אזכר יובלא (ושופר של אילו של יצחק היה) דער שופר איז געווען פון דעם הארען פון דעם איל וואס מען האט אים מקריב געווען ביי דיא עקדה פון יצחק: (יד) ומן העם אל ההר]. זאגט רש"י (מלמד) דר פסוק לערנט (שלא היה משה פונה לעסקיו) אין די צייט איז משה ניט געגאנגען צוא זיינע געשעפטען (אלא מן ההר אל העם) ער איז נאר געגאנגען פון בארג צו די יודען און פון דיא יודען צום בארג: (טו) והיו נכונים לשלשת ימים]. מען

רש"י

השמרו מעלות מכאן והלאה ואתה תזהירם על כך: ונגע בקצהו. אפילו ע בקצהו: (יג) ירה יירה. (סנהדרין מה) מכאן לנסקלין שהם נדחין למטה מבית הסקילה שהיה גבוה שתי קומות: יירה. יושלך למטה לארץ כמו (שמות טו) ירה בים: במשך היבל. כשימשוך היובל קול ארוך הוא סימן סלוק שכינה והפסקת הקול והם וכיון שנסתלק הם רשאין לעלות: היבל. הוא שופר של איל שכן בערביא קורין לדכרא יובלא ושופר של אילו של יצחק היה: (יד) מן ההר אל העם. מלמד שלא היה משה פונה לעסקיו אלא מן ההר אל העם: (טו) היו נכנים לשלשת ימים. לסוף

שפתי חכמים

תשובה על מה שאמרו רצוננו לראות את מלכנו: ם הרא"ם פי' שלא יתכן לו' והגבלת את העם שתאמר להם השמרו כי ההגבלה מקומית לחוד והאזהרה לחוד לכן לאמר מחובר עם הגבול לא עם' משה ומפני שלא ענם אלא א"כ הזהיר לכך הוסיף רש"י ואתה תזהירם על כך שגם משה אמר להם השמרו ואע"פ שאין לאמר דבוק עם משה מ"מ כיון שהעונש הכ' מורה על אזהרת משה א"כ בהכרח שמלת לאמר תשוב על הגבול וגם על משה: ע דאל"כ עלות בהר ל"ל דהא א"א לעלות אם לא יגע בקצהו. (מהרש"ל) שמעתי מחכם אחד דק"ל שלא תפרש עלות בהר ונגוע בקצהו שלא תעלה ותגע למעלה בקצהו לכך פירש אפילו בקצהו. א"נ כ"ל דק"ל דכתיב השמרו לכם עלות משמע לא תעלה אבל לעמוד מרחוק וליגע בו ע"ז לא הזהיר לכן פי' ונגוע בקצהו אפילו לעמוד מרחוק וליגע בקצהו עכ"ל: פ מדכתיב ירה יירה שני פעמים: צ שכן דרך המנגנים אם בפה אם בכלי שיאריכו הקול וינשיכו בעת ההפסקה והפסקת הקול היא הוראה על סילוק שכינה שהרי לא באה אלא בקולות וברקים ובקול שופר ונתינת הרשות לעלות היה אחר סילוק השכינה. הרא"ם: ק (מהרש"ל) מדכתיב במשוך היובל משמע שופר המיוחד והיינו שופר של אילו של יצחק דכתיב ביה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ומה שהקשה הרמב"ן והא אילו של יצחק

דעת זקנים מבעלי התוספות

הנוגע בהר. וה"ק כשאתה בא להרוג את הנוגע לא תגע בו יד אלא סקול יסקל סקלהו מרחוק שאם אתה הולך למקום שהוא שם להרגו נמצא אתה עובר התחום ותתחייב. ולי נראה שבא להודיענו באיזו מיתה תהרגנו לומר שנדון בסקילה דלא תימא מיתתו בחנק כסתם מיתה האמורה בתורה קמ"ל או ירה יירה או זה לשון אם הוא כלו' אם סקול יסקל ירה יירה קודם לכן שכן דרך הנסקלין שדוחפן קודם והדר נסקלין. ומיהו יש לפרש כפשטו סקל יסקל כשאינו מת בדחייה או ירה יירה אם מת בדחייה לבדה ותרגומו ארי אתרגמא יתרגם או אישתדאה

פירוש לתורת אלהים

ניט אן רירין אין בארג קיין האנד כי ווארום אז מען וועט יוא אן רירן וועט מען ווערען פאר שטיינט או אדר ירה וואַרפן יירה ער וועט ווערען גוואַרפען אם בהמה סיי א בהמה אם איש סיי א מענטש לא יחיה וועט ער ניט בלייבן לעבן במשוך אז דר שופר וועט בלאזן א תקיעה גדולה המה מעגן זיי דר נאך ארויף גיין אויף דעם בארג ווארום דענצמאל וועט שוין די שכינה אפ גטאהן ווערן פון דעם בארג: (יד) וירד האט משה אראפ גינידערט פון דעם בארג צום פאלק ישראל ויקדש און ער האט געהייליגט דם פאלק ויכבסו און זיי האבן גוואשן זייערע קליידר: (טו) ויאמר האט משה גיזאגט צום פאלק היו איר זאלט זיין אן גיברייט

נכנים לשלשת ימים אל־תגשו
אל־אשה: טז ויהי ביום השלשי
בהית הבקר ויהי קלת וברקים
וענן כבד על־ההר וקל שפר חזק
מאד ויחרד כל־העם אשר במחנה:
יז ויוצא משה את־העם לקראת
האלהים מן־המחנה ויתיצבו

אונקלוס

יומין לא תקרבון לצד
אתתא: טז והוה ביומא
תליתאה במהוי צפרא
והוה קלין וברקין ועננא
תקיף על טורא וקל
שופרא תקיף לחדא וזע
כל עמא די במשריתא:
יז ואפיק משה ית עמא
לקדמות מימרא דיי מן
משריתא ואתעתדו

תולדות אהרן

אל תגשו יבמות סב: ויהי ביום השלישי ...
ויתיצבו שבת פח:

בעל הטורים

היוצא שגם לשם כזדמן להם שופר מאילו של יצחק ובזכות זה השופר של מתן תורה נפלה חומת יריחו: (טז) בהית הבקר. חסר וי"ו שאז בלמנו

רש"י

ג' ימים ר הוא יום ד' שהוסיף משה יום אחד מדעתו כדברי רבי יוסי (שבת פז) ולדברי האומר בששה בחדש ניתנו עשרת הדברות לא הוסיף משה כלום. לשלשת ימים כמו ליום השלישי: אל תגשו אל אשה. כל ג' ימים הללו כדי שיהו הנשים טובלות ליום השלישי ותהיינה טהורות לקבל תורה שאם ישמשו תוך שלשת ימים שמא תפלוט האשה שכבת זרע ש לאחר טבילתה ותחזור ותטמא אבל משששהתה ג' ימים כבר הזרע מסריח ואינו ראוי להזריע וטהור מלטמא את הפולטת: (טז) בהיות הבוקר. מלמד שהקדים על ידם מה שאין דרך בשר ודם לעשות כן שיהא הרב ממתין לתלמיד וכן מצינו (ביחזקאל ג) קום צא אל הבקעה וגו' ואקום ואצא אל הבקעה והנה שם כבוד ה' עומד: (יז) לקראת האלהים. (מכילתא) מגיד שהשכינה יצאה לקראתם כחתן היוצא לקראת כלה וזהו שנא' (דברים לג) ה' מסיני

בית יהודא

מיינט איר זאלט זיין גרייט (לסוף שלשת ימים) ביז נאך דריי טעג (הוא יום הרביעי) צו דעם פערטן טאג (שהוסיף משה יום אחד מדעתו) וואָרום משה האט צוגעגעבען נאך אטאג פון זיין אייגענעם מיינונג (כדברי רבי יוסי) ווי רבי יוסי זאגט (ולדברי האומר בששה בחודש ניתנו עשרת הדברות) אונ נאך דעם וואס זאגט די עשרת הדברות זענען געגעבען געוואָרען דעם זעקסטען טאג אין חודש (לא הוסיף משה כלום) האט משה ניט צוגעגעבען אטאג (לשלשת ימים כמו ליום השלישי) לשלשת ימים איז גלייך ווי עס וואלט געשטאנען ליום השלישי, צום דריטען טאג. זאלען זיי זיין גרייט: (אל תגשו אל אשה.) (כל שלשת ימים הללו) די גאנצע דריי טעג זאלט איר ניט געהנען צו אאשה (כדי שיהיו הנשים טובלות ליום השלישי) די ווייבער זאלען קענען זיך טובל זיין דעם דריטען טאג (ותהיינה טהורות לקבל תורה) זייא זאלען זיין טהור צו נעמען דיא תורה (שאם ישמשו תוך שלשה ימים) וואָרום אז זיי וועלען זיך באהעפטען מיט דיא מאנען אין דיא לעצטע דרייא טעג (שמא תפלוט האשה שכבת זרע לאחר טבילתה) טאמער וועט פון איר ארויסגיין די זרע נאך די טבילה (ותחזור ותטמא) וועט זיא נאך אמאל טמא ווערין (אבל משששהתה שלשה ימים) אבער אז דיא זרע איז ביי איר אין בויך גיוועזען דריי טאג (כבר הזרע מסריח) איז די זרע קאליע גיוואָרען (ואינו ראוי להזריע) פון די זרע קען ניט ווערען אקינד (וטהור מלטמא את הפולטת) אז די זרע גייט ארוס פון איר נאך דרייא טעג איז די זרע ניט מטמא: (טז) ובהיות הבקר. זאגט רש"י (מלמד שהקדים על ידם) דער פסוק לערנט אונז אז הקב"ה איז געקומען צום בארג סיני פריער פאר די יודין (מה שאין דרך בשר ודם לעשות כן) אמענטש טוהט ניט אזוי (שיהא הרב ממתין לתלמיד) דער רבי זאל ווארטען אויף דעם תלמיד (וכן מצינו קום צא אל הבקעה וגו') אונ אזוי געפינען מיר הקב"ה האט גזאגט צום נביא יחזקאל שטיי־אויף אונ גיי ארוס צו דעם טאהל, האט יחזקאל גזאגט (ואקום ואצא אל הבקעה) איך בין אויפגעשטאנען אונ בין ארויסגעגאנגען צום טאהל, האב איך גיטראפען (והנה שם כבוד ה' עומד) דר כבוד פון הקב"ה איז דארטען געשטאנען אונ געוואַרט ביז איך בין געקומען, זעהן מיר הקב"ה קומט פריער: (יז) ולקראת האלהים. (מגיד) דער פסוק זאגט (שהשכינה יצאה לקראתם) הקב"ה איז געגאנגען פון בארג סיני געגען די יודין (כחתן היוצא לקראת כלה) ווי אחתן גייט ארוס געגען אכלה (וזהו שנאמר) דס איז וואס דר פסוק זאגט (ה' מסיני בא)

דעת זקנים מבעלי התוספות

אישתדי: (יז) ויתיצבו. מלמד שכפה עליהם ההר כגיגית ואמר אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם. וקשיא דהא אמרו מיד נעשה ונשמע. וי"ל כי
נ"ס דסקפידה התורה על טומאת קרי יותר מזוב ומצורע ודיעלי נדות כבר תירלו התוספות בברכות כ"א ע"ש: ת פי' דלשון לקראת

שפתי חכמים

עולה הקריבו אותו והקרנים והטלפים נשרפו תירץ הרא"ס די"ל דמחיים פירשו דלאו בני הקטרה נינהו אף שיש בו מעילה ואי לאחר זריקת דמן לית ביה משום מעילה: ר מדלא כתיב ליום השלישי כמו שלוה לו הקב"ה אלא לשלשת ימים משמע לסוף שלשת ימים: ש וא"ת

פירוש לתורת אלהים

לשלשת אויף דעם דריטען טאג אל איר זאלט ניט גינעהענען די דריי טעג צו אאשה: (טז) ויהי אונ עס איז געווען דעם דריטען טאג בהיות אז עס איז געוואָרען פרי ויהי איז גיוועזען קולות דונערען וברקים אונ בליצען וענן אונ אשווערער וואלקען על אויף דעם בארג וקול שופר אונ אקול פון שופר חזק זייער אשטארקער ויחרד אונ עס איז געוואָרען דער ציטערט כל גאר דאס פאלק וואס איז געווען אין דער מחנה: (יז) ויוצא האט משה ארויס געצויגען דאס פאלק לקראת אקעגען גאט מן פון דער מחנה ויתיצבו אונ זייא האבען

בְּתַחְתִּית הָהָר: יח וְהַר סִינַי עָשַׁן
כֻּלּוֹ מִפְּנֵי אֲשֶׁר יָרַד עָלָיו יְהוָה בָּאֵשׁ
וַיַּעַל עֲשָׁנוֹ כְּעֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן וַיֶּחֱרַד
כָּל־הָהָר מְאֹד: יט וַיְהִי קוֹל הַשֹּׁפָר

בְּשִׁפּוֹלֵי טוּרָא: יח וְטוּרָא
דְסִינַי תְּנַן כֻּלֵּהּ מִן קֳדָם
דְּאִתְגְּלִי עֲלוֹהִי יְיָ
בְּאֶשָּׁתָא וּסְלִיק תְּנָנֵהּ
כִּתְנָנָא דְאַתּוּנָא וְזָע כָּל
טוּרָא לַחֲדָא: יט וַהֲוָה

תו"א קול השופר ברכות ו:

רשב"ם

(יח) עשן כלו. חציו קמץ וחציו פתח כי לשון פעל הוא. העשן כולו. אבל עשן שהוא שם דבר כולו קמץ. כענין פומיאה בלע"ז. ואילו היה שם דבר היה לו לומר כעשן הכבשן בח"פ כאשר נאמר מן דבר דבר השמיטה. מן בקר בקר זבח השלמים כן יאמר מן הביה ימלא עשן. עשן:

בעל הטורים

ו' עוגות: (יז) בתחתית ההר והר סיני. מלמד שנתלש ההר ממקומו

בית יהודא

הקב"ה איז גֶעקוּמֶען פוּן סִינַי (וְלֹא נֶאֱמַר לְסִינַי בָּא) אוּנ דֶער פָּסוּק זָאגְט נִיט הקב"ה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי, וַוייל פְרִיעֶר אִיז הקב"ה גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי, נָאכְדֶעם אִיז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גֶעקוּמֶען פוּן בַּארְג סִינַי גֶעגִין דִי יוּדִין: [וּבְתַחְתִּית הָהָר], זָאגְט רש"י (לְפִי פְּשׁוּטוֹ בְּרַגְלֵי הָהָר) נָאךְ דֶעם פֵּירוּשׁ פוּן פָּסוּק מֵיינְט מֶען אוּנְטֶען נֶעבִּין דִי פִּיס פוּן בַּארְג ווָאוּ דֶר בַּארְג הֵייבְּט זִיךְ אָן (וּמִדְרָשׁוֹ) דִי רַבָּנָן לֶערְנֶען (שֶׁנִּתְלַשׁ הָהָר מִמְּקוֹמוֹ) דֶר בַּארְג הָט זִיךְ אוֹיסְגֶערִיסֶן פוּן אָרְט אוּנ הָט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹבֶּן פוּן אָרְט (וְנִכְפָּה עֲלֵיהֶם כְּגִיגִית) אוּנ עֶר אִיז בַּדֶעקְטְגֶעוָוארֶן אִיבֶּר דִי יוּדִין וִוי אַ פַּאס, אוּנ הקב"ה הָט גִיזָאגְט צוּ דִי יוּדִין אוֹיבּ אִיר וֶועט נִיט נֶעמֶען דִי תּוֹרָה וֶועט דֶר בַּארְג פַאלֶן אוֹיף אַייךְ אוּנ אִיר וֶועט דָארְט גֶהַרְגֶעט וֶוערֶן: (יח) [וְעָשַׁן כֻּלּוֹ]. זָאגְט רש"י (אֵין עָשָׁן זֶה שֵׁם דָּבָר)

רש"י

בא ולא נאמר לסיני בא: בתחתית ההר. לפי פשוטו ברגלי ההר ומדרשו שנתלש ההר ממקומו ונכפה עליהם א כגיגית (שבת פח): (יח) עשן כלו. אין עשן זה שם דבר שהרי נקוד השי"ן פת"ח אלא ל' פעל כמו אמר שמר שמע לכך תרגומו תנן כוליה ולא תרגם תננא ב וכל עשן שבמקרא נקודים קמ"ץ מפני שהם שם דבר: הכבשן. של סיד יכול ככבשן זה ולא יותר ת"ל בוער באש עד לב השמים. ומה ת"ל כבשן לשבר את האוזן מה שהיא יכולה לשמוע נותן לבריות סימן הניכר להם. כיוצא בו (הושע יא) כאריה ישאג וכי מי נתן כח באריה אלא הוא והכתוב מושלו כאריה אלא אנו מכנין ומדמין אותו לבריותיו כדי לשבר את האוזן מה שיכולה לשמוע. וכיוצא בו (יחזקאל מג) וקולו כקול מים רבים וכי מי נתן קול למים והלא הוא ואתה מכנה אותו לדמותו

דֶר וָוארְט עָשַׁן מֵיינְט מֶען נִיט דֶעם נָאמֶען רוֹיךְ (שֶׁהֲרֵי נָקוּד הַשִּׁי"ן פַּתַּ"ח) וָוארוּם אוּנְטֶער דִיא שִׁין שְׁטֵייט אַפַּתַּח (אֶלָּא לָשׁוֹן פּוֹעֵל) נָאר עָשַׁן מֵיינְט מֶען עֶר הָאט גֶערוֹיכְט (כְּמוֹ) וִוי עֶס שְׁטֵייט (אָמַר) עֶר הָט גֶעזָאגְט (שָׁמַר) עֶר הָט גֶעהִיט (שָׁמַע) עֶר הָאט גִיהֶערְט (לְכָךְ תַּרְגּוּמוֹ) דְרִיבֶּער זָאגְט דֶר תַּרְגּוּם (תְּנַן כּוּלֵּיהּ) עֶר הָט אִין גַאנְצִין גְרוֹיכְט (וְלֹא תִּרְגֵּם תְּנָנָא) אוּנ דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט נִיט תְּנָנָא, אַרוֹיךְ, נָאר תְּנַן, גֶערוֹיכְט (וְכָל עָשָׁן שֶׁבַּמִּקְרָא נְקוּדִים קָמַץ) ווָאוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עָשָׁן, אַרוֹיךְ, אִיז דֶר וָוארְט עָשָׁן מִיט אַקָּמַץ (מִפְּנֵי שֶׁהֵם שֵׁם דָּבָר) וַוייל עָשָׁן מִיט אַקָּמַץ אִיז דֶר נָאמֶען פוּן רוֹיךְ אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, רוֹיךְ הֵייסְט עָשָׁן: [הַכִּבְשָׁן]. (שֶׁל סִיד) פוּן בַּארְג סִינַי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹ אַגְרוֹיסֶער רוֹיךְ וִויא עֶס גֵייט אַרוֹיךְ פוּן אַ אוֹיבִין וָואס מֶען בְּרֶענְט אִין אִים ווַאפְּנֶע, קַאלְךְ (יָכוֹל כְּכִבְשָׁן זֶה וְלֹא יוֹתֵר) אִיךְ ווָאלְט מֵיינֶען דֶר רוֹיךְ אִיז נָאר גִיוֶועזֶען וִוי דֶער רוֹיךְ פוּן אַקַאלֶךְ אוֹיבִין נִיט גְרֶעסֶער (תַּלְמוּד לוֹמַר בּוֹעֵר בָּאֵשׁ עַד לֵב הַשָּׁמַיִם) זָאגְט דֶער פָּסוּק דֶר בַּארְג הָט גִיבְּרֶענְט אִין פַייעֶר אוּנ דֶר פַייעֶר אִיז גִיוֶוען גְרוֹיס בִּיז צוּם הִימֶל (וּמַה תַּלְמוּד לוֹמַר כִּבְשָׁן) פַּר ווָאס שְׁטֵייט דָא אַז דֶער רוֹיךְ אִיז גִיוֶוען וִוי דֶר רוֹיךְ פוּן אַקַאלֶעךְ אוֹיבִין (לְשַׁבֵּר אֶת הָאֹזֶן מַה שֶּׁהִיא יְכוֹלָה לִשְׁמוֹעַ) מֶען מַאכְט הֶערֶען דֶעם אוֹיעֶר אַזֶעלְכֶע זַאכֶן ווָאס דֶער שֵׂכֶל קֶען פַארְשְׁטֵיין (נוֹתֵן לַבְּרִיּוֹת סִימָן הַנִּיכָּר לָהֶם) דִי תּוֹרָה גִיט אַצֵייכֶן צוּ מֶענְטְשִׁין, אַזֶעלְכִין ווָאס זֵיי קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּנ עֶס אִיז זֵיי בֶּקֶענְט (כַּיּוֹצֵא בוֹ) אַזוֹ אַגְלַייכֶן שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (ה' כְּאַרְיֵה יִשְׁאָג) הקב"ה שְׁרַייט וִוי אַ לֵייבּ (וְכִי מִי נָתַן כֹּחַ בָּאֲרִי) וֶוער הָט דֶען גִיגֶעבֶּן דֶעם כֹּחַ אִין דֶעם לֵייבּ עֶר זָאל קֶענֶען אַזוֹ שְׁרַייעֶן (אֶלָּא הוּא) נָאר הקב"ה (וְהַכָּתוּב מוֹשְׁלוֹ כְּאַרְיֵה) אוּנ דֶר פָּסוּק גְלַייכְט דָאס גֶעשְׁרֵיי פוּן הקב"ה צוּם גֶעשְׁרֵיי פוּן לֵייבּ (אֶלָּא אָנוּ מְכַנִּין וּמְדַמִּין אוֹתוֹ לִבְרִיּוֹתָיו) נָאר מִיר פַארְגְלַייכֶן הקב"ה צוּ זַיינֶע בַּשֶׁעפֶענִיש (כְּדֵי לְשַׁבֵּר אֶת הָאֹזֶן מַה שֶּׁהִיא יְכוֹלָה לִשְׁמוֹעַ) נָאר מִיר מַאכֶן הֶערֶען דָאס אוֹיעֶר אַזֶעלְכֶע זַאכֶען ווָאס דֶער שֵׂכֶל קֶען פַארְשְׁטֵיין אוּנ עֶס אִיז אִים בֶּעקֶענְט (כַּיּוֹצֵא בוֹ) אַזוֹ אַגְלַייכֶען (וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים) דִי שְׁטִימֶע פוּן הקב"ה אִיז וִוי דִי שְׁטִימֶע פוּן פִיל וַואסֶער (וְכִי מִי נָתַן קוֹל לַמַּיִם) וֶוער הָט דֶען גֶעגֶעבֶּן אַשְׁטִימֶע צוּם וַואסֶער (וַהֲלֹא הוּא) דָס הָאט דָאךְ גִיגֶעבֶּען הקב"ה (וְאַתָּה מְכַנֶּה אוֹתוֹ לְדַמּוֹתוֹ לִבְרִיּוֹתָיו) אוּנ דוּ גֵייסְט פַרְגְלַייכֶן דֶעם כֹּחַ פוּן הקב"ה

שפתי חכמים

לעולם לא כתי' אלא על ההולכים זה כנגד זה כמו הנה הוא יוצא לקראתך: א וא"ת הא כבר אמרו נעשה ונשמע כבר תי' התוספות דשמא יהיו חוזרין כשיראו האש הגדולה שילתה נשמתן ועי"ל דמה שאמרו נעשה ונשמע היינו על התורה שבכתב ומה שכפה עליהן הר כגיגית כדי לקבל תורה שבעל פה (מהרש"י) דהא דאכפן הקב"ה למובתן כדי שלא נסתלק השכינה מעליהם ולא יוכל לשלחם במו אנוסה דכתיב ולו תהיה לאשה לא יוכל לשלחם כל ימיו: ב כתרגומו על כעשן

דעת זקנים מבעלי התוספות

כשרצה הקב"ה ליתן תורה לישראל אמרו כמה תורות יש לך אמר להם אחת בכתב ואחת על פה. אמרו לו שבכתב אנו מקבלין שבעל פה אין אנו מקבלין מיד כפה עליהם ההר כגיגית ואתמר במסכת שבת מכאן מודעא רבא לאורייתא וכו' כדאית' התם. ועוד איתא במדרש כי כשנתן הקב"ה תורה לישראל עשה ונתן חרב בתוך התורה ואמר להם אם אתם מקבלין התורה מוטב ואם לאו תהרגו בחרב זה הה"ד אם תאבו ושמעתם טוב הארץ תאכלו וגו' ואם תמאנו ומריתם חרב תאכלו וגו' כי פי ה' דבר והיכן דבר בשעת מתן תורה התנה עמהן כן וזהו שיסד הפייט באזהרות ראשית עטיפת

פירוש לתורת אלהים

זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בְּתַחְתִּית אוּנְטֶערֶען בַּארְג [עיין רש"י]: (יח) וְהַר סִינַי אוּנ דֶר בַּארְג סִינַי עָשַׁן הָט זִיךְ גְרֵייכֶערְט אִין גַאנְצֶען מִפְּנֵי פוּן וֶועגֶען אֲשֶׁר וַוייל גָאט הָאט גִנִידֶערְט אוֹיף אִים מִיט פַייעֶר וַיַּעַל אוּנ עֶס אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען עֲשָׁנוֹ זַיין רוֹיךְ כְּעֶשֶׁן ווִיא רוֹיךְ פוּן אַקַאלֶעךְ אוֹבִין וַיֶּחֱרַד אוּנ דֶער גַאנְצֶער בַּארְג הָט גֶעצִיטֶערְט: (יט) וַיְהִי אוּנ עֶס אִיז גֶוֶוען קוֹל דָם קוֹל פוּן דֶעם שׁוֹפָר אִיז אַלֶע מָאל שְׁטַארְקֶער גִיגַאנְגֶען [עיין רש"י]

אונקלוס

קָל שׁוֹפָרָא אָזֵל וְתָקֵף לַחֲדָא מֹשֶׁה מְמַלֵּל וּמִן קֳדָם יְיָ מִתְעֲנֵי לֵהּ בְּקָל: כ וְאִתְגְּלִי יְיָ עַל טוּרָא דְסִינַי לְרֵישׁ טוּרָא וּקְרָא יְיָ לְמֹשֶׁה לְרֵישׁ טוּרָא וּסְלִיק מֹשֶׁה: כא וַאֲמַר יְיָ

תולדות אהרן

משה ידבר ברכות מה:

הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד מֹשֶׁה יְדַבֵּר וְהָאֱלֹהִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל: ששי כ וַיֵּרֶד יְהוָה עַל־הַר סִינַי אֶל־רֹאשׁ הָהָר וַיִּקְרָא יְהוָה לְמֹשֶׁה אֶל־רֹאשׁ הָהָר וַיַּעַל מֹשֶׁה: כא וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־

בעל הטורים

ונעשה כהר על גבי הר: (יט) הולך וחזק. ב' במסו' הכא ואידך ודוד הולך וחזק כדאי' בעירובין דוד גלי מסכת הולך וחזק שאול לא גלי מסכת כתיב הולכים ודלים וזהו ודוד הולך וחזק בתורה דכתיב בה הולך

רשב"ם

הכבשן כשהוא דבוק: (יט) משה ידבר. אל הקב"ה ואין קולו נשמע לשום אדם אלא להקב"ה. אבל הקב"ה יעננו למשה בקול גדול בשביל קול השופר שהולך וחזק מאד וצריך שיהיה קולו של הקב"ה נוצח קול השופר להשמיע למשה:

רש"י

לבריותיו כדי לשבר את האוזן: (יט) הולך וחזק מאד. מנהג הדיוט כל זמן שהוא מאריך לתקוע קולו מחליש וכוהה אבל כאן הולך וחזק מאוד ולמה כך מתחלה לשבר אזניהם מה שיכולין לשמוע: משה ידבר. כשהיה משה מדבר ומשמיע הדברות לישראל שהרי לא שמעו מפי הגבורה אלא אנכי ולא יהיה לך והקב"ה מסייעו לתת בו כח להיות קולו מגביר ונשמע: יעננו בקול. יעננו על דבר הקול כמו (מ"א יח) אשר יענה באש על דבר האש להורידו: (כ) וירד ה' על הר סיני. יכול ירד עליו ממש ת"ל (שמות כ) כי מן השמים דברתי עמכם (מכילתא) מלמד שהרכין שמים העליונים והתחתונים והציען על גבי ההר כמצע על המטה וירד כסא הכבוד עליהם: (כא) העד בעם. התרה בהם ג שלא

בית יהודא

צום כח פון די זאכן וואס הקב"ה האט באשאפן, מיר ווייסען דאך אז דער כח פון הקב"ה איז גרעסער פון דעם כח פון די זאכן וואס ער האט באשאפן (כדי לשבר את האוזן) מיר מאכען דעם כח פון הקב"ה קלענער מיר זאלן קענען פארשטיין ווי גרויס עס איז דער כח פון הקב"ה, ווארום ווער קען דען שרייען ווי אליין? : (יט) והולך וחזק מאד]. זאגט רש"י (מנהג הדיוט כל זמן שהוא מאריך לתקוע קולו מחליש וכוהה) אוב אמענטש בלאזט מיט אשופר וואס לייניגער ער בלאזט ווערט זיין כח שוואכער אונ די שטימע ווערט נידעריגער, שטילער (אבל כאן הולך וחזק מאד) אבער דא ווייל הקב"ה האט גיבלאזן איז די שטימע גווען אלע מאהל שטארקער אונ העכער, פרעגט רש"י (ולמה כך) פאר וואס איז גווען די שטימע פריער נידעריג נאכדעם העכער, זאגט רש"י (מתחלה לשבר אזניהם מה שיכולין לשמוע) הקב"ה האט פריער אנגעהובן בלאזן מיט אזו אשטימע וואס די אויערן פון די יודין וועלן קענען הערין, זייא זאלן ניט באלד דערשראקן ווערען: [משה ידבר]. זאגט רש"י (כשהיה משה מדבר ומשמיע הדברות לישראל) ווען משה האט גירעט אונ ער האט גמאכט הערן די אכט גיבאט צו די יודין (שהרי לא שמעו מפי הגבורה אלא אנכי ולא יהיה לך) ווארום יודין האבן גהערט פון הקב"ה נאר צווייא גיבאט, אנכי ה' אלהיך וגו' אונ לא יהיה לך וגו', די נאך אכט דברות [גיבאט] האבן די יודין גהערט פון משה (והקב"ה מסייעו לתת בו כח להיות קולו מגביר ונשמע) אונ הקב"ה האט גיהאלפין צו משה אונ האט אים גגעבן כח זיין שטימע זאל גשטארקט ווערן, אלע יודין וואס זענען גוועען מעהר וויא צוויי מיליאן מענטשין מיט ווייבר אונ קינדער] זאלן גוט הערן זיינע רייד די אכט גיבאט: ויעננו בקול]. מען מיינט (יעננו על דבר הקול) הקב"ה האט געענפערט צו משה וואס ער האט גיבעטין וועגן זיין שטימע זיא זאל געשטארקט ווערען (כמו) ווי עס שטייט (אשר יענה באש) וואס ער וועט ענפערין מיט פייער מיינט מען (על דבר האש להורידו) ער וועט ענפערין וועגין פייער ער זאל אראפנידערין פייער אוף דעם מזבח: (כ) ויירד ה' על הר סיני]. זאגט רש"י (יכול ירד עליו ממש) איך וואלט מיינען הקב"ה איז טאקי אראפגעקומען אוף דעם בארג סיני (תלמוד לומר) זאגט דר פסוק (כי מן השמים דברתי עמכם) פון הימל האב איך גערעט מיט אייך, זאגט דר ספר מכילתא (מלמד) דער פסוק לערונט אונז (שהרכין שמים עליונים ותחתונים והציען על גבי ההר כמצע על המטה) הקב"ה האט אראפגבויגען די אויבערשטע אונ די אונטערשטע הימלען אונ האט זיי פארשפרייט אוף דעם בארג ווי מען פארשפרייט אקאלדרע אוף אבעט (וירד כסא הכבוד עליהם) אונ דיא שטוהל פון הקב"ה האט אראפגענידערט אוף דעם פארשפרייטונג: (כא) והעד בעם]. (התרה בהם). זאלסט זיי אנזאגן (שלא לעלות בהר)

דעת זקנים מבעלי התוספות

הזיין צהלה ורנה: (כא) ויאמר ה' אל משה רד העם וגו' ויאמר משה לא יוכל וגו'. תימה מה השיב לו הקב"ה למשה וכי לא מצינו כמה מצות שיש בהן כמה אזהרות. ועוד על מה השיב לו הקב"ה אחרי כן לך רד וכו' ועלית. וי"ל הפשט דקרא לפי שלא התרה משה את ישראל על מצות הגבלה שהיא במיתה רק על מצות פרישה הזהירם כמו שתמצא לעיל לפיכך אמר לו הקב"ה לך העד בעם דיותר היה לך להזהירם על מצות הגבלה שהיא במיתה יותר מן המצות כולן ועל זה השיב לו לא יוכל העם לעלות כי אתה העדות בנו וגו' כלומר גם אני ואהרן בכלל ציווי ההגבלה וכיון שנהיה עמהם שם נתרה בהם ולא יעלו ועל זה השיב לו הקב"ה לך רד ותזהירם מעתה ועלית אתה וגו' כלומר לא תהיה עמהם בשעת מעשה ולא יהיה להם מי שיזהירם מיד וירד משה ויאמר אליהם מצות הגבלה:

שפתי חכמים

הכבשן: ג כמו העד העיד בנו האיש וקראת התראה בל' עדות מפני

פירוש לתורת אלהים

משה משה האט גרעט די דברות צו די ישראל והאלהים אונ גאט האט אים געענפערט אונ געהאלפען בקול אין זיין קול ער האט געגעבען כח זיין קול זאל זיך שטארקין אונ זאל גיהערט ווערען צוא אלי ישראל: (כ) ויירד האט גנידערט יי' גאט על אויף דעם בארג סיני אל צום שפיץ בארג ויקרא אונ גאט האט גרופען צוא משה אל צום שפיץ בארג ויעל אונ משה איז אויף גיגאנגען: (כא) ויאמר האט גאט גזאגט צו משה רד נידער העד בעם

מֹשֶׁה רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן־יֶהֶרְסוּ אֶל־
יְהוָה לִרְאוֹת וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב׃ כב וְגַם
הַכֹּהֲנִים הַנִּגָּשִׁים אֶל־יְהוָה יִתְקַדָּשׁוּ
פֶּן־יִפְרֹץ בָּהֶם יְהוָה׃ כג וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה
אֶל־יְהוָה לֹא־יוּכַל הָעָם לַעֲלֹת אֶל־
הַר סִינָי כִּי־אַתָּה הַעֵדֹתָה בָּנוּ
לֵאמֹר הַגְבֵּל אֶת־הָהָר וְקִדַּשְׁתּוֹ׃
כד וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה לֶךְ־רֵד וְעָלִיתָ

לְמֹשֶׁה חוּת אַסְהֵיד
בְּעַמָּא דִּילְמָא יִפַגְרוּן
קֳדָם יְיָ לְמֶחֱזֵי וְיִפֵּל
מִנְּהוֹן סַגִּי׃ כב וְאַף
כָּהֲנַיָּא דְּקָרִיבִין לְשַׁמָּשָׁא
קֳדָם יְיָ יִתְקַדְּשׁוּן דִּילְמָא
יִקְטוֹל בְּהוֹן יְיָ׃ כג וַאֲמַר
מֹשֶׁה קֳדָם יְיָ לָא יִכּוּל
עַמָּא לְמִסַּק לְטוּרָא
דְסִינַי אֲרֵי אַתְּ אַסְהֵדְתְּ
בַּנָא לְמֵימַר תַּחִים יָת
טוּרָא וְקַדְּשֵׁהּ׃ כד וַאֲמַר
לֵהּ יְיָ אֱזֵיל חוּת וְתִסַּק

תו"א וגם הכהנים זבחים קטו: לך רד ועלית שבת פז:

רשב"ם

(כא) פן יהרסו. ממצבם להתקרב ולראות: (כב) הכהנים. הבכורות: יתקדשו. בעמידתן: (כג) ויאמר משה אל ה' לא יוכל העם וגו'. המפרש שכך אמר משה כבר אמרת לנו זה שלשת ימים הגבל את ההר. השמרו לכם עלות בהר. ולמה אתה צריך לומר לי עכשיו פעם שנייה. טעות הוא שהרי מוזרים לאדם בשעת מעשה אף לאחר שזרזוהו קודם מעשה שמזרזים לאדם פעם שנייה בשעת מעשה לומר עתה הגיע הזמן לעשות מה שאמרתי. ועוד ספק שני שחזר אמר לו לך רד. מה בא לחדש. אלא כך אמר משה להקב"ה דרך שאלה וכך שאל לו. אתמול שלשום אמרת לי. שלא יוכל העם לעלות אל

בעל הטורים

הָאָרֶץ אֶת־הַיָּם וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּם
וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי עַל־כֵּן בֵּרַךְ יְהוָה
אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת וַיְקַדְּשֵׁהוּ: ס יב כַּבֵּד
אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִכוּן
יָמֶיךָ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־יְהוָה

אונקלוס

ובעירך וגיורך די
בקרוך: יא ארי שתא
יומין עבד יי ית שמיא
וית ארעא ית ימא וית
כל די בהון ונח ביומא
שביעאה על כן בריך יי
ית יומא דשבתא
וקדשה: יב יקר ית אבוך
וית אמך בדיל דיורכון
יומיך על ארעא דיי

הולדות אהרן
כבד את אביך שבת כט:

בעל הטורים

לו' לך כל המקיים את השבת כאלו קיים ס' חומשי תורה: (יב) כבד את אביך ואת אמך. סמך כבוד אב ואם לשבת לו' לך כשם שחייב לכבד את השבת כך חייב לכבד אביו ואמו: למען יארכון. חסר יו"ד שאין אריכות ימים בעוה"ז שנבראת בה' אלא בעוה"ב שנבראת ביו"ד:

רשב"ם

(יא) על כן ברך ה' את יום השבת. כמו שפירשתי בבראשית. כי על כן אשר ברך ה' את יום השבת. שבהגיע את יום השבת כבר ברא הקב"ה כל צורכי הבריות

רש"י

אין שומעין לו מפני ששביתתו עליך: (יא) וינח ביום השביעי. כביכול הכתיב בעצמו מנוחה ללמד הימנו ק"ו לאדם שמלאכתו בעמל וביגיעה שיהא נוח בשבת: ברך ויקדשהו. ברכו במן לכופלו בששי לחם משנה וקדשו במן שלא הי' יורד בו: (יב) למען יאריכון ימיך. (מכילתא) אם תכבד יאריכון ואם לאו יקצרון שדברי תורה נוטריקון הם נדרשין מכלל הן לאו ומכלל לאו הן:

בית יהודא

פארלעשען פייער שבת (אין שומעים לו) זאל מען אים ניט לאזען (מפני ששביתתו עליך) ווייל דר פאטער דארף אכטונג געבען אויף זיינע קליינע קינדער זיי זאלען ניט ארבעטען שבת: (יא) וינח ביום השביעי. זאגט רש"י (כביכול הכתיב על עצמו מנוחה) הקב"ה הט געשריבען אויף זיך ער הט גערוהט שבת (ללמד הימנו ק"ו והומר לאדם שמלאכתו בעמל וביגיעה שיהא נח בשבת) מען זאל לערנען אקל וחומר פון הקב"ה אויף אמענטש, מאדאך הקב"ה וואס ער הט אלץ בשאפען מיט דעם ווארט פון דעסטוועגען הט ער גערוהט שבת, אמענטש וואס זיין ארבעט איז אנאנצע וואך מיט מאטערניש, איז געוויס אז ער דארף רוהען שבת פון זיין ארבעט: ויברך, ויקדשהו. זאגט רש"י (ברכו במן) הקב"ה האט גבענטשט דעם שבת מיט דעם מן (לכופלו בששי לחם משנה) דעם זעקסטען טאג, פרייטאג, הט יעדער יוד גהאט מן צוויא מאל אזו פיל וויא אלע טאג, אויף פרייטאג אונ אויף שבת, דס הייסט טאפעלע ברוט (וקדשו במן) הקב"ה הט געהייליגט דעם שבת מיט דעם מן (שלא היה יורד בו) שבת איז דער מן ניט גנאנגען פון הימל: (יב) ולמען יאריכון ימיך. מען מיינט (אם תכבד יאריכון ימיך) אוב דו וועסט געבען כבוד צוא דיין פאטער אונ מוטער וועסטו לאנג לעבען (ואם לאו יקצרון) אויב דו וועסט ניט געבען כבוד דיין פאטער אונ מוטער וועלען דיינע טעג אפגעקירצט ווערען (שדברי תורה נוטריקון הם נדרשים) ווארום די רייד פון די תורה ווערט געלערנט קורץ, (מכלל הן לאו) פון יא, זאל מען וויסען ניין (ומכלל לאו הן) אונ פון

שפתי חכמים

אבל הלל הזקן מדה אחרת היתה בו משמע דלא ס"ל שהדין כך אלא שהיה לו מדה אחרת מהרש"ל: ד היינו אם עושה הקטן על דעת גדול אבל כשאינו עושה על דעת גדול אין אומרים לו ככה ולא אל תכבה רק שגדול מצווה שלא להחטיאו בידים הרא"ם. (נח"י) ול"נ מדהביא הרב המשנה כלורתה משמע דמוזהרין אפי' לאפרושינהו והרב ביאר דין זה בפ' שמיני גבי שרצים ובפ' אחרי גבי דם ור"פ אמור גבי טומאת כהנים: ה עיין בפ' בראשית ובפ' בשלח: ו דק"ל דכל יו"ד הדבר ות לא תעשה הן חוץ מדבור כבד את אביך ל"פ דגם זו לא תעשה הוא

פירוש לתורת אלהים

בהמות זאלסטו אפ היטן זייא זאלען ניט טאהן קיין מלאכה אום שבת וגרך אונ דיין גר אשר וום ער איז אין דיינע שטעט זאל אוך ניט טאהן קיין מלאכה. אונ פר וואס זאלסטו ניט טאהן קיין מלאכה אום שבת: (יא) כי ווארום ששת זעקס טאג עשה האט גאט בשאפען הימל אונ ערד את הים דעם ים ואת אונ אלי זאכען וואס איז אין זייא וינח אונ אין דעם זיבעטען טאג האט ער גירוהט על כן דרום ברך האט גיבענשט יי גאט את דעם טאג שבת [עיין רש"י] ויקדשהו אונ ער האט אים גיהייליקט [עיין רש"י]: (יב) כבד דוא זאלסט ערליך האלטען דיין פאטער אונ דיין מוטער למען אז דו וועסט זייא ערליך האלטען יאריכון וועלען דער לענגערט ווערען דיינע טעג דוא וועסט לאנג לעבען על אויף דער ערד אשר

מצות השם

צודישן די יודן אונ דער ווס איז מחלל שבת איז ער איין גוי אזוי ווי אלע גוים אונ דר נביא ישעיה לובט דעם ווס ער היט דעם שבת אונ זאגט אזו דר מענטש ווס ער היט דעם שבת איז אים השי"ת מוחל אלע עבירות אונ זיין שכר איז טאפיל פון גאט ב"ה אונ דיא מצוה איז נוהג סיי ביי זכרים אונ סיי ביי נקבות:

(לג) כבד את אביך ואת אמך) דס איז די (מצות עשה) אז מען זאל ערליך האלטען פאטער אונ מוטער אונ דר כבוד איז אז דער זון דארף אים מאכיל אונ מלביש זיין פאר דעם פאטערס געלט אז דער פאטער הט. אבער אז דר פאטער הט נישט קיין געלט נייט מען דעם זון אז ער זאל אים געבען צו עסן אונ טרינקען אונ קליידן וויפיל דר כח איז פון דעם זון ער זאל אים געבען. אפילו אז דר פאטער ווארפט איין בייטיל מיט געלט אין וואסער

אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ: ס יג לֹא תִרְצָח ס
לֹא תִנְאָף ס לֹא תִגְנֹב ס לֹא־תַעֲנֶה
בְרֵעֲךָ עֵד שָׁקֶר: ס יד לֹא תַחְמֹד
בֵּית רֵעֶךָ ס לֹא־תַחְמֹד אֵשֶׁת רֵעֶךָ

אונקלוס

אֱלָהָךְ יָהֵב לָךְ: יג לָא
תִקְטוֹל נְפָשׁ: לָא תְגוּף:
לָא תִגְנוֹב: לָא תַסְהֵד
בְּחַבְרָךְ סַהֲדוּתָא
דְשִׁקְרָא: יד לָא תַחְמֵד
בֵּית חַבְרָךְ לָא תַחְמֵד
אִתַּת חַבְרָךְ וְעַבְדֵּהּ

תו"א לא תרצח לא תנאף לא תגנוב שבת פח: לא תנאף שבועות מז: לא תגנוב סנהדרין פו: לא תענה שם י: לא תחמוד ב"מ ח:

רשב"ם

ומזונותם ונמצא השבת מבורך מכל טוב. ולכך ויקדשהו לשבות בו לעדות כמו ששבת הקב"ה שברא תחלה הכל ואח"כ שבת: (יג) לא תרצח. כל רציחה הריגה בחנם הוא בכל מקום. מות יומת הרוצח. הרצחת וגם ירשת. צדק ילין בה ועתה מרצחים אבל הריגה ומיתה יש בחנם כמו ויהרגהו דקין. ויש בדין כמו והרגת את האשה. ומה שכתוב אשר ירצח את רעהו בבלי דעת. לפי שמדבר בענין רוצח במזיד לכך הוא אומר ואם רציחה זו בבלי דעת פטור. זו תשובה שהשבתי לאפיקורסים והודו לי. ואע"פ שיש בספריהם.

בעל הטורים

(יג) לא תרצח. דבור ששי ויש בו ו' אותיות לו' לך שאדם נברא ביום הששי: לא תגנוב. בגי' גונב נפש. עשרת הדברות מתחילין באל"ף ומסיימין בכ"ף וזהו אך טוב לישראל ויש בהם תר"ך אותיות נגד תרי"ג מצות ושבע מצות בני נח וסימנם כתר תורה לומר לך שאדם לומד

בית יהודא

נייט זאל מען וויסען יוא: (יג) (לא תנאף). זאגט רש"י (אין ניאוף אלא באשת איש) לא תנאף מיינט מען דו זאלסט ניט מזנה זיין מיט אשה וואס זיא האט אמאן (שנאמר) ווארום עם שטייט אין פסוק (מות יומת הנואף והנואפת) מען זאל הרגנן ביידע דעם זכר מיט די נקבה ווס האבען מזנה גוועין (ואומר) אונ דר פסוק זאגט (האשה המנאפת תחת אישה תקח זרים) די אשה ווס איז מזנה, פר איר מאן, געמט זיא אנדערע, זעהן מיר די אשה וואס הט אמאן אונ איז מזנה, הייסט זיא מנאפת, אונ דער ווס איז מזנה מיט איר הייסט נואף: ולא תגנוב). זאגט רש"י (בגונב נפשות הכתוב מדבר) דער פסוק שמועסט אז איינער האט גענבת אמענטש (לא תגנובו) ווס שטייט אין דיא סדרה קדושים (בגונב ממון) מיינט מען אז מען גנבת געלט, פרעגט רש"י (או אינו) טאמר ניט אזוי (אלא זה בגונב ממון ולהלן בגונב נפשות) נאר דר לא תגנוב שמועסט מען זאל ניט גנבנען געלט, אונ לא תגנובו שמועסט מען זאל ניט גנבנען אמענטש, ענטפערט רש"י (אמרת) איך וועל דיר זאגן (דבר הלמד מעניינו) יעדער זאך דארף מען לערנן פון ווס דער ענין שמועסט (מה לא תרצח לא תנאף מדבר בדבר שחייבין עליהם מיתת בית דין) אזו וויא

רש"י

(יג) לא תנאף. אין ניאוף אלא בא"א שנא' (ויקרא כ) מות יומת הנואף והנואפת ואומר (יחזקאל יז) האשה המנאפת תחת אישה תקח את זרים: לא תגנב. בגונב נפשות הכתוב מדבר לא תגנובו בגונב ממון או אינו אלא זה בגונב ממון ולהלן בגונב נפשות אמרת דבר הלמד מעניינו מה לא תרצח לא תנאף מדבר בדבר שחייבין עליהם מיתת ב"ד אף לא

פירוש לתורת אלהים

וואס גאט דיין גאט וועט דיר געבען: (יג) לא תרצח דו זאלסט ניט הרגנען אמענש לא תנאף דו זאלסט ניט מזנה זיין מיט אפרעמדי אשה לא תגנב דוא זאלסט ניט גנבנען אמענש אונ פר קופען אים [עיין רש"י] לא תענה דוא זאלסט ניט עדות זאגען צו דיין חבר עד שקר אפאלש עדות: (יד) לא תחמוד דוא זאלסט ניט גלוסטען בית דיין חברס הויז לא תחמוד דוא זאלסט ניט גלוסטען אשת דיין חברס ווייב ועבדו

מצות השם

אביין טאר אים דר זון ניש פר שעמען אבר מצער זיין אונ ער דארף אים בדינען אזו וויא איין קנעכט באדינט זיין האר אונ אנזערע היליגע ספרים שרייבען אז דיא מצוה פון (כיבוד אב ואם) דם הייסט אז מען זאל פאטר אונ מוטער ערליך האלטען איז זייער גרוס אונ מען גיט דעם ווס ער האלט ערליך פאטער אונ מוטער געצאלטען (בעולם הזה ובעולם הבא) איך לערנען מיר ארום אז מען דארף דעם פאטערס ווייב דאס מיינט מען איין שטיף מוטער אויך ערליך האלטען אונ דיא מצוה איז נוהג סיי ביי זכרים אונ סיי ביי נקבות:

(לד) (ולא תרצח) אין דעם פסוק ווערט ערקלערט אז מען טאר נישט זיין קיין רוצח אונ אזו באלד אז איינער הרגת איין מענטש קומט אים מיתה (סייף) דם הייסט מען הרגת אים מיט איין שווערד אונ דר ווס ער הרגת איין מענטש איז גלייך אזוי ווי ער מאכט חרוב דיא גאנצע וועלט אונ דיא לא תעשה איז נוהג ביי זכרים אונ נקבות:

(לה) (לא תנאף) דאס איז דיא לא תעשה אז קיין שום מענטש טאר ניט מזנה זיין מיט זיין חברס ווייב אונ אזו באלד אז איינער איז יוא מזנה קומט זיי ביידע מיתה (חנק) דם הייסט מען נעמט איין האנטך אונ מען נעמט ארום דעם מענטש וואס ער האט מזנה גיוועזן מיט זיין חברס ווייב דעם האלז אונ איינער ציהט אין איין זייט דר אנדערער אין דער אנדערער זייט ביז מען דערהאלדעם זיי דם איז אז עס איז דא עדות מיט (התראה) אבער אז מען הט זיי נישט מתרה געוועזן קומט זיי (כרת) דאס הייסט זיי וועלן ווערן פארשניטן פון דר וועלט אונ די לא תעשה איז נוהג אין יעדער ארט אונ איעדער צייט:

(לו) (לא תגנוב) דאס איז דיא לא תעשה אז מען טאר נישט גנבנען אמענטש אונ מען זאל אים פארקופען אונ אז מען גנבת איין מענטש אונ מען געפינט אים ביי דעם גנב ווי ער הט אים פר קופט קומט דעם גנב מיתה עס איז נוהג אין יעדר צייט אונ אויף יעדער ארט:

(לז) (לא תענה ברעך עד שקר) פון דעם פסוק נעמען מיר ארוים אפילו איינער הערט פון מענטשען ווס זיי ווייסן אז עס איז אזוי ווי ער זאגט טאר ער נישט זאגן קיין עדות ווייל ער אליין איז ניט געוועזן דר ביי אויך לערנען מיר ארום ווען איינער האט איין עדות אז זיין חבר איז אים עפעס שולדיג טאר ער ניט זאגן צו נאך איין אנדערן וואס ער ווייסט ניט קיין דיא זאך מיט מיר וועט מיין (בעל חוב) מיינען אז איך האב צוויי עדות וועט ער מורא האבען אונ וועט מיר אפ געבען דאס געלד טאר ער אזוי ניט טאן אונ דיא מצוה איז נוהג אין יעדער ארט אונ איעדר צייט:

(לח) (ולא תחמוד) דם איז די לא תעשה אז קיין שום מענטש טאר נישט גליסטען צו איין חברס זאכן אפילו ער גיט דעם חבר געלד פאר די זאך איז ער אויך עובר אונ די מצוה איז נוהג אין יעדער צייט אונ סיא ביא זכרים אונ סי ביי נקבות:

וְעַבְדּוֹ וַאֲמָתוֹ וְשׁוֹרוֹ וַחֲמֹרוֹ וְכֹל
אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ׃ פ שביעי טו וְכָל־הָעָם
רֹאִים אֶת־הַקּוֹלֹת וְאֶת־הַלַּפִּידִם
וְאֵת קוֹל הַשֹּׁפָר וְאֶת־הָהָר עָשֵׁן
וַיַּרְא הָעָם וַיָּנֻעוּ וַיַּעַמְדוּ מֵרָחֹק׃
טז וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה דַּבֵּר־אַתָּה
עִמָּנוּ וְנִשְׁמָעָה וְאַל־יְדַבֵּר עִמָּנוּ
אֱלֹהִים פֶּן־נָמוּת׃ יז וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה

תו"א וכל העם ברכות ו:

אונקלוס

וְאַמְתֵיהּ וְתוֹרֵיהּ וַחֲמָרֵיהּ
וְכֹל דִּי לְחַבְרָךְ׃ טו וְכָל
עַמָּא חָזַן יָת קָלַיָּא וְיָת
בְּעוֹרַיָּא וְיָת קָל שׁוֹפָרָא
וְיָת טוּרָא תָּנֵן וַחֲזָא עַמָּא
וְזָעוּ וְקָמוּ מֵרָחִיק׃
טז וַאֲמָרוּ לְמֹשֶׁה מַלֵּל
אַתְּ עִמָּנָא וּנְקַבֵּל וְלָא
יִתְמַלַּל עִמָּנָא מִן קֳדָם יְיָ
דִּילְמָא נְמוּת׃ יז וַאֲמַר

רשב"ם

אני אמית ואחיה בלשון לטי"ן של לא תרצח. הם לא דקדקו: (טו) רואים את הקולות. הברד והאבנים כדכתיב קולות אלהים וברד: (טז) ויאמרו אל משה. לאחר ששמעו עשרת הדברים: דבר אתה עמנו. ואלמלא שאמרו כך יש לומר שהיה אומר להם הקב"ה כל המצות מפיו:

בעל הטורים

אדם תורה לשמה היא כתר לראשו ואם לומד שלא לשמה יחזור לכרת. ויש בהם תיבות מנין עקב וזהו שרמז אליעזר בקע משקלו. ושני למידים אלו ב' לוחות. עשרה זהב משקלם אלו י' הדברות וזהו עקב אשר שמע אברהם בקולי. ובשמרם עקב רב. ואלרנה עקב. עשה תורתך קבע מורשה קהלת יעק"ב עשרת הדברות שיש בהם קע"ב תיבות: (טו) וירא העם וינועו. על כן מתנענעים בשעת לימוד התורה לפי שהתורה ניתנה באימה ברתת ובזיע: וינועו. בגי' י"ב מילין שהיו נרתעים לאחוריהם: וינועו. ב' במסורה הכא ואידך וינועו אמות הספים מקול

רש"י

תגנוב דבר שחייב עליו מיתת בית דין (סנהדרין פו): (טו) וכל העם רואים. מלמד שלא היה בהם אחד סומא ומנין שלא היה בהם אלם ת"ל ויענו כל העם ומנין שלא היה בהם חרש ת"ל נעשה ונשמע (מכילתא): רואים את הקולות. רואין את הנשמע שאי אפשר לראות במקום אחר (שם): את הקולות. היוצאין מפי הגבורה: וינעו. (שם) אין נוע אלא זיע: ויעמדו מרחוק. (שם) היו נרתעין לאחוריהם י"ב מיל כאורך מחניהם ומלאכי

בית יהודא

לא תרצח לא תנאף, זענען אזעלכע עבירות וואס קומט אויף זיי מיתה פון בית דין (אף לא תגנוב דבר שחייב עליו מיתת בית דין) אזו לא תגנוב שמועסט פון אזו אגנבה וואס קומט אויף איר מיתה פון בית דין, דס איז אז מען גנבת אמענטש: (טו) וכל העם רואים וגו'. זאגט רש"י (מלמד) דר פסוק לערונט אונז (שלא היה בהם אחד סומא) עס איז ניט גיוועזן בייא די יודין איין בלינדער (ומנין שלא היה בהם אלם) פון וואנן ווייסן מיר אז עס איז ניט גיוועזן ביי די יודין איין שטומער (תלמוד לומר ויענו כל העם) זאגט דער פסוק דם גאנצע פאלק יודין האבן גענפערט (ומנין שלא היה בהם חרש) פון וואנן ווייסין מיר עס איז ניט גוועזן ביי דיא יודין איין טויבער (תלמוד לומר) זאגט דר פסוק אלע יודין האבען גזאגט נעשה ונשמע, מיר וועלן טאן אונ מיר וועלן הערן: ורואים את הקולות. זאגט רש"י (רואים את הנשמע) זיי האבן געזעהן די זאכן וואס וועהן גיהערט אונ ניט געזעהן (שאי אפשר לראות במקום אחר) אויף איין אנדער ארט קען מען ניט זעהן דיא קולות, אונ ביי דעם בארג סיני האבען די יודין געזעהן דיא קולות: ואת הקולות. די יודין האבען געזעהן די קולות (היוצאין מפי הגבורה) וואס זענען ארויסגעגאנגן פון הקב"ה: וינעו. זאגט רש"י (אין נוע אלא זיע) וינועו מיינט מען זיי האבען געשראקין אונ געציטערט פון שרעק: ויעמדו מרחוק. זיי זענען געשטאנען פון נוויטין, זאגט רש"י (היו נרתעין לאחוריהם שנים עשר מיל כאורך מחניהם) זיי האבען זיך אפגערוקט אינטער זיך

שפתי חכמים

דמכלל הן אתה שומע לאו. רא"ם: ז וא"ת והא כבר דרשינן זה מקרא דלעיל לעיני כל העם כדפירש"י. וי"ל מ"מ לריכין להאי קרא לו' שלא היו עיניהם כהות וסומין גם לאחר מ"ת דאפילו המסתכל בשעה שהכהנים כורסין ידיהם א"ר חגי בירושלמי שעיניו נעשין כהות מפני שהשכינה שורה עליהן כ"ש כאן שראו גילוי שכינה ביותר: ח דק"ל דוכל העם רואים את הקולות וגו' ע"כ זה היה קודם מ"ת כדכתיב לעיל ויהי קולות וברקים וגו' א"כ הא דכתיב הכא וינועו ויעמדו מרחוק קאי אקולות דלעיל וא"כ למה לא נכתב זה לעיל קודם יו"ד הדברות לכ"פ דקאי אקולות של יו"ד הדברות: ט מלי זיע ורתת ולא מלי כפ וכד דהא אח"כ כתיב ויעמדו מרחוק: י (כח"י) ואם תאמר מנ"ל שהיה י"ב מיל ולא פחות. וי"ל מדכתיב ויעמדו מרחוק משמע דעד עכשיו היו עומדים בקרוב ואורך מחניהם היתה י"ב מיל ש"מ דגם

פירוש לתורת אלהים

אונ זיין קנעכט ואמתו אונ זיין דינסט מויד ושורו אונ זיין אקס וחמורו אונ זיין אייזל וכל אונ אלי זאכען וואס דיין חבר האט טארסטו אלץ ניט גלוסטען: (טו) וכל אונ גאר דאס פאלק רואים האבען גיזעהן דיא קולות פון גאט ב"ה [עיין רש"י] אונ די פלאקרן ואת אונ דס קול פון דעם שופר האבן זייא אויך גיזעהן ואת אונ דעם בארג וויא ער האט זיך גרייכרט וירא האט דאס פאלק גיזעהן וינעו ווען זייא גיוואהרען פאר וואגלט כלומר זייא האבען זיך דער שראקין ויעמדו אונ זייא האבען זיך גישטעלט פון ווייטען [עיין רש"י] - (טז) ויאמרו אל משה האבען דיא ישראל גיזאגט צוא משה דבר רייד דו מיט אונז ונשמעה וועלן מיר עס הערען ואל אונ גאט זאל ניט ריידען מיט אונז פן ווארום אז גאט וועט מיט אונז ווייטער ריידען האבען מיר מורא טאמער וועלען מיר שטארבען פאר פחד: (יז) ויאמר משה אל העם האט משה גזאגט צום פאלק אל איר זאלט זיך ניט פארכטן כי ווארום

אֶל־הָעָם֮ אַל־תִּירָאוּ֒ כִּ֗י לְבַֽעֲבוּר֙
נַסּ֣וֹת אֶתְכֶ֔ם בָּ֖א הָֽאֱלֹהִ֑ים וּבַֽעֲב֗וּר
תִּהְיֶ֧ה יִרְאָת֛וֹ עַל־פְּנֵיכֶ֖ם לְבִלְתִּ֥י
תֶֽחֱטָֽאוּ׃ יח וַיַּֽעֲמֹ֥ד הָעָ֖ם מֵֽרָחֹ֑ק
וּמֹשֶׁה֙ נִגַּ֣שׁ אֶל־הָֽעֲרָפֶ֔ל אֲשֶׁר־שָׁ֖ם
הָֽאֱלֹהִֽים׃ ס מפטיר יט וַיֹּ֤אמֶר יְהוָה֙ אֶל־
מֹשֶׁ֔ה כֹּ֥ה תֹאמַ֖ר אֶל־בְּנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל
אַתֶּ֣ם רְאִיתֶ֔ם כִּ֚י מִן־הַשָּׁמַ֔יִם דִּבַּ֖רְתִּי

אונקלוס

מֹשֶׁה לְעַמָּא לָא תִדְחֲלוּן
אֲרֵי בְּדִיל לְנַסָּאָה יָתְכוֹן
אִתְגְּלִי לְכוֹן יְקָרָא דַיְיָ
וּבְדִיל דִּתְהֵי דַחַלְתֵּהּ
עַל אַפֵּיכוֹן בְּדִיל דְּלָא
תְחוֹבוּן: יח וְקָם עַמָּא
מֵרָחִיק וּמֹשֶׁה קְרֵב
לְצַד אֲמִיטְתָא דְּתַמָּן
יְקָרָא דַיְיָ: יט וַאֲמַר יְיָ
לְמֹשֶׁה כִּדְנַן תֵּימַר לִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל אַתּוּן חֲזֵיתוּן אֲרֵי
מִן שְׁמַיָּא מַלֵּילִית עִמְּכוֹן:

תו"א ובעבור תהיה יבמות עט:

רשב"ם

(יז) נסות. להוכיח אתכם:

בעל הטורים

(יז) לבעבור. ג' במסורה הכא ואידך לבעבור סבב את פני הדבר גבי דוד בענין האשה התקועית. לבעבור הביא ה' אל אבשלום את הרעה פי' לבעבור נסות אתכם ואם תעמודו בנסיון תהיו כדוד כמו שנא' בענין ואדוני חכם כמלאך האלהים ואם לאו לבעבור הביא ה' הרעה: תחטאו. ב' במסורה הכא ואידך רגזו ואל תחטאו. הבושה מונעת מן החטא והכעס מביא לידי חטא וזהו ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו כל מי שיש לו בושת פנים לא במהרה הוא חוטא וזהו רגזו ואל תחטאו כי הכעס מביא לידי חטא: יראתו על פניכם. בגימ' זה הוא בושת הפנים: (יח) ומשה נגש. בפרקי ר"א גם לא נא' אלא נגש מיכאל וגבריאל אחזוהו בשתי ידיו והגישוהו אל השכינה שלא כרצונו: הערפל. בגי' שכינה:

בית יהודא

צְוֶועלְף תְּחוּם שַׁבָּת נִיר אוּנ צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְד אֵיילֶין וִוי די לֵייגֶנג פוּן זֵייעֶר מַחֲנֶה (וּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת בָּאִין וּמְסַיְּיעִים אוֹתָן לְהַחֲזִירָם) אוּנ מַלְאָכִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּנ הָאבֶּן זֵיי גֶהָאלְפֶן זֵיי זָאלֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּ זֵייעֶר אָרְט נֶעבִּין בַּארְג סִינַי (שֶׁנֶּאֱמַר) וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מַלְכֵי צְבָאוֹת יִדּוֹדוּן יִדּוֹדוּן) דִי מַלְאָכִים הָאבֶּן גֶיהָאלְפֶן דִי יוּדִין זֵיי זָאלֶען צוּרִיק שְׁפְּרִינְגֶען צוּ זֵייעֶר אָרְט צוּם בַּארְג סִינַי: (יז) [לְבַעֲבוּר נַסּוֹת אֶתְכֶם]. מֵיינְט מֶען (לְגַדֵּל אֶתְכֶם בָּעוֹלָם) מֶען זָאל אַייךְ גְרוֹס מַאכֶן אוֹיף דֶר וֶועלְט (שֶׁיֵּצֵא לָכֶם שֵׁם בְּאוּמוֹת שֶׁהוּא בִּכְבוֹדוֹ נִגְלָה עֲלֵיכֶם) עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף אַייךְ אַנָאמֶען צְווִישֶׁען דִי פֶעלְקֶער אַז הקב"ה אַלֵיין אִיז צוּ אַייךְ גֶעזֶעהֶן גֶיוָוארֶן: [נַסּוֹת]. (לְשׁוֹן הֲרָמָה וּגְדוּלָּה) נַסּוֹת מֵיינְט מֶען אוֹיפְהֵייבֶּן אוּנ גְרוֹס מַאכֶן (כְּמוֹ) וִוי עֶס שְׁטֵייט (הָרִימוּ נֵס) הֵייבְּט־אוֹיף אַפָאן (אָרִים נִסִּי) אִיךְ וֶועל אוֹיפְהֵייבֶּען מַיין פָאן (וְכַנֵּס עַל הַגִּבְעָה) וִוי מֶען הֵייבְּט־אוֹיף אַפָאן אוֹיף אַהוֹיכֶן אָרְט (שֶׁהוּא זָקוּף) דֶער פָאן אִיז אוֹיפְגֶשְׁטֶעלְט אוֹיף אַהוֹיכֶן אָרְט: [וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ וגו']. מֹשֶׁה הָאט גֶזָאגְט צוּ דִי יוּדִין (עַל יְדֵי שֶׁרְאִיתֶם אוֹתוֹ יְרֵאוּי וּמְאוּיָּם) ווייל אִיר הָט גֶזֶעהֶן וִוי פָארְכְטִיג אוּנ וִויא שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז הקב"ה (תֵּדְעוּ כִּי אֵין זוּלָתוֹ) וֶועט אִיר וִויסֶן עֶס אִיז נִיטָא אַנָאט אוֹיסֶער הקב"ה (וְתִירְאוּ מִפָּנָיו) אוּנ אִיר וֶועט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר אִים: (יח) [וְנִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל]. זָאגְט רש"י (לִפְנִים מִשָּׁלֹשׁ מְחִיצוֹת) מֹשֶׁה הָט גֶעגֶענְט בִּיז אִין דִי דְרִיטֶע פַארְשְׁטֶעלוּנג, דִי דְרַייא פַארְשְׁטֶעלוּנג זֶענֶען גֶיוֶועזֶען (הַחֹשֶׁךְ עָנָן עֲרָפֶל) פְרִיעֶר אִיז גֶיוֶועזֶען אַפִינְסְטֶערְנִיס וָוס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן הִימֶעל בִּיז דֶעם בַּארְג, וִוי אַנוֹאַנְט, נָאךְ דִי פִינְסְטֶערְנִיס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַוָואלְקִין וִוי אַנוֹאַנְט, נָאךְ דֶעם וָואלְקֶן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַפִינְסְטֶערֶער וָואלְקֶען וָוס הֵייסְט עֲרָפֶל (שֶׁנֶּאֱמַר) וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וְהָהָר בֹּעֵר בָּאֵשׁ עַד לֵב הַשָּׁמַיִם) דֶר בַּארְג הָט גֶבְּרֶענְט אִין פַייעֶר בִּיז צוּם רֶעכְטִיגֶען הִימֶעל, אוּנ עֶס אִיז גֶיוֶועזֶען חֹשֶׁךְ [פִינְסְטֶער] עָנָן [אַוָואלְקִין] עֲרָפֶל [אַגְרָאבֶּער וָואלְקִין], זָאגְט רש"י (עֲרָפֶל הוּא עַב הֶעָנָן) עֲרָפֶל אִיז דֶער גְרָאבֶּער וָואלְקִין (שֶׁאָמַר לוֹ) וָוס הקב"ה הָט גֶיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה (הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן) אִיךְ וֶועל צוּ דִיר קוּמֶען מִיט אַגְרָאבֶּען וָואלְקֶן: (יט) [כֹּה תֹאמַר]. מֵיינְט מֶען (בְּלָשׁוֹן הַזֶּה) מִיט דֶעם לָשׁוֹן זָאלְסְטוּ זָאגֶען צוּ דִי יוּדִין: [אַתֶּם רְאִיתֶם]. זָאגְט רש"י (יֵשׁ הֶפְרֵשׁ בֵּין מַה שֶּׁאָדָם רוֹאֶה לְמַה שֶּׁאֲחֵרִים מְשִׂיחִין לוֹ) עֶס אִיז דָא

רש"י

הסרת באין ומסייעין אותן להחזירן שנא' (תהלים סח) מלכי צבאות ידודון ידודון: (יז) לבעבור נסות אתכם. לגדל אתכם בעולם שיצא לכם שם באומות שהוא בכבודו נגלה עליכם: נסות. ל' הרמה וגדולה כמו (ישעיה סב) הרימו נס (שם מט) ארים נסי (שם ל) וכנס על הגבעה שהוא זקוף: ובעבור תהיה יראתו. ע"י שראיתם אותו יראוי ומאויים תדעו כי אין זולתו ותיראו מפניו: (יח) נגש אל הערפל. לפנים משלש מחיצות חשך ענן וערפל שנאמר וההר בוער באש עד לב השמים חשך ענן וערפל. ערפל הוא עב הענן שאמר לו הנה אנכי בא אליך בעב הענן: (יט) כה תאמר. בלשון הזה: אתם ראיתם. יש הפרש בין מה

שפתי חכמים

אותו שהיה עומד בסוף המחנה היה נקרא קרוב ואח"ד דלא היו נרתעים י"ב מיל א"כ זה שהיה עומד ברחב המחנה גם עתה עמד בתוך י"ב מיל ואיך אמר ויעמדו מרחוק ודו"ק: ב ר"ל דע"ש זה נקרא גם שהוא זקוף ומורם ה"נ נסות שהיו מורמים: ל לא פי'

פירוש לתורת אלהים

לְבַעֲבוּר פוּן וֶועגֶען נַסּוֹת דֶער הֵייבֶּען אֶתְכֶם אַייךְ בָּא אִיז גָאט גִיקוּמֶען רֵיידֶען מִיט אַייךְ [עיין רש"י] אוּנ נָאךְ אַמָעם וּבַעֲבוּר פוּן וֶועגֶען תִּהְיֶה עֶס זָאל זַיין זַיין פָארְכְט עַל אוֹיף אַייעֶר פָּנִים לְבִלְתִּי כְּדֵי אִיר זָאלְט נִיט זִינְדִיגֶען: (יח) וַיַּעֲמֹד אִיז דָאס פָאלְק גֶשְׁטַאנֶען פוּן וַוייטֶען וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אוּנ מֹשֶׁה הָט גִינֶעהֶנְט אֶל צוּם נֶעפֶּל אֲשֶׁר וָוס דָארְטֶען אִיז גָאט: (יט) וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל מֹשֶׁה הָט גָאט גֶזָאגְט צוּ מֹשֶׁה כֹּה אַזוֹ זָאלְסְטוּ זָאגֶען

צו

עִמָּכֶם: כ לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם: כא מִזְבַּח

כ לָא תַעְבְּדוּן קֳדָמַי דַּחֲלָן דִּכְסַף וְדַחֲלָן דִּדְהַב לָא תַעְבְּדוּן לְכוֹן: כא מַדְבַּח

תו״א לא תעשו ר״ה כד: מזבח אדמה חגיגה כו:

רשב״ם

(כ) אלהי כסף ואלהי זהב. אפי׳ לזכרון שמים לא תעשו שיש בהם טועים וסבורים שיש בהם ממש. ואע״פ שצוה הקב״ה לעשות כרובים על הארון לשבתו. נעשה דוגמת כרובי כסא של מעלה ולא להשתחוות להם: (כא) מזבח אדמה תעשה לי. לפי שהעובדי כוכבים היו עושים אשריהם על המזבחות. כדכתיב

רש״י

שאדם רואה למה שאחרים משיחין לו שמה שאחרים משיחין לו פעמים שלבו חלוק מלהאמין: כי מן השמים דברתי. וכתוב אחד אומר וירד ה׳ על הר סיני בא הכתוב השלישי והכריע ביניהם (דברים ד) מן השמים השמיעך את קולו ליסרך ועל הארץ הראך את אשו הגדולה כבודו בשמים ואשו וגבורתו על הארץ (מכילתא) ד״א הרכין שמים ושמי השמים והציען על ההר וכן הוא אומר (תהלים יח) ויט שמים וירד: (כ) לא תעשון אתי. לא תעשון דמות שמשי המשמשים לפני במרום (מכילתא): אלהי כסף. בא להזהיר על הכרובים שאתה עושה לעמוד אתי שלא יהיו של כסף שאם שניתם לעשותן של כסף הרי הן לפני כאלהות: ואלהי זהב. בא להזהיר שלא יוסיף על ב׳ שאם עשית ד׳ הרי הן לפני כאלהי זהב: לא תעשו לכם. לא תאמר הריני עושה כרובים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות כדרך שאני עושה בבית עולמים לכך נאמר לא תעשו לכם: (כא) מזבח אדמה. מחובר באדמה שלא יבננו על גבי עמודים או על גבי כיפים (כ״א בסים) (מכילתא). ד״א שהיה ממלא את חלל מזבח

בית יהודא

אחילוק ואפטיילונג] צווישען די זאך וואס דר מענטש זעהט צו די זאך וואס אנדערע דערציילען אים (שמה שאחרים משיחין לו) ווארום די זאך וואס אנדערע דערציילין אים (פעמים שלבו חלוק מלהאמין) איז אמאהל זיין הארץ אפגעטיילט פון דיא זאך אונ ער גלויבט ניט, אבער איר הט אליין געזעהן (כי מן השמים דברתי עמכם) אז איך האב צו אייך גרעט פון הימל, פרעגט רש״י (וכתוב אחד אומר וירד ה׳ על הר סיני) אונ איין אנדער פסוק זאגט הקדוש ברוך הוא הט גענידערט אויף דעם בארג סיני, הט דאך הקדוש ברוך הוא גערעט צו די יודען פון בארג סיני (בא הכתוב השלישי והכריע ביניהם) קומט אדריטער פסוק פארגלייכט די ביידע פסוקים, אין דריטען פסוק שטייט (מן השמים השמיעך את קולו ליסרך ועל הארץ הראך את אשו הגדולה) הקב״ה הט דיר געמאכט הערן זיין שטימע פון הימעל דיך צו שטראפען אונ אויף די ערד הט ער דיר געוויזען זיין גרויסען פייער, אזוי מיינט דר פסוק (כבודו בשמים) זיין כבוד איז געוועזן אין הימעל (ואשו וגבורתו על הארץ) זיין פייער אונ זיין שטארקייט איז געוועזן אויף די ערד (דבר אחר) נאך אפירוש איז (הרכין השמים ושמי השמים והציען על ההר) הקב״ה הט אראפגעבויגען די הימלען אונ האט זיי פארשפרייט אויף דעם בארג סיני נזענען ריכטיג ביידע פסוקים ווען הקב״ה הט גערעט צו די יודען איז דס געוועזן פון הימעל אונ פון בארג] (וכן הוא אומר) אונ אזוי זאגט דוד המלך ע״ה (ויט שמים וירד) הקב״ה האט געבייגט דעם הימעל ואויף דעם בארג] אונ האט אראפגענידערט אויף דעם בארג: (כ) ולא תעשון אתי]. מיינט מען (לא תעשון דמות שמשי המשמשים לפני במרום) איר זאלט ניט מאכן אבילד וום זאל זיין גלייך צו מיינע דינערם וואס בעדינען פאר מיר אין הימעל: ואלהי כסף]. זאגט רש״י (בא להזהיר על הכרובים שאתה עושה לעמוד אתי) הקב״ה איז געקומען זאגען צו משה דיא כרובים וואס מען וועט מאכען אויף דעם ארון וואס וועט שטיין מיט מיר אין קדשי קדשים (שלא יהיו של כסף) זאלען זיי ניט זיין פון זילבער (שאם שניתם לעשותן של כסף) אויב איר וועט ענדערן מיינע רייד אונ איר וועט מאכען דיא כרובים פון זילבער (הרי הן לפני כאלהות) וועט זיין בייא מיר גלייך ווי איר הט געמאכט זילבערנע געטער: ואלהי זהב]. זאגט רש״י (בא להזהיר) הקב״ה איז געקומען זאגן צו משה (שלא יוסיף על שנים) ער זאל ניט מאכן מער ווי צווייא כרובים (שאם עשית ארבע) אויב דוא וועסט מאכען פיר כרובים (הרי הן לפני כאלהי זהב) וועט זיין ביי מיר גלייך ווי דו וואלסט מאכן גאלדענע געטער: ולא תעשו לכם]. הקב״ה האט געזאגט (לא תאמר הריני עושה כרובים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות) דו זאלסט ניט זאגען איך וועל מאכען כרובים אין די שוהלען נום מען דאווינט אין זיי אונ אין דיא בתי מדרשים (כדרך שאני עושה בבית עולמים) ווייא איך מאך אין בית המקדש (לכך נאמר לא תעשו לכם) דריבער זאגט דר פסוק (לא תעשו לכם) די כרובים זאלט איר ניט מאכן צוא אייך, נאר אין משכן: (כא) ומזבח אדמה]. מיינט מען (מחובר באדמה) דער מזבח זאל זיין בהעפט צו די ערד ודר מזבח איז געוועזן געמאכט ווי אקאסטען פון ברעטער, אויף די ברעטער איז געוועזן אקופערנע פלאטע, נאר ער האט געמוזט שטיין אויף די ערד] (שלא יבננו על גבי עמודים או על גבי כיפין) מען זאל ניט באהען [שטעלען] דעם מזבח אויף זיילען אדער אויף איין געוועלבטן מאהער (דבר אחר) נאך אפירוש איז מזבח אדמה (שהיה ממלא את חלל מזבח הנחשת אדמה בשעת חנייתן) ווען די יודען האבען גערוהט

שפתי חכמים

וכסדר הזה דכאן אין נפקותא בזה הסדר: מ (מהר״ן) דאל״כ למה קורא מזבח אדמה והלא היה מעצי שטים ומצופה נחושת כדכתיב בפ׳

פירוש לתורת אלהים

צוא דיא קינדער ישראל אתם איר האט דאך אליין געזעהן כי אז איך האב מיט אייך אליין גירעט פון דעם הימל (עיין רש״י) דרום זאג איך אייך: (כ) לא תעשון אתי איר זאלט ניט מאכען [עיין רש״י] אלהי אפ געטער פון זילבער ואלהי אדר אפ געטער פון גאלד לא תעשו לכם זאלט איר ניט מאכען צוא אייך (עיין רש״י): (כא) מזבח אמזבח אוף דער ערד זאלסטו מאכען צוא מיר דו זאלסט ניט בוען אים אוף זיילר

מצות השם

(לט) (לא תעשון אתי) די מצוה איז מען טאר ניט מאכען קיין בילד עס זאל זיין אזו ווי איין מענטש אום געהאקט ווארום מען קען זיך טועה זיין אז דאס איז איין ע״ז אונ מען טאר ניט מאכען קיין מנורה מיט זיבן רערען אזו באלד זיא איז נאר אים אייז מין אזען ווערג ווייל אזא זאך וואס עס איז געוועזען אין ביהמ״ק טאר מען ניט אזא זאך נאך מאכען אבער אז עס איז ניט קיין אזען הארג מעג זיין אפילו מיט זיבן רערן אונ די לא תעשה איז נוהג בייא זכרים אונ נקבות:

אֲדָמָה תַּעֲשֶׂה־לִּי וְזָבַחְתָּ עָלָיו אֶת־
עֹלֹתֶיךָ וְאֶת־שְׁלָמֶיךָ אֶת־צֹאנְךָ
וְאֶת־בְּקָרֶךָ בְּכָל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר
אַזְכִּיר אֶת־שְׁמִי אָבוֹא אֵלֶיךָ
וּבֵרַכְתִּיךָ׃ כב וְאִם־מִזְבַּח אֲבָנִים

אונקלוס

אַדְמְתָא תַּעְבֵּד קֳדָמַי
וּתְהֵי דָבַח עֲלוֹהִי יָת
עֲלָוָתָךְ וְיָת נִכְסַת קוּדְשָׁךְ
מִן עָנָךְ וּמִן תּוֹרָךְ בְּכָל
אַתְרָא דִּי אַשְׁרֵי יָת
שְׁכִנְתִּי לְתַמָּן אֶשְׁלַח
בִּרְכְתִּי לָךְ וַאֲבָרְכִנָּךְ׃
כב וְאִם מַדְבַּח אַבְנִין

תו"א וזבחת עליו זבחים נח:

רשב"ם

בגדעון ואת האשרה אשר עלי' תכרת וכתיב בזכר בניהם מזבחותם ואשריהם וגו' לא תטע לך אשרה כל עץ אצל מזבח. לכך אומר הקב"ה אפי' אם תעשה לי מזבח לא תעשהו אלא מאדמה שאין רגילים [בו] ציורים וצלמים כ"א מלאכה חלקה ואף אם תרצה לעשות מזבח אבנים. אבנים שלימות תבנה את מזבח ה' אלהיך.

בעל הטורים

(כא) אבוא אליך. אבוא עולה עשרה לו' שאם אמלא י' בכהכ"נ אבוא

בית יהודא

אויף אֵיין אָרְט אוּנ מֶען הָט גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם מִזְבֵּחַ אִין הוֹיף פוּן מִשְׁכָּן הָט מֶען אִין דֶעם קאסְטֶען אַרַיינְגֶעשָׁאטֶען עֶרְד בִּיז פוּהְל, אוּנ אוֹיבִין הָט מֶען גֶעלֵייגְט דִי קוּפֶּערְנֶע פְּלַאטֶע: [תַּעֲשֶׂה לִּי]. מֵיינְט מֶען (שֶׁתְּהֵא תְּחִלַּת עֲשִׂיָּיתוֹ לִשְׁמִי) וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבֶּן מַאכֶן דֶעם מִזְבֵּחַ, זָאלְסְטוּ אִים מַאכֶן פוּן מַיינֶעטְוֶועגֶען: [וְזָבַחְתָּ עָלָיו]. נִיט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ זָאל מֶען שֶׁעכְטֶען, נָאר (אֶצְלוֹ) נֶעבֶּן מִזְבֵּחַ (כְּמוֹ) וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וְעָלָיו מַטֵּה מְנַשֶּׁה) מֵיינְט מֶען אוֹיךְ נֶעבֶּן אִים אִיז דֶער שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה, פְּרֶעגְט רַשִׁ"י (אוֹ אֵינוֹ) אָדֶער גֵיין (אֶלָּא עָלָיו מַמָּשׁ) טָאמֶער דַארְף מֶען שֶׁעכְטֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ (תַּלְמוּד לוֹמַר הַבָּשָׂר וְהַדָּם עַל מִזְבַּח ה' אֱלֹהֶיךָ) זָאגְט דֶער פָּסוּק דָם פְלֵייש אוּנ דָאס בְּלוּט זָאל מֶען מַקְרִיב זַיין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ פוּן הקב"ה (וְאֵין שְׁחִיטָה בְּרֹאשׁ הַמִּזְבֵּחַ) אָבֶער דָם שֶׁעכְטֶען דַארְף נִיט זַיין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ: [וְאֶת עוֹלֹתֶיךָ וְאֶת שְׁלָמֶיךָ]. (אֲשֶׁר מִבְּקָרְךָ וּמִצֹּאנְךָ) דוּ זָאלְסְט מַקְרִיב זַיין דַיינֶע עוֹלוֹת אוּנ שְׁלָמִים פוּן דַיינֶע רִינְדֶער אוּנ שָׁעפְּסֶען: [וְאֶת צֹאנְךָ וְאֶת בְּקָרֶךָ]. זָאגְט רַשִׁ"י (פֵּירוּשׁ לְאֶת עוֹלֹתֶיךָ וְאֶת שְׁלָמֶיךָ) מֶען מֵיינְט דַיינֶע עוֹלוֹת אוּנ דַיינֶע שְׁלָמִים וָוס דוּ וֶועסְט מַקְרִיב זַיין פוּן דַיינֶע שָׁעפְּסֶן אוּנ פוּן דַיינֶע רִינְדֶער: [בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי]. מֶען מֵיינְט (אֲשֶׁר אֶתֵּן לְךָ רְשׁוּת לְהַזְכִּיר שֵׁם הַמְּפוֹרָשׁ שֶׁלִּי) הקב"ה זָאגְט אוֹיף וֶועלְכֶען אָרְט אִיךְ וֶועל דִיר עֶרְלוֹיבֶּען דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְרֵיידֶען מַיין נָאמֶען אִין גַאנְצֶען (שָׁם אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ) דָארְטֶען וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר אוּנ וֶועל דִיךְ בֶּענְטְשֶׁען (אַשְׁרֶה שְׁכִינָתִי עָלֶיךָ) אִיךְ וֶועל מַאכֶען רוּהֶען מַיין שְׁכִינָה אוֹיף דִיר (מִכָּאן אַתָּה לָמֵד) פוּן דַאנֶען קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען (שֶׁלֹּא נִיתַּן רְשׁוּת לְהַזְכִּיר שֵׁם הַמְּפוֹרָשׁ) עֶס אִיז נִיט גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען עֶרְלוֹיבֶּענִיס צוּם אַרוֹיסְרֵיידֶען דֶעם גְרוֹיסֶען נָאמֶען פוּן הקב"ה (אֶלָּא בְּמָקוֹם שֶׁהַשְּׁכִינָה בָּאָה שָׁם) נָאר אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס דִי שְׁכִינָה קוּמְט דָארְטֶען (וְזֶהוּ בֵּית הַבְּחִירָה) דָם מֵיינְט מֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (שָׁם נִיתַּן רְשׁוּת לַכֹּהֲנִים לְהַזְכִּיר שֵׁם הַמְּפוֹרָשׁ בִּנְשִׂיאַת כַּפַּיִם לְבָרֵךְ אֶת הָעָם) דָארְטֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעגֶעבֶּן גֶעוָוארֶען עֶרְלוֹיבֶּענִיס צוּ דִי כֹּהֲנִים זֵיי זָאלֶען דֶערְמָאנֶען דֶעם גְרוֹיסֶען נָאמֶען פוּן הקב"ה וֶוען זֵיי וֶועלֶען אוֹיפְהֵייבֶּען דִי הֶענְט צוּם דוּכְנֶען צוּ בֶּענְטְשֶׁען דִי יוּדֶען: (כב) [וְאִם מִזְבַּח אֲבָנִים]. רַשִׁ"י שְׁרַייבְּט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל זָאגְט (כָּל אִם וְאִם שֶׁבַּתּוֹרָה רְשׁוּת) וָואוּ עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה "אִם" אוֹיבּ, אִיז דָם אַרְשׁוּת, וְוִיא מֶען וִויל, אוֹיבּ מֶען וִויל טוּט מֶען דִי מִצְוָה, אוּנ אוֹיבּ מֶען וִויל נִיט טוּט מֶען נִיט (חוּץ מִשְּׁלֹשָׁה) נָאר דְרַייא מָאל "אִם" שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה וָוס מֶען מוּז זֵיי טָאהְן. (וְאִם מִזְבַּח אֲבָנִים תַּעֲשֶׂה לִּי, הֲרֵי אִם זֶה מְשַׁמֵּשׁ בִּלְשׁוֹן כַּאֲשֶׁר) דֶער וָוארְט "אִם" אִיז גְלַייךְ וְוִיא עֶס וָואלְט גֶעשְׁטַאנֶען "כַּאֲשֶׁר", אוּנ אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק (וְכַאֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה לִּי מִזְבַּח אֲבָנִים) אַז דוּ וֶועסְט מַאכֶן צוּ מִיר אַמִזְבֵּחַ פוּן שְׁטֵיינֶער (לֹא תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית) זָאלְסְטוּ נִיט בָּאהֶען דֶעם מִזְבֵּחַ פוּן גֶעהַאקְטֶע שְׁטֵיינֶער, אוּנ מִיר קֶענֶען נִיט זָאגֶען אִם מִזְבַּח אֲבָנִים, אוֹיבּ דוּא וֶועסְט בָּאהֶען אַמִזְבֵּחַ פוּן שְׁטֵיינֶער (שֶׁהֲרֵי חוֹבָה עָלֶיךָ לִבְנוֹת מִזְבַּח אֲבָנִים) מֶען מוּז דָאךְ בָּאהֶען אַמִזְבֵּחַ

רש"י

הנהשת אדמה בשעת חנייתן: תעשה לי. שתהא תחילת עשייתו לשמי: וזבחת עליו. אצלו כמו (במדבר ב) ועליו מטה מנשה (מכילתא). (זבחים נח) או אינו אלא עליו ממש ת"ל הבשר והדם על מזבח ה' אלהיך ואין שחיטה בראש המזבח: את עלתיך ואת שלמיך. אשר מצאנך ג ומבקרך את צאנך ואת בקרך פירוש לאת עולתיך ואת שלמיך: בכל המקום אשר אזכיר את שמי. אשר אתן לך ס רשות להזכיר שם המפורש שלי שם אבוא אליך וברכתיך אשרה שכינתי עליך מכאן אתה למד שלא ניתן רשות להזכיר שם המפורש אלא במקום שהשכינה באה שם וזהו בית הבחירה שם ניתן רשות לכהנים להזכיר שם המפורש בנשיאת כפים לברך את העם: (כב) ואם מזבח אבנים. (מכילתא) רבי ישמעאל אומר כל אם ואם שבתורה רשות חוץ מג' ואם מזבח אבנים תעשה לי הרי אם זה משמש בל' כאשר וכאשר תעשה לי מזבח אבנים לא תבנה אתהן גזית שהרי חובה עליך

שפתי חכמים

תרומה: נ הוסיף מלת אשר כדי שיהיה מאמר את צאנך ואת בקרך פי' למאמר את עולותיך ואת שלמיך ופי' מלת את במקום מן כאלו אמר וזבחת את עולותיך ואת שלמיך מן צאנך ומן בקרך: ס והזכיר יוצא לשלישי דאל"כ תזכור שמי מבע"ל. ופי' שם המיוחד לי שהוא שם

פירוש לתורת אלהים

נָאר עֶר זָאל שְׁטֵיין אוֹיף דֶער עֶרְד וְזָבַחְתָּ אוּנ דוּ זָאלְסְט שֶׁעכְטֶען אוֹיף אִים אֶת עוֹלֹתֶיךָ דַיינֶע עוֹלוֹת וְאֶת שְׁלָמֶיךָ אוּנ דַיינֶע שְׁלָמִים וָוס זֵייא זֶענֶען אֶת צֹאנְךָ פוּן דַיינֶע שָׁאף וְאֶת בְּקָרֶךָ אוּנ פוּן דַיינֶע רִינְדֶער בְּכָל הַמָּקוֹם אוֹיף אִיטְלִיכֶען אָרְט דָאס מֵיינְט מֶען אִין ביהמ"ק אֲשֶׁר וָואס אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען רְשׁוּת צוּא דֶער מַאנֶען מַיין נָאמֶען דֶעם שֵׁם הַמְּפוֹרָשׁ [פַּיִין רמ"ז] אָבוֹא אֵלֶיךָ וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר וּבֵרַכְתִּיךָ אוּנ וֶועל דִיךְ בֶּענְטְשֶׁן אִיךְ וֶועל דָארְטֶען מַאכֶען רוּהֶן מַיין שְׁכִינָה: (כב) וְאִם אוּנ אַז דוּא וֶועסְט מִיר מַאכֶען

תַּעֲשֶׂה־לִּי לֹא־תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית כִּי
חַרְבְּךָ הֵנַפְתָּ עָלֶיהָ וַתְּחַלְלֶהָ׃
כג וְלֹא־תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל־מִזְבְּחִי

תעבד קדמי לא תבני
יתהון פסילן לא תרים
חרבך עלה ותחללנה׃
כג ולא תסק בדרגין על

רשב"ם

מזבח אבנים לא תניף עליהם ברזל ככתוב במשנה תורה:(כב) לא תבנה אתהן גזית. כי כשבונין אותם גזית בכלי ברזל רגילין המסתתים לעשות בהם ציורים וצלמים כדכתיב בישעיה גבי צלמים חרש ברזל מעצד ופעל בפחם ובמקבות יצרהו. יתארהו בשרד. יעשהו במקצעות. ובמחוגה יתארהו:(כג) ולא תעלה במעלות. לפיכך עשו של אבנים משופע גבוה עשר וארכו של שלשים וגם מלח משליכים עליו שלא יחליקו הכהנים בעלותם בו: חסלת פרשת יתרו מיסוד רבינו שמואל:

רש"י

לבנות מזבח אבנים שנא' (דברים כז) אבנים שלמות תבנה וכן (שמות כב) אם כסף תלוה חובה הוא שנא' (דברים טו) והעבט תעביטנו ואף זה משמש בלשון כאשר וכן (ויקרא ב) ואם תקריב מנחת בכורים זו מנחת העומר שהיא חובה ועל כרחך אין אם הללו תלוין אלא ודאין ובלשון כאשר הם משמשים: גזית. לשון גזיזה שפוסלן ומכתתן בברזל: כי חרבך הנפת עליה. הרי כי זה משמש בל' פן שהוא דילמא פן תניף חרבך עליה: ותחללה. הא למדת שאם הנפת עליה ברזל חללת (פ"ג דמדות) שהמזבח נברא להאריך ימיו של אדם והברזל נברא לקצר ימיו של אדם אין זה בדין שיונף המקצר על המאריך. ועוד שהמזבח מטיל שלום בין ישראל לאביהם שבשמים לפיכך לא יבא עליו כורת ומחבל והרי דברים ק"ו ע ומה אבנים שאינם רואות ולא שומעות ולא מדברות ע"י שמטילות שלום אמרה תורה לא תניף עליהם ברזל המטיל שלום בין איש לאשתו בין משפחה למשפחה בין אדם לחבירו על אחת כמה וכמה שלא תבואהו פורענות: (כג) ולא תעלה במעלות.

בית יהודא

פון שטיינער (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (אבנים שלמות תבנה) דו זאלסט באהען דעם מזבח פון גאנצע שטיינער (וכן אם כסף תלוה, חובה הוא) עס שטייט אין פסוק אם כסף תלוה, קענען מיר ניט טייטשען אויב דו וועסט פארבארגען געלט צום ארעם מאן, ווארום מען ... פארבארגען געלט צום ארעם מאן (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק והעבט תעביטנו, דו זאלסט פארבארגען געלט צום ארעם מאן (ואף זה משמש בלשון כאשר) דעם ווארט „אם" לערנען מיר אויך ווי עס וואלט געשטאנען כאשר, אונ אזוי מיינט דר פסוק (כאשר כסף תלוה) אז דו וועסט פארבארגען געלט צו א ארעם מאן, זאלסטו אים גיט מאנען (וכן ואם תקריב מנחת בכורים) קענען מיר ניט טייטשען אויב דו וועסט מקריב זיין די מנחת בכורים (זו מנחת העומר שהיא חובה) מנחת בכורים מיינט מען דאך די מנחת העומר, אונ די מנחה מוז מען דאך מקריב זיין (ועל כרחך אין אם הללו תלוין) מוזען מיר זאגען די דריי „אם" זענען ניט אספק (אלא ודאין) נאר געוויסע (ובלשון כאשר הם משמשים) אונ מיר מוזען לערנען די אלע דריי אם ווי עס וואלט געשטאנען כאשר: גזית. (לשון גזיזה) אפשערען (שפוסלן ומכתתן בברזל) ער האקט ארום די שטיינער מיט א אייזען זייא זאלן זיין גלייך אין אלע זייטען: וכי חרבך הנפת עליה. זאגט רש"י (הרי כי זה משמש בלשון פן, שהוא דילמא) דר ווארט כי איז דערטייטש „טאמער" (פן תניף חרבך עליה) טאמער וועסטו אויפהייבען דיין שווערד אויף דעם מזבח (ותחללה) האסטו געמאכט פסול דעם מזבח (הא למדת שאם הנפת עליה ברזל חללת) האסטו געלערנט אויב דו האסט אויפגעהויבען א אייזען אויף דעם מזבח אונ דו האסט ארומגעהאקט די שטיינער האסטו פסול געמאכט דעם מזבח (שהמזבח נברא להאריך ימיו של אדם) ווארום דר מזבח איז באשאפען געווארן ער זאל דערלייגערען דיא טעג אונ די יאהרען פון מענטשען (והברזל נברא לקצר ימיו של אדם) דר אייזען איז באשאפען געווארען אפצוקירצען די יאהרען פון מענטשען (אין זה בדין שיונף המקצר על המאריך) איז ניט דער דין דער וואס קירצט אפ די יאהרען פון מענטשען (דער אייזען) זאל אויפגעהויבען ווערן אויף דעם מזבח וואס ער דערלייגערט די יאהרען פון מענטשען (ועוד) נאך א טעם איז (שהמזבח מטיל שלום בין ישראל לאביהם שבשמים) ווייל דער מזבח מאכט שלום צווישען די יודען אונ הקב"ה, אז דר מענטש האט געזינדיגט אונ הקב"ה איז אויף אים בייז געוועען, אז ער ברייינגט א קרבן אויף דעם מזבח איז אים הקב"ה מוחל די זינד (לפיכך לא יבא עליו כורת ומחבל) דריבער דארף ניט קומען אויף דעם מזבח א אייזען ער זאל פון אים עפעס אפהאקען, זאגט רש"י (הרי דברים קל וחומר) פון די זאכען קענען מיר לערנען אקל וחומר ופון די גרינגערע אויף די שווערע (ומה אבנים שאינם רואות ולא שומעות ולא מדברות) מאדאך שטיינער וואס זעהן ניט אונ הערן ניט אונ ריידען ניט (על ידי שמטילות שלום) ווייל דורך זייא ווערט שלום (אמרה תורה לא תניף עליהם ברזל) האט די תורה געבאטען מען זאל ניט אויפהייבען אויף זיי א אייזען (המטיל שלום בין איש לאשתו בין משפחה למשפחה בין אדם לחבירו) דער מענטש וואס מאכט שלום צווישען מאן אונ ווייב, צווישען איין משפחה ופאמיליען צו די אנדערע משפחה ופאמיליען אונ צווישען איין מענטש אונ דעם אנדערן (על אחת כמה וכמה שלא תבואהו פורענות) איז געוויס אז אויף אים וועט קיין צרות קומען: (כג) ולא תעלה במעלות. זאלסט ניט ארויף גיין מיט טרעפ אויף דעם מזבח (כשאתה בונה כבש למזבח) ווען

שפתי חכמים

המפורש שלא ניתן רשות להזכירו רק בבהמ"ק שהשכינה באה שם ולא כן שאר שמות הקודש שנזכרים בכ"מ: ע כלומר אל תאמר מאי

פירוש לתורת אלהים

א מזבח פון שטיינער לא זאלסטו זייא ניט בויען פון גיהאקטע שטיינער כי טאמער וועסטו אויף הייבן דיין שווערד אויף זיי דו זאלסט זיי אפ האקין ותחללה האסטו זיי גמאכט פסול צום מזבח [עיין רש"י]: (כג) ולא אונ דוא זאלסט ניט אויף גיין במעלות מיט טרעפ אויף מיין מזבח אשר עס זאל ניט אנטפלעקט

מצות השם

(כב) (לא תבנה אתהן גזית) דאס איז דיא לא תעשה אז דוא ווערט מאכן איין מזבח אום שטיינר טארסט דו ניט בויען ניט גיטעסטע שטיינר אונ דיא מצוה איז ניהג ווען דם ביהמ"ק איז געשטאנן סייא בייא זכרים אונ סייא בייא נקבות:

אֲשֶׁר לֹא־תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו׃ פפפ

מדבחי דלא תתגלי ערייתך עלוהי׃ פפפ

תו״א לא תגלה גזיר מה׃

ע״ב . יוכד״ב סימן . ומפטירין בשנת מות המלך עוזיהו בישעיה סימן ו׳ ׃

בעל הטורים

אליך וברכתיך ׃ (כג) תגלה . ג׳ במסו׳ הכא ואידך תגלה רעתו בקהל . בטרם תגלה רעתך לו׳ שאם יגלה ערותו על המזבח תגלה רעתו בקהל ׃

בית יהודא

דו וועסט באהען ומאכען) די בּרעט מען זאל דורך איר ארויפגיין אויף דעם מזבח (לא תעשהו מעלות מעלות) זאלסטו ניט מאכען טרעפ (אלא חלק יהא ומשופע) נאר די ברעט זאל זיין גלאט אונ קרום ׃ ואשר לא תגלה ערותך) . עס זאל ניט אויפגעדעקט ווערען דיין שאנדע אויף די טרעפ (שעל ידי המעלות) ווארום דורך דעם גיין אויף די טרעפ (אתה צריך להרחיב פסיעותיך) דארפסטו דערברייטערן דייגע טריט , דערוויטערן איין פוס פון אנדערען , וועט דאך געזעהן ווערען דיין שאנדע אויף די טרעפ , זאגט רש״י (ואף על פי שאינו גלוי ערוה ממש) אפילו אין אמת ווערט די ערוה ניט געזעהן (שהרי כתיב ועשה להם מכנסי בד) ווארום דיא תורה הט געשריבען מען זאל מאכען צו די כהנים הויזען פון לייגוואנד (מכל מקום) פון דעסטוועגען (הרחבת הפסיעות) דם דערברייטערונג פון די טריט , ווס ער רוקט אפ איין פוס פון אנדערען (קרוב לגלוי ערוה הוא) דם איז אויך ניט שיין , אונ עס זעהט אוים ניט שיין פר דעם מזבח אזוי וויא די שאנדע וואלט געזעהן געווארען (ואתה נוהג בם מנהג בזיון) מאכסטו דאך אשאנדע צו די טרעפ פון מזבח (והרי דברים קל וחומר) פון די זאכען קענען מיר לערנען אקל וחומר (ומה אבנים הללו שאין בהם דעת להקפיד על בזיונן) מאדאך די שטיינער פון מזבח וואס זיי האבען קיין שכל וקיין לעבהאפטיגען פארשטאנד] זיי זאלען האבען צער אז מען וועט זיי פארשעמען, פון דעסטוועגען (אמרה תורה) הט די תורה געזאגט (הואיל ויש בהם צורך) ווייל מען דארף זייא (לא תנהוג בהם מנהג בזיון) זאלסטו ניט טאהן צו זייא אשענדליכע זאך (חברך שהוא בדמות יוצרך ומקפיד על בזיונו) דיין חבר ונאך אמענטש] ווס ער איז באשאפען געווארען אין דעם פארגלייכונג צו הקב״ה אונ ער האט צער אז מען פארשעמט אים (על אחת כמה וכמה) איז דאך געוויס אז מען טאר אים ניט פארשעמען ׃

רש״י

כשאתה בונה כבש למזבח לא תעשהו פ מעלו׳ מעלו׳ אשקלונ״ש בלע״ז (שטופען שטאפלען) אלא חלק יהא ומשופע ׃ אשר לא תגלה ערותך. שע״י המעלות אתה צריך להרחיב פסיעותיך ואע״פ שאינו גלוי ערוה ממש שהרי כתיב ועשה להם מכנסי בד מ״מ הרחבת הפסיעות קרוב לגלוי ערוה הוא ואתה נוהג בהם מנהג בזיון והרי דברים ק״ו ומה אבנים הללו שאין בהם דעת להקפיד על בזיונן אמרה תורה הואיל ויש בהם צורך לא תנהג בהם מנהג בזיון חבירך שהוא בדמות יוצרך ומקפיד על בזיונו על אחת כמה וכמה ׃ חסלת פרשת יתרו

שפתי חכמים

איכפת ליה להאבן אם תביא עליו כורת ומחבל ומתרץ כדי ללמדך ק״ו וכן ל״ל בסמוך וק״ל ׃ פ דק״ל ממ״כ אם עשו מעלות למזבח מוכרח הוא הכהן לעלות ואם לא עשו מעלות מהיכא תיתי שיעלו לכך פי׳ וכו׳ והאזהרה היא לבונה כשיבנה מזבח שלא יעשהו מעלות ׃

פירוש לתורת אלהים

ווערן ערותך עליו דיין ערוה אויף אים מחמת דעם ווס טרעפ מוז מען צו שפאנען דיא פיס ווערט די ערוה געזעהן אונ דאס איז אבזיון פאר די שטיינער [פי׳ רס״ג] ׃ מען דארף גיין פון איין טרעפ אויף דעם אנדערען

מצות השם

(מא) (ולא תעלה במעלות על מזבחי) דיא מצוה איז ערקלערט פין דעם פסוק אונ זיא איז נוהג ווען דאס בית המקדש איז געשטאנען סייא בייא זכרים אונ סייא בייא נקבות ׃

הפטרת יתרו (בישעיה סימן ו׳)

בִּשְׁנַת־מוֹת הַמֶּלֶךְ עֻזִּיָּהוּ וָאֶרְאֶה אֶת־אֲדֹנָי יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא רָם וְנִשָּׂא וְשׁוּלָיו מְלֵאִים אֶת־הַהֵיכָל׃ שְׂרָפִים עֹמְדִים ׀ מִמַּעַל לוֹ שֵׁשׁ כְּנָפַיִם שֵׁשׁ כְּנָפַיִם לְאֶחָד בִּשְׁתַּיִם ׀ יְכַסֶּה פָנָיו וּבִשְׁתַּיִם יְכַסֶּה רַגְלָיו וּבִשְׁתַּיִם יְעוֹפֵף׃ וְקָרָא זֶה אֶל־זֶה וְאָמַר קָדוֹשׁ ׀ קָדוֹשׁ קָדוֹשׁ יְהוָה צְבָאוֹת מְלֹא כָל־הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׃ וַיָּנֻעוּ אַמּוֹת הַסִּפִּים מִקּוֹל הַקּוֹרֵא

פירוש ע״ט

בשנת אין דעם יאר מות אז ער איז קרעצג געווארען המלך עוזיהו דר מלך עוזיהו מחמת ער האט געוואלט מקטיר זיין קטורת אין בהמ״ק זאגט ישעיה הנביא ואראה האב איך גיזעהן את אונ אדני גאט יושב זיצט אויף דער שטול רם די הויכי ונשא אונ די דער הויבענע ושוליו אונ זיין זום כלומר זיינע פיס מלאים האבען דר פולט דעם היכל שרפים ברענדיגי מלאכים עומדים שטיין ממעל פון אובען אין הימל לו צו ביי דינען אים שש כנפים זעקס פליגל לאחד צו איינם בשתים מיט צוויי פליגל דעקט ער זיך צו זיין פנים כדי ער זאל ניט זעהן דיא שכינה ובשתים אונ מיט צווייא פליגל דעקט ער זיך צו זיינע פיס כדי זיין גאנץ לייב זאל ניט גיזעהן ווערען פאר גאט ב״ה ובשתים אונ מיט צוויי פליגל טוט ער שוועבן אונ דינען גאט ב״ה וקרא זה אל זה איינער רופט דעם אנדערן כלומר זיי נעמן רשות איינער פון דעם אנדערן זיי זאלן זאגן אלי גלייך קדושה ואמר אונ איטליכער מלאך זאגט קדוש גאט איז הייליג אויף דעם הימל קדוש גאט איז הייליג אויף דער ערד קדוש גאט איז הייליג אויף אייביג יי׳ גאט צבאות הערשאפט ער איז איבר גאר דר וועלט מלא

והבית ימלא עשן: ואמר אוי־לי כי־נדמיתי כי איש טמא־שפתים אנכי ובתוך עם־
טמא שפתים אנכי ישב כי את־המלך יהוה צבאות ראו עיני: ויעף אלי אחד מן־
השרפים ובידו רצפה במלקחים לקח מעל המזבח: ויגע על־פי ויאמר הנה נגע זה
על־שפתיך וסר עונך וחטאתך תכפר: ואשמע את־קול אדני אמר את־מי אשלח
ומי ילך־לנו ואמר הנני שלחני: ויאמר לך ואמרת לעם הזה שמעו שמוע ואל־תבינו
וראו ראו ואל־תדעו: השמן לב־העם הזה ואזניו הכבד ועיניו השע פן־יראה בעיניו
ובאזניו ישמע ולבבו יבין ושב ורפא לו: ואמר עד־מתי אדני ויאמר עד אשר אם־

פירוש ע"ט

זיין כבוד איז פול דיא גאנצע וועלט וינעו אונ זענען גוואָרן פאר וואָגלט כלומר זיי האָבן געציטערט אמות די בייא שטידלך פון דעם הימל מקול מחמת דעם קול פון די מלאכים והבית אונ דס בהמ"ק ימלא איז גוואָרן דער פולט מיט רוך ואמר האָב איך ישעיה געזאָגט אוי לי וויי מיר כי איך וועל פאר שניטן ווערן כלומר איך וועל שטארבן כי וואָרום איש איך בין אזו אמענש וואס איך האָב אום ריינע לעפצן ובתוך אונ צווישן אזו אפאלק וואס זייא האָבן אום ריינע לעפצין אנכי יושב זיין איך כי וויל מיינע אויגן האָבען געזעהן גאט וואס ער איז אמלך איבר אלע הערשאפט ויעף האט גישוועבט צו מיר אחד איינער פון די ברענעדיגע מלאכים ובידו אונ אין זיין האנד רצפה אברענדעגע קויל במלקחים מיט אצוואנגל לקח האט ער די קויל גנומען פון דעם מזבח ויגע האט ער אן גרירט מיט דר קויל אוף מיין מויל ויאמר אונ האט געזאָגט הנה נון נגע ער האט אן גרירט די קויל אוף דיינע לעפצן וסר אונ עס איז אפּ גטאהן דיין זינד וואָרום מיט דר קויל האט זיך אפּ גטאן דיין עבירה וחטאתך אונ דיין עבירה איז פאר געבן גוואָרן אונ דער נאך ואשמע האָב איך ישעיה געהערט את דאס קול פון גאט זאָגט את וועמן וועל איך שיקן ומי אונ ווער וויל גיין פאר אונז אין שליחות צוא שטראָפן דיא ישראל ואמר האָב איך געזאָגט הנני איך בין אן גברייט צו גיין שיק מיך ויאמר האט גאט געזאָגט צו מיר לך גיי צו די ישראל ואמרת אונ זאָלסט זאָגן צוא דעם דאזיגן פאלק ישראל איך זאָג אייך שמעו איר זאָלט הערען שמוע אהערונג דאס איז דיא שטראף רייד פון דיא נביאים ואל אונ איר גיט ניט אייער הארץ צו פאר שטיין אונ איך זאָג אייך וראו ראו איר זאָלט זעהן די נסים וואס איך האָב אייך געטאהן ואל אונ איר ווילט אייער הארץ ניט געבען צו וויסען מיך השמן עס איז פאר פעט גוואָרן דס הארץ פון דעם פאלק ואזניו אונ זייני אויערן זענען שווער פון צו הערן די שטראף פון די נביאים ועיניו אונ זייגע אויגען השע איז גוואָרן פאר קלעפּט פון צוא זעהן דיא ניסים פון גאט וואָרום דס פאלק האט מורא פן טאמער וועט ער יוא זעהן מיט זייני אויגן ובאזניו אונ מיט זייני אויערן ישמע וועט ער הערין ולבבו אונ זיין הארץ יבין וועט יוא פאר שטיין כלומר טאמער וועט זיי יוא גפעלען די רייד פון דעם נביא ושב וועט ער תשובה טאהן צו גאט וועט עס אים היילן כלומר דס וועט זיי זיין ארפואה דרום ווילן זייא ניט צו הערען די רייד פון דיא נביאים אונ ווילען ניט תשובה טאהן ואמר האָב איך ישעיה געזאָגט עד ווי לאנג וועלן זיי ניט תשובה

משלי יהודא

את מי אשלח ומי ילך לנו וגו׳. הקב"ה האט גפרעגט ביי דעם נביא ישעיה צוויי זאכן וועמן זאל איך שיקען אונ ווער וועט גיין פון אונזערטוועגען, אונ ישעיה האט געענפערט נאר אויף איין זאך הנני שלחני, איך בין גרייט דו זאלסט מיך שיקן, אונ אויף גיין האט ער ניט גיענפערט, נאך אקשיא איז ביי שיקן האט הקב"ה גיזאגט וועמן זאל "איך" שיקען, אויף זיך אליין, אונ אויף גיין האט הקב"ה גיזאגט ווער וועט גיין פון "אונזערטוועגין". דר ענין איז למשל אשדכן איז אמאל גקומן צו אמלמד אונ האט גזאגט צו אים איך האב גיהערט זאגען דו האסט אין דיין חדר קינדער וואס קענען גוט לערנען, נוייז מיר וועלכר איז דער בעסטער, איך דארף דאס וויסן וועגן אשדוך, עס איז דא אגביר וואס וויל האבן אחתן וואס קען גוט לערנען, דער שדכן אליין האט אויך גקענט גוט לערנען, דר מלמד האט געוויזען דעם שדכן די צוויי קינדער זענען די בעסטע, דר שדכן האט גוויזן די קינדר אשווערע שטיקל גמרא, איינר האט עטליכע מינוטין גקוקט אין די גמרא אונ איז פון איר אוועק גגאנגן, דר אנדערער האט אויך געקוקט אין די גמרא אונ האט געזאגט אפשט אין די גמרא עס איז אבר ניט גוט גוועזן, דר שדכן האט גפרעגט דעם ערשטין וואס ביזטו אזו גשווינט אוועק־גגאנגען פון די גמרא, האט ער גיענפערט איך האב באלד גזעהן איך וועל די גמרא ניט וויסן, וואס זאל איך מאטערין מיין קאפ, נאר איין זאך וועל איך אייך בעטין, אייער חתן וועל איך ניט זיין וואָרום איך קען ניט לערנען, נאר די גמרא וויל איך וויסן, זאגט מיר די גמרא, דעם שדכן זענען די רייד גיפעלין אונ זאגט צו אים, פר דעם וואס דו ביזט ביי זיך אזו נידעריג, אונ ווילסט קענען לערנען, וועסטו זיין דער חתן. דס זעלביגע איז גוועזן בייא דעם נביא ישעיה, הקב"ה האט צוא אים גיזאגט צוויי זאכען, את מי אשלח, וועמן זאל איך שיקן, דס הייסט הקב"ה וועט אים זאגען וואס ער זאל רידן צו די יודין, אונ די זעלביגע ווערטר וואס הקב"ה וועט אים זאגן זאל ער זאגן צו די יודין, דס הייסט אשלח, נאך האט הקב"ה גוואלט ישעיה זאל זיינע אייגענע מוסר ווערטער אויך זאגן צו די יודין, דס הייסט "לנו" פר אונז, די ווערטר וועלן גיזאגט פר הקב"ה אונ פר ישעיה, דס האט ישעיה ניט גיוואלט, דריבר האט ער געענפערט הנני שלחני, צום שיקן מיך, בין איך גרייט, דיינע ווערטער זאגן צו די יודין, דס וועל איך טאן, אבר ווער בין איך, איך זאל זאגן מוסר צו די יודין מיט מיינע ווערטער, האט הקב"ה אים גיזאגט ווייל דו ביזט ביי זיך אזו נידריג דריבר וועסטו זיין אנביא אונ וועסט זיי זאגן דיינע אייגענע מוסר:

שָׁאוּ עָרִים מֵאֵין יוֹשֵׁב וּבָתִּים מֵאֵין אָדָם וְהָאֲדָמָה תִּשָּׁאֶה שְׁמָמָה׃ וְרִחַק יְהוָה אֶת־
הָאָדָם וְרַבָּה הָעֲזוּבָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ וְעוֹד בָּהּ עֲשִׂרִיָּה וְשָׁבָה וְהָיְתָה לְבָעֵר כָּאֵלָה
וְכָאַלּוֹן אֲשֶׁר בְּשַׁלֶּכֶת מַצֶּבֶת בָּם זֶרַע קֹדֶשׁ מַצַּבְתָּהּ׃ (כאן מסיימין הספרדים)

וַיְהִי בִּימֵי אָחָז בֶּן־יוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה עָלָה רְצִין מֶלֶךְ־אֲרָם וּפֶקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ
מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל יְרוּשָׁלַםִ לַמִּלְחָמָה עָלֶיהָ וְלֹא יָכֹל לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ׃ וַיֻּגַּד לְבֵית דָּוִד
לֵאמֹר נָחָה אֲרָם עַל־אֶפְרָיִם וַיָּנַע לְבָבוֹ וּלְבַב עַמּוֹ כְּנוֹעַ עֲצֵי־יַעַר מִפְּנֵי־רוּחַ׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־יְשַׁעְיָהוּ צֵא־נָא לִקְרַאת אָחָז אַתָּה וּשְׁאָר יָשׁוּב בְּנֶךָ אֶל־קְצֵה תְּעָלַת הַבְּרֵכָה
הָעֶלְיוֹנָה אֶל־מְסִלַּת שְׂדֵה כוֹבֵס׃ וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִשָּׁמֵר וְהַשְׁקֵט אַל־תִּירָא וּלְבָבְךָ אַל־
יֵרַךְ מִשְּׁנֵי זַנְבוֹת הָאוּדִים הָעֲשֵׁנִים הָאֵלֶּה בָּחֳרִי־אַף רְצִין וַאֲרָם וּבֶן־רְמַלְיָהוּ׃ יַעַן כִּי־
יָעַץ עָלֶיךָ אֲרָם רָעָה אֶפְרַיִם וּבֶן־רְמַלְיָהוּ לֵאמֹר׃ נַעֲלֶה בִיהוּדָה וּנְקִיצֶנָּה וְנַבְקִעֶנָּה
אֵלֵינוּ וְנַמְלִיךְ מֶלֶךְ בְּתוֹכָהּ אֵת בֶּן־טָבְאַל׃ כִּי־יֶלֶד יֻלַּד־לָנוּ בֵּן נִתַּן־לָנוּ וַתְּהִי הַמִּשְׂרָה
עַל־שִׁכְמוֹ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ פֶּלֶא יוֹעֵץ אֵל גִּבּוֹר אֲבִי־עַד שַׂר־שָׁלוֹם׃ לְםַרְבֵּה הַמִּשְׂרָה
וּלְשָׁלוֹם אֵין־קֵץ עַל־כִּסֵּא דָוִד וְעַל־מַמְלַכְתּוֹ לְהָכִין אֹתָהּ וּלְסַעֲדָהּ בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה
מֵעַתָּה וְעַד־עוֹלָם קִנְאַת יְהוָה צְבָאוֹת תַּעֲשֶׂה־זֹּאת׃

סם סתומה

פירוש ע״ט

טאהן ויאמר האט גאט גזאגט עד ביז וואנען עס וועלן פר וויסט ווערן די שטעט מאין עס וועט קיינר אין זיי ניט זיצן ובתים אונ די הייזר וועלן זיין אן מענטשן והאדמה אונ די ערד תשאה וועט וויסטען אוויסטניש ורחק אונ גאט וועט דער ווייטערן דעם מענטשן פון דעם לאנד ארץ ישראל ורבה אונ עס וועט זיין פיל העזובה דס פר לאזונג בקרב צווישן לאנד כלומר פיל שטעט וועלן חרוב ווערן ועוד אונ נאך וועט זיין אין איר עשיריה אצענטל כלומר עס וועט גאר ווייניג איבר בלייבן אונ אויך דאס צענטל וואס וועט בלייבן וועל איך אויך איבער לייטערן ושבה אונ זיא וועט זיין צו איין אום ראמן כאלה אזו ווי אלינדן בוים וכאלון אונ אזוי וויא אהוכר בום אז עס קומט דיא צייט אום ווינטר וואס זייא ווארפן אראפ די בלעטר בלייבט דאך מער ניט איבער נאר מצבת דאס בשטאנד בם אין זיי כלומר עס בלייבט אין זייא נאר איבר דער בום מיט דעם ווארצל אזוי אויך וועט בלייבן זרע קודש דיא הייליגע קינדער כלומר די צדיקים וואס וועלן בלייבן צווישן דיא ישראל מצבתה דאס וועט זיין איר בשטאנד׃

מנין המצות בפרשת משפטים יג ג״ן מלות כ״ד עשין וכ״ט לאוין:

[מב] (עשה טו) לדון בדין עבד עברי בכל הליכותיו שנא׳ כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם:
[מג] (עשה טז) ליעד אמה העבריה לו או לבנו שנא׳ אם רעה בעיני אדניה אשר לא יעדה וגו׳. ואם לבנו ייעדנה:
[מד] (עשה יז) לפדות אמה העבריה אם לא רצה ליעדה שנאמר והפדה:
[מה] (לאו כח) שלא למכור אמה העבריה שנאמר לעם נכרי לא ימשול למכרה בבגדו בה:
[מו] (לאו כט) שלא למנוע מאמה העבריה ומכל שכן משאר בנות ישראל שארה והוא מזונות. כסותה כפשוטו ועונתה דרך ארץ שנאמר אם אחרת יקח לו שארה כסותה ועונתה לא יגרע:
[מז] (לאו ל) שלא להכות אב ואם שנאמר מכה אביו ואמו מות יומת:
[מח] (עשה יח) לדון בחנק שנאמר מכה אביו ואמו מות יומת:
[מט] (עשה יט) לדון דיני קנסות שנאמר וכי יריבון אנשים והכה איש את רעהו וגו׳:
[נ] (עשה כ) להיות ב״ד הורגין בסייף שנאמר נקם ינקם:
[נא] (עשה כא) לדון דין שור שנאמר וכי יגח שור את איש:
[נב] (לאו לא) שלא לאכול בשר שור הנסקל שנאמר ולא יאכל את בשרו:
[נג] (עשה כב) לדון דיני בור שנאמר כי יפתח איש בור:
[נד] (עשה כג) לדון דיני גנב שנאמר וכי יגנוב איש שור או שה:
[נה] (עשה כד) לדון בנזקי מבעה והוא הנקרא נזקי שן ורגל שנאמר כי יבער איש שדה או כרם ושלח את בעירה ובער בשדה אחר מיטב שדהו ומיטב כרמו ישלם:
[נו] (עשה כה) לדון בנזקי האש שנאמר כי תצא אש ומצאה קוצים ונאכל גדיש או הקמה או השדה שלם ישלם המבעיר את הבערה:
[נז] (עשה כו) לדון בדין שומר חנם שנאמר כי יתן איש אל רעהו כסף או כלים לשמור וגונב מבית האיש:
[נח] (עשה כז) לדון בדין טוען ונטען שנא׳ על כל דבר פשע על שור על חמור על שה על שלמה על כל אבדה וגו׳:
[נט] (עשה כח) לדון בדין שומר שכר שנאמר כי יתן איש אל רעהו חמור או שור או שה וגו׳:
[ס] (עשה כט) לדון דיני שואל שנאמר וכי ישאל איש מעם רעהו ונשבר או מת בעליו אין עמו שלם ישלם:
[סא] (עשה ל) לקנוס המפתה שנאמר וכי יפתה איש בתולה אשר לא ארשה וגו׳:
[סב] (לאו לב) שלא להחיות מכשף שנאמר מכשפה לא תחיה:
[סג] (לאו לג) שלא להונות לגר צדק בדברים שנאמר וגר לא תונה:
[סד] (לאו לד) שלא להונות גר צדק בממון שנאמר ולא תלחצנו:
[סה] (לאו לה) שלא לענות יתום ואלמנה שנאמר כל אלמנה ויתום לא תענון.

[סו] (עשה לח) להלוות לעניי ישראל שנאמר אם כסף תלוה את עמי את העני עמך :
[סז] (לאו לו) שלא יתבע ללוה עני ולא יצר לו כשידע שאין לו שנאמר לא תהיה לו כנושה :
[סח] (לאו לז) שלא להשית יד בין מלוה ברבית ללוה להיות ערב סופר ועד שנאמר לא תשימון עליו נשך :
[סט] (לאו לח) שלא לברך השם שנאמר אלהים לא תקלל :
[ע] (לאו לט) שלא לקלל לדיינים שנאמר אלהים לא תקלל :
[עא] (לאו מ) שלא לקלל נשיא או מלך שנא׳ ונשיא בעמך לא תאור :
[עב] (לאו מא) שלא להקדים תרומה לבכורים ומעשר לתרומה שנאמ׳ מלאתך ודמעך לא תאחר:
[עג] (לאו מב) שלא לאכול מבהמה טרפה שנאמר ובשר בשדה טרפה לא תאכלו :
[עד] (לאו מג) שלא לשמוע לאחד מבעלי הדין כשאין חבירו עמו שנאמר לא תשא שמע שוא :
(מט) (וְכִי יְרִיבֻן אֲנָשִׁים וגו') פון דֶעם פָּסוּק לֶערְנֶען מִיר אַרוֹיס אַז דָאס בֵּית דִין דַארְפֶען פַּסְקִינֶען אַז אֵיינֶער שְׁלָאגְט דֶעם אַנְדֶערְן מוּז דֶר שְׁלֶעגֶר גֶעבֶּן פִינְף זַאכֶען צוּ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגֶן הַיינוּ (נֶזֶק) דָס אִיז וָוס עֶר הָט אִים אֵיין בֵּיין צוּ בְּרָאכֶן אָבֶער אֵיין אַנְדֶער אֵבֶר דַארְף עֶר אִים גֶעבֶּן (צַעַר) דָאס הֵייסְט פַר דֶעם וָוס עֶר לַייט וֵוייטָאג ווִידֶער (רִפּוּי) דָאס אִיז וָואס עֶס דַארְף אִים קָאסְטֶן אַז מֶען זָאל אִים אוּם הֵיילֶן אוּנ (שֶׁבֶת) דָאס הֵייסְט וָואס עֶר זִיצְט אִין דֶער הֵיים אוּנ קֶען נִישְׁט קֵיין מְלָאכָה טוּעֶן אוּנ (בּוֹשֶׁת) דָס מֵיינְט מֶען פַר די שַׁאנְד וָוס עֶר הָט אִים אָן גֶעטוּעֶן אוֹיךְ מֵיינְט מֶען בּוֹשֶׁת וָוס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט וֶוערְטֶער בַּלֵיידִיגְט דַארְף עֶר צוּ צָאלֶען דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים בַּאלֵיידִיגְט וֶועדְלוּג אֵיין מֶענְטְשׁ עֶר הָט בַּלֵיידִיגְט אוּנ מֶען נֶעמְט דָס פון דֶעם בֶּעסְטֶן פון זַיינֶע פֶעלְדֶער אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג אוֹיף יֶעדֶער אָרְט אוּנ יֶעדֶר צַייט:

---

*) **הערה** מיר ווייסין די מיתה מיט סקילה איז ערגער ווי די מיתה מיט חנק דארפין מיר וויסען פאר וואס ביי שלאגין קומט נאר חנק אונ ביי פלוכין קומט סקילה, נאר דער דין איז מיתה קומט נאר אז ער פלוכט מיט דעם נאמען פון הקב"ה, דהיינו ער זאגט צו זיין פאטער אדער צו דיא מוטער הקב"ה זאל דיך קראנק מאכין, אדער אנדערע קללות, איצט פארשטייען מיר דעם חילוק פון שלאגין צו פלוכין, אז ער שלאגט זיין פאטער אונ מוטער קען ער זאגין איך האב גיט געוואסט אז הקב"ה גיט אכטונג אויף דער וועלט אונ וויים וואס איך טוה, אונ ער רופט ניט הקב"ה זאל אים העלפין צו די עבירה, אבער אז ער פלוכט זיין פאטער אונ מוטער אונ ער זאגט צו זיי הקב"ה זאל אייך שטראפין [מיט וועלכע שטראף ער האט גיזאגט] גלויבט ער דאך אז הקב"ה גיט אכטונג אויף דער וועלט, ווי אזוי וויל ער הקב"ה זאל אים העלפין צו די עבירה, הקב"ה האט גיבאטין מען זאל געבין כבוד צו פאטער אונ מוטער אונ מען זאל זיי ניט פלוכין, אונ ער וויל הקב"ה זאל אים העלפין צו די עבירה, אונ זאל זיי שטראפין ווי ער פלוכט זיי, דריבער איז זיין מיתה ערגער ווי די מיתה פון דעם וואס שלאגט [ת"י]:

לְמִשְׁכָּב: יט אִם־יָקוּם וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ עַל־מִשְׁעַנְתּוֹ וְנִקָּה הַמַּכֶּה רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא: ס שני

אונקלוס

וְיִפֵּל לְבוּטְלָן: יט אִם יְקוּם וִיהַלֵּיךְ בְּבָרָא עַל בּוּרְיֵהּ וִיהֵי זַכָּאָה מְחָיָא לְחוּד בּוּטְלָנֵהּ יִתֵּן וַאֲגַר

תו"א אם יקום כתובות לג. סנהדרין עה: רק שבתו יתן ב"ק פה: ורפא ירפא ברכות ס ב"ק פד פה:

רשב"ם

בלבנים או [בכורמזין]. וכן להבות באגרוף רשע. באבן גדולה אשר ימות ויחבל בה: (יט) אם יקום והתהלך וגו'. ואם ימות אפילו לזמן מרובה מות יומת מכהו. אבל בעבדו אינו חייב אלא אם מת תחת ידו אבל אם יום או יומים יעמוד פטור: שבתו. בטול מלאכתו:

בעל הטורים

רשע שהכה בכח: (יט) אם יקום. הפסוק הזה מתחיל בא' ומסיים בא' ירפא לו' לך שהקב"ה בורא יסורים על האדם וגוזר עליהם שילכו לאותו יום ולאותו שעה: ונקה. ג' במס' ונקה המכה. ונקה האיש מעון. מי שלא ידו במשיח ה' ונקה ג' מוחלין להם על כל עונותיהם אלא שנתרפא. חתן ומלך. אם יקום והתהלך בחוץ כגון שנתרפא ונקה מעונותיו. ונקה האיש היינו ע"י שיתקנה והיא התמות והוא יקח אחרת ואז ונקה האיש מעון. מי שלא ידו במשיח ה' ונקה היינו מלך: רק שבתו יתן. למעוטי אם עבר על דברי הרופא:

בית יהודא

וְרִפּוּי לֹא לָמַדְנוּ) אָבֶער אַז עֶר דַארְף אִים בַּצָאהְלֶען פַר דִי צַייט וָוס עֶר אִיז קְרַאנְק אִין דְערְהַיים אוּנ קֶען נִיט פַארְדִינֶען אוּנ אַז עֶר דַארְף אִים הַיילֶען, דָס שְׁטֵייט נִיט אִין פָּסוּק עַיִן תַּחַת עַיִן (לְכָךְ נֶאֶמְרָה פָּרָשָׁה זוּ) דְרִיבֶּער הָאט דִי תּוֹרָה גֶעזָאגְט דִי פָּרָשָׁה, אִין אִיר שְׁטֵייט „רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא” עֶר זָאל אִים בֶּעצָאהְלֶען וָוס עֶר זִיצְט אִין דֶער הַיים אוּנ קֶען נִיט פַארְדִינֶען, אוּנ זָאל בַּצָאהְלֶען אַדָאקְטָאר עֶר זָאל אִים הַיילֶען: וְנָפַל לְמִשְׁכָּב). זָאגְט רַשִׁ"י (כְּתַרְגּוּמוֹ) וִוי דֶער תַּרְגּוּם טַייטְשְׁט וְיִפּוֹל לְבוּטְלָן, עֶר וֶועט פַאלֶען (לְחוֹלִי שֶׁמְבַטְּלוֹ מִמְּלַאכְתּוֹ) צוּ אַזוֹי אַקְרַאנְקַייט וָוס וֶועט אִים שְׁטֶערֶן עֶר זָאל נִיט קֶענֶען אַרְבֶּעטֶען צוּ פַארְדִינֶען: (יט) וְעַל מִשְׁעַנְתּוֹ). מֵיינְט מֶען (עַל בּוּרְיוֹ וְכֹחוֹ) אוֹיף זַיין גֶעזוּנְד אוּנ זַיין כֹּחַ: וְנִקָּה הַמַּכֶּה). זָאל דֶער שְׁלֶעגֶער זַיין רֵיין, עֶר זָאל נִיט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען, פְרֶעגְט רַשִׁ"י צוּ וָוס דַארְף דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילֶען אַז דֶער גֶעשְׁלָאגֶענֶער וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען זָאל מֶען דֶעם שְׁלֶעגֶער נִיט הַרְגֶענֶען (וְכִי תַּעֲלֶה עַל דַּעְתְּךָ שֶׁיֵּהָרֵג זֶה שֶׁלֹּא הָרַג) אַן פָּסוּק וָואלְט דֶען גֶעוֶועזֶען דַיין מֵיינוּנְג מֶען זָאל הַרְגֶענֶען אַזוֹי אַמֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִיט גֶעהַרְגֶעט (אֶלָּא לְלַמֶּדְךָ כָּאן) נָאר דֶער פָּסוּק לֶערְנְט דִיךְ דָא (שֶׁחוֹבְשִׁים אוֹתוֹ עַד שֶׁנִּרְאֶה אִם יִתְרַפֵּא זֶה) מֶען פַארְהַאלְט דֶעם שְׁלֶעגֶער אִין אַתְּפִיסָה בִּיז מֶען וֶועט זֶעהֶען אוֹבּ עֶר וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען (וְכֵן מַשְׁמָעוֹ) אוּנ אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק (כְּשֶׁקָּם זֶה וְהָלַךְ עַל מִשְׁעַנְתּוֹ אָז וְנִקָּה הַמַּכֶּה) אַז דֶער גֶעשְׁלָאגֶענֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן זַיין בֶּעט אוּנ גֵייט מִיט זַיינֶע כֹּחוֹת וִויא עֶר אִיז פְרִיעֶר גֶעגַאנְגֶען, דַאמָאלְס זָאל דֶער שְׁלֶעגֶער זַיין רֵיין, עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פְרֵיי פוּן תְּפִיסָה (אֲבָל עַד שֶׁלֹּא יָקוּם זֶה) אָבֶּער אֵיידֶער דֶער גֶעשְׁלָאגֶענֶער שְׁטֵייט־אוֹיף פוּן זַיין בֶּעט (לֹא נִקָּה הַמַּכֶּה) אִיז דֶער שְׁלֶעגֶער נָאךְ נִיט פְרֵייא צוּ גֵיין אַהֵיים פוּן תְּפִיסָה: וְרַק שִׁבְתּוֹ). מֵיינְט מֶען (בִּטּוּל מְלַאכְתּוֹ מֵחֲמַת הַחוֹלִי) וָואס עֶר קֶען נִיט טָאהְן זַיין אַרְבֶּעט וַוייל עֶר אִיז קְרַאנְק (אִם קָטַע יָדוֹ אוֹ רַגְלוֹ) אוֹבּ רְאוּבֵן הָאט אָפְּגֶעהַאקְט אַהַאנְט אָדֶער אַפוּס פוּן שְׁמוּאֵל, אוּנ שְׁמוּאֵל אִיז קְרַאנְק (רוֹאִין בִּטּוּל מְלַאכְתּוֹ מֵחֲמַת הַחוֹלִי כְּאִילּוּ הוּא שׁוֹמֵר קִשּׁוּאִין) זֶעהֶען מִיר גְלַייךְ וִוי שְׁמוּאֵל וָואלְט גֶעוֶועזֶען אַהִיטֶער וָוס הִיט פֵּירוֹת אִין אַגָארְטֶען פַר גַנָבִים אוּנ פֵייגִיל, וְוִיפִיל מֶען צָאהְלְט אַזוֹ אַהִיטֶער פַאר זַיין הִיטוּנְג, אַזוֹיךְ, זָאל מֶען אִים גֶעבֶּען יֶעדֶער וָואךְ אַזוֹ פִיל, בִּיז עֶר וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען, פַר וָוס זָאל מֶען אִים נָאר גֶעבֶּען וִוי אַגָארְטֶען־הִיטֶער? (שֶׁהֲרֵי אַף לְאַחַר הַחוֹלִי אֵינוֹ רָאוּי לִמְלֶאכֶת יָד וְרֶגֶל) וָוארוּם אֲפִילוּ נָאךְ דִיא קְרַאנְקַייט אַז עֶר וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען וֶועט עֶר אוֹךְ נִיט קֶענֶען מֶער פֶערְדִינֶען וִוי צוּ זַיין אַגָארְטֶען הִיטֶער, וָוארוּם עֶס פֶעלְט דָאךְ אִים אַהַאנְט אָדֶער אַפוּס (וְהוּא כְּבָר נָתַן לוֹ מֵחֲמַת נִזְקוֹ דְּמֵי יָדוֹ וְרַגְלוֹ) אוּנ דֶעם שָׁאדִין פוּן דִי הַאנְט אָדֶער פוּן דִי פוּס הָאט דָאךְ רְאוּבֵן אִים בַּזוּנְדֶער בַּצָאהְלְט (שֶׁנֶּאֱמַר) וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יָד תַּחַת יָד) אַהַאנְט פַאר אַהַאנְט (רֶגֶל תַּחַת רָגֶל) אַפוּס פַר אַפוּס, אַזוֹ אִיז דֶער דִין מֶען שַׁאצְט שְׁמוּאֵל'ן, גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט גֶעוֶועזֶען אַבְּנֵעגִישֶׁער קְנֶעכְט וָוס וֶוערְט פַארְקוֹיפְט אוֹיף אֵייבִּיג אַזוֹ לַאנְג וִוי עֶר וֶועט לֶעבֶּען, וְוִיפִיל

רש"י

אבל שבת ורפוי לא א למדנו לכך נאמר פרשה זו (מכילתא): ונפל למשכב. כתרגומו ויפול לבוטלן לחולי שמבטלו ממלאכתו: (יט) על משענתו. על ב בוריו וכחו (מכילתא): ונקה המכה. וכי תעלה על דעתך שיהרג זה שלא הרג אלא למדך כאן שחובשים אותו עד שנראה אם יתרפא זה וכן משמעו כשקם זה והולך על משענתו אז נקה המכה אבל עד שלא יקום זה לא נקה המכה: רק שבתו. בטול מלאכתו מחמת החולי אם קטע ידו או רגלו רואין בטול מלאכתו מחמת החולי כאילו הוא שומר קשואין שהרי אף לאחר החולי אינו ראוי למלאכת יד ורגל והוא כבר נתן לו מחמת נזקו דמי ידו ורגלו שנא' יד תחת יד רגל תחת רגל: ורפא ירפא. כתרגומו

שפתי חכמים

נפש עצמו מנ"ל דבהנך ועז"פ כל מיתה וכו' מלאתי: א אבל לער ובשת למדין אותן מפרשיות אחרות לכך נקט שבת ורפוי. הרא"ם: ב דלא

ליקוטי יקרים

עֶר וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען, אוּנ עֶר וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט פוּן הקב"ה, עֶרְשְׁטוּנְס דֶער מֶענְטְשׁ וָוס הֵייבְּט־אוֹיף זַיין הַאנְט צוּ שְׁלָאגֶען זַיין חָבֵר, אֲפִילוּ עֶר הָאט אִים נָאךְ נִיט גֶעשְׁלָאגֶען, הֵייסְט עֶר אַרָשָׁע, צְווֵייטוּנְס אַז עֶר הָאט אִים גֶעשְׁלָאגֶען אוּנ עֶר לִיגְט קְרַאנְק, אוּנ וַוייל עֶר אִיז קְרַאנְק קֶען עֶר נִיט גֵיין אִין שׁוּהְל דַאוֶונֶען, וְוִיפִיל הוּנְדֶערְטֶער אָמֵן פַארְלִירְט עֶר, וְוִיפִיל אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ, וְוִיפִיל בָּרְכוּ, וְוִיפִיל קְדוּשׁוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט קוּמֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא פַר דֶעם בֵּית דִין וָוס אִין הִימֶעל אוּנ וֶועט מָאנֶען דִי עוֹלָם הַבָּא וָוס דֶער שְׁלֶעגֶער הָאט אִים אוֹסְגֶעבְּרֵיינְגְט, אִיז גָאר נִיט צוּ בַּרֶעכֶענֶען

פירוש לתורת אלהים

אַרַיין: (יט) אִם יָקוּם אוֹבּ דֶער וָוס אִיז גְשְׁלָאגֶן גְוָוארֶען וֶועט אוֹיף שְׁטֵיין פוּן דֶער קְרֶענְק אוּנ וֶועט גֵיין אוֹיף דֶער גַאס אוֹיף זַיין אוּנְטֶער לֶענוּנְג וְנִקָּה דֶער וָוס הָאט גְשְׁלָאגֶען זָאל מֶען אִים אַרוֹס לָאזֶען פוּן דֶער תְּפִיסָה רַק נָאר שִׁבְתּוֹ וָוס דֶער גְשְׁלָאגֶנֶר זִיצְט לֵיידִיג אוּנ קָאן קַיין מְלָאכָה נִיט טָאהְן מַחֲמַת שְׁלַאפְקַייט מוּז עֶר אִים בַּצָאלֶען וְרַפֹּא יְרַפֵּא אוּנ מוּז בַּצָאלֶען דֶעם רוֹפֵא

וָואס דֶער שְׁלֶעגֶער וֶועט לַיידֶען אַשְׁטְרָאף אִין הִימֶעל, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִיט אֲפִילוּ תְּשׁוּבָה, דְרִיבֶּער דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן קְרִיג אוּנ פוּן כַּעַס:

אַסְיָא יְשַׁלֵּם׃ כ וַאֲרֵי יִמְחֵי גְּבַר יָת עַבְדֵּהּ אוֹ יָת אַמְתֵהּ בְּשִׁלְטָן וִימוּת תְּחוֹת יְדֵהּ אִתְדָּנָא

כ וְכִי־יַכֶּה אִישׁ אֶת־עַבְדּוֹ אוֹ אֶת־אֲמָתוֹ בַּשֵּׁבֶט וּמֵת תַּחַת יָדוֹ נָקֹם

תו"א נקם ינקם סנהדרין נב:

רשב"ם

(כ) בשבט. בדבר שאדם רגיל להכות את עבדו להוכיחו אבל בחרב לפי הפשט אחר יום או יומים חייב מיתה שאין זה דרך תוכחה אלא דרך רציחה. ובעבד כנעני מדבר אבל עבד עברי ישראל אינו כספו אלא כשכיר כתושב יהיה עמך ודינו כישראל לכל דבריו אלא שמוסר לו רבו שפחה כנענית:

רש"י

ישלם ג שכר הרופא (ב"ק פה): (כ) וכי יכה איש את עבדו או את אמתו. בעבד כנעני הכתוב מדבר או אינו אלא בעברי ת"ל כי כספו הוא מה כספו קנוי לו עולמית אף עבד הקנוי לו עולמית והרי היה בכלל מכה ד איש ומת אלא בא הכתוב והוציאו מן הכלל להיות נדון בדין יום או ה יומים שאם לא מת תחת ידו ושהה מעת לעת פטור: בשבט. כשיש בו כדי להמית הכתוב מדבר או אינו אלא אפי' אין בו כדי להמית ת"ל בישראל (במדבר לה) ואם באבן יד אשר ימות בה (או בכלי עץ יד אשר ימות בו. גירסת רא"ם) הכהו והלא דברים ק"ו מה ישראל חמור אין חייב עליו אא"כ הכהו בדבר שיש בו כדי להמית ועל אבר שהוא ו כדי למות בהכאה זו עבד הקל לא כ"ש: נקם ינקם. (סנהדרין עח) מיתת

בית יהודא

איז ער װערט געװען װען ער האט געהאט אלע גלידער גאנצע, אונ װיפיל איז ער װערט איצט װייניגער, אזו פיל מוז אים ראובן בצאהלן, אין דעם, װערט דאך שון געשאצט װיפיל שמואל הט געקענט פריער פארדינן אונ װיפיל ער װעט איצט קענן װייניגער פרדינן אז ער װעט געזונד װערן, אונ דם הט אים ראובן בצאהלט, פעהלט נאר צו בצאהלן פר די צייט װם שמואל איז קראנק אונ קען ניט פארדינן װיפיל ער װעט קענן שפעטר פרדינן אז ער װעט געזונד װערן, דם הייסט שבת, אונ דם מוז אוך ראובן בצאהלן: ורפא ירפא]. זאגט רש"י (כתרגומו) װי דר תרגום טייטשט, מען מיינט ניט ער אליין זאל אים היילן, נאר (ישלם שכר הרופא) ער זאל בצאהלען דעם דאקטאר װאס װעט אים היילן: (כ) וכי יכה איש את עבדו או את אמתו. אוב אמענטש װעט שלאגן זיין קנעכט אדר זיין דינסט, זאגט רש"י (בעבד כנעני הכתוב מדבר) דער פסוק שמועסט ביי אכנעניש׳ען קנעכט אדער אכנענישע דינסט, פרעגט רש"י (או אינו) אדער ניין (אלא בעברי) נאר מען שמועסט פון איודיש׳ען קנעכט, ענפערט רש"י (תלמוד לומר כי כספו הוא) די תורה זאגט דער קנעכט איז זיין געלט, דאס געלט פון זיין בעל הבית (מה כספו קנוי לו עולמית) אזו װיא זיין געלט גיהער צו אים אוף אייביג (אף עבד הקנוי לו עולמית) ביי דעם קנעכט מיינט מען אוך אזו אקנעכט װם ער גיהער צום בעל הבית אוף אייביג, איז דאך דאס נאר אכנענישער קנעכט, װארום איודישער קנעכט דינט דאך נאר זעקס יאהר (והרי היה בכלל מכה איש ומת) דער כנענישער קנעכט איז אוך געװען אין כלל פון דעם דין מכה איש ומת, אז מען שלאגט אמענטש אונ ער שטארבט הרגת מען דעם שלעגער (אלא בא הכתוב והוציאו מן הכלל) נאר דער פסוק וכי יכה איש האט ארויס גענומען דעם כנעניש׳ן קנעכט פון כלל מכה איש (להיות נידון בדין יום או יומים) ער זאל געמשפט װערען נאך דעם דין אויב ער װעט נאך דעם שלאגן לעבן אטאג אדר צוויי (שאם לא מת תחת ידו) אוב דר קנעכט איז ניט געשטארבן אונטער זיין האנט (ושהה מעת לעת פטור) אונ ער הט געלעבט נאך דעם שלאגן פיר אונ צװאנציג שעה, הרגת מען ניט דעם בעל הבית: ובשבט]. דר בעל הבית הט געשלאגן דעם קנעכט מיט ארוט, זאגט רש"י (כשיש בו כדי להמית הכתוב מדבר) דר פסוק שמועסט אז ער הט אים געשלאגן מיט אזו ארוט װם מען קען מיט איר הרגנן, פרעגט רש"י (או אינו) אדר ניין (אפילו אין בו כדי להמית) אפילו ער הט אים געשלאגען מיט אזו ארוט װאס מען קען ניט הרגנן מיט איר, פון דעסטװעגען אז ער איז געשטארבען אונטר זיין האנט הרגת מען אים (תלמוד לומר בישראל ואם באבן יד אשר ימות בה הכהו) זאגט דער פסוק ביי דעם דין אז איוד הרגת איוד, אוב ער הט אים געשלאגען מיט אשטיין װם מען קען מיט אים הרגנן, אונ ער איז געשטארבן הרגת מען אים"(והלא דברים קל וחומר) דארפען מיר אפלערנען דיא גרינגערע פון דיא שװערערע (ומה ישראל חמור) מאדאך אז מען הרגעת איוד װם זיין דין איז שװערער פון דעסטװעגן (אין חייב עליו אלא אם כן הכהו בדבר שיש בו כדי להמית) הרגת מען ניט דעם רוצח סיידן ער הט אים געשלאגן מיט אזו אזאך װם מען קען מיט איר הרגנען (ועל אבר שהוא כדי למות בהכאה זו) אונ ער הט אים געשלאגען אוף אזו אגליד װאס מיט דעם שלאגען קען מען הרגנן (עבד הקל) אז מען הרגת אכנעניש׳ן קנעכט װם זיין דין איז גרינגער װוי מען הרגת איוד) (לא כל שכן) איז דען ניט געװיס אז מען הרגת אנדערש ניט דעם רוצח סיידען ער הט אים געשלאגען מיט אזו אזאך װם מען קען מיט אים הרגנען אונ אוף אזו א ארט װם מען קען געהרגת װערען:

שפתי חכמים

משעכתו ממש א"כ עדיין חולה הוא ושמא ימות ולמה כתיב ונקה המכה: ג ואפי' אם הוא רופא יכול לומר לו לא ניחא לי שתרפאני דכאריה דמית עלי וגם אם אמר לו יודע אני רופא שירפא אותך חנם יכול לומר לו אסיא דמסיא במגן מגן שויא. מגן תרגומו של חנם: ד דאף עו"א במשמע כ"ש עבד דחייב במלות ולא נתמעט עו"א אלא היכא דכתיב רעהו: ה וא"ת על הקרא הי"ל להקשות והרי היה בכלל כל כו'. וי"ל כדי שלא תימא הה"כ כאן דגלי קרא בעבד כנעני לידון בדין יום או יומים גם עבד עברי דינו הכי במדה דדבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל כו' מש"ה הקדים רש"י או אינו אלא בעבד עברי כו' והוי דברי רש"י כמו הקשת ה"ש: ו מדכתיב ואם לו וקם עליו עד

פירוש לתורת אלהים

פאר דעם היילן: (כ) וכי יכה אונ װען אמענש װעט שלאגען זיין קנעכט או אדר זיין דינסט װם זאגען כנענים בשבט מיט אזוי ארוט װאס מען קאן מיט איר ממית זיין ומת אונ דער קנעכט אדער דיא דינסט װעט שטארבען אונטער זיין האנד נקום זאל דער האר װערען גיטייט מיט אשװערד:

מצות השם

(נ) (נקום ינקם) פון דעם פסוק לערנען מיר ארויס אז עס איז איין (מצות עשה) אוף דעם בית דין זייא זאלען הרגינען איין רוצח אונ דיא מענטשען פון דער עיר הנדחת מיט איין שװערד דאס לערינט מען ארוס װייל עס שטייט דא (נקם ינקם) אונ עס שטייט (חרב נוקמת) איז טייטש מען רעכינט מיט דיא שװערד דהיינו מען הארגית דעם רוצח מיט איין שװערד אונ דיא מצוה איז נוהג אין דער צייט װען מען פסקנת דיני נפשות:

יֻקָּם: כא אַךְ אִם־יוֹם אוֹ יוֹמַיִם יַעֲמֹד
לֹא יֻקַּם כִּי כַסְפּוֹ הוּא: ס כב וְכִי־יִנָּצוּ
אֲנָשִׁים וְנָגְפוּ אִשָּׁה הָרָה וְיָצְאוּ
יְלָדֶיהָ וְלֹא יִהְיֶה אָסוֹן עָנוֹשׁ יֵעָנֵשׁ

אונקלוס

יִתְדָּן: כא בְּרַם אִם יוֹמָא
אוֹ תְרֵין יוֹמִין יִתְקַיַּם
לָא יִתְדָּן אֲרֵי כַסְפֵּהּ
הוּא: כב וַאֲרֵי יִנְצוּן גֻּבְרִין
וְיִמְחוֹן אִתְּתָא מְעַדְּיָא
וְיִפְּקוּן וַלְדַהָא וְלָא יְהֵא
מוֹתָא אִתְגְּבָאָה יִתְגְּבֵי

תו"א יום או יומים בבא קמא ל בתרא נ: כי כספו הוא ב"ק מם בתרא מס: וכי ינצו כתובות לג ב"ק מב סנהדרין עד עט: ויצאו ילדיה ב"ק מט: ולא יהיה אסון כתובות לג לד לה לז סנהדרין עד:

רשב"ם

(כא) כי כספו הוא. ודינו להכותו דרך תוכחה: (כב) ולא יהיה אסון. באשה:

בעל הטורים

(כא) אך אם יום. הפסוק הזה מתחיל בא' ומסיים בא' לומר שצריך שיחיה מעת לעת: יוקם. ג' הכא ואידך יוקם קין כל הורג קין שבעתים יוקם זה שאמרו חז"ל המוכר עבדו לשלשים יום רמ"א ראשון ישנו בדין יום או יומים ולא שני דקנין פירות לאו כקנין הגוף דמי וזהו לא יוקם כי כספו הוא ואיזה כסף יוקם קין אותו שגופו קנוי לו כדכתיב קניתי איש את ה': כספו. בגימ' כדין לבהמה שאף בבהמה צריך מעת לעת לענין ריסוק אברים: (כב) וכי ינצו אנשים. ב' הכא ואידך כי ינצו אנשים יחדו איש ואחיו מה התם ממון דדרשינן וקלותה את כפה ממון אף ה"נ

בית יהודא

ונקום ינקם]. מיינט מען (מיתת סיף) מען זאל דעם בעל הבית הרגען מיט אשווערד (וכן הוא אומר) אונ אזו זאגט דר פסוק (חרב נוקמת נקם ברית) זעהן מיר נקמה הייסט אז מען הרגת מיט אשווערד: (כא) ואך אם יום או יומים יעמוד לא יקם]. אוב דר קנעכט וועט לעבן נאך דעם שלאגן איין טאג אדר צוויי טאג זאל מען דעם בעל הבית ניט הרגנן, פרעגט רש"י (אם על יום אחד פטור) אויב דר קנעכט האט נאר געלעבט איין טאג נאך דעם שלאגען דארף מען ניט הרגנן דעם בעל הבית (על יומים לא כל שכן) אז דר קנעכט לעבט צוויי טאג נאך דעם שלאגן דארף מען דאך געוויס דעם בעל הבית ניט הרגנן, ווייסן מיר דאך אליין, צו וואס דארף דם די תורה שרייבן (אלא יום שהוא כיומים) נאר מען מיינט אז ער לעבט נאך דעם שלאגן אזו אטאג וואס ער איז ווי צוויי טאג (ואיזה זה מעת לעת) מען מיינט אויב ער לעבט אמעת לעת, פיר אונ צוואנציג שעה: ולא יקם]. זאל מען דעם בעל הבית ניט הרגען (כי כספו הוא) ווייל ער איז זיין געלט (הא אחר שהכהו) אבער אז איין אנדער מענטש וניט זיין בעל הבית] האט גשלאגען אעבד כנעני (אף על פי ששהה מעת לעת קודם שמת חייב) אפילו דער קנעכט האט געלעבט אמעת לעת ופיר אונ צוואנציג שעה] פאר זיין שטארבן, פון דעסטוועגען הרגת מען דעם רוצח: (כב) וכי ינצו אנשים]. (זה עם זה), אוב צוויי מענטשן וראובן אונ שמואל] האבן געקריגט איינר מיט דעם אנדערן (ונתכוון להכות את חברו) אונ ראובן הט גוואלט שלאגען זיין חבר שמואל (והכה את האשה) אונ דעם קלאפ וואס ער האט געוואלט געבען צו שמואל איז דער קלאפ געפאלען אויף אאשה וואס איז פלוצלונג געקומען צו דעם ארט וואס שמואל איז געשטאנען, אונ די אשה איז געווען מעוברת, דורך דעם קלאפ וואס ער הט איר געגעבען זענען פון איר בויך ארויס דיא קינדער איינער אדער צוויי אדער מער: ונגפו]. זאגט רש"י (אין נגיפה אלא לשון דחיפה והכאה) נגיפה מיינט מען שטויסען, שלאגען (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (פן תגוף באבן רגלך) טאמער וועט דיין פוס זיך אנשטויסען, אנשלאגען, אויף אשטיין, נאך שטייט אין פסוק (ובטרם יתנגפו רגליכם) איידר אייערע פיס וועלן אנגעשטויסען, אנגעשלאגען ווערן, נאך שטייט אין פסוק (ולאבן נגף) צו אשטיין וואס מען וועט זיך אן אים אנשטויסען, אנשלאגען: ולא יהיה אסון]. (באשה) צו די אשה אליין הט דער שטויס אדער דער קלאפ קיין שאדען געטאהן: ענוש יענש]. זאל ראובן בעשטראפט ווערן (לשלם דמי ולדות לבעל) ער זאל בצאהלען צו איר מאן געלט

רש"י

סייף וכן הוא אומר (ויקרא כו) חרב נוקמת נקם ברית (מכילתא): (כא) אך אם יום או יומים יעמוד לא יוקם. אם על יום א' הוא פטור על יומים לא כ"ש אלא יום שהוא כיומים ואיזה זה מעת לעת (מכילתא): לא יוקם כי כספו הוא. הא אחר שהכהו אע"פ ששהה מעל"ע ז קודם שמת חייב: (כב) וכי ינצו אנשים. (מכילתא) זה עם ח זה ונתכוין להכות את חבירו והכה את האשה: ונגפו. אין נגיפה אלא לשון דחיפה והכאה כמו (תהלים לא) פן תגוף באבן רגלך (ירמיה יג) ובטרם יתנגפו רגליכם (ישעיה ח) ולאבן נגף: ולא יהיה אסון. ט באשה: ענוש יענש. לשלם דמי ולדות לבעל שמין אותה כמה היתה ראויה להמכר

שפתי חכמים

שיתכוין לו כדי להמיתו ואם לא היה האבר כדי להמיתו אם כן לא נתכוין הוא להמיתו וא"ת בשבט ל"ל תיפוק ליה מק"ו מישראל וי"ל דאין עונשין מן הדין: ז דק"ל לא הל"ל אלא וכי יכה איש את עבדו או את אמתו קנין כספו וגו' כי ל"ל. ועז"פ כי הכ' פה נתינת טעם הוא אדלעיל לו' האדון נידון בדין יום או יומים אבל אחר לא וק"ל: ח אבל לא שניהם עם אשה דא"כ אפי' אחד נמי ועוד ונתנו בפלילים מבע"ל: ט דאין לומר בולדות דהא כתיב ואם אסון יהיה ונתתה נפש

דעת זקנים מבעלי התוספות

(כא) אך אם יום או יומים. פירש"י והרי הוא בכלל מכה איש ומת אלא בא הכתוב והוציאו מן הכלל להיות נדון בדין יום או יומים. ואי קשיא אמאי לא אמרי' דזה היה בכלל ויצא מן הכלל ללמד לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא. ונימא שאפילו ישראל נדון בדין יום או יומים. ויש לומר דאדרבה דבר שהיה בכלל ויצא לידון בדבר חדש הוא זה שאי אתה יכול להחזירו לכללו. וא"ת הניחא למ"ד דבר שהיה בכלל ויצא לידון בדבר חדש לאו איהו גמר מכלליה ולא כלליה גמר מיניה אלא למ"ד כלליה גמר מיניה מאי איכא למימר מהא א"כ נילוף מיניה ישראל לידון בדין יום או יומים. י"ל בהני דמשאר דברים גמר כלליה מיניה מ"מ מן הדבר החדש הכל מודים דאף כלליה לא גמר מיניה. וא"ת למאן דאמר לא

פירוש לתורת אלהים

(כא) אך אבער ווען דער קנעכט אדער דיא דינסט וועט לעבן נאך דעם שלאגן איין מעת לעת לא יוקם זאל דער האר ניט ווערן גשטראפט כי ווייל דער קנעכט איז גיקופט גווארן פון זיין געלד [עיין רש"י]: (כב) וכי ינצו אנשים אונ ווען צווייא מענשען וועלען זיך קריגען ונגפו אונ איינער פון זייא וועט שטוסן איין אשה מעוברת שלא בכוונה ויצאו אונ זיא וועט מפיל זיין אירע קינדער מחמת דעם ולא יהיה אסון אונ דיא אשה איז ניט גשטארבען ענוש יענש זאל דער מענש ווערן גשטראפט מיט געלד

כַּאֲשֶׁר יָשִׁית עָלָיו בַּעַל הָאִשָּׁה וְנָתַן בִּפְלִלִים׃ כג וְאִם־אָסוֹן יִהְיֶה וְנָתַתָּה נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ׃ כד עַיִן תַּחַת עַיִן שֵׁן תַּחַת שֵׁן יָד תַּחַת יָד

אונקלוס: כְּמָא דִישַׁוֵּי עֲלוֹהִי בַּעֲלַהּ דְּאִתְּתָא וְיִתֵּן עַל מֵימַר דַּיָּנַיָּא׃ כג וְאִם מוֹתָא יְהֵא וְתִתֵּן נַפְשָׁא חֲלָף נַפְשָׁא׃ כד עֵינָא חֲלָף עֵינָא שִׁנָּא חֲלָף שִׁנָּא יְדָא חֲלָף יְדָא

תו"א כאשר ישית ב"ק מג ערכין ז׃ ונתן בפלילים מגילה טו סנהדרין קיח׃ ואם אסון כתובות לג סנהדרין עד׃ נפש תחת נפש חגיגה יא כתובות לג ב"ק פד סנהדרין עט פו׃ עין תחת עין ב"ק פג פד׃

רשב"ם

בפלילים. בשומת הדיינים׃ (כג) ונתתה נפש תחת נפש. ופטור מדמי וולדות׃ (כד) עין תחת עין. דמי עין דכוותה. וכל אלו הדברים דרשו מה צורך עין תחת

רש"י

בשוק להעלות בדמיה בשביל הריונה׃ ענוש יענש. י יגבו ממון ממנו כמו (דברים כב) וענשו אותו מאה כסף׃ כאשר ישית עליו וגו'. כשיתבענו הבעל ב בב"ד להשית עליו עונש על כך׃ ונתן. המכה דמי ל ולדות׃ בפללים. ע"פ הדיינים׃ (כג) ואם אסון יהיה. באשה׃ ונתתה נפש תחת נפש. (סנהדרין עט) רבותינו חולקין בדבר יש אומרים נפש ממש וי"א ממון אבל לא נפש ממש שהמתכוין להרוג את זה והרג את זה פטור ממיתה ומשלם ליורשיו דמיו כמו שהיה נמכר בשוק׃ (כד) עין תחת עין. סימא עין חבירו נותן לו דמי עינו כמה שפחתו דמיו למכור בשוק וכן

בית יהודא

פַר די קינדער (שָׁמִין אוֹתָהּ כַּמָּה הָיְתָה רְאוּיָה לְהִמָּכֵר בַּשּׁוּק לְהַעֲלוֹת בְּדָמֶיהָ בִּשְׁבִיל הֶרְיוֹנָהּ) מיר זעהן די אִשָּׁה גְלַייך ווי זיא וואלט געוועזן אַכְנַעֲנִישׁע דינסט צו פַארקויפט ווערן אין גאס פַר אַדינסט, מיט ווי פִיל איז מעהר ווערט אַזוי אַדינסט אַז זיא איז מְעוּבֶּרֶת ווי זיא איז ליידיג ניט מְעוּבֶּרֶת, דְהַיְינוּ אַז זיא איז ניט מְעוּבֶּרֶת איז זיא ווערט הונדערט רובל, אונ אַז זיא איז מְעוּבֶּרֶת איז זיא ווערט הונדערט מיט צְוואַנְצִיג רובל, ווייל דר בַּעַל הַבַּיִת רעכנט די קינדער וועלן ביי אים זיין קנעכט, די צוואנציג רובל דארף ראובן בַּצָאהלען צו איר מאן פַר די קינדער׃ (עָנוֹשׁ יֵעָנֵשׁ). ראובן זאל בעשטראפט ווערן (יִגְבּוּ מִמֶּנּוּ מָמוֹן) מען זאל נעמען פון אים געלט פַר די קינדער (כְּמוֹ) ווי עס שטייט אין פסוק (וְעָנְשׁוּ אוֹתוֹ מֵאָה כֶסֶף) מען זאל אים שטראפן ער זאל בּאצאהלען הונדערט כֶּסֶף, זעהן מיר „עוֹנֶשׁ" מיינט מען געלט׃ (כַּאֲשֶׁר יָשִׁית עָלָיו וגו'). זאגט רש"י מען מיינט (כְּשֶׁיִּתְבָּעֶנּוּ הַבַּעַל בְּבֵית דִּין לְהָשִׁית עָלָיו עוֹנֶשׁ עַל כָּךְ) אַז דער מאן וועט רופען דעם שלעגער צו בֵּית דִּין אונ ער וועט מאנען בֵּית דִּין זיי זאלען דעם שלעגער בעשטראפן (וְנָתַן הַמַּכֶּה דְּמֵי וְלָדוֹת) זאל דר שלעגער געבן צום מאן געלט פַר די קינדר (בִּפְלִילִים, עַל פִּי הַדַּיָּינִים) ווי פִיל די דַיָינִים וועלען אָפּשאצען ער זאל בעצאהלען׃ (כג) (וְאִם אָסוֹן יִהְיֶה). (בָּאִשָּׁה) אויב דיא אִשָּׁה וועט געהַרְגֶת ווערן׃ (וְנָתַתָּה נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ). זאלסטו געבן אַמענטש פַר אַמענטש, זאגט רש"י (רַבּוֹתֵינוּ חוֹלְקִים בְּדָבָר) אונזערע רבנים קריגען אין דעם דין (יֵשׁ אוֹמְרִים נֶפֶשׁ מַמָּשׁ) עס זענען דא רבנים וואס זאגען מען זאל דעם שלעגער (ראובן) הרגנען (וְיֵשׁ אוֹמְרִים מָמוֹן) אונ עס זענען דא רבנים וואס זאגען דער שלעגער זאל בצאהלען געלט ווי פִיל די אִשָּׁה איז ווערט געוועזן אַז מען וואלט איר פארקויפט אויף אייביג ווי אַכְנַעֲנִישׁע דינסט (אֲבָל לֹא נֶפֶשׁ מַמָּשׁ) אָבער הרגנען זאל מען ניט דעם שלעגער (שֶׁהַמִּתְכַּוֵּן לַהֲרוֹג אֶת זֶה וְהָרַג אֶת זֶה) וואָרום אַז אייגער מיינט צו הרגנען דעם מענטש, אונ דער מענטש איז ניט געהרגת געווארן, נאר איין אַנדערער איז געהרגת געווארן (פָּטוּר מִמִּיתָה) דארף מען ניט הרגנען דעם שלעגער (וּמְשַׁלֵּם לְיוֹרְשָׁיו דָּמָיו) אונ ער בצאהלט צו דיא יוֹרְשִׁים דָם געלט וואס דער געהרגעטער איז ווערט געוועזן (כְּמוֹ שֶׁהָיָה נִמְכָּר בַּשּׁוּק) אַז ער וואלט פארקויפט געווארן אין גאס פַר אַקנעכט׃ (כד) (עַיִן תַּחַת עַיִן). זאגט רש"י מען מיינט (סִימֵּא עֵין חֲבֵרוֹ) אויב איינער (ראובן) האט בלינד געמאכט דיא אויג פון זיין חבר שמואל (נוֹתֵן לוֹ דְּמֵי עֵינוֹ) דארף ראובן בצאהלן געלט פַר די אויג (כַּמָּה שֶׁפָּחֲתוּ דָמָיו

דעת זקנים מבעלי התוספות

איהו גמר מכלליה ולא כלליה גמר מיניה שאר דברים א"כ מנא לן שרוצח שהרג את ישראל בסייף מנקום ינקם דהכא דכתיב גבי עבד לא יליף. י"ל דנפקא ליה משופך דם האדם באדם דמו ישפך ושפיכות דם אינה אלא בסייף אי נמי ואתה תבער כדמסיק בכתובות אלו נערות. אלא אי קשיא הא קשיא היכי מצי יליף דבשבט ר"ל שיש בו כדי להמית מישראל כדפרש"י והלא הכל מודים דאיהו לא גמר מכלליה. וי"ל דמכח ק"ו מיהא גמר ולכך נקט רש"י לשון זה והלא דברים ק"ו מה ישראל חמור אינו חייב אלא בדבר שיש בו כדי להמית עבד הקל לא כל שכן. ואיתמר במכילתא אם אתה אומר כן אתה מענישו מן הדין ומה ר"ל אדרבה מק"ו זה אנו באין להקל עליו. וי"ל דמשכחת לה חומרא ברודף דקים לן דרודף שרדף אחר חבירו להרגו בדעתו להצילו בנפשו של רודף וזה האדון היה רודף אחר עבדו להרגו בשבט שאין בו כדי להמית ובא ישראל אחר והרג האדון להציל העבד וכיון דאמר מדין זה שאין האדון חייב לפי שאין בה כדי להמית נמצא שזה הישראל שהרג האדון חייב מיתה נמצא שאתה מחייבו ומענישו מן הדין מהר"י יצחק מפיטוב"ן ז"ל׃ (כג) ואם אסון יהיה. למ"ד נתכוין להרוג את זה והרג את זה חייב ר"ל נפש תחת נפש ממש ולמ"ד פטור ממיתה וחייב ממון הוי נפש תחת נפש ממון פדיון נפשו ולתנא דבי חזקיה דסבר פ"ק דבבא קמא דפטור אפילו ממון מתפרש קרא הכי ואם אסון יהיה ונתכוון לאשה עצמה ונתת נפש תחת נפש. ותימה מה חידוש יש בזה דכיון דנתכוין לאשה דנהרג ולי נראה דסד"א דכיון דלא אתעבידא

שפתי חכמים

תחת נפש ואי בולדות הא כתיב מכה איש ולא כפל׃ י מדכתיב ונתן בפלילים משמע שעדיין לא פרע לכן אמר ל' יגבו ולא יפרע׃ כ דאי פירושו כפי מה שישית הוא מאי ונתן בפלילים דמשמע שאין הדבר תלוי בבעל׃ ל לאפוקי דמיה של האשה המוכה וה"ג מקרא קלר׃

פירוש לתורת אלהים

צו בַּצָאלֶן צוא איר מאן פַר דיא קינדער [עיין רש"י] אוב דיא אִשָּׁה וועט שטארבן דארף דעם שטוסען כַּאֲשֶׁר אוב דר מאן וועט מאנען ביי דעם שלעגר פַר די קינדער וְנָתַן זאל דער וואס האט גשלאגן געבין געלד פאר די קינדר בִּפְלִלִים דארף די דַיָינִים וויפל דיא דַיָינִים וועלען פַסקענען׃ (כג) וְאִם אָסוֹן יִהְיֶה אונ וְנָתַתָּ זאלסטו געבין נֶפֶשׁ אַנֶפֶשׁ פאר אַנֶפֶשׁ [עיין רש"י]׃ (כד) עַיִן תַּחַת עַיִן ווען איינר הט דעם אנדרן איין אוג אוים גישלאגין זאל מען אים שאצען וויפעל ער איז וועלוועלער געווארן אן דעם אוג אזו מוז ער אים

רֶגֶל תַּחַת רָגֶל: כה כְּוִיָּה תַּחַת כְּוִיָּה פֶּצַע תַּחַת פָּצַע חַבּוּרָה תַּחַת

רִגְלָא חֲלָף רִגְלָא: כה כְּוָאָה חֲלָף כְּוָאָה פִּדְעָא חֲלָף פִּדְעָא

הר"א רגל תחת ב"ק פד: כויה תחת שם: פצע תחת שם כו פד פה: חבורה תחת ב"ק פד:

רשב"ם

ישינוגר. פסוק זה כולו בחסרון אברים: (כה) כויה תחת כויה. אע"פ שאין בכלל אלו חסרון אבר חייב דמי צער ובשת ורפוי. פצע מכת חרב וחבורה בציפורניו

בית יהודא

לְמְכּוֹר בַּשּׁוּק) ווי פִיל עֶר אִיז אִיצְט וֶוינִיגֶער וֶוערְט פוּן פְרִיעֶר אַז מֶען וָואלְט אִים פַארְקוֹיפְט פַר אַקְנֶעכְט אִין גַאס, דְהַיְינוּ אַז מֶען וָואלְט אִים פַארְקוֹיפְט אִין גַאס פַר אַ אֵייבִּיגֶן קְנֶעכְט וֶוען עֶר הָט גֶעהַאט בֵּיידֶע אוֹיגֶען, אִיז עֶר וֶוערְט גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט רוּבֶּל, אוּנ אִיצְט אִיז עֶר נָאר וֶוערְט אַכְטְצִיג רוּבֶּל, דַארְף רְאוּבֵן אִים בְּצָאהְלֶען צְוַואנְצִיג רוּבֶּל (וְכֵן כּוּלָם) אוּנ אַזוֹי אִיז דֶער דִין בַּיי דִי אַלֶע פֶעלֶערְם וָואס שְׁטֵייעֶן דָא אִין דִי פְּסוּקִים (וְלֹא נְטִילַת אֵבֶר מַמָּשׁ) אוּנ מֶען מֵיינְט נִיט מֶען זָאל דֶעם שְׁלֶעגֶער בְּלִינְד מַאכֶען, אוּנ נִיט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַצָאן פַר אַצָאן, אוּנ נִיט אָפְּהַאקֶן אַהַאנְט אָדֶער אַפוּס פַר אַהַאנְט אָדֶער אַפוּס, מֶען מֵיינְט נָאר בְּצָאהְלֶען גֶעלְט (כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ בְּפֶּרֶק הַחוֹבֵל) ווִיא דִי רַבָּנָן הָאבֶּן גֶעלֶערוּנְט אִין פֶּרֶק הַחוֹבֵל: (כה) וּכְוִיָּה תַּחַת כְּוִיָּהוּ. זָאגְט רש"י כְּוִיָּה מֵיינְט מֶען (מִכְוַת אֵשׁ) דְהַיְינוּ רְאוּבֵן הָט גֶעגֶעבֶּען אבְּרֶען מִיט פַייעֶר אוֹיף אַגְלִיד פוּן שְׁמוּאֵל (וְעַד עַכְשָׁיו דִּבֵּר בַּחֲבָלָה שֶׁיֵּשׁ בָּהּ פְּחַת דָּמִים) בִּיז אִיצְט הָט דֶער פָּסוּק גֶערֶעט אַז אֵיינֶער הָט גֶעטָאהְן דֶעם אַנְדֶערֶען שָׁאדֶען וָואס עֶר אִיז אִיצְט וֶוינִיגֶער וֶוערְט פוּן פְרִיעֶר (וְעַכְשָׁיו

רש"י

כולם ולא נטילת אבר ממש כמו שדרשו רבותינו בפ' החובל (ב"ק פד): (כה) כויה תחת כויה. מכות אש ועד עכשיו דבר בחבלה שיש בה פחת דמים ועכשיו בשאין בה פחת דמים אלא צער כגון כוואו בשפוד על צפרניו אומדים כמה אדם כיוצא בזה רוצה ליטול להיות מצטער כך: פצע. היא מכה המוציאה דם שפצע את בשרו נפרדו"ר בלעז (אפעגע וואונדע) הכל לפי מה שהוא אם יש בו פחת דמים נותן נזק ואם נפל למשכב נותן שבת ורפוי ובשת וצער ומקרא זה יתר הוא ובהחובל דרשוהו רבותינו לחייב על הצער אפי' במקום נזק שאע"פ שנותן לו דמי ידו אין פוטרין אותו מן הצער לו' הואיל וקנה ידו יש עליו להתכה בכל מה שירצה אלא אומרים יש לו להתכה בסם שאינו מצטער כל כך וזה התכה בברזל וצערו: חבורה. היא מכה שהדם נצרר בה ואינו יוצא אלא שמאדים הבשר כנגדו ולשון חבורה טק"א בלעז [פפלעקקן] כמו (ירמיה יג) ונמר חברברותיו ותרגומו משקופי לשון הכטה בטדור"א בלעז [שלאג] וכן שדופות קדים שקיפן קידום הבוטות ברוח וכן על המשקוף על שם שהדלת

כְּשֶׁאֵין בָּהּ פְּחַת דָּמִים) אִיצְט שְׁמוּעֶסְט מֶען אַז עֶר הָאט אִים נִיט וֶוינִיגֶער גֶעמַאכְט פוּן זַיין גֶעלְט (אֶלָּא צַעַר) עֶר הָט אִים נָאר גֶעמַאכְט שְׁמֶערְצֶען (כְּגוֹן כְּוָאוֹ בְּשַׁפּוּד עַל צִפָּרְנָיו) עֶר הָאט אִים אַבְּרֶען גֶעטָאהְן מִיט אַהֵייסֶען שְׁפִּיז אוֹיף זַיין נָאגֶעל (אוֹמְדִים כַּמָּה אָדָם כַּיּוֹצֵא בָּזֶה רוֹצֶה לִטּוֹל לִהְיוֹת מִצְטַעֵר כָּךְ) מֶען זָאל פְרֶעגֶען אֵיין אַנְדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז גְלַייךְ צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ ווִיא פִיל עֶר ווִיל מֶען זָאל אִים גֶעבֶּען עֶר זָאל זִיךְ לָאזֶען אַבְּרֶען גֶעבְּן מִיט אַהֵייסֶען שְׁפִּיז ווִי מֶען הָט גֶעטָאהְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי פִיל זָאל מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּצָאהְלֶען: וּפֶּצַע. זָאגְט רש"י (הִיא מַכָּה הַמּוֹצִיאָה דָם) פֶּצַע מֵיינְט מֶען אַזוֹי אַמַּכָּה וָואס פוּן אִיר גֵייט אַרוֹיס בְּלוּט (שֶׁפָּצַע אֶת בְּשָׂרוֹ) עֶר הָט אִים צוּ שְׁפַּאלְטֶען דָאס פְלֵיישׁ (הַכֹּל לְפִי מַה שֶׁהוּא) מֶען דַארְף זֶעהְן ווִי דִי מַכָּה אִיז (אִם יֵשׁ בּוֹ פְּחַת דָּמִים) אוֹיב וֶועגֶען דִי מַכָּה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועלְוֶועלֶער גֶעוָוארֶען (נוֹתֵן נֶזֶק) דַארְף דֶער שְׁלֶעגֶער אִים בְּצָאהְלֶען דֶעם שָׁאדֶען (וְאִם נָפַל לְמִשְׁכָּב) אוֹיב עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶן פוּן דֶעם שְׁלָאגֶען אוּנ עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶר קֶען נִיט גֵיין פַארְדִינֶען (נוֹתֵן שֶׁבֶת וְרִפּוּי וּבֹשֶׁת וְצַעַר) דַארְף דֶער שְׁלֶעגֶער אִים גֶעבְּן פַּרְנָסָה אַזוֹי לַאנְג ווִי עֶר לִיגְט אִין בֶּעט ווִי פִיל עֶר ווָעט קֶענֶען פַארְדִינֶען יֶעדֶער וָואךְ וֶוען עֶר וֶועט גֶעזוּנְד וֶוערֶען, אוּנ עֶר דַארְף אִים הֵיילֶען, אוּנ עֶר דַארְף אִים בְּצָאהְלֶען פַר דִי שַׁאנְדֶע וָואס עֶר הָט אִים בְּלִינְד גֶעמַאכְט, אָדֶער וָואס עֶר הָט אִים אָפְּגֶעהַאקְט אַהַאנְט אָדֶער אַפוּס, אוּנ עֶר דַארְף אִים בְּעצָאהְלֶען פַר דִי יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט (וּמִקְרָא זֶה יָתֵר הוּא) אוּנ דֶער פָּסוּק אִיז אִיבֶּערִיג (וּבְהַחוֹבֵל דְּרָשׁוּהוּ רַבּוֹתֵינוּ לְחַיֵּיב עַל הַצַּעַר אֲפִילוּ בִּמְקוֹם נֶזֶק) אִין פֶּרֶק הַחוֹבֵל לֶערְנֶען דִי רַבָּנָן אֲפִילוּ דֶר שְׁלֶעגֶער בְּצָאהְלְט אִים דֶעם שָׁאדֶען פוּן דִי אוֹיג אָדֶער פוּן דִי הַאנְט אָדֶער פוּן דִיא פוּס פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען דַארְף עֶר אִים בְּצָאהְלֶען פַר דִי שְׁמֶערְצֶן בְּעזוּנְדֶר (שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁנּוֹתֵן לוֹ דְּמֵי יָדוֹ) אֲפִילוּ דֶר שְׁלֶעגֶער בְּצָאהְלְט אִים גֶעלְט פַר דִי הַאנְט פוּן דֶעסְטְוֶועגְן (אֵין פּוֹטְרִין אוֹתוֹ מִן הַצַּעַר) מַאכְט מֶען אִים נִיט פְרַיי פוּן צוּ בְּצָאהְלֶען פַר דִיא יְסוּרִים (לוֹמַר הוֹאִיל וְקָנָה יָדוֹ יֵשׁ עָלָיו לְהַתִּכָה בְּכָל מַה שֶּׁיִּרְצֶה) מִיר זָאגֶען נִיט ווַייל דֶער שְׁלֶעגֶער הָט דִי הַאנְט גֶעקוֹיפְט וֶוער בַּצָאלְט פַר אִירוּ מֶעג עֶר זִיא אָפְּשְׁנֵיידֶן מִיט וָואס עֶר ווִיל, אֲפִילוּ עֶר הָאט יְסוּרִים (אֶלָּא אוֹמְרִים) נָאר מִיר זָאגֶען (יֵשׁ לוֹ לְהַתִּכָה בְּסַם שֶׁאֵינוֹ מִצְטַעֵר כָּל כָּךְ) עֶר דַארְף זִיא אָפְּשְׁנֵיידֶן מִיט אַזוֹ אַסַם וּבְלָארֶע פַארְם) וָואס דֶער צַעַר וְדִי יְסוּרִים) זֶענֶען נִיט גְרוֹס (וְזֶה חֲתָכָהּ בְּבַרְזֶל וְצִעֲרוֹ) אוּנ עֶר הָט אִים אָפְּגֶעהַאקְט דִי הַאנְט מִיט אַאַייזִין וָואס דִיא יְסוּרִים זֶענֶען גְרוֹס, דַארְף עֶר אִים בְּצָאלֶען פַר דִי יְסוּרִים: וְחַבּוּרָה) . זָאגְט רש"י (הִיא מַכָּה שֶׁהַדָּם נִצְרַר בָּהּ וְאֵינוֹ יוֹצֵא) חַבּוּרָה אִיז אַמַּכָּה וָואס דִי בְּלוּט פַארְזַאמוּלְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי הוֹיט, אוּנ דִי בְּלוּט גֵייט נִיט אַרוֹיס, נָאר דֶר אָרְט וֶוערְט הוֹיךְ (אֶלָּא שֶׁמַּאְדִים הַבָּשָׂר כְּנֶגְדּוֹ) אוּנ דָם פְלֵייש וָואס אִיבֶּער דִי בְּלוּט וֶוערְט רוֹיט (לְשׁוֹן חַבּוּרָה) מֵיינְט מֶען אַפְלֶעק (כְּמוֹ) ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וְנָמֵר חֲבַרְבּוּרוֹתָיו) דֶער לֶעמְפֶּערְט קֶען נִיט עֶנְדֶערִין זַיינֶע פְלֶעקִין וָואס עֶר הָט אוֹיף זַיין פֶעל (וְתַרְגּוּמוֹ מַשְׁקוֹפֵי) אוֹיף דֶעם וָוארְט „חַבּוּרָה" טַייטְשְׁט דֶר תַּרְגּוּם מַשְׁקוֹפֵי (לְשׁוֹן חֲבָטָה) קְלַאפִּין (וְכֵן שְׁדוּפוֹת קָדִים) אוֹיף דִיא וֶוערְטֶר „שְׁדוּפוֹת קָדִים" טַייטְשְׁט אוֹךְ דֶער תַּרְגּוּם „שְׁקִיפָן קִדּוּם", דָם מֵיינְט מֶען „חֲבוּטוֹת בְּרוּחַ" אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן ווִינְט (וְכֵן עַל הַמַּשְׁקוֹף) דֶעם וָוארְט עַל „הַמַּשְׁקוֹף" מֵיינְט מֶען אוֹיךְ גֶעקְלַאפְּט, דִי בְּרֶעטִיל וָואס אִיבֶּער דִי טִיר הֵייסְט מַשְׁקוֹף (עַל שֵׁם שֶׁהַדֶּלֶת נוֹקֵשׁ עָלָיו) ווַייל דִיא טִיר קְלַאפְּט אוֹיף דִי בְּרֶעט וְחַבּוּרָה מֵיינְט מֶען עֶר הָט גֶטָאן אַקְלַאפּ זַיין חָבֵר

פירוש לתורת אלהים

בְּצָאלֶען שֵׁן אַצָאן תַּחַת שֵׁן פַאר אַצָאן יָד אַהַאנְט פַאר אַהַאנְט רֶגֶל אַפוּס פַאר אַפוּס זָאל מֶען שַׁאצֶען ווִיא פְרִיעֶר שְׁטֵייט: (כה) כְּוִיָּה תַּחַת כְּוִיָּה וֶוען אֵיינֶער הָט דֶעם אַנְדֶערֶן אֵיין בְּרִי גְטָאהְן זָאל מֶען שַׁאצֶען ווִיפִיל אַמֶענְשׁ זַיין גְלַייכֶן וָואלְט גֶוָואלְט נֶעמֶן גְצָאלְט עֶר זָאל זִיךְ לָאזֶן אַזוֹ אַצַער טָאהְן מוּז עֶר אִים אַזוֹי פִיל

חבורה: ס כו וכי־יכה איש את־עין
עבדו או־את־עין אמתו ושחתה
לחפשי ישלחנו תחת עינו: כז ואם־
שן עבדו או־שן אמתו יפיל לחפשי
ישלחנו תחת שנו: פ כח וכי־יגח שור

תו"א וכי יכה איש קידושין כד: ושחתה קידושין כד ב"ק כו: לחפשי קידושין כד: תחת עינו ב"ק עד: ואם שן עבדו קידושין כד: וכי יגח שור ברכות נו ב"ק ג לט מב:

אונקלוס

משקופי חלף משקופי: כו וארי ימחי גבר ית עינא דעבדה או ית עינא דאמתה ויחבלנה לבר חורין יפטרנה חלף עינה: כז ואם שנא דעבדה או שנא דאמתה יפל לבר חורין יפטרנה חלף שנה: כח וארי יגח תורא ית

בעל הטורים

ממון דנתכוין להרוג את זה והרג את זה פטור ממיתה וחייב ממון: (כו) וכי יכה. אלו שני פסוקים מתחילין בוא"ו ומסיימין בוא"ו וכי יכה תחת עינו ואם שן עבדו תחת שנו הרי כ"ד כנגד כ"ד איברים שיוצא בהם ויש בהם כ"ו תיבות כשתצרף עמהן שן ועין יהיו כ"ו

רשב"ם

דבר מועט: (כו) תחת עינו. בעבד כנעני:

רש"י

מוקש עליו: (כו) את עין עבדו. כנעני אבל עברי אינו יוצא בשן ועין כמו שאמרנו אלא לא מ תלא כלאת העבדים: תחת עינו. (מכילתא) וכן בכ"ד ראשי ג אברים אלבעות הידים והרגלים ושתי אזנים והחוטם וראש הגויה שהוא גיד האמה. ולמה נאמר שן ועין שאם נא' עין ולא נאמר שן הייתי אומר מה עין שנבראת עמו אף כל שנבראת עמו והרי שן לא נבראת עמו. ואם נא' שן ולא נאמר עין הייתי אומר אפי' שן תינוק שיש לה חליפין לכך נא' עין: (כח) וכי יגח

בית יהודא

אוג די בלוט איז פרלאפן אונטער די הויט, אונ דר מענטש הט שמערציך: (כו) ואת עין עבדו. אויב דער בעל הבית הט געשלאגן זיין קנעכט אונ הט אים אויסגעהאקט אדער בלינד געמאכט אאויג, אויב דר קנעכט איז אכנעני, גייט ער ארוים פריי פון זיין בעל הבית (אבל עברי אינו יוצא בשן ועין) אבער אז דר קנעכט איז איוד, אונ דר בעל הבית הט אים אויסגהאקט אאוג אדער אצאן גייט ער גיט ארוס פריי (כמו שאמרנו אצל לא תצא כצאת העבדים) ווי מיר האבן גזאגט ביי דעם פסוק לא תצא כצאת העבדים: ותחת עינו. זאגט רש"י (וכן בכ"ד ראשי אברים) אז דר בעל הבית האקט אפ זיין כנענישען קנעכט איין גליד פון דיא פיר אונ צוואנציג גלידער גייט אוך דר קנעכט ארוים פריי, דס זענען דיא פיר אונ צוואנציג גלידער (אצבעות הידים והרגלים) אויב ער הט אים אפגעהאקט איין פינגער פון די הענט אדער איין פינגער פון די פיס (ושתי אזנים) אדער ער הט אים אפגעשניטען איין אויער (והחוטם) אדער ער הט אים אפגעשניטען דעם שפיץ נאז (וראש הגויה שהוא גיד האמה) אדר ער הט אים אפגשניטן דעם שפיץ פון די מילה, פרעגט רש"י (ולמה נאמר שן ועין) צו וס שטייט אין פסוק אז דער בעל הבית האקט אוס דעם כנענישען קנעכט אצאן אדער אאויג גייט דער קנעכט ארוים פריי, זאל שטיין איינס, אצאן, אדער אאויג, וועלען מיר לערנען איינס פון דם אנדערע, ענטפערט רש"י (שאם נאמר עין ולא נאמר שן) אויב עס וואלט געשטאנען אז ער האקט אוים אאויג דעם קנעכט גייט דער קנעכט ארוים פרייא, אונ אז ער האקט אוס אצאן דעם קנעכט וואלט ניט געשטאנען אז ער גייט ארוס פריי (הייתי אומר) וואלט איך זאגן (מה עין שנברא עמו) אזו ווי דער אויג איז גיבארין געווארן מיט דעם קנעכט אז דער בעל הבית האקט אים אוים די אויג גייט ער ארוים פריי (אף כל שנברא עמו) אזו וועלכין גליד וס איז גיבארן מיט דעם קנעכט אז דר בעל הבית האקט אים אפ גייט דער קנעכט ארוים פריי (והרי שן לא נברא עמו) דר צאהן איז דאך ניט גיבארן גיווארען מיט דעם קנעכט, וואלט איך מיינען אז ער האקט אוים אצאהן דעם קנעכט גייט ער ניט ארוים פריי, דריבער מוז דר פסוק זאגין אז דער בעל הבית האקט אוים אצאן דעם קנעכט גייט אוך דער קנעכט ארוים פריי (ואם נאמר שן ולא נאמר עין) אונ אז אין פסוק וואלט געשטאנען אז דער בעל הבית האקט אוים אצאן דעם קנעכט גייט ער ארוס פריי, אונ אז דער בעל הבית האקט אוים אאויג דעם קנעכט וואלט ניט געשטאנען אז ער גייט ארוים פריי (הייתי אומר) וואלט איך זאגין (אפילו שן תינוק שיש לה חליפין) אויב דער בעל הבית הט אכנענישען קינד פר אקנעכט אונ דער בעל הבית הט אים אויסגעהאקט אצאן, זאל דער קינד ארויסגיין פריי, אפילו זיין צאן וועט אים צוריק אפ־וואקסין (לכך נאמר עין) דריבער זאגט דר פסוק עין אוך, אזו וויא אאויג קומט ניט צוריק איין אנדער אויג, אזו נאר אז ער האקט אוים אצאן פון אגרוסין קנעכט, וואס וועט אים קיין אנדער צאן צוריק אפוואקסין, גייט ער ארוים פריי, אבער אז ער האקט אוים אצאן פון אקליינעם קנעכט וס עס וועט צוריק אפוואקסין איין אנדער צאן גייט ער ניט ארוס פריי: (כח) וכי יגח שור את איש. אוב אאקס וועט הרגנן אמענטש. זאגט רש"י (אחד שור ואחד כל בהמה חיה ועוף)

דעת זקנים מבעלי התוספות

מחשבתו שהרי עיקר כוונתו היתה להרוג את חבירו לא ליחייב קמ"ל: (כו) לחפשי ישלחנו. מדרש ולכך יוצא עבד כנעני בשן

שפתי חכמים

ם ויליף מהקישא דעברי או העבריה: נ הוא בנין אב משן ועין כו' הלך הסוה שבכן שכן מומין קבועים וראשי אברים ונגלוי וכמתכוין

פירוש לתורת אלהים

באצלן פצע אוואנד פר אוואנד חבורה. אבייל פאר אבייל: (כו) וכי יכה איש את עין עבדו אונ ווען אמענטש וועט אוים שלאגען איין אויג פון זיין עבד כנעני או אדר איין אויג פון זיין שפחה כנענית ושחתה אונ ער וועט דאס אונ פאר דארבן לחפשי זאל ער אים פריי ארום שיקן תחת עינו פר זיין אוג: (כז) ואם שן עבדו או שן אמתו יפיל אונ אויב ער וועט מאכען ארוים פאלען אצאן פון זיין עבד כנעני אדער פון זיין שפחה

מצות השם

(נא) (וכי יגח שור את איש וגו') פון דיא פסוקים לערנען מיר ארוס אז עס איז איין (מצות עשה) אויף דעם בית דין

אֶת־אִ֛ישׁ א֥וֹ אֶת־אִשָּׁ֖ה וָמֵ֑ת סָק֨וֹל יִסָּקֵ֜ל הַשּׁ֗וֹר וְלֹ֤א יֵאָכֵל֙ אֶת־בְּשָׂר֔וֹ וּבַ֥עַל הַשּׁ֖וֹר נָקִֽי׃ כט וְאִ֡ם שׁ֣וֹר נַגָּח֩

אונקלוס

גֻּבְרָא אוֹ יָת אִתְּתָא וִימוּת אִתְרְגָמָא יִתְרְגֵם תּוֹרָא וְלָא יִתְאֲכֵל יָת בִּסְרֵהּ וּמָרֵהּ דְּתוֹרָא יְהֵי זַכָּאָה׃ כט וְאִם תּוֹר נַגָּח הוּא

תו"א סקול יסקל קידושין נו ב"ק מה:

רשב"ם

(כח) סקול יסקל השור. לפי הפשט ולא יאכל את בשרו לא לנכרי ולא לכלב לאחר שנסקל ואע"פ שהנבלה וטרפה כתוב בם או מכור לנכרי לכלב תשליכון אותו כאן אינו מותר בהנאה לאחר סקילה. וחכמים פירשו

בעל הטורים

אברים וכן בויאמר ארור כנען ויאמר ברוך ה' אלהי שם כ"ו תיבות ומתחילין בוא"ו ומסיימין בוא"ו: (כח) ולא יאכל. בגימט' ולא הנאה: (כט) נגח. ב' במס' הכא ואידך או נודע כי שור נגח הוא כדאיתא

בית יהודא

ווער עס הרגת א מענטש סיי א אקם און סיי איין אנדער מין בהמה און סיי א חיה און סיי א עוף איז אלץ איין דין, נאר פר וואס זאגט דער פסוק א אקם (אלא שדבר הכתוב בהווה) נאר דר פסוק שמועסט פון א אקם ווייל דר גאטור פון א אקם איז ער זאל מאכן שאדין און הרגנן מענטשין און בהמות וחיות קומען דאך ניט צווישן מענטשין: ולא יאכל את בשרו. זיין פלייש זאל ניט געגעסין ווערין, פרעגט רש"י (ממשמע שנאמר סקול יסקל השור) אז אין פסוק שטייט מען זאל דעם אקם בעווארפן מיט שטיינער ביז מען וועט אים הרגנן (איני יודע שהוא נבלה) ווייס איך דען ניט אז דר אקם איז געווארען א נבלה (ונבלה אסורה באכילה) און א נבלה טאר מען דאך ניט עסין (אלא מה תלמוד לומר ולא יאכל את בשרו) צו וואס דארף די תורה זאגען מען זאל ניט עסין זיין פלייש, ענטפערט רש"י מען מיינט (שאפילו שחטו לאחר שנגמר דינו אסור באכילה) אויב בית דין האבן געפסקת מען זאל דעם אקם הרגנן נאכדעם האט מען אים געשאכטן, טאר מען אויך ניט עסין זיין פלייש, זאגט רש"י (בהנאה מנין) פון וואנען ווייסן מיר אפילו נאר הנאה האבען טאר מען אויך ניט (תלמוד לומר ובעל השור נקי) זאגט דר פסוק דר בעל הבית פון אקם זאל זיין ריין, וואס מיינט מען ריין (כאדם האומר לחבירו) וויא א מענטש זאגט צו זיין חבר (יצא פלוני נקי מנכסיו ואין לו בהם הנאה של כלום) יענער מענטש איז ארויס געגאנגען ריין פון זיין פרמעגן ווער הט זיין גאנצין פארמעגין פארלארן] און ער האט פון אים נאר קיין הנאה געהאט (וזה מדרשו) אזוי ווערט געלערנט אין דר גמרא (ופשוטו כמשמעו) דר גלייכסטער פשט אין פסוק

רש"י

שור. (ב"ק כד) אחד שור ואחד כל בהמה וחיה ועוף אלא שדיבר הכתוב בהווה: ולא יאכל את בשרו. (פסחים כה) ממשמע שנא' סקול יסקל השור איני יודע שהוא נבלה ונבלה אסורה באכילה אלא מה ת"ל ולא יאכל את בשרו שאפי' שחטו לאחר שנגמר דינו אסור באכילה (ב"ק מא) בהנאה מנין ת"ל ובעל השור נקי כאדם האומר לחבירו יצא פלוני נקי מנכסיו ואין לו בהם הנאה של כלום זהו מדרשו ופשוטו כמשמעו לפי שנא' במועד וגם בעליו

שפתי חכמים

ה כל וכו' יצא חתך ממנו כשר שחוזר: ם ילפינן שור שור משבת כו'

דעת זקנים מבעלי התוספות

ועין אמר הקב"ה חם ראה ערות אביו והגיד לאחיו בפיו לפיכך נתקלל להיות עבד לאחיו וזה לקה בדבר שקלקל בעיניו או בשיניו לפיכך יצא בהן לחירות: (כח) סקול יסקל השור. פירש"י ממשמע שנא' סקול יסקל השור איני יודע דלא יאכל דנבלה היא ונבלה אסורה באכילה אלא מלמד שאם שחטו לאחר שנגמר דינו שאסור באכילה. וא"ת אימא דלא יאכל אתא לבן פקועה דניתר בשחיטת אמו ואתא האי קרא למימר דאם אותו בן פקועה נגח ונסקל שאע"פ שאינו נבלה יהא אסור. וי"ל כיון דבן פקועה ניתר בלא שחיטה א"כ הוה ליה כמו שנשחט קודם גמר דינו דקים לן דמותר בשחיטה: (כט) ואם

פירוש לתורת אלהים

כנענית לחפשי זאל ער אים פריי ארוים שיקען תחת שנו פר זיין צאן: (כח) וכי יגח שור ווען איין אקם אדר אנדרע בהמה וועט שטוסן את אמענש אזכר אדר אנקבה ומת און דער מענש וועט שטארבן סקול זאל דער אקם פאר שטיינט ווערען ולא און עס זאל ניט געגעסן ווערן זיין פלייש ובעל און דער בעל הבית פון דעם אקם איז ריין פון איין עונש: (כט) ואם שור נגח הוא און אוב ער איז אזו איין אקם וואס ער איז גוואנט

מצות השם

דין אז זייא זאלען פאסקינען דעם דין אז איין אקם הט שאדען געטוען היינו ער הט גשטוסן אדר ער הט מיט דעם גוף איינם אום געווארפן סיי דר אקם טוט שאדען איין מענטש אדר איין אנדערן אקם אדער כלים און אנדערי זאכען און ניט דווקא אז איין אקם טוט שאדען נאר אפילו א חיה און איין עוף וואס זייא קערן צו איינעם און זיי האבן שאדן געטוען דארף דר בעל הבית צו צאהלן נאר אז דער אקם האט איין מאל אבער צוויי מאל געשטוסען דארף ער נאר צו צאלן איין האלבען שאדען און דעם אקם זאל מען הארגינען אז ער האט אבער דרייא מאל געשטוסען היסט ער איין מועד און דר בעל הבית מוז צאלען איין גאנצן שאדן פון זיינע בעסטע פעלדער און דער חיוב איז נאר אז דר אקם איז געגאנגן אין איין פרעמדן רשות אריין און הט שאדן גטוען אדר אוף אזאי ארט וואס עס האבן בידע אקסן רשות צוא גיין אבער אז איין אקם גייט ארום אין איין פרעמדען רשות אריין און האט אים דארטען גשטוסען דעם בעל הבית אקם דארף דר בעל הבית ניט צו צאלן ווארום דר בעל הבית קען טענען הט ער ניט גקערט אריין צוא גיין אין מיין רשות אריין און אז דער אקם הט געשטוסן איין מענטש דאס ערשטע מאל קומט דעם אקם צו פארשטיינען און דער בעל הבית איז פטור פון צו צאלען כופר און אז ער האט דרייא מאל געשטוסן היינו מען הט אים דס ערשטע און דס אנדרע מאל ניט גקאנט חאפן זאל מען דעם אקם פר שטיינן און דער בעל הבית דארף צו צאלן כופר צו די יורשים פון דעם מענטש וואס דר אקם הט אים נהארגית אז איין אקם שטוסט איין קנעכט דארף מען צו צאלען דעם האר דרייסיג שקלים און דעם דין פאסקינען איין ב"ד סמוכין אוף יעדער ארט און יעדער צייט:

(נב) (סקול יסקל השור) פון דעם פסוק נעמן מיר ארוים די (ולא תעשה) אז איין אקם האט געשטוסען און מען דארף אים הרגינען אפילו דר בעל הבית איז געגאנגן און הט אים גקולעט מיט איין כשר מעסר איז ער אויך אסור און מען טאר ניט קיין הנאה האבן פון אים און אז מען עסט אכזית פון דעם אקם קומט מלקות און ער טאר אים ניט אוועק שענקען צו קיין גוי אדר צו ווארפען פאר די הונד נאר מען דארף אים באגראבען און דיא מצוה גייט אן בייא זכרים און ביי נקבות:

מאתמלי ומדקמוהי ויתסהיד במרה ולא נטרה ויקטול גברא או אתתא תורא יתרגם ואף מרה יתקטל: ל אם ממון ישוון עלוהי ויתן פורקן נפשה בכל דישוון

הוּא מִתְּמֹל שִׁלְשֹׁם וְהוּעַד בִּבְעָלָיו וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ וְהֵמִית אִישׁ אוֹ אִשָּׁה הַשּׁוֹר יִסָּקֵל וְגַם בְּעָלָיו יוּמָת: ל אִם כֹּפֶר יוּשַׁת עָלָיו וְנָתַן פִּדְיֹן נַפְשׁוֹ כְּכֹל

תו"א ככל אשר ב"ק כו:

בעל הטורים

בפרק שור שנגח דילפינן נזקין ממיתה לחייב על הקטנים כגדולים: (ל) פדיון. ב' במסורה הכא ואידך ויקר פדיון נפשם רמז למ"ד כופרא כפרה בשביל שיקרה נפשם בעיני הקב"ה נתן להם כופר לכפרה: פדיון

רשב"ם

משנגמר דינו אסור אפילו שחטו לאחר גמר דין: ובעל השור נקי. כל זמן שלא הועד בו: (כט) וגם בעליו יומת. בידי שמים ואם יתן כופר פטור ממיתה בידי שמים:

רש"י

יומת הוצרך לומר בתם ובעל השור נקי: (כט) מתמול שלשום. הרי ג' נגיחות (מכילתא): והועד בבעליו. (ב"ק כג) לשון התראה בעדים כמו (בראשית מג) העד העיד בנו האיש: והמית איש וגו'. לפי שנאמר כי יגח אין לי אלא שהמיתו בנגיחה. המיתו בנשיכה דחיפה ובעיטה מנין ת"ל והמית: וגם בעליו יומת. בידי שמים. יכול בידי אדם ת"ל (במדבר לה) מות יומת המכה רוצח הוא על רציחתו אתה הורגו ואי אתה הורגו על רציחת שורו (סנהדרין לג): (ל) אם כפר יושת עליו. אם זה אינו תלוי והרי הוא כמו אם כסף תלוה לשון אשר זה משפטו שישיתו עליו ב"ד כופר: ונתן פדיון נפשו. דמי ניזק דברי ר' ישמעאל. ר"ע

בית יהודא

איז (לפי שנאמר במועד וגם בעליו יומת) ווייל עס שטייט ביי אמועד מען זאל דעם בעל הבית אויך הרגנן (הוצרך לומר בתם ובעל השור נקי) דארף דר פסוק זאגן ביי אתם דר בעל הבית פון אקס איז ריין, ער ווערט ניט בשטראפט ואז אאקס הרגת אמענטש איין מאהל אונ צוויי מאל, איז ער אתם, אונ אז ער הרגת דריי מאל הייסט ער אמועד] : (כט) ומתמול שלשום]. ער הט געשטויסען נעכטען, אונ פר געכטען, אונב היינט (הרי שלש נגיחות) הט ער דריי מאהל געשטוסען: [והועד בבעליו]. מען מיינט (לשון התראה בעדים) מען האט געזאגט צום בעל הבית פר עדות ער זאל היטן דעם אקס ווארום ער הט שון צוויי מאהל גשטוסן אונ געהרגת צוויי מענטשן (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (העד העיד בנו האיש) דר מענטש הט אונז אנגעזאגט פר עדות אזו והועד מיינט מען אויך אנזאגען פר עדות: [והמית איש וגו']. זאגט רש"י (לפי שנאמר כי יגח) ווייל עס שטייט אין פסוק כי יגח, אז דער אקס וועט שטוסען מיט די הערנער אונ וועט הרגנן אמענטש (אין לי אלא שהמיתו בנגיחה) פון דעם פסוק ווייסן מיר נאר אז דער אקס הט געשטוסען מיט די הערנער אונב האט געהרגת אמענטש, דארף מען אים הרגנען (המיתו בנשיכה) אוב דער אקס הט געטאהן אביס אמענטשין אונב הט אים געהרגת (דחיפה) אדער דר אקס הט מיט זיין קערפער גיטאהן אשטוס אמענטשען אונ הט אים געהרגת (ובעיטה) אדער דער אקס הט מיט זיין פוס גטאהן אטרעט אוף אמענטש אונ הט אים געהרגת (מנין) פון וואנען ווייסן מיר אז מען הרגת דעם אקס (תלמוד לומר והמית) זאגט דר פסוק והמית, ער הט געהרגת דעם מענטש, מיט דעם ווס ער האט אים געהרגת, הט ער אים געהרגת, דארף מען אלץ הרגנען דעם אקס: [וגם בעליו יומת]. דער בעל הבית זאל אויך געהרגת ווערן, זאגט רש"י (בידי שמים) ער וועט גהרגת ווערן פון הקב"ה (יכול בידי אדם) איך וואלט מיינען ער זאל געהרגת ווערן דורך מענטשען, בית דין זאלען אים הרגנען (תלמוד לומר מות יומת המכה רוצח הוא) זאגט דר פסוק אז איינר הרגת אמענטש זאל מען הרגנן דעם שלעגר ווייל ער איז ארוצח (על רציחתו אתה הורגו) אז ער אליין הרגת אמענטש דארף מען אים הרגנען (ואי אתה הורגו על רציחת שורו) אבער אז זיין אקס הט געהרגת אמענטש הרגת מען אים ניט: [ל) ואם כפר יושת עליו]. זאגט רש"י (אם זה איננו תלוי) דער ווארט "אם" איז ניט אספק, אם, אוב (והרי הוא כמו אם כסף תלוה) דער ווארט אם, איז ווי דער "אם" ווס שטייט אם כסף תלוה (לשון אשר) עס איז גלייך ווי עס וואלט געשטאנען אשר כופר יושת עליו, אשר כסף תלוה, (זה משפטו) דס איז דער דין (שישיתו עליו בית דין כופר) בית דין זאלן פסקנען דער בעל הבית פון אקס זאל געבען אויסלייז געלט: [ונתן פדיון נפשו]. ער זאל געבן פר זיך אאויסלייזגב (דמי ניזק דברי רבי ישמעאל) רבי ישמעאל זאגט דער בעל הבית פון אקס זאל געבען צו די יורשים פון דעם געהרגתן

דעת זקנים מבעלי התוספות

שור נגח הוא. בבבא קמא פרק כיצד הרגל פליגי אביי ורבא אביי אמר תמול חד מתמול תרי שלשום תלת ולא ישמרנו אתא לנגיחה רביעית ורבא אמר תמול מתמול חד שלשום תרי ולא ישמרנו הרי כאן נגיחה חייב וע"כ חיי' ר"ל כשיגח נגיחה רביעית כדאמרינן בפ' חזקת הבתים אימא שור המועד עד נגיחה רביעית לא מחייב משמע דכ"ע מודי בה אלא בהא פליגי אביי ורבא דאביי מפיק כל הארבעה נגיחות מקרא גופיה ורבא לא מפיק מקרא אלא שלש ואי קשיא מאי נפקא מיניה ואומר הרב עזרא הנביא ז"ל דנפקא מינה דלאביי דארבע נגיחות מקרא גופיה לא מחייב אליבא דר' יהודה אלא א"כ היתה הנגיחה הד' ביום

שפתי חכמים

כמו שפירש"י על פסוק שור או חמור: ע תמול ושלשום ונגיחה שלישית היום (נח"ו) ובא ללמד שאינו חייב אלא בנגיחה רביעית: פ דקרא יתירא הוא שכבר כתיב וכי יגח שור את איש וגו' ומת ומיד אחריו ואם שור נגח הוא מת"ל עוד והמית לרבות בכל מידי שהמית דומיא דקרן. (קל"מ) והא דלא נקט רבינו י"ל דכייליה בדחיפה: צ וא"ת

פירוש לתורת אלהים

צו שטוסען מענשן מתמול פון נעכטן אונ פון פר נעכטן והועד אונ מען האט מתרה גוועזען מיט עדות דעם בעל הבית ער זאל דעם אקס היטן ולא אונ ער וועט אים ניט היטען והמית אונ ער וועט טייטען איש אין מאן או אשה אדער איין אשה השור זאל דער אקס פאר שטיינט ווערען וגם אונ דער בעל הבית פון דעם אקס וועט גיטייט ווערען בידי שמים: (ל) אם כופר יושת עליו אונ בית דין זאל אים מחייב זיין צוא געבען אויס לייז געלט ונתן אונ ער זאל געבען דם אום לייזונג פון זיין לייב [פיין רש"י]

אֲשֶׁר־יוּשַׁת עָלָיו׃ לא אוֹ־בֵן יִגָּח אוֹ־
בַת יִגָּח כַּמִּשְׁפָּט הַזֶּה יֵעָשֶׂה לּוֹ׃
לב אִם־עֶבֶד יִגַּח הַשּׁוֹר אוֹ אָמָה כֶּסֶף׀
שְׁלֹשִׁים שְׁקָלִים יִתֵּן לַאדֹנָיו וְהַשּׁוֹר
יִסָּקֵל׃ ס לג וְכִי־יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר אוֹ

עֲלוֹהִי׃ לא אוֹ לְבַר
יִשְׂרָאֵל יִגַּח תּוֹרָא אוֹ לְבַת
יִשְׂרָאֵל יִגַּח כְּדִינָא הָדֵין
יִתְעֲבֵד לֵהּ׃ לב אִם
לְעַבְדָּא יִגַּח תּוֹרָא אוֹ
לְאַמְתָא כְּסַף תְּלָתִין
סִלְעִין יִתֵּן לְרִבּוֹנֵהּ
וְתוֹרָא יִתְרְגֵם׃ לג וַאֲרֵי
יִפְתַּח גְּבַר גּוֹב אוֹ אֲרֵי

תו"א או בן יגח ב"ק מג מד : כמשפט הזה ב"ק לג מב : יעשה לו ב"ק ה : אם עבד יגח ב"ק מג : כסף שלשים כתובות מב ב"ק מג : וכי יפתח ב"ק יט מט נ נא נה : או כי יכרה ב"ק מח מט נ נא :

רשב"ם

(לב) אם עבד. כנעני יגח השור המועד או שור תם פטור : (לג) וכי יפתח איש בור. שהוא עמוק ונגמרה מלאכתו כבר ופשע ולא כיסהו . או אפי' כי יכרה איש בור ולא יכסנו בכל יום לעת ערב בצאתו ממלאכתו לפי שעדיין למחר צריך ליכנס בו ולחפור עוד וטורח הוא לו לכסותו בכל יום אעפ"י כן חייב הוא

בית יהודא

מיט קרעפֿטן נֿדם הייסט זיי האָבן ניט װער עס זאָל זיך אָן נעמען פֿר זיי, האָט מען פֿר זיי קיין מוֹרָא (וְדָבָר מָצוּי לְעַנּוֹתָם) איז בַּיי מענטשן גרינג ער זאָל זיי פּייניגען, מצער זיין: (כב) (אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אוֹתוֹ). אויב דו װעסט אים פּייניגען, זאָגט רש"י (הֲרֵי זֶה מִקְרָא קָצָר) דס איז אַקורצער פּסוק (גָּזַם וְלֹא פֵּירֵשׁ עָנְשׁוֹ) עס שטייט ניט װאָס װעט זיין דער שטראָף אַז מען װעט זיי פּייניגען ((וְהָא דִכְתִיב וְהָיוּ נְשֵׁיכֶם וגו') אונ דר שטראָף װאָס דער פּסוק זאָגט אייערע װייבער װעלן זיין אַלְמָנוֹת אונ אייערע קינדער װעלן זיין יְתוֹמִים (זֶהוּ אִם צָעוֹק יִצְעַק) דר שטראָף קומט נאָר אויב זיי שרייען (אֲבָל בְּאִם לֹא יִצְעַק) אָבער אַז מען פּייניגט זיי אונ זיי שרייען ניט (לֹא פֵּירֵשׁ) האָט דר פּסוק ניט געשריבען װאָס דר שטראָף װעט זיין) (כְּמוֹ) װי עס שטייט אין פּסוק (לָכֵן כָּל הוֹרֵג קַיִן) דריבּר װער עס װעט הרגען קין (גָּזַם וְלֹא פֵּירֵשׁ עָנְשׁוֹ) שטייט ניט װאָס װעט זיין דער שטראָף אַז מען װעט הרגען קין (אַף כָּאן) דאָ איז אויך אַזוי עס שטייט אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אוֹתוֹ, אויב דו װעסט אים פּייניגען (לְשׁוֹן גִּזּוּם) געמאַכט אַמוֹרָא (כְּלוֹמַר) דר פּסוק מיינט (סוֹפְךָ לִיטּוֹל אֶת הָעוֹנֶשׁ) דיין סוף װעט זיין דו װעסט געשטראָפֿט װערען (לָמָה) פֿר װאָס (כִּי אִם צָעוֹק יִצְעַק אֵלַי) װאָרום זיי װעלען געװוּיס שרייען צו מיר (אֶשְׁמָעֵנוּ וְאֶנָּקְמֶנּוּ) אונ אַז איך װעל הערען זייער שרייען װעל איך געװוּיס דעם מענטש שטראָפֿן: (כג) (וְהָיוּ נְשֵׁיכֶם אַלְמָנוֹת וגו'). פֿרעגט רש"י (מִמַּשְׁמַע שֶׁנֶּאֱמַר וְהָרַגְתִּי אֶתְכֶם) אַז הקב"ה זאָגט איך װעל אייך הרגען (אֵינִי יוֹדֵעַ שֶׁנְּשֵׁיכֶם אַלְמָנוֹת וּבְנֵיכֶם יְתוֹמִים) װייס איך דען ניט אַז די װייבער װעלן זיין אַלְמָנוֹת אונ די קינדער װעלן זיין יְתוֹמִים? צו װאָס שרייבט דם דער פּסוק (אֶלָּא הֲרֵי זוֹ קְלָלָה אַחֶרֶת) נאָר דם איז איין אַנדער קְלָלָה, וְהָיוּ נְשֵׁיכֶם אַלְמָנוֹת, מיינט מען, זיי װעלן בּלייבען אייביגע אַלְמָנוֹת (שֶׁיִּהְיוּ הַנָּשִׁים צְרוּרוֹת כְּאַלְמָנוֹת חַיּוֹת) די װייבער װעלן זיין פֿאַרבּונדען ניט צו נעמען מענער, זיי װעלען זיין װי לעבעדיגע אַלְמָנוֹת ונֿלייך װי זייערע מאַנען װאָלטען געלעבּט אונ זיי װייסען ניט װאו זיי זענען, דהיינו די מאַנען װעלן שטאַרבען אין פֿרעמדע לענדער (שֶׁלֹּא יִהְיוּ עֵדִים לְמִיתַת בַּעֲלֵיהֶן) אונ עס װעלען ניט זיין עדות אַז זייערע מאַנען זענען געשטאָרבען (וְתִהְיֶינָה אֲסוּרוֹת לְהִנָּשֵׂא) װעלען זיי ניט טאָרען נעמען מענער (וְהַבָּנִים יִהְיוּ יְתוֹמִים) די קינדער װעלען זיין אייביגע יְתוֹמִים (שֶׁלֹּא יַנִּיחוּם בֵּית דִּין לֵירֵד לְנִכְסֵי אֲבִיהֶם) װאָרום בית דין װעלען ניט לאָזען די קינדער נעמען זייער פֿאָטערס פֿאַרמעגן (לְפִי שֶׁאֵין יוֹדְעִים אִם מֵתוּ אִם נִשְׁבּוּ) װייל זיי װעלען ניט װיסען אויב זייער פֿאָטער איז געשטאָרבען, אָדער ער לעבּט נאָר ער איז געפֿאַנגען געװאָרען: (כד) (וְאִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי). רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוֹמֵר װאָגט (כָּל אִם וְאִם שֶׁבַּתּוֹרָה

דעת זקנים מבעלי התוספות

(כד) אם כסף. אומר ה"ר יהודה חסיד דלכך נכתב בלשון אם לפי שהיו אף אברהם יצחק ויעקב דכל ל' גר וכו':

שפתי חכמים

ר דלא כי נתינת טעם

פירוש לתורת אלהים

(כב) אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אוֹתוֹ אונ אויב איר װעט יוֹא פּייניגען אים װעל איך אייך שטראָפֿען כִּי װאָרום װען דיא אַלְמָנָה אָדער דער יָתוֹם װעט שרייען צוא מיר גאָט שָׁמוֹעַ װעל איך הערען זיין געשרייא: (כג) וְחָרָה אַפִּי אונ עס װעט גרימען מיין צאָרען וְהָרַגְתִּי אונ װעל אייך הרגינען מיט אשװערד וְהָיוּ אייערע װייבער װעלן זיין לעבעדיגע אַלְמָנוֹת זייא װעלן ניט טאָרן נעמן מאַנן װאָרום עֵדוּת װעלען ניט זיין אַז זייערע מאַנן זענען גהרגית געװאָרן וּבְנֵיכֶם יְתוֹמִים אונ אייערע קינדר װעלן זיין יְתוֹמִים [ע' רש"י]:

מצות השם

(סו) (אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת עַמִּי) דם איז איין מִצְוַת עֲשֵׂה אַז מען זאָל אנטליִיען געלד צוא אָרוֹמע לייט פֿון אונזער פֿאָלק אונ די מִצְוָה איז נאָך גרעסער פֿון צְדָקָה אונ דר װאָס ער װיל ניִשְׁט אנטליִיען װייל ער האָט מוֹרָא מען װעט אים ניִשְׁט אָפּ געבּען

עַמִּי אֶת־הֶעָנִי עִמָּךְ לֹא־תִהְיֶה לוֹ כְּנֹשֶׁה לֹא־תְשִׂימוּן עָלָיו נֶשֶׁךְ׃

לַעֲנְיָא דִי עִמָּךְ לָא תְהֵי לֵהּ כְּרְשְׁיָא לָא תְשַׁוּוֹן

תו"א לא תהיה מציעה לו נט עס: לא תשימון כתובות מו עה:

רשב"ם

(כד) לא תהיה לו כנושה. כשיגיע זמן מלוה לגבות אל תדחוק אותו לקחת משכון כדכתיב והנושה בא לקחת וגו'. או מי מנושי אשר מכרתי אתכם לו כל'

בית יהודא

רשות) וואו עס שטייט אין די תורה דר ווארט „אם", איז די זאך ניט געבאטען געווארן אויף דעם מענטש, ער מוז טאהן. נאר ווי ער וויל (חוץ משלשה) נאר דריי מאהל „אם" איז דא וואס מען מוז אזוי טאהן (וזה אחד מהן) דער „אם" איז איינער פון די דריי, אפילו עס שטייט אם כסף תלוה, אויב דו וועסט פארבארגען געלט צום ארעם מאן, פון דעסטוועגען איז דר דין דר וואס הט געלט מוז ער פאר־בארגען געלט צום ארעם מאן, אונ טאר ניט נעמען פון אים פראצענט, אונ אויב ער ווייס דר ארעם מאן הט ניט צו בעצאהלען טאר ער אים ניט מאנען ווי עס וועט ווייטער שטיין אין די פסוקים] : נאת עמי] . מיין פאלק (עמי ועובד כוכבים) אויב איד אונ אגוי קומען צוא דיר בארגען געלט ואונ דוא האסט גאר צוא פארבארגען איינעם] (עמי קודם) איז מיין פאלק ודער יודו פריער מען זאל אים פארבארגען דאס געלט (עני ועשיר) אארעם מאן אונ ארייכער קומען צוא דיר בארגען געלט (עני קודם) איז דר ארעם מאן פריער מען זאל אים פארבארגען דם געלט (עניי עירך ועניי עיר אחרת) אויב עס איז געקימען צוא דיר בארגען געלט, אארעם מאן פון די שטאט וום דו וואהנסט אין איר, אונ אארעם מאן פון איין אנדער שטאט (עניי עירך קודמין) זאלסטו פריער פארבארגען דם געלט צו דעם ארעם מאן פון דיין שטאט (וזהו משמעי) אונ אזוי מיינט דער פסוק אם כסף תלוה, אויב דו האסט געלט צו פארבארגען (את עמי תלוה קודם לעובד כוכבים) זאלסטו דם געלט פאר־בארגען צו מיין פאלק, פריער ווי צו דעם גוי ודעם שטערינדיגער] (ולאיזה מעמי) צוא וועלכען מענטש פון מיין פאלק זאלסטו דאס געלט פארבארגען (את העני) דעם ארעם מאן (ולאיזה עני) צו וועלכען ארעם מאן (לאותו שעמך) צו דעם ארעם מאן וום וואהנט מיט דיר אין איין שטאט (דבר אחר) נאך אזאך מיינט דער פסוק (את העני) דעם ארעם מאן (שלא תנהוג בו מנהג בזיון בהלואה) ווען דוא פארבארגסט דם געלט צום ארעם מאן, זאלסטו אים ניט פארשעמען ואונ זאלסט ניט ריידען צו אים שענדליכע רייד אונ ניט מיט כעס, נאר מיט אפריינדליכען פנים] (שהוא עמי) ווארום ער איז מיין פאלק | אונ דם געלט פארבארגסטו ניט אים נאר מיר, איך וועל דיר דם געלט בעצאהלען פון זיינעטוועגען, ווי עס שטייט אין פסוק מלוה ה' חונן דל, דער מענטש וום גיט עפעס צום ארעם מאן, הט ער דאס פארבארגט צו הקב"ה] : נאת העני עמך] . זאגט הקב"ה (הוי מסתכל בעצמך כאילו אתה עני) דוא זאלסט קוקען אויף דיר ווי וואלט געוועזן אז דו וואלסט געוועזן ארעם אונ דו וואלסט געקומען בארגען געלט וואלסטו וועלן מען זאל דיך ניט פארשעמען אונ מען זאל דיר געבען מיט אפרייליך פנים, אזוי זאלסטו אויך געבען צום ארעם מאן : נלא תהיה לו כנושה] . מען מיינט (לא תתבענו בחזקה) זאלסט אים ניט מאנען מיט שטארקייט, דו מוזט מיר בצאהלען (אם אתה יודע שאין לו) אויב דו ווייסט אז ער האט ניט צו בעצאהלען (אל תהי דומה עליו כאילו הלויתו) זאלסטו דיך ניט ווייזען פר אים ווי אמלוה ווייזט זיך ומיט גרויסקייט] פר זיין לוה (אלא כאילו לא הלויתו) נאר דו זאלסט זיין גלייך וויא דו האסט אים גאר ניט געבארגט (כלומר לא תכלימהו) מען מיינט דוא זאלסט אים ניט פארשעמען : ננשך] . (רבית) פראצענט, פאר וום הייסט דם נשך, בייסונג (שהוא כנשיכת נחש) ווייל דם פראצענט בייסט וויא אשלאנג (שנחש נושך חבורה קטנה ברגלו) דר שלאנג גיט

רש"י

אומר כלאם ואם שבתורה רשות חוץ מג' וזה אחד מהן: את עמי. (ב"מ עא) עמי ונכרי עמי ש קודם עני ועשיר עני קודם עניי עירך ועניי עיר אחרת עניי עירך קודמין. וזה משמעו אם כסף תלוה. את עמי תלוהו ולא לעו"ג ולאיזה מעמי את העני ולאיזה עני לאותו שעמך. (ד"א את העני שלא תנהוג בו מנהג בזיון בהלואה שהוא עמי: את העני עמך. הוי מסתכל בעצמך כאלו אתה עני): לא תהיה לו כנשה. לא תתבענו בחזקה אם אתה יודע שאין לו אל תהי דומה עליו כאלו הלויתו אלא כאלו לא הלויתו כלומר לא תכלימהו: נשך. רבית שהוא כנשיכת נחש שנושך

שפתי חכמים

סוף השלמעלה וע"כ צ"ל דמקרא קצר הוא וכאלו אמר אם ענה תענה] אותו סופך ליטול את שלך למה כ"א לעק וגו' כמו שפירש"י בעצמו:ש י"ל

ליקוטי נחמיה

(כד) אם כסף תלוה וגו'. דער מדרש זאגט הקב"ה פרובט אלע מענטשן, איינעם פרובט הקב"ה מיט רייכקייט, ער גיט אים פיל געלט צו זעהן וום וועט ער טאהן מיט דעם געלט, אוב ער וועט געבן צדקה, גמילות חסדים, אוב ער וועט פירן אפרומע יודישע שטוב, מיט תורה אונ מצות אונ לערנן תורה, אבער אז עס וועט זיין אלץ פארקערט, קיין תורה, קיין פרומ־קייט, קיין צדקה, נאך ערגער ווי ער איז געוועזן פריער, וועט הקב"ה דם געלט פון אים אוועק נעמען אונ ער וועט געשטראפט ווערן אויף ביידע וועלטען, איין אנדער מענטש פרובט אים הקב"ה מיט ארעמקייט אונ מיט יסורים, אויב דר

פירוש לתורת אלהים

(כד) אם כסף תלוה דו זאלסט אנטלייען געלט את עמי צו מיין פאלק צו וועמען פון מיין פאלק את העני צום ארום מאן. אונ צו וועלכין ארום מאן עמך וום מיט דיר איז אין דיין שטאט דעם בדארפסטו גייטיגער אנטלייען פון איין פרעמדן ארום מאן לא תהיה לו אונ דו זאלסט ניט זיין צוא אים כנשה וויא אמאנער אום

מצות חשם

איז זיין זינד זייער גרוס אונ די מצוה איז נוהג אויף יעדר ארט אונ איעדער צייט ביא זכרים אונ נקבות :

(סז) (לא תהיה לו כנשה) דם איז די מצות לא תעשה אז דר וום ער הט אנטליגן זיין חבר געלד אונ ווייסט אז דר חבר האט אים ניט אפ צו געבן טאר ער אים נישט שטארק מאנן כדי ער זאל אים נישט פר שעמן אונ אזו גוט ווי דר (מלוה) טאר נישט מאנן אזו טאר דר וום ער הט זיך אנטליגן געלד אונ הט אים

אפ צו געבן נישט איך צו האלטן פרעמד געלד ביי זיך נאר ער מוז אים תיכף אפ געבן אז ניט הייסט ער רשע אזו ווי עס שטייט אין פסוק (לוה רשע ולא ישלם) דאס מיינט מען דער רשע אנטלייט געלד אונ וויל נישט צאלען אונ דיא מצוה איז נוהג אויף יעדער ארט אונ איעדער צייט :

(סח) (לא תשימון עליו נשך) דאס איז דיא מצות לא תעשה אז מען טאר זיך נישט פארען צווישן דעם מלוה אונ

אונקלוס

עֲלוֹהִי חִבּוּלְיָא׃ כה אִם מַשְׁכּוֹנָא תִסַּב כְּסוּתָא

כה אִם־חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת רֵעֶךָ עַד־

תו"א אם חבל מליעה לה קיג : עד בא השמש מליעה קיד :

בעל הטורים

אחד הלוה והמלוה ואחד העדים והסופר ואחד הערב עוברים בלאו : (כה) אם חבול תחבול . וסמיך ליה אלהים לא תקלל לפי שכשבא למשפט השליח ב"ד מזכיר שלא יקלל הדיין :

רשב"ם

נושה כשמגיע הזמן בא לקחת משכון: לא תשימון עליו נשך. למען הרחיב את זמנו: (כה) אם חבל תחבל. ע"י ב"ד. כדכתיב בחוץ תעמוד והאיש אשר אתה נושה בו יוציא אליך את העבוט החוצה. אבל אתה לא תבוא אל ביתו לעבוט עבוטו.

רש"י

חבורה קטנה ברגלו ואינו מרגיש ופתאום הוא מבלבץ ונופח עד קדקדו כך רבית אינו מרגיש ואינו ניכר עד שהרבית עולה ומחסרו ממון הרבה: (כה) אם חבל תחבל. כל לשון חבלה אינו משכון בשעת הלואה אלא שממשכנין את הלוה כשמגיע הזמן ואינו פורע (חבול תחבול כפל לך בחבלה עד כמה פעמים אמר הקב"ה כמה אתה חייב לי והרי נפשך עולה אצלי כל אמש ואמש ונותנת דין וחשבון ומתחייבת לפני ואני מחזירה לך אף אתה טול והשב) : עד בא השמש תשיבנו לו. כל היום תשיבנו לו עד בא השמש וכבוא השמש תחזור ותטלנו עד שיבא בקר של מחר א וככסות יום הכתוב מדבר שאין צריך לה בלילה

בית יהודא

אַקְלֵיינֶעם בִּיס אִין דֶעם פוּס פוּן מֶענְטְשׁ (וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ) אוּנ דֶר מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט גָאר נִיט דֶעם בִּיס (וּפִתְאֹם הוּא מְבַצְבֵּץ וְנוֹפֵחַ עַד קָדְקֳדוֹ) אוּנ פְלוּצְלוּנְג הֵייבְּט אָן דֶר גִיפְט צוּ גֵיין הֶעכֶר אוּנ הֶעכֶער בִּיז צוּם קָאפּ אוּנ דֶר מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט (כַּךְ רִבִּית) אַזוֹי אִיז מִיט דֶעם פְּרָאצֶענְט (אֵינוֹ מַרְגִּישׁ וְאֵינוֹ נִיכָּר) מֶען שְׁפִּירְט נִיט אוּנ מֶען דֶערְקֶענְט נִיט (עַד שֶׁהָרִבִּית עוֹלָה וּמְחַסְּרוֹ מָמוֹן הַרְבֵּה) בִּיז דֶר פְּרָאצֶענְט וֶוערְט אַלֶע מָאל מֶער אוּנ מִיט דֶר צַייט הָט עֶר שָׁאדֶן פִיל גֶעלְט : (כה) וְאִם חָבוֹל תַּחְבּוֹל . זָאגְט רש"י (כָּל לְשׁוֹן חֲבָלָה אֵינוֹ מַשְׁכּוֹן בִּשְׁעַת הַלְוָאָה) דֶר מַשְׁכּוֹן וָוס דֶער לֹוֶה גִיט דֶעם מַלְוֶה וֶוען עֶר בָּארְגְט בַּיי אִים דָאס גֶעלְט , וֶוערְט נִיט גֶערוּפְן חֲבָלָה נָאר דָם הֵייסְט מַשְׁכּוֹן (אֶלָּא שֶׁמְּמַשְׁכְּנִין אֶת הַלֹּוֶה כְּשֶׁמַּגִּיעַ הַזְּמַן וְאֵינוֹ פּוֹרֵעַ) נָאר אַז עֶס קוּמְט דִי צַייט וָוס דֶר לֹוֶה דַארְף בַּצָאהְלִין דֶעם חוֹב , אוּנ עֶר צָאהְלְט נִיט , אוּנ בֵּית דִין שִׁיקְט זַייעֶר שַׁמֶּשׁ צוּם לֹוֶה עֶר זָאל בַּיי אִים נֶעמֶן אַמַשְׁכּוֹן , דֶער מַשְׁכּוֹן הֵייסְט חֲבָלָה , אוּנ פוּן דֶעם מַשְׁכּוֹן שְׁמוּעֶסְט דִי תּוֹרָה (חָבוֹל תַּחְבּוֹל) , זָאגְט רש"י (כָּפַל לְךָ בַּחֲבָלָה עַד כַּמָּה פְּעָמִים) דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט עֶטְלִיכֶע מָאל דֶעם וָוארְט חֲבָלָה (אָמַר הקב"ה) הקב"ה הָאט גֶיזָאגְט צוּ דֶעם מַלְוֶה בֶּערֶעכֶען נָאר (כַּמָּה אַתָּה חַיָּיב לִי) וִויא פִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג (וַהֲרֵי נַפְשְׁךָ עוֹלָה אֶצְלִי כָּל אֶמֶשׁ וָאֶמֶשׁ וְנוֹתֶנֶת דִּין וְחֶשְׁבּוֹן וּמִתְחַיֶּיבֶת לְפָנַי) אַלֶע נַאכְט גֵייט אַרוֹיף דַיין נְשָׁמָה צוּא מִיר אוּנ זִיא גִיט רֶעכֶענוּנְג אוֹיף אַלְץ וָוס זִיא הָט דֶעם טָאג גֶיטָאן , אוּנ יֶעדֶער נַאכְט בְּלַייבְּט זִיא שׁוּלְדִיג (וַאֲנִי מַחְזִירָהּ לָךְ) פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען גִיבּ אִיךְ דִיר דִיא נְשָׁמָה צוּרִיק אוּנ אִיךְ פַארְהַאלְט זִיא נִיט פַאר דַיינֶע זִינְד (אַף אַתָּה טוֹל וְהָשֵׁב) דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ נֶעמֶן דֶעם מַשְׁכּוֹן אוּנ צוּרִיק גֶעבְּן צוּ דֶר צַייט , קֶענְסְט נָאךְ אַמָאל אוּנ נָאךְ אַמָאל נֶעמֶן דֶעם מַשְׁכּוֹן נָאר צוּרִיק גֶעבֶּען צוּ דִי צַייט וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא תּוֹרָה: עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ. מֶען מֵיינְט (כָּל הַיּוֹם תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ) אוֹיף אַגַאנְצֶע טָאג זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק גֶעבֶּען דֶעם מַשְׁכּוֹן (עַד בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ) בִּיז דִי זוּנְן וֶועט אוּנְטֶערְגֵיין (וּכְבֹא הַשֶּׁמֶשׁ תַּחֲזוֹר וְתִטְּלֶנּוּ) אַז דִיא זוּנְן וֶועט אוּנְטֶערְגֵיין מֶעגְסְטוּ דֶעם מַשְׁכּוֹן צוּרִיק נֶעמֶען אוּנ אִים הַאלְטֶן (עַד שֶׁיָּבֹא בֹּקֶר שֶׁל מָחָר) בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען מָארְגֶען פְרִיה (וּבִכְסוּת יוֹם הַכָּתוּב מְדַבֵּר) דֶר פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט אַז דֶער מַשְׁכּוֹן אִיז אַזוֹי אַקְלֵייד וָוס מֶען גֵייט אִין אִים אָנְגֶעטָאן בַּייא טָאג

דעת זקנים מבעלי התוספות

שפעמים שהוא רשות כגון הלוה ואינו משלם : (כה) אם חבל תחבל . אמר הקב"ה מה אתה חייב לי והוא חייב לך אם אתה עושה לו כהוגן כן נפשך שעולה אצלי בכל ערב ליתן דין וחשבון לפני אחזירנה לך ואם אינך מחזיר עבוטו אף

שפתי חכמים

דאף ע"פ שע"א נותן רבית והטעי אינו נותן רבית אפ"ה עמי קודס : ת ולפיכך כתיב אחריו עד בא השמש וכו' אבל במשכנו בשעת הלואתו אינו חייב להחזיר : א (נח"י) מפני שכתוב במה ישכב וגו' מובן שבכסות לילה מדבר והא דכתיב עד בא השמש תשיבנו יהיה פירושו קודם ביאת השמש כמו עד בואי אליך או עד בא השמש יהיה בידך ואח"כ תשיבנו ל"פ בכסות יום וכו' לפי שבכסות לילה נתבאר בפרשת תלא ושכב בשלמתו והא דמסיים במה ישכב לרבות גם כסות לילה (ב"מ קיד) ואם תאמר מנ"מ שממשכנין אותו כיון שצריך לחזור לו משכונו כבר תירץ בגמ' דמהני ליה שאין שביעית משמטתו ושלא

פירוש לתורת אלהים

דוּא וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִיט זָאלְסְטוּ אִים נִיט מָאנֶן דוּ זָאלְסְט אִים נִיט פַר שֶׁעמֶן לא דוּ זָאלְסְט בַּיי אִים נִיט נֶעמֶן רְוָחִים : (כה) אִם חָבוֹל תַּחְבּוֹל שַׂלְמַת רֵעֶךָ אוּב דוּ וֶועסְט מַשְׁכְּנֶן דַיין חַבֶּערְס קְלֵייד וַוייל עֶר הָאט דִיר צוּם זְמַן נִיט בַּצָאלְט דַיין גֶעלְד עַד בִּיז דִי זוּן פַר גֵייט אוֹיף אַגַאנְצֶען טָאג תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ זָאלְסְטוּ אִים אוּם

ליקוטי נחמיה

מֶענְטְשׁ נֶעמְט דָם אָן נִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּנ עֶר אִיז נִיט בַּייז אוֹיף הקב"ה , אֲפִילוּ נִיט אִין הַארְצְן , וֶועט אִים הקב"ה רַייךְ מַאכֶן אוּנְד גֶעזוּנְד מַאכֶן , וִוי מִיר גֶפִינֶן הקב"ה הָט גֶעטָאהְן צוּ אִיוֹב , הקב"ה הָט אִים גֶעזוּנְד גֶעמַאכְט , אוּנ הָט אִים אַלְץ צוּרִיק גֶעגֶעבְּן טָאפִּיל , זַיין רַייכְקֵייט אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער , וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּי אֱלֹהִים שׁוֹפֵט , וָוארוּם הקב"ה מִשְׁפָּט נִיכְטֶעטוּ דִי וֶועלְט , זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים , דֶעם וֶועט עֶר נִידֶערִיג מַאכֶן אוּנ דֶעם וֶועט עֶר אוֹיפְהֵייבְּן , עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשֶׁן וָוס רַייכְקֵייט אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אוּמְגְלִיק , אוּנ עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשֶׁן וָוס רַייכְקֵייט אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר גְלִיק , דְרִיבֶּער הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה גֶעזָאגְט פַר הקב"ה וֶועלְכֶער יוּד עֶס וֶועט קוּמֶן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּנ עֶר וֶועט בַּיי דִיר בֶּעטֶן , זָאלְסְטוּ אִים נִיט גֶעבְּן וִוי עֶר בֶּעט , נָאר וִוי דוּ וֵוייסְט וָוס פַר אִים אִיז גוּט , דְרִיבֶּער הָט דִי תּוֹרָה גֶעזָאגְט אִם כֶּסֶף תַּלְוֶה , אוּב הקב"ה הָאט דִיךְ רַייךְ גֶעמַאכְט , אַז דוּא קֶענְסְט פַארְבָּארְגֶן גֶעלְט , אֶת הֶעָנִי עִמָּךְ , זָאלְסְטוּ פַארְבָּארְגֶן דָם גֶעלְט צוּ אַאָרֶעם מַאן , וָוארוּם דוּ בִּיזְט בַּאנְגְ זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט דַיין גֶעלְט צוּרִיק הָאבְּן , עִמָּךְ , גְלַייךְ וִוי דָאס גֶעלְט וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען מִיט דִיר , וַוייל דוּ הָאסְט אַגוּטֶן עָרֵב (אגוּט שְׁטֵייעֶר) פַר דֶעם גֶעלְט , דָאס אִיז הקב"ה , עֶר אִיז גֶעחַתְמֶת אוֹיף דֶעם וֶועקְסִיל צְוֵויי מָאהְל , אֵיין מָאהְל

מצות השם

דֶעם לֹוֶה דָאס הֵייסְט מֶען טָאר נִיט נַארֶען אַז מֶען זָאל אַנְטְלַייעֶן גֶעלְד אוֹיף פְּרָאצֶענְט אוּנ מֶען טָאר נִישְׁט זַיין קֵיין עֵדוּת אוּנ דֶר מֶעקְלֶער אִיז אוֹיךְ עוֹבֵר אוֹיף (לִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשׁוֹל) דָם מֵיינְט מֶען פַאר אֵיין בְּלִינְדֶען טָאר מֶען נִישְׁט גֶעבֶּען אֵיין שְׁטֵיין עֶר זָאל פַאלֶען דוּרְךְ דֶעם אַזוֹ טָאר מֶען נִישְׁט נַארֶען אַז מֶען זָאל זִיךְ לַייעֶן אוֹיף פְּרָאצֶענְט גֶעלְד אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג בַּייא זְכָרִים אוּנ נְקֵבוֹת אוֹיף יֶעדֶער אָרְט אוּנ אַיֶעדֶער צַייט :

בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ: כו כִּי הִוא כְסוּתֹה כסותו ק׳ לְבַדָּהּ הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב וְהָיָה כִּי־יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי כִּי־חַנּוּן אָנִי: רביעי חצי הספר
בפסוקים ס כז אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל וְנָשִׂיא

דְּחַבְרָךְ עַד מֵעַל שִׁמְשָׁא תְּתִיבִנֵּהּ לֵהּ: כו אֲרֵי הִיא כְסוּתֵהּ בִּלְחוֹדַהּ הִיא תּוֹתָבֵהּ לְמַשְׁכֵּהּ בְּמָה יִשְׁכּוּב וִיהֵי אֲרֵי יִקְבֵּל קֳדָמַי וְאֶקַבֵּל קְבָלְתֵּהּ אֲרֵי חַנָּנָא אֲנָא: כז דַּיָּנָא לָא תְקִיל וְרַבָּא בְעַמָּךְ לָא

תו״א אלהים לא סנהדרין נו סו: ונשיא בעמך יבמות כב קמא לד מציעא מח סב בתרא ד סנהדרין פה מכות ח:

רשב״ם

וזהו לאתהיה לו כנושה: עד בא השמש. כל היום השיבהו לו כי חכמים **פרשוהו** בכסות יום: (כו) ושמעתי כי חנון אני. אע״פ שמן הדין יש לו **משכון** אינו חייב להחזירו אלא לפנים משורת הדין ולא היה לו לשמוע **צעקתו** אם לא מפני שרחום וחנון אני. אבל למעלה אצל אלמנה ויתום לא תענון כתוב שמוע אשמע צעקתו. הואיל ומן הדין שומע הקב״ה צעקתו לפיכך לא כתוב שם כי חנון אני: (כז) אלהים לא תקלל ונשיא בעמך לא תאר. דבר הכתוב בהווה לפי שהמלכים והדיינים דנין דיני ממונות ונפשות רגילים בני אדם לקללם. וכן הוא אומר גם במדעך מלך אל תקלל. וכה״א כי קללת אלהים תלוי כשרואים את אדם תלוי מקללים את הדיינים לכך ציוה לא

בעל הטורים

(כז) אלהים. בגימט׳ הוא דיין. ונשיא בגימ׳ וכל שכוא (בעמך) וסמיך לי׳ מלאתך דאיירי בבכורים דכתיב בהו ברכת הסקיפה והמקלל

בית יהודא

(שֶׁאֵין צָרִיךְ לָהּ בַּלַּיְלָה) בַּיי נאַכְט דאַרְף נִיט דֶער אָרֶעם מַאן דָם קְלֵייד: (כו) כִּי הִיא כְּסוּתֹה]. (זוּ טַלִּית) אַקְלֵייד: וְשִׂמְלָתוֹ]. (זֶה חָלוּק) אַהעמד: וּבַמֶּה יִשְׁכָּב]. אוֹף וָוָאס וֶועט ער לִיגֶען, (לְרַבּוֹת אֶת הַמַּצָּע) אַאוּנְטֶער־שְׁפְּרֵייטוּנג וָוָאס מֶען לִיגְט אוֹף דֶעם וֶוען מֶען שְׁלָאפְט: (כז) וֵאלֹהִים לֹא תְקַלֵּל]. זָאגְט רַשִׁ״י (הֲרֵי זוּ אַזְהָרָה לְבִרְכַּת הַשֵּׁם וְאַזְהָרָה לְקִלְלַת דַּיָּין) דָם אִיז אַאָנְזָאג

רש״י

(מכילתא): (כו) כי הוא כסותה. זו טלית: שמלתו. זו חלוק: במה ישכב. לרבות את המצע: (כז) אלהים. לא תקלל. (סנהדרין סו) הרי זו אזהרה לברכת השם

שפתי חכמים

יעשו מטלטלין אלא בכיון דמטלטלי דיתמי לא משתעבדי לב״ח:

דעת זקנים מבעלי התוספות

אני איני מחזיר נפשך שהיא העבוט שלך: (כו) והיה כי יצעק אלי. לפי שהוא קורא תגר לפני ואומר והלא בראתני כמותו והוא שוכב על מטתו בהנאה ואני אין לי במה לשכב ומיהו לישנא דושמעתי כי חנון אני אינו מיושב לזה הפי׳ לכן נראה לפרש דקאי אדלעיל עד בא השמש וגו׳ ואם אתה עושה כן והיה כי יצעק אלי ויתפלל עליך על כל הטובה שעשית לו ושמעתי תפלתו כי חנון אני כמו שאתה חונן ומרחם על בריותי שהרי בעל חוב קונה משכון ואתה רחמת על זה אני שנקרא חנון ארחם ואחון עליך ואברכך (והה״ד ואברכך) וה״ה דכתיב כי בגלל הדבר הזה יברכך ה׳ אלהיך:

ליקוטי נחמיה

אִין דִי תּוֹרָה, **כִּי** בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה׳, וֶועגֶן דִי זַאךְ וָוָאס דוּ וֶועסְט הֶעלְפֶן דֶעם אָרֶעם מַאן וֶועט הקב״ה דִיךְ בֶּענְטְשֶׁן, דָם צְוֵוייטֶע מָאהל זָאגְט דֶער פָּסוּק מַלְוֵה ה׳ חוֹנֵן דָּל, דֶער וָוָאס הֶעלְפְט דֶעם אָרֶעם מַאן מִיט גֶעלְט, הָט עֶר דָם גֶעלְט פַארְבָּארְגְט צוּ הקב״ה, דְרִיבֶּער לֹא תִהְיֶה לוֹ כְּנֹשֶׁה, זָאלְסְטוּ נִיט מָאנֶען בַּיי דֶעם אָרֶעם מַאן, וָוארוּם אַז הקב״ה וֶועט זֶעהְן דוּ מָאנְסְט דֶעם אָרֶעם מַאן, רֶעכֶענְסְטוּ דָאךְ אַז דוּ הָאסְט דֶעם אָרֶעם מַאן פַארְבָּארְגְט דָם גֶעלְט, נִיט צוּ הקב״ה, זָאל דִיר דֶער אָרֶעם מַאן בַּאצָאהְלֶען, דוּ לָאז אַוֶועק דֶעם אָרֶעם מַאן, גְלַייךְ וִוי דוּ וָואלְסְט אִים גָאר נִיט גֶעבָּארְגְט, נָאר צוּ הקב״ה הָאסְטוּ גֶעבָּארְגְט, **וֶועט** הקב״ה דִיר בַּאצָאהְלֶען, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶן אַז דֶער אָרֶעם מַאן **הָט** צוּ בַּאצָאהְלֶען אוּנ בַּאצָאהְלְט נִיט הֵייסְט עֶר לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם, וָוארוּם טָאמֶר הָט הקב״ה דִיר גֶעגֶעבֶּן דָם גֶעלְט נָאר וֶועגֶן דֶעם חוֹב דוּ זָאלְסְט אִים בַּאצָאהְלֶען, נָאךְ הָט דִי תּוֹרָה גֶעבָּאטֶען **לֹא** תְשִׂימוּן עָלָיו נֶשֶׁךְ, מֶען זָאל נִיט נֶעמֶען פְּרָאצֶענְט, דֶער **מדרש** זָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָוָאס פַארְבָּארְגְט גֶעלְט אָן פְּרָאצֶענְט **אִיז** גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּנ **דֶער** מֶענְטְשׁ וָוָאס פַארְבָּארְגְט זַיין גֶעלְט אוּנ גֶעמְט פְּרָאצֶענְט אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט גֶזִינְדִיגְט אִין דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה, אוּנ **עֶר** וֶועט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען אוֹף דִיא וֶועלְט זַיין גֶעלְט זָאל פַארְלֶענְד וֶוערֶען, אוּנ וֶועט נִיט הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא אוּנ וֶועט נִיט **אוֹפְשְׁטֵייִן** צוּ תְּחִיַּית הַמֵּתִים, אוּנ נִיט נָאר דֶער מַלְוֶה וֶועט גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען אוֹף בֵּיידֶע וֶועלְטֶען, נָאר אֲפִילוּ דֶער לֹוֶה, אוּנ **דִי** עֵדוּת, אוּנ דֶער עָרֵב [אָדֶער גוּטְשְׁטֵייעֶר], אוּנ דֶער וָוָאס שְׁרַייבְּט דֶעם וֶועקְסִיל [אִין **מדרש** מִשְׁפָּטִים וֶועט דֶער מַלְוֶה אוֹיף פְּרָאצֶענְט נָאךְ פִיל מֶער זֶעהְן דֶעם שְׁטְרָאף פוּן פְּרָאצֶענְט]:

פירוש לתורת אלהים

קֶערֶען דֶעם מַשְׁכּוֹן אוּנ אַז דִי זוּן פַּר גֵייט זָאלְסְטוּ דָם ווִידֶער גֶעמֶען. דָם אִיז בַּיי אַזוֹ אַמַשְׁכּוֹן וָואס עֶר גֵייט אִין אִים בַּיי טָאג אָבֶּער אַזוֹ אַמַשְׁכּוֹן וָואס עֶר בַּדַארְף אִים בַּיי דֶער נַאכְט מוּז עֶר אִים פַּר נַאכְט אוּם קֶערֶען אוּנ אִין דֶער פְרִי זָאל עֶר אִים ווִידֶער גֶעמֶען: (כו) כִּי הִוא כְסוּתֹה וָוארוּם דָם אִיז זַיין קְלֵייד לְבַדָּהּ אַלֵיין הִוא שִׂמְלָתוֹ דָם אִיז זַיין קְלֵייד לְעֹרוֹ צוּ זַיין לַייבּ בַּמֶּה אוֹיף וָואס וֶועט עֶר לִיגֶען דֶען אַז דוּא וֶועסְט אִים נִיט אָפּ גֶעבֶּען וְהָיָה אוּנ עֶס וֶועט זַיין כִּי אַז עֶר וֶועט שְׁרַייעֶן צוּ מִיר וְשָׁמַעְתִּי וֶועל אִיךְ דָם הֶערֶען כִּי וָוארוּם אִיךְ בִּין אַדֶערְבַּארְמִיגֶער: (כז) אֱלֹהִים גָאט לֹא תְקַלֵּל זָאלְסְטוּ נִיט לֶעסְטֶערֶן אוּנ דַיָּינִים זָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִיט לֶעסְטֶערֶן וְנָשִׂיא אוּנ אֵיין נָשִׂיא פוּן דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל לֹא תָאֹר זָאלְסְטוּ

מצות השם

(**סט ע**) (אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל) דָאס אִיז אֵיין לֹא תַעֲשֶׂה מֶען טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטֶען קֵיין דַיָּין אוּנ דֶער וָואס עֶר שֶׁעלְט אִיז **עוֹבֵר** אוֹף דִיא מִצְוָה אוּנ אַז מֶען לֶעסְטִירְט גָאט קוּמְט אִים **צוּא** פַאר שְׁטֵיינֶען. נָאר יֶעצְט אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט דַן קֵיין **מִיתָה** זָאל כֵּען דֶעם וָואס עֶר הָאט עֶפּיס גֶערֶעט קֶעגֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא מַרְחִיק זַיין. אוּנ מֶען זָאל מִיט אִים נִישְׁט רֶעדֶען אוּנ נִיט הַאנְדְלֶען. אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג אוֹף יֶעדֶער אָרְט אוּנ אַיֶעדֶער צַייט:

(**עא**) (וְנָשִׂיא בְעַמְּךָ לֹא תָאֹר) דָאס אִיז דִי מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה אַז מֶען טָאר נִישְׁט שֶׁעלְטֶען אֵיין מֶלֶךְ אָדֶער אֵיין נָשִׂיא אוּנ

תַּלוּט: כח בִּכּוּרָךְ וְדִמְעָךְ לָא תְאַחַר בּוּכְרָא דִבְנָךְ תַּפְרֵשׁ קֳדָמַי: כט כֵּן תַּעְבֵּד לְתוֹרָךְ לְעָנָךְ שִׁבְעָא יוֹמִין יְהֵי עִם אִמֵּהּ בְּיוֹמָא תְמִינָאָה תַּפְרְשִׁנֵּהּ קֳדָמָי:

בְעַמְּךָ לֹא תָאֹר: כח מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ לֹא תְאַחֵר בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּתֶּן־לִי: כט כֵּן־תַּעֲשֶׂה לְשֹׁרְךָ לְצֹאנֶךָ שִׁבְעַת יָמִים יִהְיֶה עִם־אִמּוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי תִּתְּנוֹ־לִי:

תו"א מלאתך ודמעך בכורות כו תמורה ד ה: בכור בניך תתן בכורות כו נה: כן תעשה חולין פא בכורות כו נה: שבעת ימים נדה מא:

בעל הטורים

איש הפך ברכה: (כח) לא תאחר בכור בניך. אלא תתן מיד אחר התירוש ושמן זית יצהר שהם צלולים וכעין דמעת ומזוקקים וכן פירש מנחם:

רשב"ם

תלין נבלתו: (כח) מלאתך ודמעך לא תאחר. זה הוא שכתוב ראשית דגנך תירשך ויצהרך. מלאה תרומת התבואה. כדכתיב המלאה הזרע. ודמעך הוא לא תאחר. אלא ראשית ותחלת לכל המעשרות: בכור בניך. כן תעשה לשורך

רש"י

ואזהרה ב לקללת דיין: (כח) מלאתך. חובה המוטלת עליך ג כשתתמלא תבואתך להתבשל והם בכורים: ודמעך. התרומה ואיני יודע מהו לשון דמע: לא תאחר. לא תשנה סדר הפרשתן לאחר את ד המוקדם ולהקדים את המאוחר שלא יקדים תרומה לבכורים ומעשר לתרומה: בכור בניך תתן לי. לפדותו בחמש ה סלעים מן הכהן והלא כבר צוה עליו במקום אחר אלא כדי לסמוך לו כן תעשה ו לשורך מה בכור אדם לאחר ל' יום פודהו שנאמר (במדבר יח) ופדויו מבן חדש תפדה אף בכור בהמה דקה מטפל בו ל' יום ואח"כ נותנו לכהן: (כט) שבעת ימים יהיה עם אמו. זו אזהרה לכהן שאם בא למהר את קרבנו לא ימהר קודם שמונה ז לפי שהוא מחוסר זמן:

בית יהודא

מען זאל ניט פלוכין הקב"ה, אונ ניט פלוכין אַדַיין: (כח) וּמְלֵאָתְךָ. זאגט רש"י מען מיינט (חוֹבָה הַמּוּטֶלֶת עָלֶיךָ כְּשֶׁתִּתְמַלֵּא תְבוּאָתְךָ לְהִתְבַּשֵּׁל) דו זאלסט ניט פארשפעטיגען צו געבן וואס דו דארפסט געבן ווען דיינע תבואה אונ פירות ווערן צייטיג (וְהֵם בִּכּוּרִים) מען מיינט ער זאל ברייגגן בכורים צו דר צייט וואס מען דארף זיי ברייגגען: וְדִמְעֲךָ. מיינט מען תרומה, זאגט רש"י (וְאֵינִי יוֹדֵעַ מַהוּ לְשׁוֹן דֶּמַע) איך ווייס ניט פר וואס רופט מען די תרומה, דמע: וְלֹא תְאַחֵר] מיינט מען (לֹא תְשַׁנֶּה סֵדֶר הַפְרָשָׁתָן) דו זאלסט ניט ענדערין דעם סדר פון זייער אפשיידונג (לְאַחֵר אֶת הַמּוּקְדָּם) וואס דו דארפסט געבין פריער זאלסטו ניט געבין שפעטער (וּלְהַקְדִּים אֶת הַמְאוּחָר) אונ וואס דו דארפסט געבן שפעטער זאלסטו ניט געבין פריער (שֶׁלֹּא יַקְדִּים תְּרוּמָה לְבִכּוּרִים) ער זאל ניט געבן תרומה פריער פר בכורים (וּמַעֲשֵׂר לִתְרוּמָה) אונ ער זאל ניט געבין מעשר פריער פאר תרומה: וּבְכוֹר בָּנֶיךָ תִּתֶּן לִי. דעם בכור פון דיינע זיהן זאלסטו געבען צוא מיר (לִפְדּוֹתוֹ בְּחָמֵשׁ סְלָעִים מִן הַכֹּהֵן) זאלסט אים אויס לייזין פון כהן מיט פינף טאלער, פרעגט רש"י (וַהֲלֹא כְּבָר צִוָּה עָלָיו בְּמָקוֹם אַחֵר) עס שטייט דאך אין אין אנדער פסוק אז הקב"ה האט גיבאטין מען זאל אויסלייזין אבכור פון כהן מיט פינף טאלער, צוא וואס שטייט דא דער דין נאך אמאל, זאגט רש"י (אֶלָּא כְּדֵי לִסְמוֹךְ לוֹ כֵּן תַּעֲשֶׂה לְשׁוֹרְךָ) נאר מען זאל קענען שרייבין נאכדעם דעם פסוק כן תעשה לשורך ועיין ש"ח שגורס לצאנך], אזו זאלסטו טאהן צו דיין אקס (מַה בְּכוֹר אָדָם לְאַחַר שְׁלֹשִׁים יוֹם פּוֹדֵהוּ) אזוי ווי דעם בכור פון אמענטש לייזט מען אויס נאך דרייסיג טעג פון זיין גיבארין (שֶׁנֶּאֱמַר) ווי עס שטייט אין פסוק (וּפְדוּיָו מִבֶּן חֹדֶשׁ תִּפְדֶּה) אז דער בכור ווערט זיין אלט אחודש זאלסטו אים אויסלייזין (אַף בְּכוֹר בְּהֵמָה דַקָּה) אזוי דער בכור פון די קליינע בהמות ושעפסין ציגען (מְטַפֵּל בּוֹ שְׁלֹשִׁים יוֹם) דארף דער בעל הבית אים אדעווען דרייסיג טעג (וְאַחַר כָּךְ נוֹתְנוֹ לַכֹּהֵן) נאכדעם גיט ער דעם בכור צום כהן: (כט) וְשִׁבְעַת יָמִים יִהְיֶה עִם אִמּוֹ]. זיבען טעג זאל דער בכור זיין מיט זיין מוטער, זאגט רש"י (זוּ אַזְהָרַת לַכֹּהֵן) דאס איז אַאנזאג צום כהן (שֶׁאִם בָּא לְמַהֵר אֶת קָרְבָּנוֹ) אויב דער כהן איילט זיך מקריב צו זיין דעם קרבן נדעם בכור] (לֹא יְמַהֵר קוֹדֶם שְׁמוֹנָה) זאל ער זיך ניט איילין מקריב צו זיין דעם בכור פאר אכט טאג (לְפִי שֶׁהוּא מְחוּסַר זְמַן) ווייל

שפתי חכמים

ב (נח"י) סנהדרין ס"ו ר"י סבר אלהים חול ואזהרה לדיין ור"ע סבר אלהים קודש ואזהרה לברכת השם וביון למאן דאמר חול וביון למ"ד קודש גמרינן תרווייהו מדלא כתיב לא תקל ופירש"י תקלל שתי קללות במשמע ואלהים שתי לשונות יש בו הלכך דרשינן תקלל אתרווייהו ע"ש: ג לא שכל אדם לא יאחר לכ"פ כשתתמלא וכו' ר"ל כשיהיה לך: ד דא"ל לא תאחר מליתן הבכורים דאין זמן מפורש בתורה אלא ל"ל לא תאחר אותם למלוה שאחריה: ה פי' לא שתתן עצמו לו שהרי בפרשת קרח כתיב אך פדה תפדה את בכור האדם וגו': ו (נח"י) טעות הוא וצ"ל לאחך חדא דהא הרב מסיים בהמה דקה ועוד כי עיין שם: ז אבל המקדיש יכול להקדישו אפי' אינו רק בן יום אחד

פירוש לתורת אלהים

ניט פלוכען: (כח) מְלֵאָתְךָ דיא ערשטע צייטיגע פירות [בכורים] וְדִמְעֲךָ אונ די תרומה וואס דו בדארפסט געבען לא תְאַחֵר זאלסטו ניט שפעטיגען אפ צו שיידען דו זאלסט ניט אפ שיידען תרומה פריער פון בכורים בכור די בכורים פון דייני קינדער תתן לי זאלסטו געבן צו מיר דו מוזט אום לייזן ביא איין כהן מיט פינף סלעים אז ער ווערט אלט דרייסיג טאג: (כט) כֵּן תַּעֲשֶׂה אזו זאלסטו טאהן לְשֹׁרְךָ צו דיין אקס צו דיא בכורים פון דיינע גרוסי בהמות לְצֹאנֶךָ אונ צוא די בכורים פון דיינע שאף אזו וויא אבכור פון אמענש מוזטו אים נאך דרייסג טאג אום לייזן אזו אוך אבכור פון בהמות מוזטו אים נאך דרייסג טאג אפ געבן צום כהן שִׁבְעַת יָמִים זיבן טאג יִהְיֶה זאל דר בכור פון דיין בהמה זיין מיט זיין מוטער דר כהן טאר ניט

מצות השם

איין ראש ישיבה דר וואס ער האט נאר עפיס צו געוועלטיגען טאר מען אים ניט שעלטען אונ די מצוה איז סייא ביא זכרים אונ סייא ביא נקבות:

(עב) (מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ לֹא תְאַחֵר) דאס איז ד. לא תעשה אז מען טאר ניט אפ שיידען דיא מתנות פון דער פרוכט פון דיא ערד איינס פר דעם אנדערען היינו מען טאר

לי: ל וְאַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ לַכֶּלֶב

ל וְאֱנָשִׁין קַדִּישִׁין תְּהוֹן קֳדָמַי וּבְשַׂר תְּלִישׁ מִן חֵיוָא חַיָּא לָא תֵיכְלוּן

תו"א ואנשי קדש פסחים כד קידושין נז חולין קטו קטז בכורות י: ובשר בשדה מכות יח זבחים פב מנחות קא חולין מב סח עג קב: לכלב תשליכון פסחים כא כב קית קידושין נח מכות כג:

רשב"ם

גר כל אלו עניני ראשית הם: (ל) ואנשי קדש. שלא לאכול דבר טמא

בעל הטורים

שלשים יום: (ל) ואנשי. ד' ר"פ דין והידך ואנשי תמיד יבדילו. ואנשי

בית יהודא

עס פעלט אים די צייט: וביום השמיני תתנו לי. דעם אכטין טאג זאלט איר געבין דעם בכור צו מיר, זאגט רש"י (יכול יהא חובה לבו ביום) איך וואלט מיינען מען מוז אים מקריב זיין דעם אכטין טאג (נאמר כאן שמיני) דא שטייט דר ווארט „שמיני" (ונאמר להלן מיום השמיני והלאה ירצה) אונ ווייטער נאין די סדרה אמור) שטייט פון אכטין טאג אונ ווייטר זאל ער זיין בעוויליגט מען זאל אים מקריב זיין פר אקרבן (מה שמיני האמור להלן) אזו ווי דער שמיני וואס שטייט נוייטער מיינט מען דר אנהייב צום מקריב זיין איז דר אכטער טאג פון זיין גיבארין ניט פריער (להכשיר משמיני ולהלן) אונ פון אכטין טאג אונ ווייטער מעג מען אים מקריב זיין אלע טאג (אף שמיני האמור כאן) אזוי דר שמיני וואס דא שטייט מיינט מען אויך דר אנהייב צום מקריב זיין איז דער אכטער טאג (להכשיר משמיני ולהלן) פון אכטין טאג אונ ווייטער מעג מען אים מקריב זיין אלע טאג (יכן משמיני) אונ אזו מיינט דער פסוק (וביום השמיני אתה רשאי ליתנו לי) דעם אכטין טאג מעגסטו אים שוין געבין צו מיר פר אקרבן: (ל) ואנשי קודש תהיון לי. אזוי מיינט דער פסוק (אם אתם קדושים ופרושים משקוצי נבלות וטרפות) אויב איר וועט זיין היילינ אונ אפגעשיידט פון צוא עסין נבלות טרפות אונ נאך אנדערי מיאוסה זאכין (הרי אתם שלי) זענט איר מיינע (ואם לאו) אויב איר וועט ניט זיין אפגעשיידט פון צו עסין נבלות אונ טרפות (אינכם שלי) זענט איר ניט מיין פאלק: ובשר בשדה טרפה. די פלייש פון אבהמה וואס איז געהרגט גיווארען פון אחיה אין פעלד, זאלט איר ניט עסין, זאגט רש"י (אף בבית כן) אז די בהמה איז צוריסען גווארען פון אחיה אין שטוב טאר מען אויך ניט עסין איר פלייש (אלא שדיבר הכתוב בהווה) נאר דר פסוק רעט ווי דער שטייגער איז עס זאל זיין (מקום שדרך בהמות ליטרף) די פעלד איז א ארט וואס דארטן ווערען בהמות צוריסען פון חיות, אבער ניט אין שטוב (וכן) אונ

רש"י

ביום השמיני תתנו לי. יכול יהא חובה לבו ביום נאמר כאן שמיני ונאמר להלן (ויקרא כב) ומיום השמיני והלאה ירצה מה שמיני האמור להלן להכשיר משמיני ולהלן אף שמיני האמור כאן להכשיר משמיני ולהלן וכן ח משמעו וביום השמיני אתה רשאי ליתנו לי (מכילתא): (ל) ואנשי קדש תהיון לי. אם אתם קדושים ופרושים משקוצי ט נבלות וטרפות הרי אתם שלי ואם לאו אינכם שלי: ובשר בשדה טרפה. (מכילתא) אף י בבית כן אלא שדיבר הכתוב בהווה מקום שדרך בהמות ליטרף וכן (דברים כב)

שפתי חכמים

ח לאזהרה היא לאו הבא מכלל עשה דומיא שבעת ימים וגו': ח כלומר כיון דאיכא ג"ש דשמיני אם כן משמע דביום השמיני תתנו לי הוא רשות ולא חובה וק"ל: ט מפני שאחריו כתיב ובשר בשדה טריפה והוסיף מלת אם כדי שלא תפרש ואנשי קודש וכן תהיון לי לשון ציווי. מפני שיש כמה דברים בין אם. תעשו בין אם לא תעשו לא ארחיק אתכם מלהיות שלי לכך הוצרך לומר ואם לאו כו' שאם לא תהיו פרושים משקולי נבילות לא תהיו לי והוא עיקר המאמר שאין כוונתו רק על הלאו: י שהרי במקום אחר כתיב נבלה וטריפה בהדדי להקישן מה

דעת זקנים מבעלי התוספות

(ל) ובשר בשדה טרפה וגו'. מאחר שהכלב מסר נפשו על הטרפה כשבא הזאב לטורפה לא תהיה כפוי טובה כנגדו שכשיהיה לך טרפה שתשליכהו אליו בשכר ששמרה עד עתה שלא נטרפה וגם שומר עוד האחרות כי כן דרך העולם להעמיד כלבים לשמור הצאן מן הזאבים:

ליקוטי יוסף

(ל) ובשר בשדה טרפה וגו' לא תשא שמע שוא וגו'. די גמרא זאגט עס האט אמאהל געטראפן אקצב האט פארקויפט צו יודן טרפה פלייש אונ ער האט געזאגט דס איז כשרה, ביז די זאך איז בעוואוסט געווארן, אמאהל האט געטראפן ערב יום כפור האט דר קצב געטרונקן פיל וויין, בראנפן, אונ איז געווארן שכור, אונ איז ארופגעגאנגן אויף דעם בוידים עפעס נעמן, האט ער זיך אן עפעס פארטשעפעט אונ איז אראפגעפאלן אונ געהרגט געווארן, ווען געקומען הינט אונ האבן געלעקט זיין בלוט אונ געגעסן זיין פלייש, איז מען געקומען פרעגן אשאלה

פירוש לתורת אלהים

נעמן דעם בכור פר אבט טאג ביום אונ פון דעם אכטן טאג אן אונ ווייטר תתנו לו מעגסטו געבן דעם בכור צו מיר [צום כהן]: (ל) ואנשי קודש אונ אז איר ישראל וועט זיין היילג אונ אפגשייד פון צוא עסן נבילות אונ טריפות תהיון לי וועט איר זיין צוא מיר מיין פאלק אונ אז ניט זענט איר ניט מיין ובשר אונ פלייש פון אבהמה בשדה וואס זיא איז פר צוקט גווארן דארט אליב אדר דארך אוואלף סייא אויף

דעם פעלד אדר אין הוז [עיין רש"י] לא תאכלו טארט איר דיא בהמה ניט עסען לכלב נאר איר מוסט דיא

מצות השם

נישט געבען תרומה פאר בכורים אדער (מעשר ראשון) פריער פון תרומה אונ מעשר שני פריער פאר מעשר ראשון אונ דער וואס ער איז מקדים איינס פאר דעם אנדערען דער איז עובר אויף דיא מצות:

(ענ) (ובשר בשדה טרפה לא תאכלו) דאס איז דיא מצות לא תעשה אז אזוי איין בהמה וואס זיא איז פאר צוגט געווארען דורך איין לייב אדער איין וואלף אדער איין אנדער טרפות היינו איין גלעכערטי לינג אדר נאך אנדערי זאכן וואס די בהמה ווערט דורך דעם טריפה טאר מען נישט עסען אונ דער וואס ער עסט איין כזית דעם קומט מלקות אונ דיא מצוה איז

נוהג ביי זכרים אונ נקבות אויף יעדער ארט אונ יעדער צייט: אונזערי היילינע חכמים שרייבען אז דורך דעם האט הקב"ה זיין פאלק ישראל אפ געשייד פון טרייפינע עסנס ווייל דער גוף איז איין כלי צו דער נשמה אזו וויא די צוואנג וואס דער קאוויל האט צו דר ארבייט אונ אזו באלד אז די צוואנג האלט דיא כלי וואס ער ארבייט גוט אזו קען ער אפ ארבייטען דיא כלי זייער פיין אונ קען מיט דר צוואנג ארבייטען פיל אנדערע כלים אבער אז דיא צוואנג איז נישט גוט קען דער בעל מלאכה מיט איר נישט ארבייטען אונ דיא כלים קומען ארוס מיאוס אזו איז אז דער גוף איז שלעכט ווערט דער שכל אויך

פאר

לְכַלְבָּא תִּרְמוֹן יָתֵהּ: א לָא תְקַבֵּל שְׁמַע

תַּשְׁלִכוּן אֹתוֹ: ס כג א לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע

תו"א לא תשא פסחים קיח סנהדרין ז מכות כג שבועות לא:

בעל הטורים

סדוס. ואנשי בכל עשו את סוכות. כי אנשי סדוס עבדו ע"א כדכתיב עשו את סוכות אבל אתם אנשי קודש תהיון לי ותמיד תבדילי הטומאה מביניכם כדכתיב ואנשי תמיד יבדילו: תשליכון אותו. ב' יתירה ללמדך שמרחיקין הנבלות מן העיר ב' אמה: לכלב תשליכון אותו. וסמיך ליה לא תשא שמע שוא כל המספר לה"ר ראוי להשליכו לכלבים:

רשב"ם

כגון טרפה. וכ"ש לא תאכלו כל נבלה וגו' כי עם קדוש אתה: (א) לא תשא שמע שוא. כמו שהעד מוזהר לא תענה ברעך עד שקר. כמו כן הדיינים מוזהרין שלא לקבל עדות ולשמוע שקר אלא ודרשת וחקרת ואפילו אם יש

רש"י

כי בשדה מלאה וכן (שם כג) אשר לא יהיה טהור מקרה לילה הוא הדין למקרה יום אלא שדיבר הכ' בהווה [ואו"ת] ובשר דתליש מן חיוא היתה בשר שנתלש ע"י טרפת זאב או ארי (או) מן חיה כשרה או מבהמה כשרה בחייה: לכלב תשליכון אותו. (מכילתא) אף הוא ככלב או אינו אלא כלב כמשמעו ת"ל בנבלה או מכור לנכרי ק"ו לטרפה שמותרת בכל הנאות א"כ מה ת"ל לכלב ללמדך הכתוב שאין הקב"ה מקפח שכר כל בריה שנ' (שמות יא) ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו אמר הקב"ה תנו לו שכרו: (א) לא תשא שמע שוא. כתרגומו לא תקבל שמע דשקר אזהרה למקבל לשון הרע ולדיין שלא ישמע דברי בעל דין עד שיבא

בית יהודא

אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (כִּי בַשָּׂדֶה מְצָאָהּ), דֶר מֶענְטְשׁ וָואס הָט מְזַנֶּה גִיוֶועֶן מִיט דִי נַעֲרָה הַמְאוֹרָשָׂה וּמִיט דִי פְרֶעמְדֶע כַּלָּהו הָט עֶר זִיא גִיטְרָאפֶן אִין פֶעלְד, עֶס אִיז אַלְץ אֵיינְס. צוּ עֶר הָט זִיא גִיטְרָאפֶן אִין פֶעלְד, צוּ אוֹיף אֵיין אַנְדֶער אָרְט וָוס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נִיט, זִיא זָאל שְׁרַייעֶן וָואלְט קֵיינֶר גְהֶערְט, נָאר דֶר פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן וָוס עֶס אִיז דֶערְשְׁטֵייגֶר עֶס זָאל זַיין, אִין שְׁטָאט וָואלְט עֶר נִיט מְזַנֶּה גִיוֶועֶן, אוּנ אַז זִיא וָואלְט גֶעשְׁרִיגֶן אִין שְׁטָאט, וָואלְט זִיךְ גֶעטְרָאפֶן אַמֶענְטְשׁ וָוס וָואלְט הֶערִין אִיר שְׁרַייעֶן, גֶעווִיס מוּז זַיין עֶר הָט זִיא גִיטְרָאפֶען אִין פֶעלְד (וְכֵן) אִין אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אֲשֶׁר לֹא יִהְיֶה טָהוֹר מִקְּרֵה לָיְלָה) עֶר וֶועט נִיט זַיין רֵיין פוּן דִיא טְרֶעפוּנְג וָוס אִים הָט גֶעטְרָאפֶן בַּיי נַאכְט וְהוֹצָאַת זַרְעוֹ (הוּא הַדִּין לְמִקְרֵה יוֹם) בַּיי טָאג קֶען אוֹיךְ טְרֶעפֶען הוֹצָאַת זֶרַע, אוּנ עֶר וֶוערְט אוֹיךְ טָמֵא (אֶלָּא שֶׁדִּבֵּר הַכָּתוּב בַּהֹוֶה) נָאר דֶר פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן וָואס עֶס אִיז דֶר שְׁטֵייגֶר עֶס זָאל זַיין (וְאוּנְקְלוֹס תִּרְגֵּם וּבְשַׂר דְּתָלִישׁ מִן חֵיוָא חַיְתָא) דֶר תַּרְגּוּם טַייטְשְׁט דִי וֶוערְטֶער „וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה" (וּבְשַׂר דְּתָלִישׁ מִן חֵיוָא חַיְתָא) מֶען מֵיינְט (בָּשָׂר שֶׁנִּתְלַשׁ עַל יְדֵי טְרֵיפַת זְאֵב אוֹ אֲרִי מִן חַיָּה כְּשֵׁרָה אוֹ מִבְּהֵמָה כְּשֵׁרָה) אוּב אַוָואלְף אָדֶער אַלֵייב (אָדֶר אֵיין אַנְדֶערֶע חַיָּה) הָאבֶּען אָפְּגֶערִיסֶן אַשְׁטִיק פְלֵייש פוּן אַלֶעבֶּעדִיגֶע חַיָּה וָוס מֶען מֶעג זִיא עֶסִין, אָדֶער פוּן אַלֶעבֶּעדִיגֶע בְּהֵמָה וָואס מֶען מֶעג עֶסִין, טָאר מֶען נִיט עֶסִין דִי פְלֵייש: (לַכֶּלֶב תַּשְׁלִיכוּן אוֹתוֹ). דִיא פְלֵייש זָאלְט אִיר וַוארְפֶן צוּ דִי הִינְט (וְלִמֶּדְךָ הַכָּתוּב שֶׁאֵין הקב"ה מְקַפֵּחַ שְׂכַר כָּל בְּרִיָּה) דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט דִיךְ הקב"ה בַּצָאהְלְט צוּ יֶעדֶער בַּשֶׁעפֶענִישׁ זַיין שְׂכַר וָוס אִים קוּמְט (שֶׁנֶּאֱמַר) עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יֶחֱרַץ כֶּלֶב לְשׁוֹנוֹ) אוֹיף אַלֶע יוּדֶען וָוס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם הָט אֵיין הוּנְט נִיט גִיבִּילְט (אָמַר הקב"ה תְּנוּ לוֹ שְׂכָרוֹ) הָאט הקב"ה גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֶעבֶּן דִי הִינְט זַייעֶר שָׂכָר, דִי נְבֵלוֹת אוּנ טְרֵפוֹת: (א) לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא. זָאגְט רש"י (כְּתַרְגּוּמוֹ) וִויא דֶער תַּרְגּוּם שְׁרַייבְּט (לָא תְקַבֵּל שְׁמַע דִּשְׁקַר) דוּא זָאלְסְט נִיט צוּנֶעמֶען (דוּ זָאלְסְט נִיט וֶועלֶען הֶערִין) פַאלְשֶׁע רֵייד (אַזְהָרָה לִמְקַבֵּל לָשׁוֹן הָרָע) דָס אִיז אַ אָנְזָאג מֶען זָאל נִיט הֶערִין לָשׁוֹן הָרָע (אוּב רְאוּבֵן קוּמְט צוּ שִׁמְעוֹן אוּנ וִויל רֵיידְן פַר שִׁמְעוֹן שְׁלֶעכְטֶע רֵייד אוֹיף לֵוִי, טָאר נִיט שִׁמְעוֹן הֶערִין דִי רֵייד פוּן רְאוּבֵן) (וּלְדַיָּין שֶׁלֹּא יִשְׁמַע דִּבְרֵי בַּעַל דִּין עַד שֶׁיָּבֹא בַּעַל דִּין חֲבֵרוֹ) אוּב אֵיינֶער (יְהוּדָה) דַארְף הָאבֶּן אַדִין תּוֹרָה מִיט לֵוִי, אוּב

פירוש לתורת אלהים

בְּהֵמָה צוּ דִי הִינְט וַוארְפֶן: (א) לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא דוּ זָאלְסְט נִיט מְקַבֵּל זַיין פַאלְשׁ הֶערוּנְג דוּא טָארְסְט נִיט מְקַבֵּל זַיין לָשׁוֹן הָרָע אוּנ דָס אִיז אוֹיךְ אֵיין אַזְהָרָה צוּ אַדַיָּין עֶר טָאר נִיט אוֹם הֶערֶן אֵיין בַּעַל

ליקוטי יוסף

אוּב מֶען זָאל דִי הִינְט אַוֶועקְטְרַייבֶּן הָט מֶען נִיט גֶעהֵייסֶן, וַוייל עֶר הָט בִּיז אִיצְט פַארְקוֹיפְט דֶעם חֵלֶק פוּן דִי הִינְט, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הָט גֶעזָאגְט טְרֵפָה פְלֵייש זָאל מֶען גֶעבֶּן דִי הִינְט, זֶענֶען דִי הִינְט גֶעוֶוען הוּנְגֶערִיג, זָאלֶן זֵיי זִיךְ אִיצְט זַאט מַאכֶן מִיט זַיין בְּלוּט אוּנ פְלֵייש. דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט דֶר וָוס דֶרְצֵיילְט לָשׁוֹן הָרָע דַארְף עֶר גֶעוָוארְפֶן וֶוערֶן פַר הִינְט זֵיי זָאלֶען עֶסֶן זַיין פְלֵייש, זָאגְט דֶר אַלְשִׁיךְ ז"ל דֶר שְׁטְרָאף קוּמְט אִים, וָוארוּם פַר וָוס הָט דִי תּוֹרָה גֶעזָאגְט טְרֵפָה פְלֵייש זָאל מֶען גֶעבֶּן דִיא הִינְט וַוייל זַייא הָאבֶּן פַארְמַאכְט זַייעֶרֶע מַיילֶער אוּנ הָאבֶּן נִיט גֶעבִּילֶען אוֹיף דִי יוּדֶן וֶוען זַיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם דֶר מֶענְטְשׁ וָוס בִּילְט אוֹיף זַיין חָבֵר אוּנ רֶעט אוֹיף אִים לָשׁוֹן הָרָע אִיז עֶרְגֶער פוּן דֶעם הוּנְט, דְרִיבֶּער דַארְף דֶער הוּנְט אִים עֶסְן זַיין פְלֵייש:

מצות השם

פַאר דַארְפֶען אִיבֶּער דֶעם הָאט אוּנְז דִיא תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה גֶעאַסֶערְתְּ דִי טְרֵיפֶענֶע עֶסִינְס וַוייל דָאס טְרֵיפוֹת וָוס אִיז אִין דֶער בְּהֵמָה קוּמְט דוּרְךְ אֵיין קְרֶענְק וָואס דִיא בְּהֵמָה הָאט גֶעהַאט בַּייא דֶעם לֶעבֶּן אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע מִכְשׁוֹלִים אוּנ דָאס שַׁאט צוּ דֶעם גוּף ע"כ דַארְפֶען מִיר יוּדֶען זַיין אָפּ גֶעשֵׁייד פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע עֶסִינְס וָואס עֶס קָאן אַרוֹיס קוּמֶען עֶפִּיס אֵיין מִכְשׁוֹל צוּ דֶער נְשָׁמָה וָוס מִיט דֶער נְשָׁמָה דַארְפֶן מִיר יוּדֶען דִינֶען דֶעם הֵיילִיגֶען בַּאשֶׁעפֶער:

(עד) (לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא) אִיךְ נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק אַז אֵיין דַיָּין טָאר נִיט אוֹיס הֶערֶען אֵיין בַּעַל דִּין בִּיז דֶער אַנְדֶערֶער וָוס עֶר לָאד זִיךְ מִיט אִים קוּמְט אוּנ אַז צְוֵויי לָאדֶען זִיךְ טָאר אֵיינֶער נִישְׁט גֵיין צוּם דַיָּין אוּנ זָאל אִים דֶער צֵיילֶען וָוס זֵיי לָאדֶן זִיךְ אוֹיךְ נֶעמֶן מִיר פוּן דֶעם פָּסוּק אַרוֹיס אַז מֶען טָאר נִיט דֶער צֵיילֶען קֵיין לָשׁוֹן הָרָע אוּנ קֵיין פַאלְשׁ עֵדוּת זָאגֶען אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגֶען אַז דוּרְךְ דֶעם אִיז אוּנְז דִי תּוֹרָה מַזְהִיר אַז מֶען טָאר נִיט רֶעדֶען קֵיין שֶׁקֶר וַוייל אוּנְז יוּדֶען מִיר זֶענֶען אֵיין (עַם קָדוֹשׁ) דָס הֵייסְט מִיר זֶענֶען זַייעֶר אֵיין הֵיילִיגֶע פָאלְק אוּנ מִיר דִינֶען צוּא דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט ע"כ מוּזֶען מִיר זִיךְ אָפּ לֶערְנֶען אַזוֹ וִוי אוּנְזֶער גָאט אִיז אֱמֶת אוּנ אַלֶע זַיינֶע גֶעבָּאט אוּנ זַיינֶע מִצְוֹת זֶענֶען אֱמֶת אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט (חוֹתָמוֹ שֶׁל הקב"ה אֱמֶת) דָאס מֵיינְט מֶען דִיא חֲתִימָה וָואס הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חַתְמִית זִיךְ אִיז אֱמֶת אוּנ דִיא בְּרָכָה אִיז חַל נָאר בַּייא אַזוֹ אֵיינֶעם דֶער וָואס עֶר טוּט נָאכְ'ן רְצוֹן הַיְינוּ אַזוֹ וִוי אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער גָאט אִיז אֱמֶת אַזוֹ דַארְפֶן מִיר אוֹיךְ גֵיין מִיט אֱמֶת אוּנ אַזוֹ וִויא גָאט אִיז אַבַּעַל רַחֲמָנוּת אַזוֹ דַארְף מִיר אוֹיךְ זַיין בַּעֲלֵי רַחֲמָנוּת אוּנ מִיר דַארְפֶען זַיין גוֹמְלֵי חֲסָדִים

דאס

שוא אל־תשת ידך עם־רשע להית עד חמס׃ ב לא־תהיה אחרי־רבים

דשקר לא תשוי ידך עם חיבא למהוי ליה סהיד שקר׃ ב לא תהי בתר

תו"א אל תשת ידך יבמות כה קמא עב סנהדרין ט כז : לא תהיה סנהדרין ב :

רשב"ם

שני עדי שקר אל תצטרף עמהם להעיד כמותם ואע"פ **שיוגמר על פיהם כי אין** מכחישם : (ב) לא תהיה אחרי רבים לרעות . אם הם דנין שלא כדין לפי

בית יהודא

איינער פון זיי איז געקומן פריער צום דיין, טאר ניט דער דיין הערין זיינע טענות ביז דר אנדרער וועט אויך קומען **אונ** וועט הערין וואס ער טענת׃ (אל תשת ידך עם רשע). (הטוען את חברו תביעת שקר) אוב איינר ובנימין וויים אז לוי מאנט געלט ביי יהודה, מיט פאלשקייט (שהבטיחהו להיות לו עד חמס) אונ בנימין האט צוגעזאגט צו לוי ער זאל זיין צו אים אעדות געגן יהודה, לוי זאל אפנעמן דם געלט פון יהודה, אפילו לוי הט אנדערע צוויי עדות וואס ער וועט דורך זייא אפנעמען דאס געלט פון יהודה, פון דעסטוועגן טאר בנימין וויל דו ווייסט אז לוי איז ארשע טארסטו ניט זיין אעדות פון זיינעטוועגן׃ (ב) ולא תהיה אחרי רבים לרעות׃ זאגט רש"י (יש במקרא זה מדרשי חכמי ישראל) **אויף** דעם פסוק זענען דא מדרשים פון די רבנים וואס זענען חכמי ישראל (אבל אין לשון המקרא מיושב בהן על אופניו) **אבער** דר לשון פון פסוק איז ניט ריכטיג מיט דעם דרש (מכאן דרשו שאין מטין לחובה בהכרעת דיין אחד) פון דעם אנהייב פסוק לערנען די חכמים אוב די דיינים זענען צוטיילט מיט זייערע דעות, אונ די דיינים וואס בעשולדיגען אים זענען מיט איינעם מעהר ווי די דיינים וואס מאכן אים גירעכט, רעכענען מיר די דיינים ווי זיי וואלטן געווען גלייכע העלפט, העלפט בעשולדיגן אים אונ העלפט מאכען אים גערעכט, אונ ווען איין דיין מעהר בעשולדיגט מען ניט אמענטשין (וסוף המקרא דרשו) אונ דעם סוף פון פסוק לערנען זייא אזו (אחרי רבים להטות) מען זאל פסקענען דעם דין וויא עס זאגען די דיינים וואס זענען מער (שאם יש שנים מחייבין יותר על המזכין) אוב די דיינים וואס בעשולדיגען זענען מיט צוויי מער ווי די דיינים וואס מאכן אים גערעכט (הטה הדין על פיהם לחובה) זאל מען פסקנן דעם דין ווי די דיינים וואס בעשולדיגען (ובדיני נפשות הכתוב מדבר) דער פסוק שמועסט פון אדין וואס מען דארף הרגנן אמענטש (ואמצע המקרא דרשו) דעם מיטן פסוק לערנען זיי ולא תענה על רב גלייך ווי עס וואלט געשטאנען על רב (שאין חולקין על מופלא שבבית דין) מען טאר ניט קריגן אויף דעם רבי נאוף דעם גרעסטין פון בית דין (לפיכך מתחילין בדיני נפשות מן הצד) ווען עס זיצן דיינים צו משפטין אמענטש א"ב מען דארף אים הרגענן אדער ניין, פרעגט מען פריער די דיינים וואס זיצען ביי דיא זייטן פון רבי (לקטנים שבהם שואלין תחלה שיאמרו את דעתן) פריער פרעגט מען די קלענערע דיינים, זייא זאלען זאגען זייערע דעות צוא וויסען ווער עס בעשולדיגט אונ ווער עס מאכט אים גערעכט (ולפי דברי רבותינו כן פתרון המקרא) אונ ווי די רבנן לערנען מוזין מיר אזו טייטשען דעם פסוק (לא תהיה אחרי רבים לרעות) זאלסט ניט זיין נאך דיא פיל דיינים צום שלעכטין (לחייב מיתה בשביל דיין אחד שירבו מחייבין על המזכין) אוב די דיינים וואס בעשולדיגן אים צום הרגנן זענען מיט איין דיין מעהר וויא דיא דיינים וואס מאכען אים גערעכט, זאל מען אים ניט הרגנן וועגן דעם איינם דיין וואס בעשולדיגט אים צום הרגנן (ולא תענה על רב) זאלסט ניט ענפערין ומען מיינט זאלסט ניט קריגן) אויף דעם רבי פון די דיינים (לנטות מדבריו) אוועקנייגען פון זיינע רייד (ולפי שהוא

רש"י

בעל דין חבירו : אל תשת ידך עם רשע. הטוען את חבירו תביעת שקר ש שהבטיחהו להיות לו עד חמס : (ב) לא תהיה אחרי רבים לרעות. (סנהדרין ב) יש במקרא זה מדרשי חכמי ישראל אבל אין לשון המקרא מיושב בהן על אופניו מכאן דרשו שאין מטין לחובה בהכרעת דיין אחד וסוף המקרא דרשו אחרי רבים להטות שאם יש שנים במחייבין יותר על המזכין הטה הדין על פיהם לחובה ובדיני נפשות הכתוב מדבר. ואמצע המקרא דרשו. ולא תענה על ריב. על רב שאין חולקין על מופלא שבב"ד לפיכך מתחילין בדיני נפשות מן הצד לקטנים שבהן שואלין תחלה שיאמרו את דעתם (סנהדרין מ) ולפי דברי רבותינו כך פתרון המקרא : לא תהיה אחרי רבים לרעת. לחייב מיתה בשביל דיין אחד שירבו המחייבין על המזכין : ולא תענה על רב. לנטות מדבריו ולפי שהוא חסר יו"ד דרשו בו כן : אחרי

שפתי חכמים

נבילה ל"ש בבית ול"ש בשדה אף טריפה כן : ב ר"ל שהיה לו כבר עד אחד שהוא עד שקר קמזהיר לעד זה שלא תשתתף עם אותו עד שקר

פירוש לתורת אלהים

דין ביז דער אנדרר קומט אל דו זאלסט דיין האנט ניט טאהן מיט דעם רשע וואס מאנט דעם חבר מיט פאלשקייט להיות צו זיין צוא אים אפאלשער עדות׃ (ב) לא תהיה דוא זאלסט ניט נאך ציהן אחרי נאך פיל

מצות השם

דאס הייסט מיר דארפן טוען איינער דעם אנדערן איין גמילות חסד אונ אז מיר וועלען זיך אזוי פירען וועט גאט ב"ה זיך מיט אונז אויך אזוי פירען אונ וועט אויף אונז רחמנות האבען אונ וועט אונז פון דעם ביטערען גלות ארויס נעמען אונ דיא מצות וואס דא אין דעם פסוק שטייט גייט אן סייא ביי זכרים אונ סיי ביי נקבות אויף יעדער ארט אונ יעדער צייט׃

(עה) (אל תשת ידך וגו') דאס איז די לא תעשה אז מען טאר נישט מקבל זיין קיין עדות וואס ער איז איין (בעל עבירה) אונ אז איין עדות ווייסט אז דער אנדערער וואס ער גייט מיט אים עדות זאגען איז איין רשע טאר ער מיט אים נישט גיין עדות זאגין ווער שמועסט אז איינער פון דיא עדות ווייסט אז דער אנדערער עדות זאגט ליגענט טאר ער בוודאי נישט גיין מיט אים צום בית דין עדות זאגען אונ דיא מצוה איז נוהג אויף יעדער ארט אונ יעדער צייט׃

(עו) (לא תהיה אחרי רבים לרעות) דאס איז די לא תעשה ווען אטייל מענטשען וועלען זאגען דעם משפט אז עס קומט איין מענטש ניט קיין מיתה אונ אטייל וועלן זאגען אז עס קומט אים יא מיתה איז דר דין אז מיר גיין נאך דעם רוב אזו ווי דר רוב זאגט אזוי איז אבר אז עס וועט זיין נאר איינער מער וואס ער וועט זאגען אז עס קומט דעם מענטש מיתה דארף מיר נישט גיין נאך דעם רוב אפילו דער וואס ער איז מסכים צו די וואס זייא זאגען אז עס קומט אים מיתה איז איין גרוסער למדן דארף מען אזו נישט צו פאסקנען אונ דער דין גייט אן ווען מען פאסקנט דיני נפשות׃

ולא

סַגִּיאִין לְאַבְאָשָׁא וְלָא תִתְמְנַע מִלְּאַלָּפָא מָה דִבְעֵינָךְ עַל דִּינָא בָּתַר

לְרָעֹת וְלֹא־תַעֲנֶה עַל־רִב לִנְטֹת

תו"א ולא תענה על סנהדרין יח לו : לנטת סנהדרין ג :

רשב"ם

דעתך והנ"ס שלא יאמינו לך כי אם למרובים : ולא תענה על ריב לנטות אחרי רבים להטות . משפט ואפי' כשהם מזכים אדם ופוטרים ממיתה :

רש"י

רבים להטות . ויש רבים שאתה נוטה אחריהם ואימתי בזמן שהן שנים המכריעין במחייבין יותר מן המזכין וממשמע שנא' לא תהיה אחרי רבים לרעות שומע אני אבל היה עמהם לטובה מכאן אמרו דיני נפשות מטין ע"פ אחד לזכות וע"פ שנים לחובה ואונקלוס תרגם לא תתמנע מלאלפא מה דבעינך על דינא . ולשון העברי לפי התרגום כך הוא נדרש : לא תענה על ריב לנטות . אם ישאלך דבר למשפט לא תענה לנטות לצד אחד ולסלק עצמך מן הריב אלא הוי דן אותו לאמיתו . ואני אומר ליישבו על אופניו כפשוטו וכך פתרונו : לא תהיה אחרי רבים לרעת . אם ראית רשעים נוטין משפט לא תאמר הואיל ורבים הם הנני נוטה אחריהם : ולא תענה על ריב לנטות וגו'. ואם ישאלך הנדון על אותו המשפט אל תענהו על הריב דבר הנוטה אחרי אותן רבים להטות את המשפט מאמתו אלא אמור את המשפט כאשר הוא וקולר יהא תלוי בצואר הרבים :

בית יהודא

חסר יוד דרשו בו כן) אונ ווייל דר ווארט רב איז אן איוד לייענען זיי רב, ארבי (אחרי רבים להטות) מיינט מען (ויש רבים שאתה נוטה אחריהם) אונ אמאהל גיוט מען נאך דיא פיל דיינים מען זאל אים הרגען (ואימתי) ווען? (בזמן שהם שנים המכריעין במחייבין יותר מן המזכין) ווען די דיינים וואס בעשולדיגן אים זענען מיט צוויי דיינים מעהר ווי די דיינים וואס מאכן אים גערעכט (וממשמע שנאמר לא תהיה אחרי רבים לרעות) אונ ווייל דער פסוק זאגט צום שלעכטן נצו הרגנן אמענטשן זאל מען ניט טאן ווי די דיינים וואס זאגן מען זאל אים הרגען אויב זיי זענען נאר מיט איינם מער ווי די וואס מאכן אים גערעכט (שומע אני אבל היה עמהם לטובה) פארשטייען מיר אבער צו גוטען נצום ניט הרגען) איז מיט איין דיין אויך גענוג, אויב די דיינים וואס זאגן מען זאל ניט הרגען זענען מיט איין דיין מער ווי די וואס זאגן מען זאל הרגען, זאל מען אים ניט הרגען (מכאן אמרו) פון דעם פסוק האבן די חכמים געזאגט (דיני נפשות מטין על פי אחד לזכות ועל פי שנים לחובה) ווען די דיינים זיצען צוא משפטין אמענטשן אויב מען זאל אים הרגען אדער גיין, אויב די דיינים וואס זאגען מען זאל אים ניט הרגען זענען מער ווי די דיינים וואס זאגען מען זאל אים הרגען, אפילו זיי זענען נאר מער מיט איין דיין, הרגעט מען אים ניט, אונ אויב די דיינים וואס זאגען מען זאל אים הרגען זענען מער ווי די דיינים וואס זאגען מען זאל אים ניט הרגען, איז דער דין אזוי, אויב זיי זענען נאר מער מיט איין דיין, הרגעט מען אים ניט. אונ אויב זיי זענען מער מיט צוויי דיינים הרגעט מען אים (ואונקלוס תרגם) דער תרגום אונקלוס טייטשט (לא תתמנע מלאלפא מה דבעינך על דינא) זאלסט דיך ניט פארמיידען נאפזאגען) פון צו לערנען וואס דו פארשטייסט צו לערנען אין דעם דין (ולשון העברי לפי התרגום כך הוא נדרש) נאך דעם מיינונג פון תרגום ווערט דר פסוק אין לשון הקודש אזוי געלערנט ווערען (לא תענה על רב לנטות) דו זאלסט ניט ענטפערן אויף אקריג אז דוא ווילסט זיך אפטאהן פון אים אונ ניט פסקנן דעם דין (אם ישאלך דבר למשפט) אויב מען וועט קומען צו דיר דו זאלסט פסקנען אדין תורה ואונ דו ווייסט צו פסקנן) (לא תענה לנטות לצד אחד) זאלסטו ניט ענטפערן איך וויל מיך אפזייגען אויף אזייט (ולסלק עצמך מן הריב) דו ווילסט אפטאן פון די קריג וואס די מענטשן האבען, אונ ווילסט ניט פסקנן זייער דין (אלא הוי דן אותו לאמתו) נאר זאלסט פסקנן זייער דין ווי דוא פארשטייסט דעם אמת ווער עס איז גערעכט אונ אומגערעכט, זאגט רש"י (ואני אומר) אונ איך זאג (ליישבו על אופניו כפשוטו) מען דארף לערנען דעם פסוק מיט אגלייכען פשט (וכך פתרונו) אונ אזוי איז דערמיינונג פון פסוק (לא תהיה אחרי רבים לרעות) דו זאלסט ניט זיין נאך פיל מענטשן צום שלעכטען (אם ראית רשעים מטין משפט) אויב דוא וועסט זעהן דיינים רשעים פסקנען אפאלשן דין (לא תאמר הואיל ורבים הם הנני נוטה אחריהם) זאלסטו ניט זאגן ווייל זיי זענען פיל דיינים ואונ איך בין איינער) וועל איך אויך זאגן ווי זייא זאגען (ולא תענה על רב לנטות וגו') זאלסט ניט ענטפערען אויף אקריג מיינט מען (ואם ישאלך הנדון על אותו המשפט) אויב דער מענטש וואס ווערט געמשפט וועט דיך ודיין) פרעגען וואס זאגסטו צוא דעם משפט (אל תענהו על הריב דבר הנוטה אחרי אותן רבים) זאלסטו אים ניט ענטפערן אויף די קריג דר דין איז ווייא די דיינים פסקנען ואויב דוא ווייסט) (להטות את המשפט מאמתו) אז די דיינים גייען אוועק פון אמת מיט זייער פסק דין (אלא אמור את המשפט כאשר הוא) נאר דו זאג דעם דין ווי דו ווייסט דעם אמת ווי דער דין איז, אונ וואס די דיינים ווייל זיי זענען פיל וועלן זיי ניט פאלגן דיינע רייד אונ זיי וועלן פסקנן ווי זיי זאגן דס זאל דיך גאר ניט הארין (והקולר יהא תלוי בצואר הרבים) אונ דיא קייט וועט הייגען אויף דעם האלדז פון דיא פיל דיינים,

שפתי חכמים

פסוק רבים : ל ר"ל אל תאמר מה בכך אם אדון את הדין לאמתו כיון שהם רבים ואני יחיד ולא ישמעו לי אלא עשה את שלך וקולר

פירוש לתורת אלהים

מיינטשן לרעות ווס זיי גייען אוועק דעם משפט אויף שלעכט אונ זאלסט ניט טראכטען ווייל זייא זענען ארבים וועל איך זיי נאך ציהן ולא אונ דו זאלסט ניט ענטפערן אויף אקריג [אויף אדין תורה] לנטות אחרי רבים מען דארף גיין נאך די פיל דיינים להטות אפילו אוועק צו גייען פון אמת ווייל פיל דיינים זאגן אזוי נאר דו מוסט זאגן דעם משפט אזו ווי דר אמת איז אונ די עבירה זאל חל זיין אוף די רבים וואס פאר

מצות השם

(עז) ולא תענה על ריב לנטות) דאס איז די לא תעשה אז דר גר וואס ער האט איין מאל מלמד זכות געוועזן ביי איין משפט טאר ער נישט אוועק גייען אונ זאל דער נאך מלמד חוב זיין נאר אז ער האט חרטה געקריגען

אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת: ג וְדָל לֹא תֶהְדַּר
בְּרִיבוֹ: ס ד כִּי תִפְגַּע שׁוֹר אֹיִבְךָ אוֹ
חֲמֹרוֹ תֹּעֶה הָשֵׁב תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ: ס ה כִּי
תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ רֹבֵץ תַּחַת

אונקלוס

סַגִּיאֵי שַׁלֵּם דִּינָא: ג וְעַל
מִסְכֵּינָא לָא תְרַחֵם
בְּדִינֵהּ: ד אֲרֵי תִפְגַּע
תּוֹרָא דְסָנְאָךְ אוֹ חֲמָרֵהּ
דְּטָעֵי אֲתָבָא תְּתִיבִנֵּהּ
לֵהּ: ה אֲרֵי תֶחֱזֵי חֲמָרָא
דְסָנְאָךְ רְבִיעַ תְּחוֹת
טוֹעֲנֵהּ וְתִתְמְנַע

תו"א אחרי רבים מליעה נט סנהדרין ב ג חולין יא: ודל לא תהדר חולין קלד: כי תפגע מליעה לג: תראה פסחים קיג מליעה לג: רבץ תחת מליעה לב לג:

רשב"ם

(ג) ודל לא תהדר. כדכתיב לא תשא פני דל ולא תהדר פני גדול אלא בצדק תשפוט עמיתך: (ה) חמור שנאך. דבר בהווה: עזוב תעזוב. לשון סיוע וחיזוק

בעל הטורים

(ג) ודל. ב' במס' הכא ואידך ודל מרעהו יפרד לומר אפי' הוא רעהו יפרד ממנו ולא ישא לו פנים בדינו: בריבו. ד' דין ואידך לדיק הראשון בריבו לא תטה משפט אביונך בריבו לעות אדם בריבו. לומר לך אף אם הוא דל לא תשמע דבריו תהלה להלדיקו בדינו ולעות בעל דינו הכא אחריו: (ד) תועה. ג' במס' חמורו תועה. והנה תועה בשדה. אדם תועה מדרך השכל. ז"ב מלא פרה רועה אין זו אבידה מלא חמור וכליו הפוכים הרי זו אבידה וזהו חמורו תועה שהוא תועה בשדה וילא מהדרך: (ה) שונאך. ב' במס' חמור שונאך. אם רעב שונאך האכילהו לחם. משום דהכא מיירי בבני מיני שונאים ע"א מז' אומות דרפי' והדלת מעזוב לו ובשונא ישראל עזוב תעזוב עמו: רובץ. ג' במס' דין ואידך לפתח הטאת רובץ. רובץ בין המשפתים. לפתח חטאת רובץ זה יצה"ר כ"ש הלך אחרי

בית יהודא

זיי וועלען געשטראפט ווערן אונ דו ועסט געבענטשט ווערן ווייל דו האסט געזאגט דעם אמת: (ג) [ולא תהדר]. מיינט מען (לא תחלוק לו כבוד לזכותו בדין) דו זאלסט ניט געבען כבוד דעם ארעם מאן דו זאלסט אים גערעכט מאכן אין דעם משפט (ולימר דל הוא אזכנו ואכבדנו) דוא זאלסט זאגן ער איז ארעם איך וועל זאגן ער איז גערעכט ווער זאל דארפן געמן געלט, אדער ער זאל ניט דארפען געבען געלט אונ דס וועט זיין אכבוד פאר דעם ארעם מאן, דס טאר ניט טאן דער דיין, נאר ער מוז פסקנן דעם דין ווי עס איז דר אמת: (ה) [כי תראה חמור שונאך וגו'] . זאגט רש"י (הרי כי זה משמש בלשון דלמא) דר ווארט „כי" ווערט געטייטשט „טאמר" (שהוא מארבע לשונות של שמושי כי) דער

רש"י

(ג) לא תהדר. לא תחלוק לו כבוד לזכותו בדין ולומר דל הוא אזכנו ואכבדנו: (ה) כי תראה חמור שונאך וגו'. הרי כי משמש בל' דלמא שהוא מד' לשונות של שמושי כי וכה

שפתי חכמים

זכו': מ הולרך הרב לפרש שהסידור של דל על הטיית הדין לזכותו מפני שאין דרך הדיין להדר אלא לעשיר כמו שנאמר לא תשא פני גדול אלא

ליקוטי יקרים

(ה) כי תראה חמור שונאך וגו'. דר מצות ה' שרייבט אוב איינער זעהט זיין חבר פארט מיט אאייזיל אדער מיט איין אנדער בהמה אונ דיא בהמה איז געפאלען ווייל זיא קען ניט שלעפען דיא משא, אפילו דער בעל הבית פון די בהמה איז זיינער אשונא, פון דעסטוועגן מוז ער אים העלפן אראפנעמן די משא פון אייזיל, אונ צוריק ארופלייגן די משא אויף דעם אייזיל, אומזיסט אן געלט, אונ אוב די בהמה איז נאך אמאהל געפאלען אונטער די משא, אונ אפילו זיא איז הונדערט מאהל געפאלען אונטער די משא, מוז ער אלץ העלפן אראפנעמן די משא אונ צוריק ארופלייגן די משא, אן געלט, אונ אוב ער איז איין אלטער מאן וואס איז אים שווער צוא העלפען, אדער ער איז אפילו איינגער מאן, נאר ער איז אלמדן, ווס איז ניט שיין פר אים ער זאל העלפען אראפנעמן די משא פון די בהמה, דארף ער ניט העלפן, פון די מצוה דארף דר מענטש לערנען אמוסר, מאדאך די תורה הט רחמנות געהאט אויף אבהמה אונ הט געבאטן מען זאל פון איר אראפנעמן דיא משא, דארף מען דאך אויף אמענטש געווים רחמנות האבן, אז מען זעהט אמענטש הט צער אונ יסורים, אדער אפילו צער פון געלט זאכן דארף מען אים העלפן, אראפ צונעמן פון אים די יסורים:

פירוש לתורת אלהים

קרומען דעם משפט: (ג) ודל אונ איין ארום מאן לא תהדר זאלסטו ניט בשיינן בריבו אין זיין קריג דהיינו אז ער הט אמשפט פר דיר מיט איין עושר זאלסטו ניט טראכטן ווייל ער איז איין ארום מאן וועל איך זעהן אים מזכה זיין בדין חאטשי דר אמת איז מיט דעם עושר טארסטו ניט פסקנן נאר אמת: (ד) כי תפגע ווען דו וועסט בגעגינן שור אאקס פון דיין שונא או חמורו אדר זיין אייזל תועה ווס ער איז פר בלאנדזעט פון זיין בעל הבית השב זאלסטו אום קערן דעם אקס אדר דאס אייזל צו זיין בעל הבית: (ה) כי תראה חמור שונאך ווען דו וועסט זעהן אאייזל פון דיין שונא רובץ ליגט אונטר זיין משא וחדלת אונ

מצות השם

(עה) (אחרי רבים להטות) דאס איז איין מצות עשה אז מען זאל גיין נאך דעם רוב אזו וויא זייא זאגען אזו זאל מען פאסקינען נאר (דיני נפשות) דאס הייסט ווען איינעם קומט מיתה דארף צוא זיין צווייא מער וואס זייא זאלען זאגען אז עס קומט אים מיתה אונ ביא אנדערע דינים אויך בייא דיני נפשות אז מען איז מלמד זכות אפילו איינער איז מער גייט מען אויך נאך אזו וויא זייא זאגען אונ דער דין איז נוהג אויף יעדער ארט אונ יעדער צייט:

דהיינו אז ער האט צום ערשטען מלמד חוב געוועזען קען ער שוא דער נאך מלמד זכות זיין אונ דיא מצוה איז נוהג ווען עס איז נוהג דיני נפשות:

(עט) (ודל לא תהדר בריבו) דס איז די לא תעשה אז דאס בית דין טאר זיך נישט מרחם זיין אויף איין ארום מאן בייא דעם דין היינו דר דיין טאר נישט זאגען אז ער איז איין ארום מאן אונ מיר מוזען דאך געבען איין ארום מאן אז ער זאל האבן צוא לעבן וועל איך אים צוא פאסקינען כדי ער זאל האבן דאס געלד זיך מפרנס צוא זיין טאר ער אזו נישט טוען אונ דיא מצוה איז נוהג אויף יעדער ארט אונ יעדער צייט:

(פ) (כי תראה חמור וגו') דאס איז די מצות עשה אז מען מוז העלפען זיין חבר ווען זיין אייזיל איז אנידער געפאלען אונטער דיא משא דארף ער העלפן אפ לייגען דיא משא אונ צוריק אויף לייגן אן געלט אונ אפילו עס איז עטליכע מאל אום

געפאלען

מַשָּׂאוֹ וְחָדַלְתָּ מֵעֲזֹב לוֹ עָזֹב תַּעֲזֹב
עִמּוֹ: ס חמישי ו לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט
אֶבְיֹנְךָ בְּרִיבוֹ: ז מִדְּבַר־שֶׁקֶר תִּרְחָק
וְנָקִי וְצַדִּיק אַל־תַּהֲרֹג כִּי לֹא־אַצְדִּיק

מִלְּמִשְׁבַּק לֵהּ מִשְׁבַּק
תִּשְׁבּוֹק מָה דִּבְלִבָּךְ
עֲלוֹהִי וְתִפְרֵק עִמֵּהּ:
ו לָא תַצְלֵי דִּין מִסְכֵּינָךְ
בְּדִינֵהּ: ז מִפִּתְגָּמָא
דְשִׁקְרָא הֱוֵי רָחִיק וּדְזַכֵּי
וְדִי נְפַק (דְּכֵי) מִן דִּינָא
לָא תִקְטוֹל אֲרֵי לָא אֲזַכֵּי

תו"א והדלת מעזוב מליעה לב: עזב תעזב שם לה לב: לה תטה כתובות קה סנהדרין לו: מדבר שקר שבועות ל לה: ונקי וצדיק סנהדרין לג מג:

בעל הטורים

ילדו והרבה עון עד אשר הוא רובץ תחת משאו מאי תקנתיה יעסוק בתורה כיששכר שהיה רובץ בין המשפתים כדאמרינן אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש:

רשב"ם

כדכתיב ויעזבו [את] ירושלים עד החומה ואפס עצור ועזוב: (ז) מדבר שקר תרחק. ואם נראה בעיניך דין מרומה ועדים רמאים ואין אתה יכול להכחישן התרחק מאותו הדין ואל תדין בו כלל. ואעפ"כ אם הוא נקי וצדיק בדין

רש"י

פתרונו שמא תראה חמורו רובץ תחת משאו: וחדלת מעזב לו. בתמיה: עזב תעזב עמו. עזיבה זו לשון עזרה וכן (מ"א יד) עצור ועזוב וכן (נחמיה ג) ויעזבו את ירושלים עד החומה מלאוה עפר לעזוב ולסייע את חוזק החומה כיוצא בו (דברים ז) כי תאמר בלבבך רבים הגוים האלה ממני וגו' שמא תאמר כן בתמיה לא תירא מהם ומדרשו כך דרשו רבותינו כי תראה וחדלת פעמים שאתה חודל ופעמים שאתה עוזר הא כיצד זקן ואינו לפי כבודו וחדלת או בהמת נכרי ומשאו של ישראל וחדלת: עזב תעזב עמו. לפרק המשא. מלמשקל ליה מליטול משאוי ממנו: (ו) אבינך. לשון אובה שהוא מדולדל ותאב לכל טובה (ב"מ לב): (ז) ונקי וצדיק אל תהרג. מניין ליוצא מב"ד

בית יהודא

וואָרט „כִּי" הָט פִיר טַייטְשֶׁען, אֵיין טַייטְשׁ פוּן וָואָרְט „כִּי" מֵיינְט מֶען „טָאמֶר" (וְכָה פִּתְרוֹנוֹ) אוּנ אַזוֹי מֵיינְט דֶר פָּסוּק (שֶׁמָּא תִרְאֶה חֲמוֹרוֹ רוֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ וְחָדַלְתָּ מֵעֲזוֹב לוֹ) טָאמֶער וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶר אֵייזֶעל פוּן דַיין פַיינְד לִיגְט אוֹיף דֶר עֶרְד אוּנְטֶער זַיין מַשָּׂא אוּנ עֶר קֶען זִיךְ נִיט אוֹיפְהֵייבֶען וַוייל דִי מַשָּׂא לִיגְט אוֹיף אִים אוּנ דוּ וֶועסְט דִיךְ וֶועלֶן פַארְמַיידְען פוּן צוּ הֶעלְפֶען אִים (דַיין שׂוֹנֵא) אַרָאפּ צוּ נֶעמֶן דִי מַשָּׂא פוּן אֵייזֶעל (בִּתְמִיָּה) מִיט אַוואוּנְדֶער זָאגְט דָאס דֶר פָּסוּק, טָאמֶער וֶועסְטוּ וֶועלֶן אַזוֹי טָאהְן? זָאלְסְטוּ אַזוֹי נִיט טָאהְן (עָזוֹב תַּעֲזוֹב עִמּוֹ) זָאלְסְט הֶעלְפֶן מִיט אִים אַרָאפּ־צוּ־נֶעמֶן דִי מַשָּׂא פוּן אֵייזֶעל, זָאגְט רַשִׁ"י (עֲזִיבָה זוּ לְשׁוֹן עֶזְרָה) דָם וָואָרְט „עָזוֹב תַּעֲזוֹב" אִיז דֶערְטַייטְשׁ הֶעלְפֶן (וְכֵן עָצוּר וְעָזוּב) אִיז אוֹיךְ דֶערְטַייטְשׁ „עָצוּר" אַ אוֹיפְהַאלְטֶער אוּנ „עָזוּב" אַהֶעלְפֶער (וְכֵן) אַזוֹי שְׁטֵייט נָאךְ אִין פָּסוּק (וַיַּעַזְבוּ אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַד הַחוֹמָה) אִיז דֶערְטַייטְשׁ מֶען הָאט גֶעהָאלְפֶען יְרוּשָׁלַיִם זָאל גֶעשְׁטַארְקְט וֶוערֶען בִּיז צוּ דִי מָאהֶער (מִלְאוּהָ עָפָר) מֶען הָט גֶעשָׁאטֶען פִיל עֶרְד (לַעֲזוֹב וּלְסַיֵּיעַ אֶת חוֹזֶק הַחוֹמָה) דִי עֶרְד זָאל הֶעלְפֶן צוּ שְׁטַארְקֶן דִי מָאהֶער (כַּיּוֹצֵא בוֹ) נָאךְ אַזוֹי אַגְלַייכֶען שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (כִּי תֹאמַר בִּלְבָבְךָ רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִמֶּנִּי) אִיז אוֹיךְ דֶרְטַייטְשׁ (שֶׁמָּא תֹאמַר כֵּן בִּתְמִיָּה) מִיט אַוואוּנְדֶער טָאמֶער וֶועסְטוּ אַזוֹי זָאגֶען אִין דַיין הַארְצֶען דִי פֶעלְקֶער זֶענֶען פִיל מֶעהְר פוּן מִיר ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵיי קֶענֶן פַארְטְרַייבֶּן? (לֹא תִירָא מֵהֶם) זָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאלְסְט נִיט מוֹרָא הָאבֶּען פַר זֵיי (וּמִדְרָשׁוֹ כַּךְ דָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ) דִיא רַבָּנָן לֶערְנֶען אַזוֹי דֶעם פְּשַׁט אִין פָּסוּק (כִּי תִרְאֶה וְחָדַלְתָּ) אַז דוּא וֶועסְט זֶעהְן אַ אֵייזֶעל לִיגְט אוּנְטֶער זַיין מַשָּׂא, מֶעגְסְטוּ אַוֶועקְגֵיין אוּנ נִיט הֶעלְפֶען (פְּעָמִים שֶׁאַתָּה חוֹדֵל וּפְעָמִים שֶׁאַתָּה עוֹזֵר) אַמָאל מֶעגְסְטוּ נִיט הֶעלְפֶן אוּנ אַמָאל מוּזְטוּ הֶעלְפֶען (הָא כֵּיצַד) וויא אַזוֹי מֵיינְט מֶען (זָקֵן וְאֵינוֹ לְפִי כְּבוֹדוֹ) אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַלְטְן אוּנ עֶס אִיז נִיט זַיין כָּבוֹד צוּ הֶעלְפֶען אַרָאפְּנֶעמֶן דִי מַשָּׂא פוּן אֵייזֶעל (וְחָדַלְתָּ) מֶעגְסְטוּ דִיךְ פַארְמַיידְען אוּנ נִיט הֶעלְפֶן (אוֹ בְּהֶמַת עוֹבֵד כּוֹכָבִים וּמַשָּׂאוֹ שֶׁל יִשְׂרָאֵל) אָדֶער דִיא בְּהֵמָה גֶעהֶער צוּ אַשְׁטֶערְנְדִינֶער, אוּנ דִיא מַשָּׂא גֶעהֶער צוּ אַיוּד (וְחָדַלְתָּ) מֶעגְסְטוּ דִיךְ אוֹיךְ פַארְמַיידְן אוּנ נִיט הֶעלְפֶן: (עָזוֹב תַּעֲזוֹב עִמּוֹ). דוּ זָאלְסְט אִים הֶעלְפֶן, מֵיינְט מֶען (לְפָרֵק הַמַּשָּׂא) אַרָאפּ־צוּ־נֶעמֶען דִי מַשָּׂא פוּן אֵייזֶעל (מִלְּמִשְׁקַל לֵיהּ מִלִּטּוֹל מַשָּׂאוֹ מִמֶּנּוּ) דוּא זָאלְסְט דִיךְ נִיט פַארְמַיידְען פוּן אַרָאפּ־צוּ־נֶעמֶען פוּן אֵייזֶעל דִיא מַשָּׂא: (ו) (אֶבְיֹנְךָ). זָאגְט רַשִׁ"י אֶבְיוֹן אִיז לְשׁוֹן אוֹבֶה, גְלוּסְטֶען (שֶׁהוּא מְדוּלְדָּל וְתָאֵב לְכָל טוֹבָה) עֶר אִיז אָרֶעם אוּנ גְלוּסְט צוּ עֶפֶּעס גוּטֶס אוּנ עֶר הָט נִיט: (ז) (וְנָקִי וְצַדִּיק אַל תַּהֲרֹג) זָאגְט רַשִׁ"י (מִנַּיִן לְיוֹצֵא מִבֵּית דִּין חַיָּיב) אַז אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן בֵּית דִּין פַארְשׁוּלְדִיגְט (וְאָמַר

פירוש לתורת אלהים

דוּ וֶועסְט דִיךְ וֶועלֶען פַר מַיידְן פוּן צוּ הֶעלְפֶען אִים אֵייזֶעל: (ו) לֹא תַטֶּה דוּא זָאלְסְט נִיט אַוֶועק נֵייגֶן דֶעם מִשְׁפָּט פוּן דֶעם מִשְׁפָּט פוּן דֶעם אֶבְיוֹן בְּרִיבוֹ אִין זַיין קְרִיג: (ז) מִדְּבַר פוּן פַאלְשֶׁע רֵייד תִּרְחָק זָאלְסְטוּ דִיךְ טָארְסְטוּ נִיט נָאר עָזוֹב זָאלְסְט אִים הֶעלְפֶען אוּנ זָאלְסְט מִיט אִים אַרָאפּ נֶעמֶען דִיא מַשָּׂא פוּן דֶעם

מצות השם

גְרוֹסֶע מִצְוָה אַז מֶען זָאל אוֹיף אִים רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוּנ מֶען זָאל אִים הֶעלְפֶען:

(פא) (לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט וגו') דָאס אִיז דִיא לֹא תַעֲשֶׂה אַז דָאס בֵּית דִּין טָאר נִישְׁט אַוֶועק נֵייגֶען דֶעם מִשְׁפָּט פוּן אֵיין רָשָׁע דֶעמִילְט וֶוען עֶר לָאד זִיךְ פַאר זֵייא אוּנ דֶער רָשָׁע וֶוערְט אָן גֶערִיפֶען אָרוֹם מַאן ווַייל עֶר אִיז אָרוֹם פוּן מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג אִין יֶעדֶער אָרְט אוּנ יֶעדֶער צַייט:

(פב) (וְנָקִי וְצַדִּיק אַל תַּהֲרוֹג) דָאס אִיז דִיא מִצְוַת עֲשֵׂה אַז דָאס בֵּית דִּין טָארֶען נִישְׁט פַאסְקֶענֶען וֶועדְלִיג עֶס ווַייסְט זֵייא

גֶעפַאלֶען מוּז עֶר אַלֵיין הֶעלְפֶען אוֹיף לֵייגֶען אוּנ אוֹיף שְׁטֶעלֶן אוּנ אֵיין אַלְטֶער מַאן וָוס עֶס אִיז נִישְׁט פַר זַיין כָּבוֹד אִיז עֶר נִישְׁט מְחוּיָּב צוּ הֶעלְפֶען אוֹיף לֵייגֶן נָאר אַז עֶר הֶעלְפְט, יוֹא מֶעג אוֹיף אִים קוּמֶען אֵיין בְּרָכָה אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג אוֹיף יֶעדֶער אָרְט אוּנ יֶעדֶער צַייט. פוּן דֶר מִצְוָה קֶען זִיךְ יֶעדֶר מֶענְטְשׁ אֵיין מוּסָר אַרוֹיס נֶעמֶען אוּנ עֶר זָאל זֶעהְן וויא דִיא (תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה) הָאט אוּנְז גֶעבָּאטֶען אַז מִיר זָאלֶן הָאבֶּן דִי מִצְוָה פוּן דֶר בַּארִימְהֶערְצִיגְקַייט אַז אַפִילוּ אוֹיף אֵיין בְּהֵמָה אַז זִיא לִיגְט אוּנְטֶער אֵיין מַשָּׂא זָאל מֶען זִיא אוֹיף שְׁטֶעלֶען מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף אֵיין מֶענְטְשׁ וָוס עֶר הָאט צַעַר הֵן בְּגוּף אָדֶער עֶר הָאט פַאר לוֹירֶען גֶעלְד אִיז בְּוַדַּאי אֵיין

אום

רָשָׁע: ח וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר פִּקְחִים וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִים:

חַיָּבָא: ח וְשׁוֹחֲדָא לָא תְקַבֵּל אֲרֵי שׁוֹחֲדָא מְעַוַּר עֵינֵי חַכִּימִין וּמְקַלְקֵל פִּתְגָּמִין תְּרִיצִין:

תו"א ושחד לא תקח פאה יב כתובות קה: כי השחד שם: ויסלף שם:

רשב"ם

שכבר נגמר הדין לזכות אל תהרגנו עוד מאחר שכבר קבלת העדים וגמרת הדין ולא נתת לבך על זה עד לסוף שאם אתה הצדקתו אני לא אצדיקנו וחייב מיתה כדכתיב והאלהים אנה לידו: (ח) יעור פקחים. אצל פיקות עין נופל לשון עיורון. ואצל צדיק סילוף:

בית יהודא

אֶחָד יֵשׁ לִי לְלַמֵּד עָלָיו זְכוּת שֶׁמַּחֲזִירִין אוֹתוֹ) נאָכדעם האָט איין דַיין גיזאָגט איך וויים צו לערנען אויף אים אַזכות ואים צוּרעטטין) פון וואַנען ווייסען מיר אַז מען רופט דעם פאַרשולדיגטען צוריק צוא בֵּית דִּין (תַּלְמוּד לוֹמַר וְנָקִי אַל תַּהֲרוֹג) זאָגט דר פסוק דר ווָס איז ריין פון די זינד זאָלסטו אים ניט הרגענען (וְאַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ צַדִּיק) אַפילו ער איז ניט גערעכט (שֶׁלֹּא נִצְטַדֵּק בְּבֵית דִּין) ביי בֵּית דִּין איז ער ניט גיוואָרען גערעכט (מִכָּל מָקוֹם נָקִי הוּא מִדִּין מִיתָה) פון דעסטוועגין איז ער ריין פון צו הרגענען אים (שֶׁהֲרֵי יֵשׁ לְךָ לְזַכּוֹתוֹ) ווייל מען קען אים גערעכט מאַכען ווי דר דיין זאָגט) (וּמִנַּיִן לְיוֹצֵא מִבֵּית דִּין זַכַּאי וְאָמַר אֶחָד יֵשׁ לִי לְלַמֵּד עָלָיו חוֹבָה) אויב איינער איז אַרויסגעגאַנגען פון בֵּית דִּין גרעכט, נאָכדעם האָט איין דַיין גזאָגט איך וויים צו לערנען אויף אים אַז ער איז ניט גרעכט, פון וואַנען ווייסען מיר (שֶׁאֵין מַחֲזִירִין אוֹתוֹ לְבֵית דִּין) אַז מען ברייננגט אים ניט צוריק צו בֵּית דִּין (תַּלְמוּד לוֹמַר וְצַדִּיק אַל תַּהֲרוֹג) זאָגט דר פסוק אַצדיק זאָלסטו ניט הרגענען (וְזֶה צַדִּיק הוּא) אונ ער הייסט אַצדיק (שֶׁנִּצְטַדֵּק בְּבֵית דִּין) בייא בֵּית דִּין איז ער גיווען אַצדיק: כִּי לֹא אַצְדִּיק רָשָׁע. הקב"ה זאָגט דער מענטש ווָס איז אין אֱמֶת אַרשע וועל איך אים ניט גערעכט מאַכען (אֵין עָלֶיךָ לְהַחֲזִירוֹ) דו בֵּית דִּין דאַרפסט ניט אים צוריק ברייננגען צוא בֵּית דִּין (כִּי אֲנִי לֹא אַצְדִּיקֶנּוּ בְּדִינִי) איך וועל אים ניט גרעכט מאַכען ווען ער ווָעט קומען צו מיין מִשְׁפָּט (אִם יָצָא מִיָּדְךָ זַכַּאי) אויב ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דיר בֵּית דִּין גערעכט אונ דוא האָסט אים ניט גהרגת (יֵשׁ לִי שְׁלוּחִים הַרְבֵּה לַהֲמִיתוֹ בְּמִיתָה שֶׁנִּתְחַיֵּיב בָּהּ) איך האָב פיל שלוחים צו שיקען צו אים זיי זאָלין אים הרגענען מיט דעם טויט וואָס ער איז שולדיג צוא געהרגת ווערין: (ח) וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח) זאָלסט ניט נעמען שוחד (אֲפִילּוּ לִשְׁפּוֹט אֱמֶת) אַפילו דו מיינסט צו משפטין אֱמֶת (וְכָל שֶׁכֵּן כְּדֵי לְהַטּוֹת אֶת הַדִּין) צו פסקענען פאַלש אונ גערעכט מאַכען דעם מענטש ווָס האָט דיר גיגעבען שוחד (געלד אָדער איין אַנדער מַתָּנָה) אַפילו ער איז ניט גרעכט דם טאָר מען געווים ניט (שֶׁהֲרֵי כְּדֵי לְהַטּוֹת אֶת הַדִּין נֶאֱמַר כְּבָר לֹא תַטֶּה מִשְׁפָּט) ווָארום אויף פסקענען פאַלש אַדין האָט דיא תורה באַזונדער גיבאָטין מען זאָל ניט פאַלש פסקענען אַדין, אַפילו ער נעמט ניט שוחד, אונ איצט זאָגט די תורה מען זאָל ניט נעמען שוחד אַפילו ער מיינט צו פסקענען אֱמֶת, ווָארום עס איז ניט מעגליך ער זאָל פסקענען אֱמֶת ודהיינו ראובן אונ שלמה זענען גקומען צו אַדיין האָבין אַדין תּוֹרָה, אונ ראובן האָט אין דערשטיל גיגעבין שוחד (אַמַתָּנָה אָדער געלט) צום דיין, פאַרשטייען מיר ווָס האָט ראובן געמיינט דר דיין זאָל אים גערעכט מאַכען נער זאָל ניט דאַרפען צאָהלין וואָס שלמה מאָנט ביי אים, אָדער שלמה זאָל אים מוזין באַצאָהלין וואָס ער מאָנט ביי שלמה) אונ אַז ראובן וואָלט געוואוסט אַז ער דאַרף זיין גערעכט ביי דין תּוֹרָה, צו ווָס דאַרף ער געבען געלט דעם דיין אָן געלט וועט ער אויך געווינען די דין תּוֹרָה, אָדער ווען ראובן זאָל וויסען אַז דער דיין איז אַערליכער פרומער יוד, וואָלט ער מורא געהאַט אים צו געבין געלד, ווייל דר דיין וואָלט אויף אים בייז גוואָרען, נאר געוויס ווייס ראובן אַז ער איז אומגערעכט אונ ער ווייס דער דיין איז ניט פרום, מאַכין זיי ביידע שותפות שלמה זאָל פאַרלירען די דין תּוֹרָה ודם הייסט שוחד (שֶׁהוּא חַד) ער ווערט איינס מיט דעם דיין) קען שון איצט זיין אַז דר דיין זאָל אומגערעכט מאַכען צוא ראובן? אונ אַפילו דער דיין זעהט אין חשן משפט אַז ראובן איז אומגרעכט, זאָגט

רש"י

חייב ואמר א' יש לי ללמד עליו זכות שמחזירין אותו ת"ל ונקי אל תהרג ואע"פ שאינו צדיק שלא נצטדק בב"ד מ"מ נקי הוא מדין מיתה שהרי יש לך לזכותו. ומניין ליוצא מב"ד זכאי ואמר א' יש לי ללמד עליו חובה שאין מחזירין אותו לב"ד ת"ל וצדיק אל תהרג וזה צדיק הוא שנצטדק בב"ד: כי לא אצדיק רשע. אין עליך להחזירו כי אני לא אצדיקנו בדיני אם יצא מידך זכאי יש לי שלוחים הרבה להמיתו במיתה שנתחייב בה: (ח) ושחד לא תקח. אפי' לשפוט אמת וכ"ש כדי להטות את הדין שהרי כדי להטות את

פירוש לתורת אלהים

דר ווייטערן וְנָקִי וְצַדִּיק דער מענטש ווָס איז אַרויס געגאַנגען פון בֵּית דִּין ריין אונ גערעכט זאָלסטו אים ניט הרגענען אונ זאָלסט ניט זאָגין איך וועל נאָך אַמאָהל קלערין וועגין דעם דין טאָמער איז ער אומגערעכט אונ מען דאַרף אים הרגענען כִּי ווָארום איך גאָט וועל ניט גרעכט מאַכען דעם רשע חאָטשי ער איז פון דעם בֵּית דִּין אַרום גגאַנגען זַכַּאי איז ביי מיר פאַר האַנדען פיל שלוחים צו הרגענען אים מיט דר מיתה ווָס עס קומט אים: (ח) וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח אונ שוחד זאָלסטו ניט נעמען אַפילו צו משפטען אֱמֶת אונ מִכָּל שֶׁכֵּן פאַלש צו פסקענען כִּי ווָארום דר שוחד יְעַוֵּר טוט מאַכען בלינד דיא אויגען פון דיא קלוגע [עיין רש"י]

מצות השם

אום דהיינו ווען זיי זעהן אַז איינער לויפט נאָך זיין חבר אין איין חורבה אַריין אונ זייא זענען געגאַנגען אַהין אונ האָבען דאָרטען געפונען דעם ווָס מען הָט אים געהאַרגית זאָלען זיי נישט זאָגען אַז מן הסתם האָט אים גהרגית דר ווָס ער איז אים נאָך געלאָפען אונ מען זאָל דעם האַרגינען טאָר מען אַזוֹ נישט טאָן נאָר אַז עס וועלען קומען עדות וואָס זייא האָבען אים מתרה געווען אַז מען טאָר נישט אַזוֹ טאָן אונ האָבען גזעהן ווי ער האָט אים געהרגית דעמולט קומט אים מיתה:

(פג) (וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח) דָם איז איין לא תעשה אַז דר דיין טאָר נישט נעמען קיין געלד אַפילו ער זאָל פאַסקינען איין אמתין דין תּוֹרָה נאָר פאַר דעם וואָס דר דיין איז זיך מבטל דהיינו ער וואָלט געקענט עפּוּס פר דינען אין דר צייט ווָס ער פאַסקית זיי זייער דין מעג ער נעמען פון ביידע בעלי דינין גליך אונ דיא מִצְוָה איז נוהג אויף יעדע אָרט אונ יעדער צייט:

ט וְגֵר לֹא תִלְחָץ וְאַתֶּם יְדַעְתֶּם אֶת־
נֶפֶשׁ הַגֵּר כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ
מִצְרָיִם: י וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע אֶת־
אַרְצֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת־תְּבוּאָתָהּ:
יא וְהַשְּׁבִיעִת תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ
וְאָכְלוּ אֶבְיֹנֵי עַמֶּךָ וְיִתְרָם תֹּאכַל

ט וְגִיּוֹרָא לָא תְעִיקוּן
וְאַתּוּן יְדַעְתּוּן יָת נַפְשָׁא
דְגִיּוֹרָא אֲרֵי דַיָּרִין
הֲוֵיתוּן בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם:
י וְשִׁית שְׁנִין תִּזְרַע יָת
אַרְעָךְ וְתִכְנוֹשׁ יָת
עֲלַלְתַּהּ: יא וּשְׁבִיעֵתָא
תַּשְׁמְטִנַּהּ וְתִרְטְשִׁנַּהּ
וְיֵיכְלוּן מִסְכְּנֵי עַמָּךְ
וּשְׁאָרְהוֹן תֵּיכוֹל חֵיוַת

תו"א וגר לא תלחץ מציעא נט ס' הזהר בדברי הספה פי' נפלה: והשביעית תשמטנה סוכה מד מ"ק ג מציעא לט:

בעל הטורים

(י) את תבואתה והשביעית. לאסור פירות ערב שביעית שנכנסו לשביעית: (יא) ויתרם. ב' דין ואידך ויתרם אכלה אש לומר שפירות שביעית אסורים בהנאה ותופסין את דמיהן וצריך לבערן:

רשב"ם

(י) ואספת את תבואתה. בביתך ולא תניחנה הפקר אלא בשביעית תשמטנה

רש"י

הדין נאמר כבר לא תטה משפט: יעור פקחים. (כ"מ קיא מכילתא) אפי' חכם בתורה ונוטל שוחד סוף שתטרוף דעתו עליו ויתשכח תלמודו ויכהה מאור עיניו: ויסלף. כתרגומו ומקלקל: דברי צדיקים. דברים המצודקים משפטי ב אמת וכן תרגומו פתגמין תריצין. ישרים: (ט) וגר לא תלחץ. בהרבה מקומות הזהירה תורה על הגר מפני שסורו ם רע (ב"מ נט): את נפש הגר. כמה קשה לו כשלוחצים אותו: (י) ואספת את תבואתה. לשון הכנסה לבית כמו (דברים כב) ואספתו אל תוך ביתך: (יא) תשמטנה. ע מעבודה: ונטשתה. מאכילה אחר

בית יהודא

דער פסוק יַעֵוּר פִּקְחִים, דָס מַאכְט בְּלִינְד דִי זֶעהֶענְדִיגֶע, זָאגְט רש"י (וַאֲפִילוּ חָכָם בַּתּוֹרָה) אֲפִילוּ דֶר דַיָּין אִיז אַגְרוֹיסֶר לַמְדָן (וְנוֹטֵל שׁוֹחַד) אוֹיבּ עֶר נֶעמְט שׁוֹחַד (סוֹף שֶׁתִּטָּרֵף דַעְתּוֹ עָלָיו) וֶועט זַיין דֶר סוֹף זַיין מוֹחַ וֶועט פַרְמִישְׁט וֶוערֶן (וְיִשְׁתַּכַּח תַּלְמוּדוֹ) זַיין לֶערְנֶען וֶועט פוּן אִים פַארְגֶעסִין וֶוערִין (וְיִכְהֶה מְאוֹר עֵינָיו) דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זַיינֶע אוֹיגִין וֶועט טוּנְקֶעל וֶוערִין: וִיסַלֵּף. זָאגְט רש"י (כְּתַרְגּוּמוֹ) וִוי דֶער תַּרְגּוּם טַייטְשְׁט (וּמְקַלְקֵל) עֶר וֶועט קַאלְיֶע מַאכֶן: דִבְרֵי צַדִּיקִים. דִי רֵייד פוּן דִי צַדִּיקִים (דְבָרִים הַמְצוּדָּקִים) דִי גֶערֶכְטֶע פְרוּמֶע רֵייד (מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת) דִי אֱמֶתֶה דִינִים וָוס שְׁטֵייעֶן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וָוס דִי אֱמֶתֶה צַדִּיקִים הָאבֶּן זֵיי גֶעשְׁרִיבֶּן וִוי הקב"ה הָט גִיבָּאטִין, וֶועט דֶער פַאלְשֶׁער דַיָּין זָאגִין אִין זַייעֶרֶע רֵייד פַאלְשֶׁע מֵיינוּנְגֶן וִוי עֶר וִויל (וְכֵן תַּרְגּוּמוֹ) אוּנ אַזוֹ זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם (וּמְקַלְקֵל פִּתְגָּמִין תְּרִיצִין) דֶר דַיָּין וֶועט קַאלְיֶע מַאכִין דְבָרִים יְשָׁרִים, דִיא גְלַייכֶע רֵייד פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ: (ט) וְגֵר לֹא תִלְחָץ. זָאגְט רש"י (בְּהַרְבֵּה מְקוֹמוֹת הִזְהִירָה תּוֹרָה עַל הַגֵּר) אִין פִיל אֶרְטֶער וּפִיל מָאהל הָט דִי תּוֹרָה גִבָּאטֶן מֶען זָאל קֵיין שְׁלֶעכְטְס טָאן צוּ אַגֵר (מִפְּנֵי שֶׁסּוּרוֹ רַע) וַוייל אוֹיבּ אֵיינֶר וֶועט טָאהְן שְׁלֶעכְטְס צוּא אַגֵר, אוּנ דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר צוּרִיק וֶוערֶן אַגוֹי, וֶועט עֶר שׁוֹין צוּרִיק קֵיין יוּד וֶוערֶען [עַיִין ש"ח]: וְאֶת נֶפֶשׁ הַגֵּר]. אִיר וַוייסְט דָאךְ דֶעם נַאטוּר פוּן אַגֵר (כַּמָּה קָשֶׁה לוֹ כְּשֶׁלּוֹחֲצִים אוֹתוֹ) וִוי שְׁלֶעכְט אִים אִיז וֶוען מֶען דְרִיקְט אִים, וֶוען מֶען טוּהְט אִים צָרוֹת: (י) וְאָסַפְתָּ אֶת תְּבוּאָתָהּ]. זָאגְט רש"י (לְשׁוֹן הַכְנָסָה לְבַיִת) וְאָסַפְתָּ מֵיינְט מֶען דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען דִיא תְּבוּאָה צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ וְאִין אַשְׁפַּייכְלֶער, אַשַׁייעֶר] (כְּמוֹ) וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק (וַאֲסַפְתּוֹ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ) דוּ זָאלְסְט אִים פַארְזַאמְלֶען אִין דַיין שְׁטוּבּ: (יא) תִּשְׁמְטֶנָּה]. מֵיינְט מֶען (מֵעֲבוֹדָה) דוּ זָאלְסְט פַארְלָאזִין דַיין פֶעלְד אוּנ זָאלְסְט נִיט אַרְבֶּעטֶען אִין אִיר: וּנְטַשְׁתָּהּ]. מֵיינְט מֶען (מֵאֲכִילָה אַחַר זְמַן הַבִּיעוּר) אַז עֶס קוּמְט דִיא צַייט מֶען זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁטוּבּ אַלֶע תְּבוּאוֹת אוּנ פֵּירוֹת וָוס הָאבֶּן גֶעוַואקְסִין דֶעם זִיבֶּעטִין יָאהְר, אוּנ מֶען מוּז זֵיי לֵייגֶען הֶפְקֵר וּפְרַייז אִין פֶעלְד פַאר אַלֶע מֶענְטְשִׁין בְּהֵמוֹת אוּנ חַיּוֹת; טָאר נִיט דֶער בַּעַל הַבַּיִת עֶסִין פוּן שְׁטוּבּ, נָאר אַז אַלֶץ וֶועט לִיגֶן אִין פֶעלְד וֶועט עֶר אוֹיךְ נֶעמֶן בִּיסְלַאכְוַוייז

דעת זקנים מבעלי התוספות

(י) ושש שנים תזרע וכו'. אתמר במדרש דאפי' אין לו לאדם אלא חורבה אחת בתוך גנו חייב לעבדה בכל יום. ונראה לה"ר משה דוקא בא"י כדי להרבות הפרשת תרומות ומעשרות:

שפתי חכמים

הכבוד הוא שמזכה אותו כדין וע"י הדין הוא מתכבד שאל"כ יצטרך לפרוע לו ואין לו והוא מזולזל: נ ר"ל דין תורה כדכתיב משפטי ה' אמת וגו': ס י"מ כמו שאור דהיינו היצה"ר כלו' שיצה"ר שלו קשה ורע ונוח לפתות. וי"מ כיון שסר מן הדרך טוב אינו חוזר ע"י פיתוי דברים: ע פי' משום שהשמטה והנטישה בכ"מ השמטת ונטישת דבר

פירוש לתורת אלהים

וִיסַלֵּף אוּנ עֶר פַר קְרִימְט דִבְרֵי דִי גֶערֶעכְטֵי רֵייד דֶעם אֱמֶתִין מִשְׁפָּט: (ט) וְגֵר אוּנ אַגֵר לֹא תִלְחָץ זָאלְסְטוּ נִיט בַּצְווִינְגֶן וְאַתֶּם אוּנ אִיר ווייסְט דָאךְ וואל דֶעם ווילֶן פוּן דֶעם גֵר וִוי עֶס אַרְט אִים אַז מֶען בַּצְווִינְגְט אִים כִּי ווארוּם אִיר זֶענְט דָאךְ אוֹיךְ גֵּרִים גֶוועֶן אִין לַאנְד מִצְרַיִם: (י) וְשֵׁשׁ שָׁנִים אוּנ זֶעקְס יָאר תִּזְרַע זָאלְסְטוּ זַייעֶן דַיין פֶעלְד וְאָסַפְתָּ אוּנ זָאלְסְט אַיין זַאמְלֶען אִיר תְּבוּאָה: (יא) וְהַשְּׁבִיעִית אוּנ דָם זִיבֶּעטֶע יָאר תִּשְׁמְטֶנָּה זָאלְסְטוּ זִיא פַאר לָאזֶען פוּן צוּא אַקֶערֶען אוּנ פוּן צוּא זֵייעֶן וּנְטַשְׁתָּהּ אוּנ זָאלְסְט זִיא פַאר לָאזֶען פוּן צוּא מִיסְטִיקֶן וְאָכְלוּ אוּנ דִי תְּבוּאָה וָואס וַואקְסְט אַלֵיין אוֹיף דִיא פֶעלְדֶר דָאס זִיבֶּטֶע יָאר זָאלֶען

מצות השם

(פד) (וְהַשְּׁבִיעִית תִּשְׁמְטֶנָּה) דָס אִיז דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אַז דָם זִיבֶּעטֵי יָאר טָאר מֶען נִיט זֵייעֶן אוּנ אַקֶערְן אוּנ מִיסְטֶעגֶן דִי פֶעלְדֶר אוּנ יֶעדֶער וָואס עֶר הָאט אֵיין פֶעלְד אָדֶער אֵיין וַויין גָארְטֶן מוּז עֶר דָאס זִיבֶּעטֶע יָאר מַפְקִיר זַיין אַלֶע פֵּירוֹת אוּנ תְּבוּאוֹת וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע פֶעלְדֶער אוּנ וַויין גֶערְטְנֶער אוּנ אַזוֹי בַּאלְד עֶר פַאר שְׁלִיסְט דֶעם וַויין גָארְטֶען אָדֶער

חַיַּת הַשָּׂדֶה כֵּן־תַּעֲשֶׂה לְכַרְמְךָ לְזֵיתֶךָ׃ יב שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת לְמַעַן יָנוּחַ שׁוֹרְךָ וַחֲמֹרֶךָ וְיִנָּפֵשׁ בֶּן

בָּרָא כֵּן תַּעְבֵּד לְכַרְמָךְ לְזֵיתָךְ׃ יב שִׁתָּא יוֹמִין תַּעְבֵּד עוֹבָדָךְ וּבְיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תְּנוּחַ בְּדִיל דִּינוּחַ תּוֹרָךְ וַחֲמָרָךְ וְיִשְׁקוֹט בַּר אַמְתָךְ׃

תו"א ויִנפש בן יבמות מה :

רשב"ם

שלא תזרע ונטשתה שלא תאסוף תבואתה : (יא) לכרמך לזיתך . כמו מן תבואה דרך המקרא להזכיר דגן ותירוש ויצהר וה"ה לכל אוכלין שהן גידולי

רש"י

זמן הביעור . ד"א תשמטנה מעבודה גמורה כגון חרישה וזריעה . ונטשתה מ לזבל ומלקשקש : ויתרם תאכל חית השדה . (מכילתא) להקיש מאכל אביון למאכל חיה מה חיה אוכלת ב בלא מעשר אף אביונים אוכלים בלא מעשר מכאן אמרו אין מעשר בשביעית : כן תעשה לכרמך . ותחלת המקרא מדבר ק בשדה הלבן כמו שאמר למעלה הימנו תזרע את ארצך : (יב) וביום השביעי תשבת . (מכילתא) אף בשנה השביעית לא תעקר שבת בראשית ר ממקומה שלא תאמר הואיל וכל השנה קרויה שבת לא תנהוג בה שבת בראשית : למען ינוח שורך וחמורך . תן לו נייח להתיר שיהא תולש ואוכל עשבים ש מן הקרקע או אינו אלא יחבשנו בתוך הבית אמרת אין זה נייח אלא צער : בן אמתך . (מכילתא) בעבד ת הערל הכתוב מדבר : והגר .

בית יהודא

פון פעלד וואס ער דארף צום עסין , ווי אלע מענטשין געמן פון זיין פעלד , אונ ער מעג אויך געמן פון פרעמדע פעלדער (דבר אחר) נאך אפשט איז (תשמטנה מיינט מען מעבודה גמורה) דו זאלסט פארלאזין דיא פעלד פון פעלד־ארבעט (כגון חרישה וזריעה) זאלסט ניט אקערין אונ ניט זייען (ונטשתה) אונ זאלסט פארלאזין די פעלד (מלזבל) פון צוא לייגין אוף איר מיסט (ומלקשקש) אונ פון צו לייגען אויף איר שטרויא : ויתרם תאכל חית השדה] . אונ וואס עס וועט בלייבין זאלן עסין די חיות פון פעלד , זאגט רש"י (להקיש מאכל אביון למאכל חיה) די תורה גלייכט דם עסין פון אלעם מאן צוא דאס עסין פון דיא חיה (מה חיה אוכלת בלא מעשר) אזוי וויא דיא חיה עסט ניט געמעשרת (אף אביונים אוכלים בלא מעשר) דיא ארעמע מענטשין עסין אויך דיא תבואה וואס וואקסט דעם זיבעטין יאהר ניט געמעשרת (מכאן אמרו אין מעשר בשביעית) פון דאנן האבען די רבנן געזאגט מען גיט ניט מעשר פון דיא תבואה וואס וואקסט דעם זיבעטן יאהר : וכן תעשה לכרמך] . אזו זאלסטו טאהן צוא דיין ווייגגארטען , זאגט רש"י (ותחלת המקרא מדבר בשדה הלבן) דער אנהייב פסוק שמועסט פון אפעלד וואס אוף איר וואקסט תבואה (כמו שאמר למעלה הימנו) ווי עס שטייט פריער אין פסוק תזרע את ארצך , דוא וועסט פארזייען דיין לאנד , שמועסט מען פון אפעלד מיט תבואה: (יב) [וביום השביעי תשבת] . זאגט רש"י (אף בשנה השביעית לא תעקר שבת בראשית ממקומה) אפילו אין דעם זיבעטן יאהר זאל ניט בטל ווערן דר שבת פון אלע וואך (שלא תאמר הואיל וכל השנה קרויה שבת) דוא זאלסט ניט זאגן ווייל דר גאנצר זיבעטר יאהר ווערט גערופן אין דיא תורה שבת (לא תנהוג בה שבת בראשית) זאל מען ניט דארפן היטן דעם שבת פון אלע וואך , דריבר זאגט דיא תורה אפילו אין זיבעטן יאהר מוז מען אוך היטען דעם שבת פון אלע וואך : ולמען ינוח שורך וחמורך] . זאגט רש"י מען מיינט (תן לו נייח) דו זאלסט מאכן אפערגעניגען צו דיין אקס אונ דיין אייזיל (להתיר שיהא תולש ואוכל עשבים מן הקרקע) די תורה קומט זאגען מען מעג לאזין די בהמות זייא זאלן גיין שבת אין פעלד אונ רייסען גראז פון די ערד אונ עסין , פרעגט רש"י (או אינו) אדער גיין (אלא יחבשנו בתוך הבית) טאמער מוז מען שבת די בהמות פארהאלטען אין שטאל , זיי זאלן ניט גיין אין פעלד רייסען גראז , ענפערט רש"י (אמרת) איך וועל דיר זאגן (אין זה נייח אלא צער) דאס איז דאך ניט אפארגעניגען פר די בהמה נאר אצער : ובן אמתך] . זאגט רש"י (בעבד ערל הכתוב מדבר) דער פסוק שמועסט פון אעבד כנעני וואס ער איז נאך ניט געמלת געווארען (אז ער איז בייא אייד אין שטוב) טאר ער ניט ארבעטין שבת : והגר] . (זה גר תושב) עס זענען געוועזען בייא יודען צוויי־ערלייא גרים , אגר צדק אונ אגר תושב , דער גוי וואס הט זיך מגייר געוועזען ער זאל ווערן אייד ווי אלע יודען

שפתי חכמים

מדבר : פ במועד קטן פירש"י שחורשין תחת האילנות כדי שילאח ובב"מ פירש"י שמכסין בקש ובזבל שרשין של אילנות בימות החורף שלא יתקלקל מחמת הקור : צ דאם לא כן למה לא' ויתרם וגו' הא לא שייך לו' להתיר אכילתו לחיה בשביעית דהא החיה לא ברשותו היא : ק פי' האי כן תעשה אחרישה דקרא קאי כלומר כמו שעשית בשדה הלבן כן תעשה לכרמך וגו' : ר דאל"כ למה נסמכה לשביעית אף שנאמרה לדברים שנתחדשו בה דהעבד הערל והגר תושב שיהיו שובתים ביום שבת אפ"ה יש ללמוד זה נמי מדכתבה פה : ש דאל"כ למה לא' הא כבר נא' בדברות אי משום שלא תאמר הואיל וכו' היה די לו' וביום השביעי תשבות : ת דלעיל בעשרת הדברות דבר בעבד כנעני שהוא

פירוש לתורת אלהים

דם עסן די אביונים פון דיין פאלק ישראל [עיין רס"י] אונ זייער איבריגע תבואה תאכל זאלן די חיות פון פעלד עסין כן אזו זאלסטו טאהן לכרמך צו דיין ווייןגארטען לזיתך אונ צו דיינע אייל בוימען : (יב) ששת ימים זעקס טאג אין דער וואך תעשה זאלסטו טאהן דייני ווערג וביום השביעי אונ אין דעם זיבעטי טאג תשבות זאלסטו רוען [עיין רס"י] למען דרום ינוח עס זאל רוען דיין אקס מיט דיין

מצות השם

ער נעמט דיא תבואות פון זיין פעלד אהיים איז ער עובר די מצוה אונ מען טאר נישט האנדלען מיט דיא פירות אונ תבואות פון דעם זיבעטען יאר אונ דיא מצוה איז נוהג בייא זכרים אונ נקבות :

(פה) וביום השביעי תשבת) פון דעם פסוק לערנען מיר ארוס אז יעדער יוד איז מחויב צוא רוען אין דעם זיבעטען טאג פון דר וואך אוך זענען מיר מוזהר אז עס וועט זיין בייא איין יוד איין גוישער קנעכט וואס ער הט זיך מלה געוועזען אונ האט.

אֲמָתְךָ וְהַגֵּר׃ יג וּבְכֹל אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם תִּשָּׁמֵרוּ וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ לֹא יִשָּׁמַע עַל־פִּיךָ׃

אונקלוס

וְגִיוֹרָא׃ יג וּבְכֹל דִּי אֲמָרִית לְכוֹן תִּסְתַּמְּרוּן וְשׁוּם טַעֲוַת עַמְמַיָּא לָא תִדְכְּרוּן לָא יִשְׁתְּמַע עַל

תו"א ובכל אשר אמרתי שבת יח: ושם אלהים אחרים סנהדרין סג קט : לא ישמע סנהדרין סג בכורות ב :

בעל הטורים

(יג) ושם אלהים אחרים. וסמיך ליה שלש רגלים לומר לך כל המבזה את המועדות כאלו עובד ע"א. וסמך פסח לע"א לומר מה ע"א אסורה בהנאה ואוסרת בכל שהוא אף חמץ בפסח אסור בהנאה ואוסר בכל שהוא:

רשב"ם

קרקע כדכתיב בפרשת בהר סיני: (יג) ובכל אשר אמרתי אליכם. מיום התחלת

רש"י

זה א גר תושב : (יג) ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו. (מכילתא) לעשות כל מצות עשה ב באזהרה שכל שמירה שבתורה אזהרה היא במקום לאו : לא תזכירו. (ע"ז ג) שלא יאמר לו שמור לי בצד ע"א ג פלונית או תעמוד עמי ביום ע"א פלונית ד"א ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו ושם אלהים אחרים לא תזכירו ללמדך ששקולה ע"א כנגד כל המצות כולן והנזהר בה כשומר את כולן : לא ישמע. מן הנכרי : על פיך. שלא תעשה שותפות עם נכרי וישבע לך בע"א שלו נמצאת שאתה גורם שיזכר על

בית יהודא

זענען, הט מען אים גערופן גר, דאס הייסט גר צדק, נאר וויל אין די תורה שטייט אדין ווען יודען האבן געוואהנט אין ארץ ישראל האבן זיי ניט געטארט פארקופן צו א גוי אשטוב אונ ניט אפעלד, זענען גיוועען גוים וואס האבען געוואלט קופען אין ארץ ישראל הייזער פעלדער, אז זיי האבן זיך מגייר געוועען נאר זיי זאלן ניט דינן עבודה זרה, אפילו צו אלע זאכען זענען זייא גיוועען וויא גוים, פון דעסטוועגן האבן זיי געמעגט קופען הייזער פעלדער אין ארץ ישראל, דר גר ווערט גערופן גר תושב, ער איז אגר נאר צו מעגן וואהנן אין ארץ ישראל, אין די תורה ווערט ער גערופן "גר אשר בשעריך" ער איז אגר צו וואהנן אין דיינע שטעט, וואס אין ארץ ישראל, דעם גר אשר בשעריך זאגט די תורה מען מעג אים שיינקען נבלות טרפות ער זאל זיי עסין ועיין רש"י ב"מ עא ב ופסחים כא ב : (יג) ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו. אלין וואס איך האב אייך גזאגט זאלט איר היטען, זאגט רש"י (לעשות כל מצות עשה באזהרה) אלע מצות וואס די תורה האט געבאטען מען זאל זיי טאהן, אוב מען טוהט זיי ניט, הט מען א עבירה פון אלאו (שכל שמירה שבתורה אזהרה היא במקום לאו) ווא עס שטייט אין די תורה דר ווארט "שמירה" מען זאל היטען, מיינט מען צו זאגען אוב ער וועט ניט היטן הט ער עובר געוועען אוף אלאו ואונ אז מען טוהט ניט אמצוה הט מען צוויי עבירות, מען האט ניט געטאהן די מצוה, אונ מען האט עובר געוועען אוף אלאו ועיין רמב"ן : ולא תזכירו. איר זאלט ניט דרמאנען דעם נאמן עבודה זרה (שלא יאמר לו שמור לי בצד עבודה זרה פלונית) איינר זאל ניט זאגן צום אנדערען ווארט אוף מיר נעבען דיא עבודה זרה (או תעמוד עמי ביום עבודת כוכבים פלונית) אונ מען טאר ניט זאגן צו איינם דו זאלסט קומן צו מיר אין דעם טאג ווס וועט זיין איום טוב צו דיא עבודה זרה (דבר אחר) נאך אפשט איז הקב"ה האט געזאגט (ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו) אלין ווס איך האב אייך געזאגט זאלט איר היטען (ושם אלהים אחרים לא תזכירו) דעם נאמען פון דיא עבודה זרות זאלט איר ניט דערמאנען, פר ווס זענען געזאגט געווארען די צוויי זאכן צוזאמען (ללמדך ששקולה עבודת כוכבים כנגד כל המצות כולם) צו לערנען אונז אז מען דינט עבודה זרה איז גלייך ווי מען וואלט עובר גיוועען אוף די גאנצע תורה אונ אוף אלע מצות (והנזהר בה כשומר את כולן) אונ דער יוד וואס איז געהיט פון עבודה זרה איז גלייך וויא ער וואלט גיוועען געהיט אלע מצות : ולא ישמעו. (מן העובד כוכבים על פיך) דר נאמן פון עבודה זרה זאל ניט געהערט ווערען אפילו פון גוי דורך דיר (שלא תעשה שותפות עם עובד כוכבים וישבע לך בעבודת כוכבים שלו) דו זאלסט ניט מאכן אהאנדיל שותפות מיט אגעצען־דינער, טאמער וועט אוס־קומן דר געצין־דינר וועט דארפען שווערן וועט ער שווערן ביי דעם נאמען פון זיין עבודה זרה (ונמצאת שאתה גורם

שפתי חכמים

נימול וכאן בעבד כנעני שהוא ערל והוא עדיין בתוך י"ב חדש משקנאו אבל יותר מכן ואינו רוצה לימול אינו רשאי לקיימו ערל : א דאי גר לדק הא ככר כתיב וגרך אשר בשעריך א"כ דאי גר לדק הא ישראל גמור הוא : ב לכך אמרינן בכ"מ דעשה דוחה ל"ת לפי שכל עשה יש בו נ"כ ל"ת וא"כ הו"ל תרתי עשה ול"ת מש"ה דוחה את ל"ת גרידא : ג דאל"כ למ"ל קרא וכי תעלה על דעתך שיזכיר שם ע"א

פירוש לתורת אלהים

איינזל וינפש אונ ער זאל רוען בן אמתך דער זוהן פון דיין דינסט דיא כנענית והגר אונ דער גר : (יג) ובכל אונ אלע מצות וואס איך האב גזאגט צו אייך תשמרו זאלט איר זיין גיהיט איר זאלט זיי מקיים זיין ושם

מצות השם

האט זיך געטיבילט אונ האט אוף זיך מקבל געוועזען דיא אלע מצות וואס איין עבד איז מחויב צוא טאן טאר ער נישט טאן קיין מלאכה אום שבת אונ אונזערע חכמים האבען געאסירת אז מען טאר שבת נישט זאגען איין גוי אז ער זאל טאן איין מלאכה אונ דיא מצוה איז נוהג ביא זכרים אונ נקבות אוף יעדער ארט אונ יעדער צייט :

(פו) (ושם אלהים אחרים לא תזכירו) פון דעם פסוק לערנען מיר ארוס אז איין יודיש קינד טאר ניט שווערען ביא דעם נאמען פון אנדערע אפ געטער אונ מען טאר ניט קיין נדר טאן ביי דעם נאמען פון דר ע"ז איין יוד טאר נישט זאגען צו זיין חבר היט מיר מיין זאך אין דר זייט פון דער (עבודה זרה) אונ מען טאר ניט גורם זיין אז איין אנדערער זאל דורך אים שווערן אדער אנדר טאן ביי דעם נאמן פון אנדערע אפ געטער אונ אז מען שווערט יוא אדער מען טוט איין נדר ביא דער עבודה זרה קומט מלקות אונ דיא מצוה איז נוהג ביא זכרים אונ נקבות אוף יעדער ארט אונ יעדער צייט :

(פז) (לא ישמע על פיך) פון דעם פסוק לערנען מיר ארוס אז דער וואס ער רעט צוא אין איין שטאט אלע מענטשען וואס עס געפינט זיך אין איר זייא זאלען דינען דיא (עבודה זרה) אבער איין (מסית) דאס הייסט וואס ער רעט נאר איין מענטש צוא אז ער זאל דינען דיא (עבודה זרה) אזו קומט דעם וואס ער האט זייא צוא גערעט אז מען זאל

יד שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחֹג לִי בַּשָּׁנָה׃
טו אֶת־חַג הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר שִׁבְעַת
יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב כִּי־בוֹ יָצָאתָ
מִמִּצְרָיִם וְלֹא־יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם׃ טז וְחַג
הַקָּצִיר בִּכּוּרֵי מַעֲשֶׂיךָ אֲשֶׁר תִּזְרַע

פּוּמְכוֹן׃ יד תְּלָת זִמְנִין
תֵּחוֹג קֳדָמַי בְּשַׁתָּא׃
טו יָת חַגָּא דְפַטִּירַיָּא תִּטַּר
שִׁבְעָא יוֹמִין תֵּיכוֹל
פַּטִּירָא כְּמָא דְפַקֵּדְתָּךְ
לִזְמַן יַרְחָא דַאֲבִיבָא אֲרֵי
בֵהּ נְפַקְתָּ מִמִּצְרָיִם
וְלָא יִתְחֲזוֹן קֳדָמַי רֵיקָנִין׃
טז וְחַגָּא דַחֲצָדָא בִּכּוּרֵי
עוֹבָדָיךְ דִּי תִזְרַע בְּחַקְלָא

תו"א שלש רגלים חגיגה ב ג : את חג חגיגה יח : ולא יראו חגיגה ז : וחג הקציר תלה עד ביכורים פח חגיגה יח מנחות פד :

רשב"ם

הדברות עד עכשיו תשמרו. חוזר וכופל ושונה אזהרותיו. ורבותינו דרשו **ל**רבות שביתת כלים: (טו) וחג הקציר. קרבנות הכתובים בפ' שור או כשב ושתי הלחם שהם מנחה חדשה: בכורי מעשיך. להתיר חדש במקדש: וחג האסיף. חג הסכות בשעת האסיף אשר מלאו הגרנות בר והיקבים תירוש ויצהר

בית יהודא

שֶׁיִּזָּהֵר עַל יָדְךָ) הָאסְטוּ דָאךְ גֶעבְּרֵיינְגְט דֶער נָאמֶען פוּן עֲבוֹדָה זָרָה זָאל דוּרךְ דִיר דֶערְמַאנְט וֶוערן: (יד) וּרְגָלִים. מֵיינְט מֶען (פְּעָמִים) מָאהְל (וְכֵן) אוּנ אַזוֹ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶר אֵייזִיל הָט גֶעזָאגְט צוּ בִּלְעָם (כִּי הִכִּיתַנִי זֶה שָׁלֹשׁ רְגָלִים) דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעשְׁלָאגֶן דְרַייא מָאהְל: (טו) וְחוֹדֶשׁ הָאָבִיב. דֶעם חוֹדֶשׁ נִיסָן רוּפְט מֶען אָבִיב (שֶׁהַתְּבוּאָה מִתְמַלֵּאת בּוֹ בְּאִבֶּיהָ) דִי קֶערְנֶער תְּבוּאָה וֶוערֶען פוּהְל אִין דִי זַאנְגֶען (אָבִיב לָשׁוֹן אָב) אָבִיב אִיז לָשׁוֹן אָב אַפָּאטֶר (בְּכוֹר וְרִאשׁוֹן לְבַשֵּׁל פֵּירוֹת) דֶער חוֹדֶשׁ אִיז דֶר אָנְהֵייבּ אוּנ דֶר עֶרְשְׁטֶער וָוס אִין אִים הֵייבֶּן אָן דִי תְּבוּאָה צֵייטִיג צוּ וֶוערֶן: וְלֹא יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם. מַיין פָּנִים זָאל נִיט גִיזֶעהֶן וֶוערֶען לֵיידִיג (כְּשֶׁתָּבִיאוּ לִרְאוֹת פָּנַי בִּרְגָלִים תָּבִיאוּ לִי עוֹלוֹת) אַז אִיר וֶועט קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְ׳ אוֹיף יוֹם טוֹב צוּא זֶעהֶן מַיין פָּנִים זָאלְט אִיר קָרְבָּנוֹת עוֹלוֹת מַקְרִיב זַיין: (טז) וְחַג הַקָּצִיר. (הוּא חַג שָׁבוּעוֹת) דֶער יוֹם

רש"י

ידך: (יד) רגלים. פעמים וכן (במדבר כב) כי הכיתני זה שלש רגלים: (טו) חדש האביב. שהתבואה מתמלאת בו באביה. אביב לשון אב בכור וראשון לבשל פירות: ולא יראו פני ריקם. כשתבאו לראות פני ברגלים הביאו לי עולות (חגיגה ז): (טז) וחג הקציר. הוא הוא חג שבועות:

שפתי חכמים

שהוא מכחיש בה ומוזהר עליו לאבדו: ד וא"ל בכספים מדכתיב פני ואין מקבלין פני האדון אלא בקרבן ובמכילתא דרים נא' שמחה באדם וגו' ונא' שמחה בשמים מה של אדם דבר הראוי לבא בידי אדם אף של שמים דבר הראוי לבא בידי שמים והיינו עולות כי אינו דין שיאכל שלחנך מלא ושולחן קונך ריקם. הרא"ם: ה כמו שמפרש רש"י והולך שנא' וביום הבכורים וגו' בשבועותיכם וגו' וכאן נמי כתיב וחג הקציר

ליקוטים על התורה

(יד) שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחוֹג לִי בַּשָּׁנָה. דִי דְרַייא יָמִים טוֹבִים זֶענֶן פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת סוּכּוֹת, אוּנ יֶעדֶער יוֹם טוֹב אִיז גִיגֶעבִּין גִיוָוארֶען אוֹיף צְוֵויי זַאכֶן, אוֹיף עִנְיָנִים פוּן גוּף אוּנ אוֹיף עִנְיָנִים פוּן דִי נְשָׁמָה, דְרִיבֶּער הָט יֶעדֶר יוֹם טוֹב צְוֵויי נֶעמֶען אִין דִי תּוֹרָה, דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, הָט צְוֵויי נֶעמֶען חַג הַפֶּסַח אוּנ חַג הַמַּצּוֹת, וַוייל יוּדִין הָאבֶּן גְדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִין מִצְרַיִם, צוּ דֶעם מַזָּל טָלֶה וָוס עֶר זֶעהְט־אוֹיס וִוי אַשֶׁעפְּס, אוּנ דִי שֶׁעפְּסִין זֶענֶען גִיוֶוען הֵיילִיג בַּיי דִי מִצְרַיִם אוּנ בַּיי דִי יוּדִין אוּנ זֵיי הָאבִּין קֵיין שֶׁעפְּסִין פְלֵייש גִיגֶעסֶן, הָט הקב"ה נִיט גִיוָואלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי יוּדִין פוּן מִצְרַיִם בִּיז זֵיי וֶועלֶען מוֹדֶה זַיין אַז דֶר מַזָּל טָלֶה אִיז קֵיין גָאט, אוּנ זָאלֶן שֶׁעכְטִין שֶׁעפְּסִין אוּנ עֶסִין זֵייעֶר פְלֵייש, דְרִיבֶּר רוּפְט מֶען דֶעם יוֹם טוֹב חַג הַפֶּסַח, דָס גִיהֶער צוּ דִי נְשָׁמָה, אוּנ וַוייל הקב"ה הָט דַאמָאלְס אַרוֹיסְגִנוּמֶן דִי יוּדִין פוּן מִצְרַיִם אוּנ הָאבֶּן אַוֶועקְגִוָוארְפֶן דִי לֵיים מִיט דִי צִיגֶעל, אוּנ וַוייל

פירוש לתורת אלהים

אוּנ דֶעם נָאמֶען אֱלֹהִים אֲחֵרִים פוּן פְרֶעמְדֶי אָפּ גֶעטֶער לֹא תַזְכִּירוּ זָאלְט אִיר נִיט דֶער מַאנֶען: (יד) שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחוֹג לִי בַּשָּׁנָה דְרַייא מָאל אִין יָאר זָאלְסְטוּ צוּא מִיר פַייעֶר טָאגִין: (טו) אֶת חַג הַמַּצּוֹת דֶעם יוֹם טוֹב פוּן מַצּוֹת דָס אִיז פֶּסַח תִּשְׁמוֹר זָאלְסְטוּ הִיטֶן שִׁבְעַת זִיבֶּן טָאג תֹּאכַל זָאלְסְטוּ עֶסֶן מַצּוֹת כַּאֲשֶׁר אַזוֹ וִוי אִיךְ הָאבּ דִיךְ גְבָּאטֶן לְמוֹעֵד צוּ דֶר צַייט חוֹדֶשׁ פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ וָוס דִי תְּבוּאָה וֶוערְט צֵייטֶג דָס אִיז נִיסָן כִּי וָוארוּם דֶעם חוֹדֶשׁ בִּיסְטוּ אַרוֹיס גַנאנֶגֶן פוּן מִצְרַיִם וְלֹא אוּנ מַיין פָּנִים זָאל נִיט גִזֶעהֶן וֶוערֶן לֵיידִג אַז אִיר וֶועט קוּמֶען עוֹלֶה רֶגֶל זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם זָאלְט אִיר בְּרֶענְגֶען עוֹלוֹת פוּן מַיינְט וֶועגֶען: (טז) וְחַג הַקָּצִיר אוּנ דֶעם יוֹם טוֹב וָוס אִיז אִין חוֹדֶשׁ סִיוָן וָוס דֶענְצְמָאל אִיז דֶר שְׁנִיט בִּכּוּרֵי פוּן דַיינֶע עֶרְשְׁטֶע צֵייטִיגֶע וֶוערְק אֲשֶׁר וָואס דוּ זֵייעֶסְט אִין פֶעלְד דָס מֵיינְט מֶען דֶעם

מצות השם

אִים פָאר שְׁטֵיינֶען אֲפִילוּ דֶער אַלֵיין הָט נִיט גֶעדִינְט נָאר דִיא וָוס עֶר הָאט זִייא צוּא גֶערֶעט קוּמְט אִים פָאר־ט מֶען זָאל אִים פַאר שְׁטֵיינֶען אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג בַּייא זְכָרִים אוּנ נְקֵבוֹת אוֹיף יֶעדֶער אָרְט אוּנ יֶעדֶער צֵייט:

(פח) (שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחוֹג לִי בַּשָּׁנָה) דָאס אִיז דִיא מִצְוַת עֲשֵׂה אַז יֶעדֶער יוּד וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶע גֶעזֶעהֶן צוּא וֶוערֶען אִין דֶער עֲזָרָה וֶוען דָאס ביהמ"ק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען הָאט עֶר גֶעדַארְפְט צוּא בְּרֶענְגֶען אַיין קָרְבָּן אוּנ גֶם וֶוערְט אָן גֶערוּפֶען (שַׁלְמֵי חֲגִיגָה) אוּנ דֶער חִיּוּב אִיז דֶעם עֶרְשְׁטֶען יוֹם טוֹב פוּן דִי (שָׁלֹשׁ רְגָלִים) דָאס הֵייסְט פוּן דִי דְרַייא יָמִים טוֹבִים וָוס יֶעדֶער יוּד הָאט גֶעמוּזְט אוֹיף גֵיין קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָארְט ווִיא דָאס ביהמ"ק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְמִיט הָאט עֶר גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען דָם קָרְבָּן אוּנ דִיא מִצְוָה אִיז נוֹהֵג גֶעוֶען בַּיי זְכָרִים וֶוען דָאס ביהמ"ק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען:

בשדה וחג האסף בצאת השנה באספך את־מעשיך מן־השדה׃ יז שלש פעמים בשנה יראה כל־זכורך אל־פני האדן יהוה׃ יח לא־

וחגא דכנשא במפקא דשתא במכנשך ית עובדיך מן חקלא׃ יז תלת זמנין בשתא יתחזון כל דכורך קדם רבון עלמא יי׃ יח לא תכוס על חמיע

ת״א וחג האסף חגיגה יח ראש השנה יג מנחות פד: יראה סנהדרין ד: כל זכורך חגיגה ז׳ ס׳ הזוהר פרשת שלח לך: לא תזבח פסחים סג לה:

בעל הטורים

(טז) האסיף. ב׳ במס׳. דין ואידך האסיף תקופת השנה והיינו דאיתא בפ״ק דסנהדרין חג האסיף תקופת השנה שיהא חג האסיף בתקופה חדשה ואיך משמע זה בכאן אדרבה לכאורה משמע בהיפך שיהא בתקופה ישנה אלא ה״פ חג האסיף מתחיל עם בצאת השנה אם כן צריך שיהא בתקופת השנה חדשה:

רשב״ם

וצוה הק׳ לישב בסוכות לזכרון כי במדבר ישבו באהלים ולא הי׳ להם קרקע ולא דגן ותירוש ויצהר. הרי שלשה רגלים תלוים כולם בפירות הארץ. אביב. וקציר. ואסיף: (יז) האדון ה׳. והארץ שלו שלא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות כמו שמפורש בפ׳ כי תשא. שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני האדון ה׳ אלהי ישראל. וסמיך ליה כי אוריש גוים מפניך והרחבתי את גבולך ולא יחמוד איש את ארצך בעלותך לראות וגו׳. וכן בכל מקום לפי ענין המעשה (בהקב״ה) שבפרשה קורא את הקב״ה וגם רבותינו דרשו הנה האדון ה׳ צבאות מסעף פארה בכל מקום שאתה מוצא את הלשון הזה מוציא דיורין ומכניס דיורין: (יח) לא תזבח על חמץ. שתהא

רש״י

בכורי מעשיך. שהוא זמן הבאת בכורים שתי הלחם הבאים בעצרת היו מתירין ו החדש למנחות ולהביא בכורים למקדש שנאמר (במדבר כח) וביום הבכורים וגו׳: וחג האסיף. הוא חג הסוכות: באספך את מעשיך. שכל ימות החמה התבואה מתייבשת בשדות ובחג אוספין אותה אל הבית מפני הגשמים: (יז) שלש פעמים וגו׳. לפי שהענין מדבר בשביעית ז הוצרך לו׳ שלא יתעקרו שלש רגלים ממקומן (מכילתא): כל זכורך. הזכרים ח שבך: (יח) לא

בית יהודא

טוב שבועות הייסט חג הקציר, דר יום טוב ווס מען הייבט אן שניידען דיא תבואה אין פעלד: ובכורי מעשיך). דיא ערשט־צייטיגע פון דיין ארבעט אין פעלד (שהוא זמן הבאת בכורים) דס איז די צייט ווס מען ברייננט די ערשט־צייטיגע תבואה אין בית המקדש (ששתי הלחם הבאין בעצרת היו מתירין החדש למנחות) ווארום דיא צוויא חלות וואס מען ברייננט אין בית המקדש אין יום טוב שבועות פון די מעהל ווס זעגען פון די נייע ווייץ, זעגען מתיר מען זאל מעגען ברייננען מנחות פון דיא מעהל פון דיא נייע ווייץ (ולהביא בכורים למקדש) אונ פון שבועות אונ ווייטער הייבט מען אן ברייננן בכורים ודיא ערשט־צייטיגע פירות) אין בית המקדש (שנאמר) וויא עס שטייט אין פסוק וביום הבכורים וגו׳, ווערט דר יום טוב שבועות גערופען יום הבכורים: וחג האסיף). (הוא חג הסכות) דר יום טוב סוכות הט נאך אנאמן חג האסיף: ובאספך את מעשיך). ווען דוא ווערסט פארזאמלען דיין ארבעט פון פעלד (שכל ימות החמה התבואה מתיבשת בשדות) ווארום אגאנצן זומער טריקונט מען דיא תבואה אין די פעלדער (ובחג אוספים אותה אל הבית מפני הגשמים) אין די צייט פון סוכות פארזאמלט מען דיא תבואה אין די שטובען אונ שפייכלערס ווייל עס איז די צייט פון רעגען: (יז) ושלש פעמים וגו׳). זאגט רש״י (לפי שהענין מדבר בשביעית) ווייל די פסוקים שמועסן פון שביעית אונ אין דעם יאר שביעית (שמטה) איז ניטא די צייט פון אביב אונ ניט דיא צייט פון קציר אונ ניט די צייט פון אסיף, דריבער זאלן די דרייא ימים טובים אויך ניט זיין אין דעם יאהר אדער זיי קענען זיין אין אנדערע צייטן אין יאהר (הוצרך לומר) דארף דר פסוק זאגן (שלא יתעקרו שלש רגלים ממקומן) די דרייא ימים טובים זאלן ניט אפגעקענומען ווערען פון זייערע צייטען: וכל זכורך). מיינט מען (הזכרים שבך) די אלע זכרים וואס זענען דא ביי יודען דארפען קומען אין ירושלים אויף יו״ט: (יח) ולא תזבח על חמץ וגו׳). זאגט רש״י דער פסוק מיינט (לא

שפתי חכמים

בכורי מעשיך מה בכורים דשם חג השבועות אף בכורים דהכא הוא גמי חג השבועות: ו ומנחת העומר הקרבה בט״ז בניסן היתה של שעורים ואף מנחת קנאות הבאה מן השעורים אינה נקרבה מן החדש קודם הקרבת שתי הלחם הבאים מן החטים: ז דאם לא כן הא כבר אמור (כת״י) וכ״ל דה״פ הואיל והרגלים תלויין במלאכת התבואה חג האביב חג הקציר וחג האסיף ובשביעית אסורים קצירה ואסיפה סד״א דהרגלים ג״כ לא יהגו קא משמע לן: ח אמר הזכרים להורות שזכורך במלאפו״ס הוא כמו זכר בקמ״ץ ואמר שבך להורות שהכנוי של

פירוש לתורת אלהים

יום טוב פון שבועות (עיין רש״י) וחג אונ דעם יום טוב האסיף וואס מען זאמילט דענצמאל איין דיא תבואה דאס מיינט מען סוכות בצאת אין דעם אוים גיין פון דעם יאר ווען דס יאר איז שון אוועק גגאנגן אונ דר יום טוב איז שון אין אנדרן יאר באספך אין דיין טאהן איין זאמלין דיין ווערק פון דעם פעלד: (יז) שלש פעמים בשנה דרייא מאל אין יאר יראה זאל געזעהן ווערן אלי דייני זכרים אל פר דעם האר גאט אין ירושלים: (יח) לא תזבח על חמץ דם זבחי דו זאלסט

ליקוטים על התורה

די מצרים האבין ארויסגעטריבען די יודין פון מצרים, אונ האבן ניט גילאזין די יודין זאלן ווארטין אין מצרים ביז זייער טייג וועט זאהער ווערין אונ זיי האבין גמוזט באקין מצות, דריבער רופט מען דעם יום טוב חג המצות, דאס גיהער צום גוף. דר יום טוב שבועות הט אויך צוויי נעמן, ווייל אין די צייט הייבט מען אן שניידין ווייץ, דריבער רופט מען דעם יום טוב חג הקציר דם גיהער צום גוף, אונ ווייל הקב״ה הט גיוואלט די יודין זאלין ציילין זיבן וואכן. ביז זיי וועלען ריין ווערין פון די טומאה פון מצרים, אונ זאלין יעדער וואך מער געהייליגט ווערין זיי זאלין קענען נעמן די תורה אין סוף זיבן וואכין, דריבער רופט מען דעם יום טוב חג השבועות, דם גיהער צו די נשמה, דער יום טוב סוכות הט אויך צוויי נעמן, ווייל הקב״ה הט בדעקט די יודין מיט וואלקנס פון אלע זייטין, ווען זייא זענען ארויס

מצות השם

(פט) (לא תזבח וגו׳) דאס איז דיא מצות עשה ווען מען האט מקריב געוועזען דעם קרבן פסח אום ערב פסח האט שון ניט געטארט זיין קיין חמץ אין שטוב אונ דיא מצוה איז נוהג (בזמן הבית):

תִזְבַּח עַל־חָמֵץ דַּם־זִבְחִי וְלֹא־יָלִין חֵלֶב־חַגִּי עַד־בֹּקֶר׃ יט רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית יְהוָה

דַּם פִּסְחִי וְלָא יְבִיתוּן בַּר מִן מַדְבְּחָא תַּרְבֵּי נִכְסַת חַגָּא עַד צַפְרָא׃ יט רֵישׁ בִּכּוּרֵי אַרְעָךְ תַּיְתֵי לְבֵית

תו"א זבחי פסחים פד : ולא ילין חלב פסחים עא חגיגה י : ראשית בכורים פג פד פסחים עא בתרא פא :

רשב"ם

השבתת שאור קודמת לוא"ו שעות של ארבעה עשר שהוא זמן שחיטת פסח משבע ולמעלה : חלב חגי. הפסח. כתוב בו ולא תותירו ממנו עד בקר. וה"ה לאימורין : (יט) ראשית בכורי אדמתך. משבעת המינים האמורים בפ' כי תבא ולקחת מראשית כל פרי האדמה. בעלותך ברגלים אז תביא ביכוריך: לא תבשל גדי בחלב אמו. דרך העזים ללדת שני גדיים יחד. ורגילים היו לשחוט אחד מהם ומתוך שרוב חלב בעזים. כדכתיב ודי חלב עזים ללחמך וגו'. היו רגילים לבשלו בחלב האם ולפי ההווה דבר הכתוב. וגנאי הוא הדבר ובליעה ורעבתנות לאכול חלב האם עם הבנים. ודוגמא זו באותו ואת בנו ושילוח

בית יהודא

תִשְׁחַט אֶת הַפֶּסַח בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר בְּנִיסָן עַד שֶׁתְּבַעֵר הֶחָמֵץ) מֶען זָאל נִיט שֶׁעכְטֶן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח דֶעם פִירְצֶעהְנְטֶען טָאג אִין נִיסָן, בִּיז מֶען וֶועט אַרוֹיסְגֶעמֶן דֶעם חָמֵץ פוּן שְׁטוּב : וְלֹא יָלִין חֵלֶב חַגִּי וגו'). מֶען מֵיינְט (חוּץ לְמִזְבֵּחַ עַד בֹּקֶר) נָאכְדֶעם ווִי מֶען הָט גֶעשְׁאַכְטֶן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח זָאל מֶען נִיט לָאזֶען לִיגֶען דִי חֵלֶב פוּן קָרְבַּן פֶּסַח (אוֹיף אַ אָרְט) נִיט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אַגַאנְצֶע נַאכְט בִּיז אִין דֶר פְרִיה, ווָארוּם אַז עֶס וֶועט ווֶערֶן פְרִיה וֶועט דִי חֵלֶב זַיין פָּסוּל צוּ מַקְרִיב זַיין אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, זָאגְט רַשִׁ"י (יָכוֹל אַף עַל הַמַּעֲרָכָה יִפָּסֵל בְּלִינָה) אִיךְ ווָאלְט מֵיינֶען אַז דִי חֵלֶב זֶענֶען גֶעלֶעגֶן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אַגַאנְצֶע נַאכְט בִּיז אִין דֶר פְרִיה, זָאל אוֹיךְ זַיין דִי חֵלֶב פָּסוּל (תַּלְמוּד לוֹמַר עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה) זָאגְט דֶר פָּסוּק אוֹיב דִי חֵלֶב אִיז גֶעלֶעגֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אַגַאנְצֶע נַאכְט בִּיז אִין דֶר פְרִי אוּנ אִיז נָאךְ נִיט פַארְבְּרֶענְט גֶעווָארֶען, מֶעג מֶען דִי חֵלֶב פַארְבְּרֶענֶען אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אִין דֶר פְרִיה (עיין ש"ח) : וְלֹא יָלִין). זָאגְט רַשִׁ"י (אֵין לִינָה אֶלָּא בְּעַמּוּד הַשַּׁחַר) ווָס מִיר זָאגֶען אַז דִיא חֵלֶב אִיז גֶעלֶעגֶען נִיט אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אַגַאנְצֶע נַאכְט ווֶערְט פָּסוּל, דָאס אִיז נָאר אוֹיב עֶס אִיז גֶעלֶעגֶען בִּיז דֶר מָארְגֶענְשְׁטֶערֶען אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען (שֶׁנֶּאֱמַר עַד בֹּקֶר) ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִי חֵלֶב זָאל נִיט נֶעכְטִיגֶען אוֹיסֶער דֶעם מִזְבֵּחַ בִּיז אִין דֶער פְרִיה (אֲבָל כָּל הַלַּיְלָה יָכוֹל לְהַעֲלוֹתוֹ מִן הָרִצְפָּה לְמִזְבֵּחַ) אָבֶער אַגַאנְצֶע נַאכְט מֶעג מֶען אוֹיפְהֵייבֶען דִי חֵלֶב פוּן דִי פָאדְלָאגֶע אוּנ לֵייגֶן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ אוּנ פַארְבְּרֶענֶען : (יט) וְרֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ וגו'). זָאגְט רַשִׁ"י (אַף הַשְּׁבִיעִית חַיֶּיבֶת בְּבִכּוּרִים) אֲפִילוּ דִי פֵּירוֹת ווָס ווַאקְסֶען אִין דֶעם זִיבֶּעטֶען יָאהר (אִין שְׁמִטָּה) דַארְף מֶען פוּן זֵיי בְּרֵיינְגֶען בִּכּוּרִים (לְכָךְ נֶאֱמַר אַף כָּאן בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ) דְרִיבֶּער שְׁטֵייט דָא בַּיי שְׁמִטָּה אוֹיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע צֵייטִיגֶע פֵּירוֹת פוּן דַיין לַאנְד זָאלְסְטוּ בְּרֵיינְגֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וְדֶער דִין אִיז נִיט אַזוֹי אִין דֶעם יָאהר שְׁמִטָּה בְּרֵיינְגְט מֶען נִיט בִּכּוּרִים, ועיין ש"ח), זָאגְט רַשִׁ"י (כֵּיצַד)

רש"י

תזבח על חמץ וגו'. לא תשחט את ה הפסח בי"ד בניסן עד שתבער החמץ (מכילתא פסחים סג) : ולא ילין חלב חגי וגו'. י חוץ למזבח : עד בקר. יכול אף על המערכה יפסל בלינה ת"ל (ויקרא ו) על מוקדה על המזבח ב כל הלילה : ולא ילין. אין לינה אלא בעמוד השחר שנא' עד בקר אבל כל הלילה יכול להעלותו מן הרצפה למזבח : (יט) ראשית בכורי אדמתך. אף השביעית חייבת בבכורים לכך נאמר אף כאן ל בכורי אדמתך. כילד אדם

שפתי חכמים

זטרך הוא במקום בך ולא במקום שלך כי אין הזכרים קנוים לך כמו ביתך ושדך רק פי' הזכרים שבך כלו' הנמלאים בך ובעמך : ט אמר את הפסח במקום דם זבחי להורות שאין זבחי האמור כאן אלא הפסח בלבד לאפוקי חגיגה ואמר בי"ד בניסן להורות שאין זה הלאו אלא בי"ד בניסן בלבד ולא בשאר ימות השנה ואמר עד שתבער החמץ במקום על חמץ מפני שעל חמץ משמע על החמץ ממש לכן אמר עד שתבער החמץ : י פי' כשנזרק דמו ביום באם היו החלבים על גבי הרצפה דהיינו חוץ למזבח על אחר שעלה ע"ה נפסלו בלינה [מגילה קף כ] : כ פי' היא העולה כל הלילה לאו למעוטי להקטרה מן הבקר ואילך אלא לומר שאם העלו על המזבח אפי' רגע אחד קודם אור הבקר כשר להקרבה אפי' אחר אור הבוקר. ואין להקשות אם כן תרי קראי ל"ל י"ל דעיקר קרא דעל מוקדה וגו' בא ללמד שמלוה להעלותן על המזבח מעת שקיעת החמה ויניחן שם כל הלילה כדי שיתעכלו יפה והגב נלמד ג"כ שאם היו על המערכה כשרים להקטרה אפי' אחר אור הבוקר וכדמשמע הקרא דלא ילין וכזה יתורלו קושיות של הרא"ם : ל וכקלת נוסחאות אינו רק כתיב בכורי אדמתך אדם נכנס וכו' וכ"כ הרא"ם והג"א דאין השביעית חייב בבכורים דאין יכול לומר ועתה הנה הבאתי וגו' אשר נתת לי דהא לא נתן אלא הוא הפקר

ליקוטים על התורה

ה המשכן אל יקל בעיניך לדחות את השבת מפני אותה מלאכה: אך את שבתתי תשמרו. אע"פ שתהיו רדופין וזריזין בזריזות המלאכה שבת אל תדחה מפניה כל אכין ורקין ו מיעוטין למעט שבת ממלאכת המשכן: כי אות הוא ביני וביניכם. אות גדולה היא בינינו שבחרתי בכם בהנחילי לכם את יום מנוחתי למנוחה: לדעת. האומות בה כי אני ה' מקדשכם: (יד) מות יומת. אם יש עדים והתראה: ונכרתה. בלא התראה: מחלליה. הנוהג בה חול

בית יהודא

פון דעסטוועגן (אל יקל בעיניך לדחות את השבת מפני אותה מלאכה) זאל ביי דיר ניט זיין גרינג אוועק צו שטויסען דעם שבת וועגן די ארבעט פון משכן: (אך את שבתותי תשמרו) מען מיינט (אף על פי שתהיו רדופין וזריזין בזריזות המלאכה) אפילו איר וועט זיין גאיילט צו טאן די ארבעט פון משכן פון דעסטוועגן (שבת אל תדחה מפניה) זאלסטו ניט אוועק שטופן שבת פר די ארבעט, זאגט רש"י (כל אכין ורקין מעוטין) וואו עס שטייט דער ווארט "אך" אדער דער ווארט "רק", איז וויניגער צו מאכן (למעט שבת ממלאכת המשכן) דם קומט צו זאגען שבת זאל מען ניט טאן די ארבעט וום גיהער צום משכן: (כי אות היא ביני וביניכם) דער שבת (אות גדולה היא בינינו) איז אגרוסער צייכען צווישען אונז (שבחרתי בכם) אז איך האב אייך אויסדערוויילט (בהנחילי לכם את יום מנוחתי למנוחה) ווייל איך האב אייך געמאכט ירשענן וגעשייענקט דעם טאג וואס איך האב אין אים גרוהעט איר זאלט אויך רוהען אין דעם טאג: (לדעת) (האומות בה (כי אני ה' מקדשכם) דורך דעם שבת וועלן די פעלקר וויסן אז איך גאט הייליג אייך: (יד) (מות יומת) (אם יש עדים והתראה) אויב עס איז דא עדות אויף איינעם אז ער האט געטאהן אמלאכה שבת, און די עדות האבען אים פריער גיזאגט דו זאלסט דיא מלאכה ניט טאן ווארום עס וועט דיר קומען סקילה, און ער האט די מלאכה געטאן, זאל בית דין אים הרגנן: (ונכרתה) (בלא התראה) אויב די עדות האבען אים ניט גיזאגט אז אים וועט קומען מיתה אדער עס איז גאר קיין עדות גיוועןן וועט ער שטארבען מיט כרת ופאר זיין צייט: (מחלליה) (הנוהג בה חול בקדושתה) דער מענטש וואס האלט וואכעדיג איר הייליגקייט, וועט ער שטארבן מיט

דעת זקנים מבעלי התוספות

בגד ארגמן ואין נראה דבכל התלמוד קרי להו בגדי כהונה: (יג) אך את שבתותי. אע"פ שצויתי לכם על מלאכת המשכן לא נתנה שבת לדחות בעבודה ומכאן יש ללמוד שכל מלאכות שבמשכן אסורות לעשות בשבת:

שפתי חכמים

קדם והל"ל לקדם בפת"ח תחת הקו"ף ומלת לקודם משמעו שכבר הוא קודם: ה דק"ל היאך באה פ' זו לכאן: ו וא"ת לעיל ממעט זה מדסמיך פרשה זו לכאן וי"ל דלעיל לא הוי ממעט אלא לבור כמו הבאת הנדבה שהיתה בלבור אבל יחיד ה"א שמותר לעשות מלאכה למשכן לכך צריך למכתב אך: ז מדונכרת דכתריה בידי שמים א"כ ומת הוא בידי אדם ואין מיתה בידי אדם אלא בעדים והתראה. (ועיין בנח"י טעם למה במיתה בידי אדם כתיב מות יומת):

פירוש לתורת אלהים

אצייכען צווישן מיר און צווישען אייך לדורותיכם צו אייערע דורות לדעת צוא וויסן כי אז איך גאט בין אייער הייליגר: (יד) ושמרתם את השבת און איר זאלט היטן דעם שבת כי קודש הוא לכם ווארום ער איז הייליג צו אייך מחלליה דר ווס איז מחלל דעם שבת מות יומת זאל ער גטייט ווערן כי דען איטליכר

משלים על התורה

(יג) אך את שבתותי תשמורו. גאט הט גזאגט נייערט מיינע שבתים זאלט איר היטען, זאלסט וויסען אז די מצוות זענען שווער אויף דעם מענטשן בשעת ער טוט זיי און איז זיי מקיים איז דר שכר זייערער שפעטער זייער גרוס. מיר האבען בקבלה אז איידר אדם הראשון הט געזינדיגט זענען די מצוות געווען אויף אזו איין אופן אז מען הט גהאט פון זיי הנאה בשעת מען הט זיי גיטאן אזו ווי איינר הט הנאה ווען ער עסט אדער ער טרינקט נאר מחמת אדם מיט חוה האבען געזינדיגט דורך דעם נחש זענען די מצוות פר ענדערט געווארן זיי זאלן תחלת זיין שווער און דער סוף פון זייא זאל זיין גוט נאר די מצוה פון שבת איז געבליבן אויף דעם ערשטען שטאנד היינו דר מענטש זאל עסין און טרינקען און זאל אן טוהן שיינע מלבושים לכבוד שבת דר מענטש הט דר פון הנאה און נעמט דר פר שכר אויך ווארום אז אדם הט געזינדיגט איז נאך שבת ניט געווען, אדם הט געזינדיגט אום ערב שבת דרום איז שבת געבליבען אויף

וְנִכְרְתָ֛ה הַנֶּ֥פֶשׁ הַהִ֖וא מִקֶּ֥רֶב עַמֶּֽיהָ׃
טו שֵׁ֣שֶׁת יָמִים֮ יֵעָשֶׂ֣ה מְלָאכָה֒ וּבַיּ֣וֹם
הַשְּׁבִיעִ֗י שַׁבַּ֧ת שַׁבָּת֛וֹן קֹ֖דֶשׁ לַיהוָ֑ה
כָּל־הָעֹשֶׂ֧ה מְלָאכָ֛ה בְּי֥וֹם הַשַּׁבָּ֖ת
מ֥וֹת יוּמָֽת׃ טז וְשָׁמְר֥וּ בְנֵֽי־יִשְׂרָאֵ֖ל
אֶת־הַשַּׁבָּ֑ת לַעֲשׂ֧וֹת אֶת־הַשַּׁבָּ֛ת
לְדֹרֹתָ֖ם בְּרִ֥ית עוֹלָֽם׃ יז בֵּינִ֗י וּבֵין

אֱנָשָׁא הַהוּא מִגוֹ עַמַּהּ׃
טו שִׁתָּא יוֹמִין יִתְעֲבֵד
עֲבִידָא וּבְיוֹמָא
שְׁבִיעָאָה שַׁבַּת שַׁבְּתָא
קוּדְשָׁא קֳדָם יְיָ כָּל
דְּיַעְבֵּד עֲבִידְתָּא
בְּיוֹמָא דְשַׁבְּתָא
אִתְקְטָלָא יִתְקְטִיל׃
טז וְיִטְּרוּן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יָת
שַׁבְּתָא לְמֶעְבַּד יָת
שַׁבְּתָא לְדָרֵיהוֹן קְיָם
עָלָם׃ יז בֵּין מֵימְרִי וּבֵין

תו"א ושמרו בני שבת סט יומא פה עקרים מ"ב פי"ח ס' הזוהר פרשת ויקהל: ביני ובין בני עקידה שער סח ספר הזוהר פרשת ויקהל בילק טז:

בעל הטורים

מכאן דילפינן את השבת דהתם מסכת: (טז) את השבת לעשות. ר"ת אהל דילפינן מלאכת שבת מאהל מועד: (יז) בני ישראל אות היא. ר"ת ביאה שביאתו של תלמיד חכם מערב שבת לערב שבת. אות היא לעולם כי ראשי תיבות אהלך ע"ש וידעת כי שלום אהלך:

בית יהודא

בְּרִית: (טז) [שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן]. זָאגְט רש"י שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן מֵיינְט מֶען (מְנוּחַת מַרְגּוֹעַ) אַשְׁטֶענְדִיגֶע אוּנ אַצוּפְרִידֶענֶע רוּהִיגְקֵייט, אֲפִילוּ עֶר הָט פִיל צוּ טָאן שַׁבָּת פוּן דֶעסְטְוֶועגֶן רוּהְט עֶר שַׁבָּת אוּנ עֶר אִיז צוּפְרִידֶען מִיט דֶעם רוּהוּנְג (וְלֹא מְנוּחַת עֲרַאי) אָבֶּער נִיט אַרוּהוּנְג פוּן טְרֶעפֶּענְדִיג, וֶוען עֶר הָט נִיט נֵייטִיג צוּ טָאן שַׁבָּת רוּהְט עֶר, אוּנ וֶוען עֶר הָט נֵייטִיג צוּ טָאהְן רוּהְט עֶר נִיט, פַר דֶעם רוּהוּנְג הָט עֶר קֵיין מִצְוָה: [שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן]. זָאגְט רש"י (לְכָךְ כְּפָלוֹ הַכָּתוּב) דְרִיבֶּער שְׁרַייבְּט דֶער פָּסוּק צְווַייא מָאל דֶעם וָוארְט שַׁבָּת (לוֹמַר שֶׁאָסוּר בְּכָל מְלָאכָה אֲפִילוּ אוֹכֶל נֶפֶשׁ) צוּ זָאגֶען אֲפִילוּ דִי מְלָאכוֹת וָוָאס גִיהֶערֶען צוּם שְׁבַּתְדִיגֶען עֶסֶן טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט טָאן שַׁבָּת (וְכֵן יוֹם הַכִּפּוּרִים) יוֹם כִּפּוּר אִיז אוֹיךְ אַזוֹ (שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן הִיא לָכֶם אָסוּר בְּכָל מְלָאכָה) בַּייא יוֹם כִּפּוּר שְׁטֵייט אוֹיךְ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן, טָאר מֶען נִיט טָאן וָוָאס עֶס אִיז נָאר אַמְלָאכָה, אֲפִילוּ צוּם עֶסֶן אוֹיךְ נִיט (אֲבָל יוֹם טוֹב לֹא נֶאֱמַר בּוֹ כִּי אִם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן שַׁבָּתוֹן וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי שַׁבָּתוֹן) אָבֶּער בַּיי יוֹם טוֹב שְׁטֵייט נָאר דֶר עֶרְשְׁטֶער טָאג זָאל זַיין שַׁבָּתוֹן אוּנ דֶער אַכְטֶער טָאג זָאל זַיין שַׁבָּתוֹן (אֲסוּרִים בְּכָל מְלֶאכֶת עֲבוֹדָה) מָאר מֶען נִיט טָאן אַמְלָאכָה (וּמוּתָּרִים בִּמְלֶאכֶת אוֹכֶל נֶפֶשׁ) אָבֶּער וָוָאס צוּם עֶסֶן גִיהֶער מֶעג מֶען טָאן אַמְלָאכָה יוֹם טוֹב: [קוֹדֶשׁ לַה']. (שְׁמִירַת קְדוּשָּׁתָהּ לִשְׁמִי וּבְמִצְוֹתַי) הקב"ה זָאגְט מֶען זָאל הִיטֶען דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת וֶועגֶן מַיין נָאמֶען אוּנ וַוייל אִיךְ

רש"י

בקדושתה: (טו) שבת שבתון. מנוחת מרגוע ח ולא מנוחת עראי: (שבת שבתון. לכך כפלו הכתוב לומר שאסור בכל מלאכה אפילו אוכל נפש וכן יוה"כ שנאמר בו (ויקרא כג) שבת שבתון היא לכם אסור בכל מלאכה אבל יום טוב לא נאמר בו כי אם ביום הראשון שבתון וביום השמיני שבתון (שם) אסורים בכל מלאכת עבודה ומותרים במלאכת אוכל נפש): קדש לה'. שמירת קדושתה לשמי

שפתי חכמים

ח כלומר מנוחה חשובה:

ליקוטי יוסף

(יז) בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹת הִיא לְעֹלָם). דֶר שַׁבָּת אִיז אַיין צֵייכֶן צְווִישֶׁן מִיר אוּנ צְווִישֶׁן דִי יִשְׂרָאֵל אַז אַזוֹ וִויא אִיךְ הָאבּ אִין זֶעקְס טָאג בַּשַׁאפֶן דִי וֶועלְט אוּנ אִין דֶעם זִיבֶּעטֶן טָאג הָאבּ אִיךְ גִירוּעט אַזוֹ זָאלֶן זֵיי זֶעקְס טָאג אַרְבֵּייטֶן אוּנ אִין דֶעם זִיבְּטֶן טָאג זָאלֶן זֵיי רוּעֶן אוּנ מַאכֶן שַׁבָּת. דֶער **אהבת שלום** שְׁרַייבְּט אַז דֶר מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מֵבִין אוּנ הָט אִין זִין פוּן זִינְטִיג אַן אוֹיף שַׁבָּת כְּלוֹמַר עֶר הָט מוֹרָא דִי גַאנְצֶע וָואךְ צוּ זִינְדִיגֶען נָאר אַדְרַבָּה עֶר טוּט גוּטֶע מַעֲשִׂים פַר דֶעם הֵיילִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת, נִמְצָא אַז עֶס קוּמְט שַׁבָּת הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּנ פִילְט דָם גְרוֹיסְקֵייט אוּנ דָם הֵיילִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ פַר גֶעסְט גָאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ אָן שַׁבָּת, וִוי עֶס קוּמְט שַׁבָּת הֵייבְּט עֶר אָן צוּ פִילֶן אַז עֶר הָט זִיךְ גָאר נִיט אָן גְגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת אוּנ פִילְט וִויא וַוייט עֶר הָט גִיפֶעלְט דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִיז עֶר גַאנְץ שַׁבָּת טְרוֹירִיג אוּנ פִילְט נִיט קֵיין שׁוּם שִׂמְחָה אוּנ קֵיין שׁוּם תַּעֲנוּג אִין זַיין נֶפֶשׁ וָוארוּם חָאטְשֶׁי עֶר טוּט זַיין גוּף תַּעֲנוּג אָן מִיט גוּט פְלֵייש אוּנ גוּטֶע פִישׁ לִכְבוֹד שַׁבָּת דָם נֶפֶשׁ הָט אָבֶּער קֵיין תַּעֲנוּג נִיט אוּנ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק (שַׁבַּת בְּנַפְשׁוֹ) וִויא בַּאלְד עֶס קוּמְט שַׁבָּת אִיז וֵוייא צוּ זַיין נֶפֶשׁ:

פירוש לתורת אלהים

וָוָאס טוּט אַמְלָאכָה אוּם שַׁבָּת וְנִכְרְתָה וֶועט דָם נֶפֶשׁ פַר שְׁנִיטֶן וֶוערֶן מִקֶּרֶב עַמֶּיהָ פוּן צְווִישֶׁן אִיר פָאלְק: (טו) שֵׁשֶׁת יָמִים יֵעָשֶׂה מְלָאכָה זֶעקְס טָאג זָאל וֶוערִין גִטָאהְן אַמְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי אוּנ אִין זִיבֶּעטֶען טָאג שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן זָאל זַיין גַאנְץ רוּהוּנְג צוּא אַייךְ קוֹדֶשׁ לַיְיָ עֶר זָאל זַיין הֵיילִיג צוּ גָאט כָּל אִיטְלִיכֶער וָוָאס טוּט אַמְלָאכָה אִין דֶעם טָאג פוּן שַׁבָּת מוֹת יוּמָת זָאל גְטֵייט וֶוערֶן: (טז) וְשָׁמְרוּ אוּנ זֵיי זָאלֶן הִיטֶן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דִיא קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת דֶעם שַׁבָּת לַעֲשׂוֹת צוּ הַאלְטֶן שַׁבָּת לְדוֹרוֹתָם צוּ אַלִי זַייעֶרִי דוֹרוֹת בְּרִית אַזִיכֶרְהֵייט אוֹיף אֵייבֶּעג: (יז) בֵּינִי צְווִישֶׁען מִיר אוּנ צְווִישֶׁן דִי

משלים על התורה

אִיר שְׁטַאנְד וָוארוּם שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ דֶעם חֵטְא עֶס אִיז אַמָשָׁל אַסוֹחֵר הָט גֶעבְּרַאכְט אַטַייעֶר שְׁטִיק סְחוֹרָה עֶר זָאל מַאכֶן זַיין בֶּן יָחִיד מַלְבּוּשִׁים אוּנ דֶר סוֹחֵר הָט גֶעגֶעבֶּן אִין גַאנְצֶען דִי סְחוֹרָה צוּ דֶעם שְׁנַיידֶר אוּנ וֶועלְכֶעם מַלְבּוּשׁ דֶר שְׁנַיידֶער הָט פְרִיעֶר פַארְטִיג גֶעמַאכְט הָט עֶר דָאס אָפּ גֶעבְּרַאכְט, דֶר וַוייל הָט זִיךְ דֶער בֶּן יָחִיד אָן גִיטָאן דִיא מלבושים

בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹת הִוא לְעֹלָם כִּי־שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יְהוָה אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ׃ ס שני יח וַיִּתֵּן אֶל־מֹשֶׁה כְּכַלֹּתוֹ

אונקלוס

בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָת הִיא לְעָלַם אֲרֵי שִׁתָּא יוֹמִין עֲבַד יְיָ יָת שְׁמַיָּא וְיָת אַרְעָא וּבְיוֹמָא שְׁבִיעָאָה שְׁבַת וְנָח׃ יח וִיהַב לְמשֶׁה כַּד שֵׁיצִי לְמַלָּלָא

תו"א שבת וינפש בילה שם תענית כז: ויתן אל משה נדרים לח:

בעל הטורים

ודרשינן מיניה הדלקת נר בליל שבת: וביום השביעי שבת וינפש. ס"ת שתים ששתים נפשות יש לאדם בשבת וע"כ פ"א דוינפש כפולה משום ב' נפשות: וינפש. בגימטריא אלו שבגיהנם שאף אור של גיהנם שובת בשבת: השביעי שבת וינפש. בגימטריא דכיון שהוא שבת אבדה נפש: שבת וינפש ויתן אל משה. מלמד שנתנה תורה בשבת. וינפש וי נפש וסמיך ליה פרשת העגל שנתחייבו מיתה ונאבדה נפשם: (יח) ויתן אל (משה). בגימטריא זה התלמוד: ככלתו. כתיב חסר מה כלה מקושטת בכ"ד קשוטים המנויין בישעיה אף ת"ח צריך

רש"י

ובמלאותי: (יז) וינפש. כתרגומו ונח וכל לשון נופש הוא ל' נפש שמשיב נפשו ונשימתו בהרגיעו מטורח המלאכה ומי שכתוב בו (ישעיה מ) לא ייעף ולא ייגע וכל פעלו במאמר ט הכתיב מנוחה י לעצמו לשבר כ האוזן מה שהיא יכולה לשמוע: (יח) ויתן אל משה וגו'. אין מוקדם ומאוחר בתורה מעשה העגל קודם לציווי מלאכת המשכן ל ימים רבים היה שהרי בי"ז בתמוז נשתברו הלוחות וביום הכפורים נתרצה הקב"ה לישראל ולמחרת התחילו בנדבת המשכן והוקם באחד

בית יהודא

האב גיבאטין, אונ ניט ווייל ער וויל אפרוהען פון זיין ארבעט: (יז) וַיִּנָּפַשׁ. (כְּתַרְגּוּמוֹ) ווי דר תרגום טייטשט (וְנָח) ער הט גערוהט, זאגט רש"י (וְכָל לְשׁוֹן נוֹפֵשׁ הוּא לְשׁוֹן נֶפֶשׁ) דר ווארט נופש איז לשון לעבען אונ נשמה (שֶׁמֵּשִׁיב נַפְשׁוֹ וּנְשִׁימָתוֹ בְּהַרְגִּיעוֹ מִטּוֹרַח הַמְּלָאכָה) ווען דר מענטש רוהט פון זיין ארבעט דערקוויקט ער זיין לעבען אונ זיין אטעם ווערט געשטארקט אונ לעבעדיג (וּמִי שֶׁכָּתוּב בּוֹ לֹא יִיעַף וְלֹא יִיגָע) אונ הקב"ה וואס ביי אים שטייט ער ווערט ניט מיד אונ ניט פארמאטערט (וְכָל פָּעֳלוֹ בְּמַאֲמָר) אונ אלץ וואס ער האט גיטאן אונ בשאפן איז גיוועזן נאר מיט דעם זאגן, ער הט גיזאגט אויף יעדער זאך עס זאל ווערען איז גיווארען, פון דעסטוועגן (הִכְתִּיב מְנוּחָה לְעַצְמוֹ) האט הקב"ה גשריבען אויף זיך ער הט גערוהט, וועלכע רוהונג הט הקב"ה גדארפט? נאר (לְשַׁבֵּר אֶת הָאֹזֶן מַה שֶּׁהִיא יְכוֹלָה לִשְׁמוֹעַ) צוגעבין פארשטיין דעם אויער וואס זיא קען הערען אונ פארשטיין, מיר פארשטייען ניט וואס הייסט ביי הקב"ה רוהונג, נאר די תורה שרייבט אויף הקב"ה "רוהונג" ווי עס איז בייא מענטשין, אז ער ארבעט זעקס טעג רוהט ער דעם זיבטין טאג: (יח) וַיִּתֵּן אֶל מֹשֶׁה וגו'. זאגט רש"י (אֵין מוּקְדָּם וּמְאוּחָר בַּתּוֹרָה) אין די תורה שטייט ניט פריער וואס איז גיוועזן פריער, אונ שפעטער וואס איז גיוועזן שפעטער, נאר אמאל שטייט פריער וואס איז גיוועזן שפעטער אונ שפעטער שטייט וואס איז געוועזן פריער (מַעֲשֵׂה הָעֵגֶל קוֹדֵם לְצִוּוּי מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן יָמִים רַבִּים הָיָה) די מעשה וואס יודין האבען געמאכט דעם עגל איז גוועזן פיל חדשים פריער איידער זיי זענען גיבאטען גיווארען צוא מאכען דעם משכן (שֶׁהֲרֵי בְּשִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז נִשְׁתַּבְּרוּ הַלּוּחוֹת) ווארום דעם זיבעצעהנטין טאג אין תמוז זענען צובראכן גווארן די לוחות ווייל געבטין האבען זייא געמאכט דעם עגל (וּבְיוֹם הַכִּפּוּרִים נִתְרַצָּה הקב"ה לְיִשְׂרָאֵל) אונ יום כפור איז הקב"ה בוויליגט גווארען צו די יודין (וּלְמָחֳרַת הִתְחִילוּ בְּנִדְבַת הַמִּשְׁכָּן) אויף מארגען פון יום כפור האבען די יודין אנגעהויבן געבען

דעת זקנים מבעלי התוספות

(יז) וביום השביעי שבת וינפש. אומר הרב יהודה חסיד שמכאן יש רמז לנשמה יתירה בשבת קח סופי תיבות הללו ויהיו שתים. (תנחומא פ' זו) ומעשה בטורנוסרופוס הרשע שפגע את ר' עקיבא ביום השבת אמר לו מה היום מיומים אמר לו מה גבר מגוברין אמר לו מאי אמרית לך ומאי אמרת לי כו' מאי שנא שבת משאר הימים ואמרתי לך מה נשתנית משאר בני אדם אמר ליה דמרי צבי כלומר ממ"ה רצה שיכבדוני שעשאני מלך אמר לו כך שבת רצה ממ"ה שיכבדוהו אמר לו למה הוא עושה בו מלאכה שמוציא מרשות לרשות רוחות וגשמים אמר לו יודע אני בך שאתה בקי בתורת היהודים שנים הדרין בחצר אחד אם אין זה נותן ערוב וזה נותן ערוב שמא מותרין הם לטלטל בשבת אבל אם דר אדם אחד בחצר אחד גדול אפילו כאנטוכיא מותר לטלטל בכולה והקב"ה השמים כסאו והארץ הדום רגליו ומלא כל הארץ כבודו והכל שלו לפיכך יכול לטלטל בכל העולם כולו:

שפתי חכמים

ט לשון קושיא הוא ר"ל הקדוש ברוך הוא שכתוב בו לא ייעף וגו': י ר"ל הוא אומר לכתוב מנוחה על עצמו: כ מסקנא דתירוצא הוא: ל דאם לא כן איך ידע משה אם נתרצה הקדוש ב"ה לישראל על מעשה המשכן עד שלוה להם משה על נדבת המשכן שמא לא נתרצה הקב"ה רק על נתינת הלוחות לישראל שנא' לו כפי' פסל לך שני לוחות

פירוש לתורת אלהים

קינדער ישראל אות איז דאס אצייכין אויף אייביג. כי ווארום אין זעקס טאג עשה הט גאט בשאפן הימל אונ ערד וביום אונ אין דעם זיבטן טאג שבת וינפש הט ער גרוהט: (יח) וַיִּתֵּן אֶל מֹשֶׁה אונ גאט הט גגעבן צו

משלים על התורה

מלבושים אונ איז גענאנגן אין דער גאס ער זאל זיך מיט זיי בארימן איז איינר געקומן אונ הט אים איין שטופ גטאן אין דער בלאטע אונ האט פר שמירט אלע מלבושים נאר דם לעצטע מלבוש וואס עס איז נאך געוועזן ביי דעם שניידר איז נאך געוועזן שיין אונ אז דם לעצטע מלבוש איז אוך פארטיג געווארען זאגט דר פאטער צו דעם זוהן איך בעט דיך היט אפ דם מלבוש זאלסט דם ניט פר שמירן ווארום נאר דאס איינע מלבוש איז דיר איבער געבליבען פון אלע מלבושים ווארום די פרירדיגע זענן פר שמירט געווארען אלסטו האטשי דם איינע מלבוש אפ היטן, דר נמשל איז ווייל אלע מצות זענען פר ענדערט געווארן מען זאל קיין הנאה ניט האבן ווען מען טוט די מצוה נאר דיא מצוה פון שבת איז געבליבן אין ערשטן שטאנד היינו מען זאל עסין אונ טרינקען לכבוד שבת אונ אן טאן שיינע מלבושים דער פון הט דר מענטש הנאה אונ גנעמט שכר צו דער מצוה דם זאגט דר פסוק (אך את שבתותי תשמורו) בייערט מיינע שבתים זאלט איר האטשע היטן זיי זאלן בלייבן אוף זייער שטאנד פונקט אזוי ווי דר פאטער הט געבעטן דעם זון דם איינע מלבוש זאלסטו האטשי אפ היטען זאלסט ניט פאר שמירען עס זאל בלייבען בייא דעם שיינקייט:

לְדַבֵּר אִתּוֹ בְּהַר סִינַי שְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת לֻחֹת אֶבֶן כְּתֻבִים בְּאֶצְבַּע אֱלֹהִים: לב א וַיַּרְא הָעָם כִּי־בֹשֵׁשׁ

עִמֵּהּ בְּטוּרָא דְסִינַי תְּרֵין לוּחֵי סַהֲדוּתָא לוּחֵי אַבְנָא כְּתִיבִין בְּאֶצְבְּעָא דַיָי: א וַחֲזָא עַמָּא

ת״א לוחות אבן עירובין נד: וירא העם: כי בשת פט:

בעל הטורים

להיות מקושט בכ״ד ספרים: שני לוחות. כנגד שמים וארץ חתן וכלה ב׳ תורות ושתי עולמות: לחת ע״ש שיגעיס בלחי. לחת בא״ת ב״ש כס״א מלמד שנלקחו מכסא הכבוד: (א) כי בשש משה. חסר וי״ו לומר שבאו שש שעות: בשש. ב׳ במסורה דין. ואידך מדוע בשש רכבו

בית יהודא

נְדָבוֹת צוּם מִשְׁכָּן (וְהוּקַם בְּאֶחָד בְּנִיסָן) אוּנ דֶער מִשְׁכָּן אִיז אוֹיפְגֶשְׁטֶעלְט גִיוָוארֶן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אוּנ אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי מַעֲשֶׂה פוּן מִשְׁכָּן פְרִיעֶר פַאר דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֵגֶל (וְצָרִיךְ עִיּוּן טוּבָא), מֶען דַארְף פִיל קְלֶערֶען אוֹיף דִי רֵייד פוּן רש״י (הַלְמָא הַכֹּל כְּסֵדֶר) טָאמֶר שְׁטֵייעֶן דִי סֶדְרוֹת גְלַייךְ אֵיינְס נָאךְ דָס אַנְדֶערֶע (וְצִוּוּי הקב״ה לְמֹשֶׁה הָיָה בְּמ׳ יָמִים הָרִאשׁוֹנִים) אוּנ וָוען הקב״ה הָט גֶעבָּאטֶן צוּ מֹשֶׁה מֶען זָאל מַאכֶן דֶעם מִשְׁכָּן אִיז גִיוֶוען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע פֶערְצִיג טֶעג (טֶרֶם עֲשׂוֹתָם הָעֵגֶל) אֵיידֶער זֵיי הָאבֶּן גְמַאכְט דֶעם עֵגֶל (וְקוֹדֶם רִדְתּוֹ מֵהָהָר עָשׂוּ הָעֵגֶל) אוּנ אֵיידֶער מֹשֶׁה אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן בַּארְג הָאבֶּען דִי יוּדִין גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל (וּמֹשֶׁה לֹא הִגִּיד לְיִשְׂרָאֵל צִוּוּי הַמִּשְׁכָּן עַד לְמָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים) נָאר מֹשֶׁה הָט נִיט גְזָאגְט צוּ דִי יוּדִין וָוס הקב״ה הָט גִיבָּאטֶן מֶען זָאל מַאכֶן אַמִּשְׁכָּן, בִּיז אוֹיף מָארְגֶן נָאךְ יוֹם כִּפּוּר (שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְרוּצִּים לְהקב״ה) וָוען דִי יוּדִין זֶענֶען גִיוָוארֶן בֶּעוִוילִיגְט צוּ הקב״ה (וְכֵן הוּא בְּהֶדְיָא בְּזֹהַר וַיַּקְהֵל) אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט בְּפֵירוּשׁ אִין זוֹהַר אִין סֶדְרָה וַיַּקְהֵל (אֲשֶׁר עַל כֵּן בְּצִוּוּי הקב״ה כְּתִיב מֵאֵת כָּל אִישׁ) דְרִיבֶּער וָוען הקב״ה הָט גִיבָּאטֶן מֶען זָאל נֶעמֶען נְדָבוֹת אוֹיף דֶעם מִשְׁכָּן הָאט הקב״ה גִיזָאגְט מֶען זָאל נֶעמֶען דִי נְדָבוֹת פוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין (דְהַיְינוּ גַּם עֵרֶב רַב) אֲפִילוּ פוּן עֵרֶב רַב אוֹיךְ (כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז״ל אִישׁ אִישׁ מְלַמֵּד וכו׳) וָויא דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִישׁ אִישׁ, צוּא לֶערְנֶען אַז פוּן גוֹיִם מֶעג מֶען אוֹיךְ נֶעמֶן נְדָבוֹת, דָס אִיז גִיוֶוען אֵיידֶער מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל (וּמֹשֶׁה בְּצִוּוּי אָמַר לְיִשְׂרָאֵל קְחוּ מֵאִתְּכֶם דַּיְיקָא) אוּנ וָוען מֹשֶׁה הָאט גֶעבָּאטֶען צוּא דִיא יוּדֶען זַייא זָאלֶען גֶעבֶּען נְדָבוֹת צוּם מִשְׁכָּן הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ דִי יוּדֶען אִיר זָאלְט נֶעמֶן נְדָבוֹת פוּן אַייךְ, נָאר פוּן אַייךְ (וְלֹא מֵעֵרֶב רַב) אוּנ נִיט פוּן עֵרֶב רַב (לְפִי שֶׁהֵם גָּרְמוּ בְּנֶזֶק) וַוייל זֵיי הָאבֶּן גֶעבְּרֵיינְגְט דֶעם שָׁאדֶען פוּן עֵגֶל, זֵייא הָאבֶּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל: וּכְכַלֹּתוֹ. זָאגְט רש״י (כְּכַלֹּתוֹ כְּתִיב חָסֵר) דֶר וָוארְט כְּכַלֹּתוֹ אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אָן אַוָוא״ו קֶענֶען מִיר לֵייעֶנֶען כְּכַלָּתוֹ, וִויא זַיין כַּלָּה (שֶׁנִּמְסְרָה לוֹ תּוֹרָה בְּמַתָּנָה כְּכַלָּה לֶחָתָן) דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען אַמַתָּנָה צוּ מֹשֶׁה וִויא אַחָתָן גִיט אַמַתָּנָה צוּ אַכַּלָּה (שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לִלְמוֹד כּוּלָּהּ בִּזְמַן קָצָר כָּזֶה) וַוייל מֹשֶׁה הָט נִיט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין אַזוֹי אַקוּרְצֶע צַייט פוּן פֶערְצִיג טֶעג (דָּבָר אַחֵר) נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז דְרִיבֶּער שְׁטֵייט כְּכַלָּתוֹ (מָה כַּלָּה מִתְקַשֶּׁטֶת בכ״ד מִינֵי קִישׁוּטִין) אַזוֹי וִויא אַכַּלָּה וָוערְט גֶעצִירְט מִיט פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג מִינִים צִירוּנְג (הֵן הָאֲמוּרִין בְּסֵפֶר יְשַׁעְיָה) מֶען מֵיינְט דִיא פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג מִינִים צִירוּנְג וָוס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אִין סֵפֶר יְשַׁעְיָה (אַף תַּלְמִיד חָכָם צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בְּכ״ד סְפָרִים) אַזוֹי דַארְף אַתַּלְמִיד חָכָם ווִיסֶען אוּנ קֶענֶען דִיא פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג סְפָרִים פוּן תנ״ך: וּלְדַבֵּר אִתּוֹ. הקב״ה הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ רֵיידֶען מִיט מֹשֶׁה (הַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים שֶׁבְּוְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים) דִיא חֻקִּים אוּנ דִי מִשְׁפָּטִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבֶּן אִין דִיא סֶדְרָה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים: וּלְדַבֵּר אִתּוֹ. צוּא רֵיידֶען מִיט אִים, אַרְט רש״י עֶס דַארְף שְׁטֵיין לְדַבֵּר אֵלָיו, צוּ רֵיידֶען צוּ אִים, הקב״ה הָט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ רֵיידְן צוּ מֹשֶׁה, פַר וָוס שְׁטֵייט מִיט אִים (מְלַמֵּד שֶׁהָיָה מֹשֶׁה שׁוֹמֵעַ מִפִּי הַגְּבוּרָה) דֶר פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז פְרִיעֶר הָאט מֹשֶׁה גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן הקב״ה (וְחוֹזְרִין וְשׁוֹנִין אֶת הַהֲלָכָה שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו) נָאכְדֶעם הָאבֶּן בֵּיידֶע צוּזַאמֶען הקב״ה מִיט מֹשֶׁה גֶעלֶערוּנְט דִי דִינִים: וּלוּחֹת. זָאגְט רש״י (לֻחֹת כְּתִיב) פַאר וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען לֻחֹת, אָן וָואוִין, עֶס דַארְף דָאךְ שְׁטֵיין לוּחוֹת, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶען צְוֵוייא לוּחוֹת, לֻחֹת מֵיינְט מֶען דָאךְ אֵיין לוּחַ, זָאגְט רש״י (שֶׁהָיוּ שְׁתֵּיהֶן שָׁוִין) וַוייל בֵּיידֶע לוּחוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען גְלַייךְ, ווִי זַייא בֵּיידֶע וָואלְטֶען גֶעוֶוען אֵיינְס: (א) וְכִי בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה. (כְּתַרְגּוּמוֹ) וָויא דֶער תַּרְגּוּם טֵייטְשְׁט (לָשׁוֹן אִיחוּר) מֹשֶׁה שְׁפֶּעטִיגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען (וְכֵן) אַזוֹי

רש״י

בניסן (נ״ע טובא דלמא הכל כסדר וליווי הקב״ה למשה היה בארבעים ימים הראשונים טרם עשותם העגל וקודם רדתו מההר עשו את העגל ומשה לא הגיד לישראל ליווי המשכן עד למחרת יום הכפורים שהיו ישראל מרוצים להקב״ה. וכן הוא בהדיא בזוהר ויקהל אשר על כן בליווי הקב״ה כתיב מאת כל איש דהיינו גם ערב רב כמו שדרשו רבותינו ז״ל איש איש מלמד וכו׳. ומשה בליווי אמר לישראל קחו מאתכם דייקא ולא מערב רב לפי שהם גרמו בנזקין וק״ל): ככלתו. ככלתו כתיב חסר שנמסרה לו תורה במתנה ככלה לחתן שלא היה יכול ללמוד כולה בזמן מועט כזה. דבר אחר מה כלה מתקשטת בכ״ד קשוטין הן האמורים בספר ישעיה אף ת״ח צריך להיות בקי בכ״ד ספרים: לדבר אתו. החקים והמשפטים שבואלה המשפטים: לדבר אתו. מלמד שהיה משה שומע מפי הגבורה וחוזרין ושונין את ההלכה שניהם יחד: לחת. לחת כתיב שהיו שתיהן שוות: (א) כי בשש משה. כתרגומו

שפתי חכמים

אבנים וגו׳ והוכרח לזה מפני קיום הדת שא״א לדחותן מן הדת מאחר שכבר נתגיירו וקבלו עליהם עול תורה ומלות ואע״פ שחזרו לסורן הראשון הרי הן כישראל שמומר הוא כישראל לכל דבריו וכ״ש ישראל שכבר חזרו בתשובה כדכתיב ויתנצלו את עדים וגו׳ שהוא מן הדין ליתן להם את הלוחות אבל לעשות גם המשכן לשכון בתוכו שהוא חבה יתירה שמא לא נתרלה לזה אלא ודאי וכו׳: מ לכך מסרה לו ככלה כלו׳ שהית קנויה לו: נ דק״ל דליכא למימר מדבר בליווי של משכן דהא מעשה העגל קודם לכן היה כדפירש״י לעיל ל״פ כשכלה לדבר אתו החקים והמשפטים שבואלה המשפטים וכתב הרא״ם ולכן זאת הפ׳ דבקה בס״פ משפטים דכתיב ביה ויבא משה בתוך הענן ויהי משה בהר מ׳ יום וגו׳ ודלא כרבי ישמעאל דאמר ואלה המשפטים ו׳ מוסיף על הראשונים וכו׳ ופירושו כמו שהדברות נאמרו בקולות וברקים במעמד כל ישראל אף משפטים כן. עכ״ל: ס מדכתיב לדבר אתו ולא כתיב לדבר אליו אלא מלמד שהיה וכו׳: ע כאלו לא היו רק

פירוש לתורת אלהים

משה כְּכַלּוֹתוֹ אַז עֶר הָט פַאר לֶענְד צוּ רֵיידֶען מִיט אִים אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי שְׁנֵי לוּחוֹת דִי צְוֵויי לוּחוֹת הָעֵדוּת דָאס בַּצֵייגֶנִישׁ לוּחוֹת אֶבֶן שְׁטֵיינֶערְנֶע לוּחוֹת כְּתוּבִים וָויא זֶענֶען גְשְׁרִיבֶּן בְּאֶצְבַּע אֱלֹהִים מִיט דִיא פִינְגֶער פוּן

אֲרֵי אוֹחַר מֹשֶׁה לְמֵחַת מִן טוּרָא וְאִתְכְּנֵשׁ עַמָּא עַל אַהֲרֹן וַאֲמַרוּ לֵהּ קוּם עֲבֵד לָנָא דַחֲלָן דִיהָכוּן קֳדָמָנָא אֲרֵי דֵין מֹשֶׁה גַּבְרָא דִי אַסְּקָנָא

תו"א כי זה משה שבת שם מנחות נג:

מֹשֶׁה לָרֶדֶת מִן־הָהָר וַיִּקָּהֵל הָעָם עַל־אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו קוּם ׀ עֲשֵׂה־לָנוּ אֱלֹהִים אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ כִּי־זֶה ׀ מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ

בעל הטורים

לבא מה התם נת אף הכא היו סבורים שמת כמו שדרז"ל שהראה להם דמות מטתו ברקיע: כי זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים לא ידענו מה היה לו בגי' שהראה להם השטן מטתו של משה

רשב"ם

(א) אשר ילכו לפנינו. כעין תרפים העשויות במכשפות שיגידו צירכיהם:

רש"י

לשון איחור וכן בשש רכבו (שופטים ה) ויחילו עד בוש (שם ג) כי כשעלה משה להר אמר להם לסוף ארבעים יום אני בא בתוך ו' שעות כסבורים הם שאותו יום שעלה מן המנין הוא והוא אמר להם שלימים מ' יום ולילו עמו ויום עלייתו אין לילו עמו שהרי בז' בסיון עלה נמצא יום מ' בי"ז בתמוז בט"ז בא השטן וערבב את העולם והראה דמות חשך ואפילה וערבוביא לומר ודאי מת משה לכך בא ערבוביא לעולם אמר להם מת משה שכבר באו ו' שעות ולא בא וכו' כדאית' במס' שבת (דף פט) וא"א לומר שלא טעו אלא ביום המעונן בין קודם חצות בין לאחר חצות שהרי לא ירד משה עד יום המחרת שנאמר וישכימו ממחרת ויעלו עולות: אשר ילכו לפנינו. אלהות הרבה איוו להם: כי זה משה האיש. כמין דמות משה הראה להם השטן שנושאים אותו באויר רקיע השמים: אשר העלנו מארץ מצרים.

בית יהודא

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּבַייא סִיסְרָא, שופטים ה) (בֹּשֵׁשׁ רִכְבּוֹ) זַיין רַייט וָואגֶען שְׁפֶּעטִיגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען, נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שופטים ג) (וַיָּחִילוּ עַד בּוֹשׁ) זַייא הָאבֶּן גְעוַוארְט בִּיז שְׁפֶּעט (כִּי כְּשֶׁעָלָה מֹשֶׁה לָהָר) וָוארוּם אֵיידֶער מֹשֶׁה אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג (אָמַר לָהֶם) הָט עֶר גְעזָאגְט צוּ דִי יוּדֶען (לְסוֹף אַרְבָּעִים יוֹם אֲנִי בָּא בְּתוֹךְ שֵׁשׁ שָׁעוֹת) אִין סוֹף פֶּערְצִיג טָאג אִין זֶעקְס שָׁעָה אוֹיף דֶעם טָאג וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּרִיק פוּן בַּארְג (כִּסְבוּרִים הֵם) דִיא יוּדֶען הָאבֶּן גֶעטְרַאכְט אוּנ גֶעמֵיינְט (שֶׁאוֹתוֹ יוֹם שֶׁעָלָה מִן הַמִּנְיָן הוּא) דֶער טָאג וָוָס עֶר אִיז אִין אִים אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען גֶעהֶער צוּ דִי פֶּערְצִיג טֶעג, עֶר אִיז דֶר עֶרְשְׁטֶער פוּן דִי פֶּערְצִיג טֶעג (וְהוּא אָמַר לָהֶם שְׁלֵמִים) אוּנ מֹשֶׁה הָט גֶעזָאגְט פֶּערְצִיג טֶעג, הָט עֶר גֶעמֵיינְט גַאנְצֶע פֶּערְצִיג טֶעג (אַרְבָּעִים יוֹם וְלֵילוֹ עִמּוֹ) פֶּערְצִיג טֶעג מִיט פֶּערְצִיג נֶעכְט, יֶעדֶער טָאג זָאל זִיךְ אָנְהֵייבְּעֶן רֶעכֶענֶען פוּן זַיין פְרִיעֶרְדִיגֶע נַאכְט (וְיוֹם

עֲלִיָּיתוֹ אֵין לֵילוֹ עִמּוֹ) אוּנ דֶר טָאג וָוָס עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִיז דָאךְ נִיט גֶעוֶוען גֶערֶעכְענְט דִיא נַאכְט צוּ דֶעם טָאג, עֶר אִיז דָאךְ נִיט אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אָנְהֵייבּ אָבֶענְד, נָאר אִין מִיטֶען טָאג, אִיז דָאךְ פוּן דֶעם טָאג נָאר גֶוֶוען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, הָט מֶען דָאךְ דֶעם טָאג נִיט גֶעדַארְפְט רֶעכֶענֶען (שֶׁהֲרֵי בְּשִׁבְעָה בְּסִיוָן עָלָה) וָוארוּם זִיבֶּען טָאג אִין סִיוָן אִיז מֹשֶׁה גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג (נִמְצָא יוֹם אַרְבָּעִים בְּשִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז) אִיז גֶעוֶוען דֶר פֶערְצִיגְסְטֶער טָאג דֶער זִיבֶּעצֶעהְנְטֶער טָאג אִין תַּמּוּז (בט"ז) דֶעם זֶעכְצֶעהְנְטֶען טָאג אִין תַּמּוּז (בָּא הַשָּׂטָן וְעִרְבֵּב אֶת הָעוֹלָם) אִיז גֶעקוּמֶען דֶער שָׂטָן אוּנ הָאט פַארְמִישְׁט דִי וֶועלְט אוּנ עֶר הָאט גֶענַארְט דִיא יוּדֶען (וְהֶרְאָה דְּמוּת חֹשֶׁךְ וַאֲפֵלָה וְעִרְבּוּבְיָא) עֶר הָט גֶעוִויזֶען אַפִינְסְטֶערְקֵייט אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען מִדְבָּר אוּנ אַפַארְמִישׁוּנְג [אַפַארְטוּמְלוּנְג] (לוֹמַר וַדַּאי מֵת לְכָךְ בָּא עִרְבּוּבְיָא לָעוֹלָם) דִיא יוּדֶען זָאלֶען זָאגֶען גֶעווִיס אִיז מֹשֶׁה גֶעשְׁטָארְבֶּען דְרִיבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען דָס פַארְמִישׁוּנְג אוֹיף דֶר וֶועלְט (אָמַר לָהֶם מֵת מֹשֶׁה) דֶר שָׂטָן אִיז גֶעקוּמֶען וּפַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַמַלְאָךְ פוּן הִימֶעל, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי יוּדֶען מֹשֶׁה אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען (שֶׁכְּבַר בָּאוּ שֵׁשׁ וְלֹא בָא) אִיר זֶעהְט דָאךְ עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען זֶעקְס שָׁעָה אוֹיף דֶעם פֶערְצִיגְסְטֶען טָאג אוּנ מֹשֶׁה אִיז נִיט גֶעקוּמֶען (כִּדְאִיתָא בְּמַסֶּכֶת שַׁבָּת) ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי גְמָרָא שַׁבָּת, זָאגְט רש"י (וְאִי אֶפְשָׁר לוֹמַר שֶׁלֹּא טָעוּ אֶלָּא בְּיוֹם הַמְּעוּנָן בֵּין קוֹדֶם חֲצוֹת בֵּין לְאַחַר חֲצוֹת) מִיר קֶענֶען נִיט זָאגֶען דֶער טָעוּת אִיז נָאר גֶעוֶוען ווַייל עֶס אִיז גֶוֶוען אַוָואלְקֶענְדִיגֶער טָאג הָאבֶּען זַייא גֶעמֵיינְט עֶס אִיז נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג, אוּנ מֹשֶׁה אִיז נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען, אוּנ אִין אֶמֶת אִיז גֶוֶוען פַאר הַאלְבֶּען טָאג (שֶׁהֲרֵי לֹא יָרַד מֹשֶׁה עַד יוֹם הַמָּחֳרָת) מֹשֶׁה אִיז דָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען דֶעם טָאג בִּיז אוֹיף מָארְגֶען, זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז דֶער טָעוּת אִיז גֶוֶוען אִין אַגַאנְצֶען טָאג (שֶׁנֶּאֱמַר) ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיַּשְׁכִּימוּ מִמָּחֳרָת וַיַּעֲלוּ עוֹלוֹת) דִי יוּדֶען זֶענֶען אוֹיף מָארְגֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען גַאנְץ פְרִיה אוּנ הָאבֶּען גֶעבְּרֵיינְגְט קָרְבָּנוֹת צוּם עֵגֶל, אוּנ מֹשֶׁה אִיז נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען בִּיז שְׁפֶּעטֶער אִין מִיטֶען טָאג: [אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ]. זָאגְט רש"י (אֱלוֹהוּת הַרְבֵּה אִיוּוּ לָהֶם) דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶעגְלוּסְט צוּ הָאבֶּען פִיל גֶעטֶער, דְרִיבֶּער הָאבֶּען זַיי גֶעזָאגְט אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ, זַייא זָאלֶען גֵיין פַאר אוּנְז, אוּנ הָאבֶּען נִיט גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין פַאר אוּנְז: [כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ]. זָאגְט רש"י (כְּמִין דְּמוּת מֹשֶׁה הֶרְאָה לָהֶם הַשָּׂטָן שֶׁנּוֹשְׂאִים אוֹתוֹ בָּאֲוִיר רְקִיעַ הַשָּׁמַיִם) דֶער שָׂטָן הָאט גֶעוִויזֶען צוּ דִיא יוּדֶען אַצוּרָה פוּן מֹשֶׁה ווִיא עֶר לִיגְט גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ מֶען טְרָאגְט אִים אִין דֶערְהֵייךְ אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל, הָאבֶּען דִי יוּדֶען גֶעוִויזֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אִין דֶערְהֵייךְ אִיז דָאךְ מֹשֶׁה וָוָס הָט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם: [אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם]. עֶר הָט אוּנְז אוֹיפְגֶעבְּרֵיינְגְט פוּן

דעת זקנים מבעלי התוספות

(א) עשה לנו אלהים. לא לשם ע"ז נתכונו כי אם להיות שופט במקומו של משה וכן משמע מדקאמר כי זה משה האיש אשר. ומה שאמר דוד וימירו את כבודם בתבנית שור שהמירו משה שעשה להם הקב"ה כמה נסים על ידו והא דכתיב וישתחוו לו

שפתי חכמים

אחד: פ כלו' בשש נוטריקון באו שש:

פירוש לתורת אלהים

גאט ב"ה: (א) וַיַּרְא הָעָם דָס פָאלְק יִשְׂרָאֵל הָט גֶעזֶעהֶן כִּי אַז מֹשֶׁה זוֹמְט זִיךְ לָרֶדֶת אַרָאפּ צוּא נִידֶערִין פוּן דֶעם בַּארְג סִינַי וַיִּקָּהֵל אוּנ דָס פָאלְק יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ אֵיין גִזַאמֶעלְט אוֹיף אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אוּנ זֵיי הָאבֶּען גִיזָאגְט צוּא אִים קוּם שְׁטֵייא אוֹיף עֲשֵׂה מַאךְ צוּא אוּנְז אַגָאט אֲשֶׁר וָוָס זֵיי זָאלֶען גֵיין פַאר אוּנְז [עיין יש"י]

מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה־הָיָה לוֹ׃
ב וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַהֲרֹן פָּרְקוּ נִזְמֵי
הַזָּהָב אֲשֶׁר בְּאָזְנֵי נְשֵׁיכֶם בְּנֵיכֶם
וּבְנֹתֵיכֶם וְהָבִיאוּ אֵלָי׃ ג וַיִּתְפָּרְקוּ
כָּל־הָעָם אֶת־נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר
בְּאָזְנֵיהֶם וַיָּבִיאוּ אֶל־אַהֲרֹן׃ ד וַיִּקַּח
מִיָּדָם וַיָּצַר אֹתוֹ בַּחֶרֶט וַיַּעֲשֵׂהוּ עֵגֶל

מֵאַרְעָא דְמִצְרַיִם לָא
יְדַעְנָא מָה הֲוָה לֵיהּ׃
ב וַאֲמַר לְהוֹן אַהֲרֹן פָּרִיקוּ
קְדָשֵׁי דְדַהֲבָא דִּי
בְּאוּדְנֵי נְשֵׁיכוֹן בְּנֵיכוֹן
וּבְנָתֵיכוֹן וְאַיְתִיוּ לְוָתִי׃
ג וְאִתְפָּרִיקוּ כָּל עַמָּא יָת
קְדָשֵׁי דְדַהֲבָא דִּי
בְּאוּדְנֵיהוֹן וְאַיְתִיוּ
לְאַהֲרֹן׃ ד וּנְסֵיב מִידֵיהוֹן
וְצַר יָתֵהּ בְּזִיפָא וְעַבְדֵהּ

רשב"ם

(ד) ויצר אותו בחרט. הזהב לקח מיד כל אחד וקבץ אותו וקשר את כולם בבגד עד שעשו דפוס של חמר ושל שעוה כדרך המתיכין ועשו בו צורת עגל

בית יהודא

מִצְרַיִם (וְהָיָה מוֹרֶה לָנוּ דֶרֶךְ אֲשֶׁר נַעֲלֶה בָהּ) אונ ער האט אונז געוויזען דעם וועג וואס מיר זאלען גיין צום לאנד כנען (עַתָּה) איצט, אז משה איז געשטארבען (צְרִיכִין אָנוּ לֶאֱלָהוּת אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ) דארפען מיר געטער וואס זאלען גיין פאר אונז: (ב) [בְּאָזְנֵי נְשֵׁיכֶם]. איר זאלט אראפרייסען וארעפ־נעמען] דיא אויער־רינגען וואס זענען אין דיא אויערען פון אייערע ווייבער אונ זיהן אונ טעכטער (אָמַר אַהֲרֹן בְּלִבּוֹ) אהרן הט געטראכט אין הארצען (הַנָּשִׁים וְהַיְלָדִים) ווייבער אונ קינדער (חָסִים בְּתַכְשִׁיטֵיהֶן) איז ביי זיי א שאד א וועק צו געבען זייערע צירונג (שֶׁמָּא יִתְעַכֵּב הַדָּבָר) טאמער וועט דיא זאך אביסעל אויפגעהאלטען ווערען ביז זייא וועלען ברייינגען דיא אויער־רינגען (וּבְתוֹךְ כָּךְ יָבֹא מֹשֶׁה) אין די צייט ביז זיי וועלען ברייינגען די אויער־רינגען וועט קומען משה (וְהֵם לֹא הִמְתִּינוּ וּפָרְקוּ מֵעַל עַצְמָן) אונ זיי האבען ניט געווארט ביז זייערע ווייבער אונ קינדער וועלען געבען זייערע אויער־רינגען נאר זייא האבען אראפגענומען פון זיך זייערע אויער־רינגען אונ האבען גיגעבען צו אהרן: [פָּרְקוּ]. (לְשׁוֹן צִוּוּי) רייסט אראפ (מִגִּזְרַת פֶּרֶק לְיָחִיד) צו איין מענטש וואלט מען גדארפט זאגען פֶּרֶק, צו פיל מענטשין זאגט מען פָּרְקוּ (כְּמוֹ בָּרְכוּ מִגִּזְרַת בָּרֵךְ) צוא איין מענטש זאגט מען בָּרֵךְ, בענטש, צו פיל מענטשין זאגט מען בָּרְכוּ, בענטשט, לויבט: (ג) [וַיִּתְפָּרְקוּ]. זאגט רש"י (לְשׁוֹן פְּרִיקַת מַשָּׂא) ווי מען לייגט אראפ פון זיך א משא ווערט מען לייזיג פון דער משא (כְּשֶׁנְּטָלוּם מֵאָזְנֵיהֶם) ווען זייא האבען אראפגענומען פון זיך זייערע אויער־רינגען (נִמְצְאוּ הֵם מְפוֹרָקִים מִנִּזְמֵיהֶם) זענען זיי אראפגענומען געווארען לייזיג געווארען] פון זייערע אויער־רינגען: [וְאֶת נִזְמֵי]. זאגט רש"י (כְּמוֹ מִנִּזְמֵי) גלייך ווי עס וואלט געשטאנען „מנזמי", זיי זענען לייזיג געווארן פון זייערע אויער־רינגען (כְּמוֹ) וויא עס שטייט אין פסוק (כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר), מיינט מען (מִן הָעִיר) איך וועל ארויסגיין פון שטאט: (ד) [וַיָּצַר אוֹתוֹ בַּחֶרֶט].

רש"י

והיה מורה לנו את הדרך אשר נעלה בה עתה צריכין אנו לאלהות אשר ילכו לפנינו: (ב) באזני נשיכם. אמר אהרן בלבו הנשים והילדים חסים בתכשיטיהן שמא יתעכב הדבר ובתוך כך יבא משה והם לא המתינו ופרקו מעל עצמן: פרקו. לשון צווי מגזרת פרק ליחיד כמו ברכו מגזרת ברך: (ג) ויתפרקו. לשון פריקת משא כשנטלום מאזניהם נמצאו הם מפורקים מנזמיהם דישקריי"ר בלעז (ענטלאזטעטע): את נזמי. כמו מנזמי כמו (שמות ט) כצאתי את העיר מן העיר: (ד) ויצר אותו בחרט. יש

שפתי חכמים

צ דק"ל מדכתיב תחלה אשר ילכו לפנינו הי"ל אח"כ כי זה משה האיש אשר הלך ר"ל זה משה האיש שהלך בתחלה לפנינו ועכשיו מת לכך עשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו ולמה כתיב אשר העלנו ומפרש דבאמת כן פירושו אשר העלנו אינו כמשמעו מארץ מצרים אלא היה מורה לנו דרך: ק ולכך פירש"י אח"כ את נזמי מנזמי

דעת זקנים מבעלי התוספות

לכבוד היה ולא לשם ע"ז: (ב) פרקו. אהרן לשם שמים נתכוון אמר אם אומר להם כלב או נחשון יהיה ראש עליכם אם ימליכוהו עליהם כשיבא משה אם יורידוהו מגדולתו תרבה קטטה ביניהם ויבואו לידי שפיכות דמים. ואם אומר לא אתן ראש עליהם הם יתנו מעצמם ויהי' הקטטה ואם אומר אני אהיה ראש עליהם שמא יקשה בעיני משה אעסיקם בדברים שאין להם ממש עד שיבא משה ולכך אמר פרקו לפי שהנשים חסות על תכשיטיהן וישימו ערבוביא בדבר: (ד) ויצר אותו. שהיה עושה בו צורות כדי לאחר ולהשהות עד שיבא משה וכל כונתו היתה לשם שמים כמו שמצינו שהכתוב משבחו דכתיב כי שפתי כהן ישמרו דעת וכתיב ורבים השיב מעון זה עון העגל ואלו הרגוהו לא היתה להם תקנה ויתקיים בהם אם יהרג במקדש ה' כהן ונביא:

פירוש לתורת אלהים

כִּי ווארום דער מענטש משה רַבֵּינוּ [עיין רש"י] אֲשֶׁר וואס ער האט אונז אויף גיבראכט פון לאנד מִצְרַיִם אונ האט אונז גיוויזען דעם וועג וואס מיר זאלען גיין לֹא יָדַעְנוּ ווייסען מיר ניט מֶה וואס צוא אים איז גיווארען [עיין רש"י]: (ב) וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אַהֲרֹן אונ אהרן האט גיזאגט צוא זייא פָּרְקוּ לעדיגט אפ דיא גילדענע אוירינגלך אֲשֶׁר וואס זענען אין דיא אויערן פון אייערע ווייבער בְּנֵיכֶם אונ פון אייערי זיהן וּבְנוֹתֵיכֶם אונ פון אייערי טעכטער וְהָבִיאוּ אֵלָי אונ ברענגט צוא מיר [עיין רש"י]: (ג) וַיִּתְפָּרְקוּ כָּל הָעָם אונ דאס גאנצע פאלק איז גיווארען אפ גלעדיגט אֶת פון דיא גילדענע אויער העגנגלך אֲשֶׁר וואס זענען גוועזן אין זייערע אויערען וַיָּבִיאוּ אונ זייא האבען דאס גיבראכט צוא אהרן: (ד) וַיִּקַּח מִיָּדָם אונ ער האט גינומען פון זייערע הענט וַיָּצַר אונ האט דאס איין גבונדען אין א טוך [עיין רש"י]

מַסֵּכָה וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל

עֵגֶל מַתְּכָא וַאֲמָרוּ אִלֵּין דַחֲלָתָךְ יִשְׂרָאֵל דִי

תו"א אלה אלהיך ע"א נג:

בעל הטורים

רבינו: (ד) אלה אלהיך. שאיוו לאלהות הרבה:

רשב"ם

והשליכו הזהב בתוכו ונעשה עגל. כדכתיב ואשליכהו באש ויצא העגל הזה. וכתיב ויצר ככרים כסף בשני חריטים. אלה אלהיך ישראל אשר העלוך. וכי שוטים היו שלא היו יודעים שעגל זה שנולד היום לא העלם ממצרים כל עובדי עבודת כוכבים יודעים שאלהינו בשמים ברא את העולם. אך בזה היו טועים שהתרפים יש בהם רוח טומאה כמו הנביאים שיש בהם רוח הקדש וסבורים שהעגל שהיה מדבר ברוח הטומאה כאילו היה מדבר ברוח הקדש של מעלה ולכך אומרים אלה אלהיך ישראל אשר העלוך כלומר רוח הקדש יש בו וכאילו רוח הקדש הולך לפנינו. וכן לבן אמר על התרפים למה גנבת את אלהי. ולנסות בו את ישראל נתן בו רוח הטומאה שלכל מיני מכשפות ואוב וידעוני כח בו להכחיש פמליא של מעלה ולהגיד נולדות. לדעת אם יהיו תמים לה' אלהיהם. ולא

רש"י

לתרגמו בשני פנים האחד ויצר לשון קשירה בחרט ל' סודר כמו (ישעי' ג) והמטפחות והחריטים (מלכים ב ה) ויצר ככרים כסף בשני חריטים. והב' ויצר לשון צורה. בחרט כלי אומנות הצורפין שחורצין וחורטין בו צורות בזהב כעט סופר החורט אותיות בלוחות ופנקסין כמו (ישעיה ח) וכתוב עליו בחרט אנוש וזהו שת"א וצר יתיה בזיפא לשון זיוף הוא כלי אומנות שחורצין בו בזהב אותיות ושקדים שקורין בלעז ניי"ל (גראבשטיכעל) ומזייפין על ידו חותמות: עגל מסכה. כיון שהשליכו לאור בכור באו מכשפי ערב רב שעלו עמהם ממצרים ועשאוהו בכשפים וי"א מיכה היה שם שיצא מתוך דמוסי ר בנין שנתמעך בו במצרים והיה בידו שם וטס שכתב בו משה עלה שור להעלות ארונו של יוסף מתוך נילוס והשליכו לתוך הכור ש ויצא העגל (סנהדרין קא): מסכה. ל' מתכת. ד"א קכ"ה קנטרין זהב הי' בו כגימטריא של מסכה: אלה אלהיך. ולא נאמר אלה אלהינו

בית יהודא

זאגט רש"י (יש לתרגמו בשני פנים) די צוויי ווערטער „ויצר בחרט" קענען מיר טייטשין מיט צוויי פשטים (האחד ויצר לשון קשירה) איין פשט איז ויצר ער הט איינגבונדן (בחרט לשון סודר) בחרט אין אטוך (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (והמטפחות והחריטים) אזעלכע מינים טיכער, נאך שטייט אין פסוק (ויצר ככרים כסף בשני חריטים) ער הט איינגבונדן צוויי צענטנער זילבער אין צוויי טיכער (והב') דר אנדערר פשט איז (ויצר לשון צורה) ער הט געמאלט ואוסגריסעוועטו אצורה (בחרט כלי אומנות הצורפין) בחרט מיינט מען געקריצט, די גאלד ארבעטער האבן אזו אכלי (שחורצין וחורטין בו צורות בזהב) וואס זיי קריצין מיט איר צורות אונ אותיות אין די גאלד (כעט סופר החורט אותיות בלוחין ופנקסין) ווי אשרייבער שרייבט אותיות מיט אפעדער אויף טאוולען אונ אויף ביכער (כמו) ווי עס שטייט אין פסוק (וכתוב עליו בחרט אנוש) אונ שרייב אויף אים מיט אאויס־קריצונג ווי מענטשין שרייבן (וזהו שתרגם אונקלוס) דס איז וואס דער תרגום שרייבט (וצר יתיה בזיפא) ער האט אויסגעריסעוועט דעם עגל מיט זיפא (לשון זיוף הוא כלי אומנות שחורצין בו בזהב אותיות ושקדים) זיוף איז אכלי וואס די גאלד ארבעטער קריצען מיט דיא כלי אותיות אונ מאנדלען אין גאלד (ומזייפין על ידו חותמות) אונ מיט די כלי ריסעווען זייא פאלשע חתימות: ועגל מסכה. זאגט רש"י (כיון שהשליכו לאור בכור) ווי מען הט אריינגעווארפן די גאלד אין פייער איינגעבונדען אין די טוך (באו מכשפי ערב רב שעלו עמהם ממצרים ועשאוהו בכשפים) זענען געקומען די מכשפים פון דעם ערב רב וואס זענען גגאנגן מיט די יודין ווען זיי זענען ארוס־געגאנגען פון מצרים אונ האבן געמאכט מיט כישוף עס זאל ווערען אקאלב פון דיא גאלד (ויש אומרים מיכה היה שם *) אטייל רבנן זאגען מיכה איז דארט גיוועזן (שיצא מתוך דמוסי בנין שנתמעך בו במצרים) ער איז ארויסגעגאנגען פון די שורות ציגול וואס ער איז גילעגין איינגעקוועטשט צווישן זייא אין מצרים (והיה בידו שם טס שכתב בו משה עלה שור להעלות ארונו של יוסף מתוך נילוס **) אונ מיכה הט געהאט די בלעך וואס משה הט אויף איר געשריבן דעם נאמען פון הקדוש ברוך הוא אונ הט אויף איר געשריבען דיא ווערטער „עלה שור עלה שור" גייא ארויף אקס דס מיינט מען גיי ארויף יוסף פון טייך נילוס, אזו האט משה געשריבען אויף אגאלדענע בלעך אונ דיא בלעך הט משה געווארפען אין טייך נילוס, אונ מיכה הט געפונען די בלעך (והשליכו לתוך הכור ויצא העגל) אונ האט זיא אריינגעווארפן אין פייער געבין דעם גאלד, איז ארויסגעגאנגען די קאלב: ומסכה. (לשון מתכת) געגאסין, געשמאלצין (דבר אחר) נאך אפשט איז (קכ"ה קנטרין זהב היה בו) אין דעם עגל איז גיוועזן הונדערט פינף אונ צוואנציג קנטרין ואזו אגאלדענע מטבע) גאלד (כגימטריא של מסכה) וויא פיל עס בטרעפט דער צאהל פון ווארט מסכ"ה, הונדערט פינף אונ צוואנציג: אלה אלהיך. זאגט רש"י (ולא נאמר אלה אלהינו) פאר וואס האבן זיי ניט גיזאגט „אלה אלהינו", דס איז אונזער גאט,

שפתי חכמים

שהתי"ו מתפעלת אבל אם היה כתיב ויפרקו או לא צריך לפרש את נזמי מנזמי ועוד מלאתי שהיה נוס קטן כאוגס וכו היו תלוים תכשיטיהם: ר פי' כשהיו ישראל במצרים והיו בונים את פיתום ואת רעמסס וכשלא היו עושין שיעור עבודתן מה שאמרו להם באו המצריים ונטלו הילדים ונתנום בחומה של בנין והניחו אבנים סביבותיהן ועליהן כדי שיהא השיעור של עבודתן מלא ואמר משה רבינו ע"ה לפני הקב"ה רבש"ע למה יענשו הקטנים במיתה זו וא"ל הקב"ה אין סופן של ילדים אלו לטובה שילכו לתרבות רעה כשיגדלו מוטב שימותו זכאים והלך משה והוציא אחד מתוך שורת הבנין שנתמעך בו ונקרא מיכה: ש הואיל והיה כתוב עליו עלה שור לכך

פירוש לתורת אלהים

ויעשהו אונ הט גמאכט דר פון אגגאסען קאלב [ע' רש"י] ויאמרו אונ זיי האבן גזאגט דס ערב רב הט גזאגט

---

*) הערה ויש אומרים מיכה היה שם. דר מדרש שרייבט ווען פרעה האט גוזר געווען מען זאל ניט געבין שטרויא צו די יודען אונ דיא יודען מוזין מאכן אזו פיל ציגול ווי פיל זיי האבן פריער געמאכט, אונ זיי האבן אבער ניט געקענט מאכן אזו פיל ציגול, האבן די מצרים גענומען קליינע קינדר פון יודן אונ האבן זייא איינגעמויערט אין די ווענט, הט משה געזאגט צו הקב"ה ווס האבן די קליינע קינדר געזינדיגט, הט הקב"ה געזאגט צו משה ווען די קינדר וואלטין לעבן וואלטין זיי גיווען רשעים, איז גלייכר זיי זאלן שטארבן איידר זיי זינדיגען, אויב דוא ווילסט וויסען אז עס איז אזו, נעם ארוס איין קינד וועסטו זעהן ווס ער וועט טאהן אז ער וועט גרויס ווערען, הט משה ארויסגענומען דעם מיכה, דריבר הט מען אים גערופען מיכה, פון דעם ווארט „מיעוך" צוקוועטשונג, דער סוף פון דעם מיכה איז גיווען, ער הט געמאכט דעם עגל, אונ האט געדינט עבודה זרה אונ דורך אים הט דר שבט דן געדינט עבודה זרה:

**) עלה שור עלה שור, דר מדרש זאגט ווייל די מצרים האבן געוואוסט אז יוסף הט באשווארין זיינע ברידר ווען זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים זאלען זייא מיט נעמען זיינע ביינער פון מצרים, אונ די ברידער האבען אזוי באשווארין זייערע קינדר, איז אזו געגאנגען דיא שבועה פון איין דור צום אנדערין דור, דריבער וועלען די יודן ניט קענען ארויסגיין פון מצרים אן די ביינר פון יוסף, באלד וויא יוסף איז געשטארבין האבען זיי אים אריינגעלייגט אין אקאסטין אונ האבען דעם קאסטין אראפגילאזין אין טייך נילוס, ווען דיא יודען האבען גדארפט ארויסגיין פון מצרים האט משה געזוכט דעם קאסטין ווס יוסף ליגט אין אים, הט סרח די טאכטר פון אשר בן יעקב ווס זיא הט נאך געלעבט פון יענע צייט, גיזאגט צו משה, אז דר קאסטין מיט יוסף ליגט אין נילוס, אונ זיא הט אים געוויזען אויף וועלכן ארט, הט משה גענומן אגאלדענע בלעך אונ הט אויף איר געשריבן דעם נאמן פון הקב"ה אונ הט געשריבן די ווערטר עלה שור, אונ הט דס בלעך אריינגעווארפין אין טייך נילוס איז דר קאסטין מיט יוסף ארויפגעשוואמען אין דערהייך, אונ דיא בלעך איז אויך געשוואמען אויף דיא וואסער האט מיכה גענומען די בלעך, אונ איצט הט מיכה מיט דיא בלעך געמאכט דעם עגל:

אֲשֶׁר הֶעֶלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: ה וַיַּרְא אַהֲרֹן וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ לְפָנָיו וַיִּקְרָא אַהֲרֹן וַיֹּאמַר חַג לַיהוָה מָחָר: ו וַיַּשְׁכִּימוּ

אַסְּקוּךְ מֵאַרְעָא דְמִצְרָיִם: ה וַחֲזָא אַהֲרֹן וּבְנָא מַדְבְּחָא קֳדָמוֹהִי וּקְרָא אַהֲרֹן וַאֲמַר חַגָּא קֳדָם יְיָ מְחַר: ו וְאַקְדִּימוּ

תו"א אשר העלוך סנהדרין סג: וירא אהרן סנהדרין ז:

רשב"ם

יהיה בהם מעונן ומנחש ומכשף ולא מאמין לאות ומופת של רוח הטומאה **כדכתיב** כי מנסה ה' אלהיכם אתכם לדעת הישכם אוהבים את ה' אלהיכם וגו':

בעל הטורים

(ה) מזבח לפניו. בגימ' זהו חור דדריכן מזבוח לפניו: (ו) ויעלו עולות. בגימ' בכורות בהבכורות העלו עולות לפניו:

בית יהודא

ווער הט גזאגט צוא וועמען „דס איז דיין גאט" (כאן) פון **דאנען** לערנען מיר (שערב רב שעלו ממצרים הם שנקהלו על אהרן) די פיל פרעמדע פעלקר וואס זענען געגאנגען מיט דיא **יודין** פון מצרים זיי האבען זיך פארזאמעלט אויף אהרן (והם **שעשאוהו**) אונ זיי האבען געמאכט דעם עגל (ואחר כך הטעו **את** ישראל אחריו) נאכדעם האבען זיי פארנארט די יודין נאך **דעם** עגל, אונ זיי האבען געזאגט צו די יודין אויף דעם עגל **„דס** איז דיין גאט וואס הט דיך ארוס גענומען פון מצרים": **(ה)** וירא אהרן. אהרן הט געזעהן (שהיה בו רוח חיים) דער **עגל** לעבט (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק (כתבנית שור **אוכל** עשב) דער עגל איז געווען לעבעדיג וויא אאקס **וואס** ער עסט גראז (וראה שהצליח מעשה שטן) אהרן **האט** געזעהן וואס דר שטן האט געטאהן האט אים אלץ **געגליקט** (ולא היה לו פתחון פה לדחותם לגמרי) דריבר הט **אהרן** ניט געקענט עפענען די מויל געגען די יודען ער זאל **זייא** אוועק שטויסען פון צו מאכען פאר דעם עגל וואס זייא ווילען: ויבן מזבח. (לדחותם) אהרן אליין הט געבויעט **דעם** מזבח, ער זאל זיי אפשטויסען פון צו דינען דעם עגל, אהרן האט געטראכט אז ער אליין וועט באהען דעם מזבח **וועט** לאנג דויערען, טאמער דערווייל וועט קומען משה. אז אהרן האט געזעהן דער מזבח איז פערטיג אונ משה איז **נאך** ניטא (ויאמר חג לה' מחר) מארגען וועלען מיר מאכען איום טוב צו הקב"ה (ולא היום) ניט היינט, אהרן האט **געטראכט** ביז מארגען (שמא יבוא משה קודם שיעבדוהו) טאמער וועט קומען משה פריער איידער זיי וועלען דינען **צום** עגל (זהו פשוטו) דאס איז דר פראסטער פשט פון פסוק (ומדרשו בויקרא רבה) אונ דער מדרש זאגט אין ספר ויקרא **(דברים** הרבה ראה אהרן) פיל זאכען האט אהרן געזעהן (ראה חור בן אחותו שהיה מוכיחם והרגוהו) ער הט געזעהן ווי חור **דר** זוהן פון זיין שוועסטער מרים הט געשטראפט די יודען פאר וואס זייא ווילען מאכען אבילד צו דינען אים, האבען דיא **יודען** אים געהרגת (וזהו) דאס מיינט דער פסוק ויבן מזבח לפניו (ויבן מזבוח לפניו) אהרן הט פארשטאנען פון חור וואס **ער** איז געלעגען געשאכטען (נעהרגת) פר אים, אז ער וועט אויך זיי שטראפען וועלען זייא אים אויך הרגען (ועוד **ראה**) נאך הט ער געזעהן (ואמר) אונ האט געזאגט (מוטב שיתלה בי הסרחון ולא בהם) עס איז בעסער הקב"ה זאל **רעכענען** די עבירה אויף מיר אונ זאל מיך שטראפען, אונ ער זאל ניט שטראפען דיא יודען (ועוד ראה) נאך האט אהרן **געזעהן** (ואמר) אונ האט געזאגט (אם הם בונים את המזבח) אויב זיי וועלען באהען דעם מזבח (זה מביא צרור וזה מביא **אבן**) איינער וועט ברייגגען אשטיקעל האלץ איינער וועט ברייגגען אשטיין (ונמצאת מלאכתן עשויה בבת אחת) וועט **זייער** ארבעט גיטאן ווערען מיט איין מאל (ומתוך שאני בונה אותו) אבער אז איך אליין וועל באהען דעם מזבח (ומתעצל **במלאכתו**) אונ איך וועל זיין פויל אין דיא ארבעט, איך וועל אים באהען מיט שוואכקייט וועט לאנג דויערען (בין **כך** ובין כך משה בא) דערווייל וועט משה קומען: וחג לה'. זאגט **רש"י** (בלבו היה לשמים) אהרן הט געטראכט אין **הארצען** מארגען וועט זיין איום טוב צו הקב"ה (בטוח היה שיבא משה ויעבדו את המקום) ער איז געווען זיכער אז ביז **מארגען** וועט משה קומען אונ אלע יודען וועלען צוריק דינען צו הקב"ה: (ו) וישכימו. זייא זענען פריה אויפ-

ריש"י

מכאן שערב רב שעלו ממצרים הם שנקהלו על אהרן והם שעשאוהו ואחר כך הטעו את ישראל אחריו: (ה) וירא אהרן. שהיה בו רוח חיים שנא' (תהלים קו) בתבנית שור אוכל עשב וראה שהצליח מעשה שטן ולא היה לו פה לדחותם לגמרי: ויבן מזבח. לדחותם: ויאמר חג לה' מחר. ולא היום שמא יבא משה קודם שיעבדוהו זהו פשוטו. ומדרשו בויקרא רבה דברים הרבה ראה אהרן ראה חור בן אחותו שהיה מוכיחם והרגוהו וזהו ויבן (לשון בינה) מזבח לפניו ויבן מזבוח לפניו ועוד ראה ואמר מוטב שיתלה בי הסרחון ולא בהם ועוד ראה ואמר אם הם בונים את המזבח זה מביא צרור וזה מביא אבן ונמצאת מלאכתן עשויה בבת אחת מתוך שאני בונה אותו ומתעצל במלאכתי בין כך ובין כך משה בא: חג לה'. בלבו היה לשמים בטוח היה שיבא משה ויעבדו את המקום: (ו) וישכימו.

שפתי חכמים

עלה העגל שהוא היה שור: ת וזהו מה שנא' אלה אלהיך ישראל אשר העלוך וגו' ר"ל ערב רב אמרו כן לישראל: א על העגל קאי: ב שהשטן עירבב את העולם בשעה ששית והצליח במעשיו שגמר מה שהיה בלבו: ג פי' חור הוכיחן על מעשה העגל והרגוהו וירא אהרן

דעת זקנים מבעלי התוספות

(ה) וירא אהרן. שטעו ונתירא שמא ישימו לב לאמר מה יושיענו זה וישימו עליהם ראש לפיכך ויבן מזבח לפניו להשהותם עד שיבא משה. ויאמר חג לה' מחר כלומר למחר נעמידהו על המלוכה ונעשה חג לה' על מנהיג ונעשה שלמים לשם הקב"ה

ליקוטי יהודא

(ה) וירא אהרן ויבן מזבח לפניו. הט אהרן געזעהן דס קאלב הט ער פאר אים געבויעט איין מזבח, אונ זיין כוונה איז געוועזין (לשם שמים) פון גאטס וועגען מיט דעם וס ער הט דס מזבח געבויעט אזו ווי דר זוהר הקדוש שרייבט ווען אהרן זאל נישט גיוועזן בויען דס מזבח וואלט די וועלט חס ושלום נישט געהאט קיין קיום נאר זיא וואלט באלד גיוועזין חרוב געווארען

פירוש לתורת אלהים

צו די ישראל אלה דאס איז דיין גאט ישראל אשר וואס ער האט דיך אויף גיבראכט פון דעם לאנד מצרים: (ה) וירא אהרן אונ אהרן הט גזעהן [עיין רש"י] ויבן מזבח אונ ער הט גבויעט א מזבח פר אים [עיין רש"י] ויאמר אונ ער האט גיזאגט חג ליי מחר מארגען זאל זיין פייער טאג צוא גאט [עיין רש"י]: (ו) וישכימו ממחרת אונ האבען זיך גיפעדרט מארגען

מִמָּחֳרָת וַיַּעֲלוּ עֹלֹת וַיַּגִּשׁוּ שְׁלָמִים
וַיֵּשֶׁב הָעָם לֶאֱכֹל וְשָׁתוֹ וַיָּקֻמוּ
לְצַחֵק׃ פ ז וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
לֶךְ־רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתָ
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ ח סָרוּ מַהֵר מִן־הַדֶּרֶךְ
אֲשֶׁר צִוִּיתִם עָשׂוּ לָהֶם עֵגֶל מַסֵּכָה

אונקלוס

ביומא דבתרוהי ואסיקו
עלון וקריבו נכסין
ואסחר עמא למיכל
ולמשתי וקמו לחיכא:
ז ומליל יי עם משה איזל
חות ארי חביל עמך די
אסקתא מארעא
דמצרים: ח סטו בפריע
מן אורחא די פקדתנון
עבדו להון עגל מתכא

תו"א וידבר ה' אל ברכות לב: כי שחת עמך עקרים מ"ג פי"ב: סרו מהר סנהדרין נו:

רש"י

השטן זרזם כדי שיחטאו: לצחק. יש במשמע הזה גלוי עריות כמו שנאמר (בראשית לט) לצחק בי ושפיכות דמים כמו שנאמר (שמואל ב ב) יקומו נא הנערים וישחקו לפנינו אף כאן נהרג חור: (ז) וידבר. ל' ד קושי הוא כמו (בראשית מב) וידבר אתם קשות: לך רד. (ברכות לב) רד מגדולתך לא נתתי לך גדולה אלא בשבילם באותה שעה נתנדה משה מפי ב"ד של מעלה: שחת עמך. שחת העם לא נאמר אלא עמך ערב רב שקבלת מעצמך וגיירתם ולא נמלכת בי ואמרת טוב שידבקו גרים בשכינה הם שחתו

בית יהודא

געשטאנען (השטן זרזם כדי שיחטאו) דר שטן האט זייא געאיילט זיי זאלן פריה אויפשטיין אונ זאלען זינדיגען: [לצחק *). זאגט רש"י (יש במשמע הזה גלוי עריות) דעם ווארט "לצחק" קען מען מיינען זייא זענען אויפגעשטאנען צו מזנה זיין (כמו שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק דם ווייב פון פוטיפר האט געזאגט אויף יוסף (לצחק בי), ער הט געוואלט מיט מיר מזנה זיין (ושפיכות דמים) זייא האבן געוואלט הרגנן ידי מענטשן וואס וועלן זייא ניט לאזען דינען צום עגל] (כמו שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק אבנר געזאגט צו יואב (יקומו נא הנערים וישחקו לפנינו) זאלן אויפשטיין די יונגען אונ זאלען מאכען אמלחמה וועלן מיר זעהן וועלכע וועלן זיין שטארקער צום הרגנען (אף כאן נהרג חור) דא איז אויך חור געהרגת געווארן: (ז) [וידבר]. (לשון קושי הוא) הקב"ה הט גערעט צו משה הארטע רייד, מיט כעס (כמו) וויא עס שטייט אין פסוק (וידבר אתם קשות) יוסף האט גערעט צו זיינע ברידער הארטע רייד, מיט כעס: [לך רד]. הקב"ה הט געזאגט צו משה (רד מגדולתך) נידער אראפ פון דיין גרויסקייט (לא נתתי לך גדולה אלא בשבילם) איך האב דיר געגעבן גרויסקייט נאר פון די יודינם וועגען דו זאלסט מיט זייא לערנען תורה, אז דיא יודען האבען געזינדיגט, אונ ווילען ניט דינען צו מיר, אונ ווילען ניט לערנען מיין תורה, צו וואס דארף איך דיך (באותה שעה נתנדה משה מפי בית דין של מעלה) אין די מנוט איז משה פערווייטערט געווארן פון דעם בית דין ווס אין הימעל: [שחת עמך]. זאגט רש"י (שחת העם לא נאמר) הקב"ה האט ניט געזאגט צו משה דם פאלק האט געזינדיגט (אלא עמך) נאר הקב"ה האט געזאגט צו משה דיין פאלק הט געזינדיגט (ערב רב שקבלת מעצמך וגיירתם) דם פרעמדע פאלק פון די מצרים וואס דוא האסט זייא אליין גענומען אונ האסט זייא מגייר גיוועען (ולא נמלכת בי) אונ האסט מיך ניט גיפרעגט אויב דו זאלסט אזוי טאן (ואמרת טוב שידבקו גרים

דעת זקנים מבעלי התוספות

כמו שמצינו בשאול כשנתחדשה המלוכה: (ז) כי שחת עמך. עמך הם בעל כרחך ובעל כרחם אשר הוצאת מארץ מצרים והם שחתו שהחליפו מנהיג ודבר אשר נתתי להם וגם עברו על אשר אמרתי לא תעשה לך פסל ואפילו לשם שמים:

שפתי חכמים

מלהוכיחן שמא יהרגוהו וא"ת והא לעיל פירש"י ויבן מזבח לדחותם ופי' א"כ זהו פשוטו וכו' וא"כ המדרש והפשוטו חדא הוא וי"ל דק"ל למה בנה אהרן מזבח חדש והא הוה שם מזבח בנוי כדכתיב לעיל פ' משפטים ועז"פ לדחותם זהו פשוטו והמדרש דורש על מה דקשה לו למה בנה אהרן ולא אחר: ד אבל וידבר ה' אל משה לאמר אינו ל' קושי הואיל וכתיב אחריו לאמר וידבר הוא הכלל ולאמר הוא הפרט אבל כאן אין כתיב לאמר אחריו וכתיב וידבר ולא כתיב ויאמר ש"מ

פירוש לתורת אלהים

פריה ויעלו אונ זיי האבן אויף געבראכט עולות ויגשו אונ האבען געמאכט גנעהנן שלמים וישב אונ דאס פאלק האט זיך גיזעצט לאכול צוא עסין ושתו אונ צו טרינקן ויקומו אונ זייא זענין אויף גשטאנן לצחק צוא שפעטען: (ז) וידבר יי אל משה אונ גאט האט גרעט צוא משה לך גייא רד נידער אראפ כי ווארום דיין פאלק ווס דו האסט אויף געבראכט פון מצרים האבען פאר דארבען: (ח) סרו מהר זייא האבען געך אפ געקערט מן פון דעם וועג ווס איך

ליקוטי יהודא

ווארום די (סטרא אחרא) הט אן געהובן שליט צו זיין אויף דר וועלט אונ ווי דם קאלב דם איז די (סטרא אחרא) הט דר זעהן דם גשטאלט פון דעם אייבערשטין מלך אויף דעם מזבח האט ער אן געהובן ארונטער צו טרעטין איז די וועלט בישט חרוב געווארן אונ דר צו דאך איז אהרן פר דעם געשטראפט געווארן אונ גאט הט צו אים געזאגט דו ביסט פר פיהרט געווארן דארך דר עצה פון די צוויי רשעים (יינוס אונ ימברוס) פר דעם וועלן דיינע צוויי זיהן שטארבן:

*) הערה לאכול ושתו ויקומו לצחק, צו פארשטיין וואס דערציילט די תורה זיי זענען אויפגעשטאנען צום עסין אונ טרינקען, אונ ווס איז געווען דיא שמחה אונ דר גילעכטער? נאר מיר ווייסען אין די צייט ווס יודען האבן געמאכט דעם עגל, האבען זיי קיין אנדער עסין געהאט נאר דעם מן, אונ קיין אנדער וואסער געהאט נאר פון שטיין, דריבער האבען די יודען געמאכט אצייכין, צו וויסען, אויב דר עגל איז אויגד, וועט געווים מארגין פריה ניט זיין מן צום עסין, אונ דר שטיין וועט ניט געבן וואסער צום טרינקען, אז זיי זענען אויפגעשטאנען פריה, אונ האבען גיזעהן דר מן קומט וויא אלע טאג, אונ דר שטיין גיט וואסער ווי אלע טאג, אונ זיי האבען גיגעסין פון דעם מן וואס איז איצט געקומען אונ געטרונקען פרישע וואסער פון שטיין, האבען זיי געטראכט איז דאך קיין זינד וואס מיר האבען געמאכט דעם עגל, דריבער ויקומו לצחק, זענען זיי אויפגעשטאנען צו לאכען פון דיא מענטשין ווס האבן מורא צו דינען צום עגל, אונ אין אמת איז דער מן געקומען דעם טאג, ווייל הקב"ה האט געוואוסט די יודען וועלן טאהן תשובה אין דעם היינטיגען טאג [עייז בספר נחמיה ט—יח יט, ועיין בקומץ המנחה]:

וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ וַיִּזְבְּחוּ־לוֹ וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה
אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם׃ ט וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה
רָאִיתִי אֶת־הָעָם הַזֶּה וְהִנֵּה עַם־
קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא׃ י וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי
וְיִחַר־אַפִּי בָהֶם וַאֲכַלֵּם וְאֶעֱשֶׂה
אוֹתְךָ לְגוֹי גָּדוֹל׃ יא וַיְחַל מֹשֶׁה אֶת־
פְּנֵי יְהֹוָה אֱלֹהָיו וַיֹּאמֶר לָמָה יְהֹוָה
יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּכֹחַ גָּדוֹל וּבְיָד

אונקלוס

וּסְגִידוּ לֵהּ וְדַבַּחוּ לֵהּ
וַאֲמַרוּ אִלֵּין דַּחַלְתָּךְ
יִשְׂרָאֵל דִּי אַסְּקוּךְ
מֵאַרְעָא דְמִצְרָיִם׃
ט וַאֲמַר יְיָ לְמֹשֶׁה גְּלֵי
קֳדָמַי עַמָּא הָדֵין וְהָא
עַמָּא קְשֵׁי קְדָל הוּא׃
י וּכְעַן הַנַּח בָּעוּתָךְ מִן
קֳדָמַי וְיִתְקַף רוּגְזִי בְהוֹן
וַאֲשֵׁיצִנּוּן וְאַעְבֵּד יָתָךְ
לְעַם סַגִּי׃ יא וְצַלִּי מֹשֶׁה
קֳדָם יְיָ אֱלָהֵהּ וַאֲמַר
לְמָא יְיָ יִתְקַף רוּגְזָךְ
בְּעַמָּךְ דִּי אַפֵּקְתָּא
מֵאַרְעָא דְמִצְרַיִם בְּחֵיל
רַב וּבִידָא תַקִּיפָא׃

תו"א ועתה הניחה ברכות לב: ויחל משה ברכות ל לב:

רשב"ם

(יא) עמך אשר הוצאת. עמך ולא עמי. אשר הוצאת ולא אני העליתי אלא

בעל הטורים

(י) הניחה. ב' במס'. הניחה לי הניחה אותי והמישני אל העמודים גבי שמשון לומר לך שהרג בהם במותו יותר ממה שהמית בחייו וזהו הניחה לי ויחר אפי בהם ואכלם שכילה והמית בהם כל בריהם: ואכלם. ב' במס' דין ואידך ואכלם ואמחלם זהו שדרשו שאין פורעניות שאין בה פרעון ממעשה העגל: ואעשה אותך. מלא וי"ו שילאו ממך ו' מאות אלף: (יא) ויחל. ד' במסורה הכא ואידך ויחל יהואחז ויחל חזקיהו וגו'. ויחל אים האלהים בענין ירבעם היינו כדאיתא בברכות שפ"ד כנגד ישהה בין תפלה לתפלה כדי שתתחולל דעתו עליו ומפרש לי' מויחל ומפרשינן בירושלמי שהוא ד' אמות כנגד ד"פ ויחל:

בית יהודא

בְּשִׁכְנָה) אונ דו האסט געזאגט עס איז גוט די גרים זאלן זיך בהעפטן צו הקב"ה (הם שִׁחֲתוּ וְהִשְׁחִיתוּ) זיי האבן פרדארבן זיך אונ האבן פארדארבן די יודין: (ט) קְשֵׁה עוֹרֶף. מען מיינט (מַחֲזִירִין קְשֵׁי עָרְפָּם לְנֶגֶד מוֹכִיחֵיהֶם וּמְמָאֲנִים לִשְׁמוֹעַ) ווען מען קומט זייא שטראפען גייען זיי אוועק פון דיא שטראפערס אונ קערן זיך צו זיי מיט זייער הארטין נאקין אונ ווילן ניט הערן זייערי רייד: (י) וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי. פרעגט רש"י (עֲדַיִן לֹא שָׁמַעְנוּ שֶׁהִתְפַּלֵּל מֹשֶׁה עֲלֵיהֶם וְהוּא אוֹמֵר הַנִּיחָה לִּי) מיר האבן נאך ניט געהערט אז משה הט געבעטן ביא הקב"ה פאר דיא יודין אונ הקב"ה זאגט צו משה לאז מיך (אֶלָּא כַּאן פָּתַח לוֹ פֶּתַח וְהוֹדִיעוֹ) נאר דא מיט די ווערטר האט הקב"ה אים גיעפינט אטיר אונ הט אים געוויזן (שֶׁהַדָּבָר תָּלוּי בּוֹ) אז דיא זאך דאס פארלענדונג פון דיא יודין ווענדט זיך אויף אים (שֶׁאִם יִתְפַּלֵּל עֲלֵיהֶם לֹא יְכַלֵּם) אוב ער וועט בעטין פון זייערטוועגן וועט ער זיי ניט פארלענדן: (יא) וְלָמָּה ה' יֶחֱרֶה אַפְּךָ. משה האט געזאגט צו הקב"ה (כְּלוּם מִתְקַנֵּא אֶלָּא חָכָם בְּחָכָם גִּבּוֹר בְּגִבּוֹר) קנאה האבען נאר צוויא גלייכע מענטשין, איין חכם הט קנאה אויף דעם אנדערן חכם אז ער זעהט מען גיט יענם חכם מער כבוד ווי מען גיט אים, אדער איין גבור הט קנאה אויף דעם אנדערן גבור, אז ער זעהט מען גיט יענעם גבור מער כבוד וויא מען גיט אים, אבער דוא הקב"ה האסט קנאה נום יודין געבן כבוד צוא

רש"י

והשחיתו: (ט) קשה ערף. מחזירין קשי ערפם לנגד מוכיחיהם וממאנים לשמוע: (י) הניחה לי. עדיין לא שמענו שהתפלל משה עליהם והוא אומר הניחה לי אלא כאן פתח לו פתח והודיעו שהדבר תלוי בו שאם יתפלל עליהם לא יכלם (שמ"ר): (יא) למה ה' וגו'. כלום ה מתקנא אלא

שפתי חכמים

לשון קושי הוא. רא"ם: הדק"ל וכי לא היה לו להקב"ה לקלוף עליהם על שעשו העגל אלא הכי אמר משה להקב"ה כלום מתקנא כו'. אבל

פירוש לתורת אלהים

האב זיי געמאכט עָשׂוּ זיי האבן צו זיך געמאכט איין געגאסן קאלב וַיִּשְׁתַּחֲווּ לוֹ אונ זייא האבן זיך צו אים גבוקט וַיִּזְבְּחוּ אונ זיי האבן צו אים קרבנות געשאכטן וַיֹּאמְרוּ אונ זייא האבען גיזאגט אֵלֶּה דאס איז דיין גאט יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר וואס ער הט דיך אויף געבראכט פון דעם לאנד מִצְרָיִם: (ט) וַיֹּאמֶר אונ גאט הט ווייטר געזאגט צו משה רָאִיתִי איך האב געזעהן דאס פאלק וְהִנֵּה אונ עַם זייא זענען אהארט אקינדיג פאלק: (י) וְעַתָּה אונ אצונד דוא משה הַנִּיחָה לִי לאז מיך וְיִחַר אַפִּי בָּהֶם אונ לאז מיין צארען גרימען אין זייא וַאֲכַלֵּם אונ איך וועל זייא פאר לענדען [עיין רש"י] וְאֶעֱשֶׂה אונ איך וועל דיך מאכען צו אגרוס פאלק: (יא) וַיְחַל מֹשֶׁה האט משה מתפלל גיוועזן אֶת פאר גאט זיין האר וַיֹּאמֶר אונ ער הט געזאגט לָמָּה ווארום יְיָ גאט יֶחֱרֶה זאל גרימען דיין צארען אין דיין פאלק יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר וואס דוא האסט אויס גיצויגען פון דעם לאנד מִצְרַיִם בְּכֹחַ גָּדוֹל מיט אגרויסען כֹּחַ וּבְיָד אונ מיט אשטארקי מאכט [עיין רש"י]:

אונקלוס

יב לְמָא יֵימְרוּן מִצְרָאֵי לְמֵימַר בְּבִישְׁתָא אַפֵּקְתִּנּוּן לְקַטָּלָא יָתְהוֹן בֵּינֵי טוּרַיָּא וּלְשֵׁיצָיוּתְהוֹן מֵעַל אַפֵּי אַרְעָא תּוּב מִתְּקוֹף רוּגְזָךְ וְאָתִיב מִן בִּישְׁתָא דְּמַלֵּילְתָּא לְמֶעְבַּד לְעַמָּךְ: יג אִדְּכַר לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק

חֲזָקָה: יב לָמָּה יֹאמְרוּ מִצְרַיִם לֵאמֹר בְּרָעָה הוֹצִיאָם לַהֲרֹג אֹתָם בֶּהָרִים וּלְכַלֹּתָם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה שׁוּב מֵחֲרוֹן אַפֶּךָ וְהִנָּחֵם עַל־הָרָעָה לְעַמֶּךָ: יג זְכֹר לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק

תו"א זכור לאברהם ברכות י לב שבת ל ס׳ הזוהר פ׳ ויקרא:

בעל הטורים

(יג) זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך. כאן הקדים אבות לעבדיך ובפ׳ עקב זכור לעבדיך לאברהם וגו׳ הקדים עבדיך לאבות לומר כי היו עבדיו מתחלה ועד סוף כיוצא בו דוד עבדי. ועבדי דוד:

רשב"ם

אתה: (יב) למה יאמרו. עשה למען שמך שלא יתחלל:

רש"י

חכם בחכם גבור בגבור: (יב) והנחם. התעשת ו מחשבה אחרת להטיב להם: על הרעה. אשר חשבת להם: (יג) זכר לאברהם. (ש"ר) אם עברו על עשרת הדברות אביהם אברהם נתנסה בעשר נסיונות ועדיין לא ז קבל שכרו תנהו לו ויצאו עשר בעשר: לאברהם ליצחק ולישראל. (ש"ר) אם לשרפה הם זכור ח לאברהם שמסר עצמו להשרף עליך באור כשדים אם להריגה זכור ליצחק שפשט צוארו לעקידה אם לגלות זכור ליעקב שגלה לחרן ואם אינן נגולין בזכותן מה אתה אומר לי ואעשה אותך לגוי גדול ואם כסא של ג׳ רגלים אינו עומד לפניך בשעת כעסך

בית יהודא

אַשְׁטִיק גָאלְד: (יב) [וְהִנָּחֵם]. מֵיינְט מֶען (הִתְעַשֵּׁת מַחֲשָׁבָה אַחֶרֶת לְהֵיטִיב לָהֶם) זָאלְסְט טְרַאכְטְן אֵיין אַנְדֶער טְרַאכְטוּנְג פוּן דִי יוּדִינְס וֶועגְן צוּ זָאלְסְט זֵיי טָאן גוּטְס (עַל הָרָעָה אֲשֶׁר חָשַׁבְתָּ לָהֶם) פַר דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְרַאכְט זֵיי צוּ טָאהְן: (יג) [זְכוֹר לְאַבְרָהָם]. משֶׁה הָאט גֶעזָאגְט צוּ הקב"ה (אִם עָבְרוּ עַל עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת) אוֹיבּ דִי יוּדִין הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אוּנ הָאבְּן נִיט גִיטָאן וִוי דוּ הָאסְט זֵיי גִיבָּאטְן אִין דִי צֶעהְן גִיבָּאט (אַבְרָהָם אֲבִיהֶם נִתְנַסָּה בְּעֶשֶׂר נִסְיוֹנוֹת וַעֲדַיִן לֹא קִבֵּל שְׂכָרוֹ) זֵייעֶר פָאטֶער אַבְרָהָם אִיז גֶעפְּרוּבְט גִיוָוארְן מִיט צֶעהְן עֶרְלֵיי פְּרוּבוּנְג אוּנ הָט נָאךְ נִיט גֶענוּמֶען פוּן דִיר זַיין שָׂכָר (תְּנֵהוּ לוֹ) גִיבּ אִים זַיין שָׂכָר (וְיֵצְאוּ עֶשֶׂר בְּעֶשֶׂר) וֶועלֶן אָפּ־

גֶערֶעכוּנְט וֶוערֶן צֶעהְן עֲבֵירוֹת וָואס זַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גִטָאן אוֹיף דִי צֶעהְן מִצְוֹת וָואס זֵייעֶר פָאטֶער אַבְרָהָם הָאט גְטָאהְן: [לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיִשְׂרָאֵל]. אַזוֹ הָאט משֶׁה גִיזָאגְט צוּ הקב"ה (אִם לִשְׂרֵפָה הֵם) אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען פַארְשׁוּלְדִיגְט גִיוָוארְן מֶען זָאל זֵיי פַארְבְּרֶענֶען (זְכוֹר לְאַבְרָהָם) גֶעדֵיינְק זֵייעֶר פָאטֶער אַבְרָהָם (שֶׁמָּסַר עַצְמוֹ לְהִשָּׂרֵף עָלֶיךָ בְּאוּר כַּשְׂדִּים) עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּער־גִיגֶעבְּן צוּ נִמְרוֹד אִין אוּר כַּשְׂדִּים מֶען זָאל אִים פַרְבְּרֶענֶען פוּן דַיינֶעטְוֶועגְן (אִם לַהֲרִיגָה) אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען פַארְשׁוּלְדִיגְט גְוָוארְן מֶען זָאל זֵיי הַרְגֶענֶען מִיט אַשְׁוֶוערְד (זְכוֹר לְיִצְחָק שֶׁפָּשַׁט צַוָּארוֹ לַעֲקֵדָה) גֶעדֵיינְק זֵייעֶר פָאטֶער יִצְחָק וָואס עֶר הָט אוֹיסְ־גֶעצוֹיגֶען זַיין הַאלְדְז עֶר זָאל גִישָׁאכְטִין וֶוערְעֶן פוּן דַיינֶעטְוֶועגְן (אִם לְגָלוּת) אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען פַארְשׁוּלְדִיגְט גִיוָוארְן צוּ פַר־טְרִיבְּן וֶוערֶן אִין פְרֶעמְדֶע לֶענְדֶער (זְכוֹר לְיַעֲקֹב שֶׁגָּלָה לְחָרָן) גֶעדֵיינְק זֵייעֶר פָאטֶער יַעֲקֹב וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּעְן גִיוָוארֶען אִין חָרָן (וְאִם אֵינָן נִגְאָלִין בִּזְכוּתָן) אוּנ אוֹיבּ זֵייא קֶענֶען נִיט גֶערֶעטֶעט וֶוערְעֶן אִין דֶעם זְכוּת פוּן זֵייעֶרֶע אֶלְטֶערִין (מָה אַתָּה אוֹמֵר לִי וְאֶעֱשֶׂה אוֹתְךָ לְגוֹי גָּדוֹל) וָואס זָאגְסְטוּ צוּ מִיר דוּ וֶועסְט מִיךְ מַאכְען צוּא אַגְרוֹיסֶע פָאלְק, וָואס וֶועט זַיין אַז מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלֶן זִינְדִיגֶן, אִין וֶועמֶעס זְכוּת וֶועלֶען זֵייא גֶערֶעטֶעט וֶוערֶן פוּן דַיין שְׁטְרָאף? (וְאִם כִּסֵּא שֶׁל שָׁלֹשׁ רַגְלַיִם אֵינוֹ עוֹמֵד לְפָנֶיךָ בִּשְׁעַת כַּעַסְךָ) אוֹיבּ אַשְׁטוּהְל וָואס הָאט דְרַייא פִּיס קֶען נִיט בֶּעשְׁטֵיין פַאר דִיר וֶוען דוּ בִּיסְט מִיט כַּעַס וְדָאס הֵייסְט מַאדְךְ דִי יוּדִין וָואס זֶענֶען אִיצְט, אוּנ הָאבְּן אַזְכוּת פוּן דְרַייא אָבוֹת, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען וִוילְסְטוּ זֵיי פַארְלֶענְדִין.

שפתי חכמים

בפ׳ יתרו גבי אנכי ה׳ אלהיך פירש"י אלהיך ל׳ יחיד לתת פתחון פה למשה וכו׳ וזהו שאמר למה יחרה אפך בעמך לא להם צוית אלא לי לבד. זה וזה יכפר: ו פי׳ התפעל להם לעשות השתנות ממחשבה רעה למחשבה טובה דכל ל׳ נחום ל׳ מחשבה אחרת הוא: ז דאם ל"כ מאי זכור לאברהם אם היה הוא לדיק הרי קבל שכרו ושוב אינו מחויב בעבורו לבניו כלום: ח דאם לא כן למה נזכרו שלשתן באברהם סגי. רא"ם. א"נ דק"ל למה כתיב זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך אשר נשבעת להם איפכא הל"ל זכור אשר נשבעת לעבדיך לאברהם וכו׳ דהא הזכירה אשבועה קאי ועוד שבועה גבי אברהם הוא דכתיב שנא׳ בי נשבעתי וגו׳. ל"פ זכור לאברהם עשר נסיונות וכו׳ ולא קאי הזכירה על השבועה אלא על לדקת אברהם וכו׳ ותו קשה ליה א"כ מאי זכירה שייך לגבי יצחק ויעקב ל"פ אם לשריפה כו׳. ואין להקשות

פירוש לתורת אלהים

(יב) לָמָּה ווארום זָאלֶען דִיא מִצְרַיִם זָאגֶן בְּרָעָה מִיט בֵּייזְקֵייט הָאט עֶר זֵייא אוֹיס גִיצוֹיגֶען לַהֲרֹג צוּא הַרְגִינֶען זֵייא צְווִישֶׁן דִיא בֶּערְג וּלְכַלֹּתָם אוּנ צוּ פַאר לֶענְדִין זֵיי מֵעַל פוּן דִי עֶרְד שׁוּב קֶער ווִידֶר פוּן דַיין גְרִים צָארְן וְהִנָּחֵם אוּנ בַּרָאט דִיךְ עַל הָרָעָה אוֹיף דֶעם בֵּייז לְעַמֶּךָ וָואס דוּ הָאסְט גְוָואלְט טָאהְן צוּ דַיין פָאלְק: (יג) זְכוֹר גֶדֶענְק צוּ אַבְרָהָם אוּנ צוּא יִצְחָק אוּנ צוּא יִשְׂרָאֵל עֲבָדֶיךָ וָואס זֵיי זֶענֶען גְוֶוען דַיינֶע קְנֶעכְט אֲשֶׁר וָואס

משלי נחמיה

(יב) וְהִנָּחֵם עַל הָרָעָה לְעַמֶּךָ. אַז דִי יוּדֶן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אוּנ הָאבְּן גִימַאכְט דָם עֵגֶל הָט גָאט גֶעוָואלְט דִי יוּדֶן פַר טִילִיגְן הָט משֶׁה גֶעבֶּעטֶען גָאט אוּנ הָט גֶעזָאגְט בַּדֶענְק דִיךְ אוֹיף דֶעם שְׁלֶעכְץ וָואס דוּ ווִילְסְט טָאן דִי יוּדֶן, דִי זַאךְ אִיז אֵיין תְּמִיָּה פַר וָואס הָט. משֶׁה גִיבֶּעטֶען סְתָם בַּאדֶענְק דִיךְ אוֹיף דֶעם שְׁלֶעכְץ פַר וָואס הָט עֶר נִיט גִזָאגְט בְּפֵירוּשׁ בַּאדֶענְק דִיךְ אוֹיף דֶעם פַר טִילִיגְן זָאלְסְט זֵיי נִיט פַר טִילִיגְן, נָאר מִיר וֶועלֶן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ מִיט אֵיין מָשָׁל אֵיין עוֹשֶׁר הָט גֶעהַאט אֵיין נַארִישְׁען זוּן אוּנ דִי שְׁטֶערִין זֶעהֶר הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז דֶר זוּן אוּנ זַיינֶע קִינְדֶר וֶועלֶן זַיין גְרוֹיסֶע אָרֶעמֶע לַייט הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גְעוֶוען אוּנ הָט גֶערוּפְן דִי וֶועכְּעֶרְס אוּנ הָט זֵיי גֶעזָאגְט זֵייא זָאלֶען

וּלְיִשְׂרָאֵל עֲבָדֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ
לָהֶם בָּךְ וַתְּדַבֵּר אֲלֵהֶם אַרְבֶּה אֶת־
זַרְעֲכֶם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמָיִם וְכָל־הָאָרֶץ
הַזֹּאת אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֶתֵּן לְזַרְעֲכֶם
וְנָחֲלוּ לְעֹלָם׃ יד וַיִּנָּחֶם יְהוָה עַל־
הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת לְעַמּוֹ׃ פ
טו וַיִּפֶן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן־הָהָר וּשְׁנֵי
לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיָדוֹ לֻחֹת כְּתֻבִים

אונקלוס

וּלְיִשְׂרָאֵל עַבְדָיךְ דִי
קַיֶּמְתָּא לְהוֹן בְּמֵימְרָךְ
וּמַלֶּלְתָּא עִמְּהוֹן אַסְגֵי
יָת בְּנֵיכוֹן כְּכוֹכְבֵי שְׁמַיָּא
וְכָל אַרְעָא הָדָא דִי
אֲמָרִית אֶתֵּן לִבְנֵיכוֹן
וְיַחְסְנוּן לְעָלָם׃ יד וְתָב יְיָ
מִן בִּישְׁתָא דִי מַלִּיל
לְמֶעְבַּד לְעַמֵּהּ׃
טו וְאִתְפְּנִי וּנְחַת מֹשֶׁה מִן
טוּרָא וּתְרֵין לוּחֵי
סַהֲדוּתָא בִּידֵהּ לוּחֵי

תולדות אהרן

וינחם ה' על סנהדרין קח:

בית יהודא

אונ דר זכות העלפט ניטו (קל וחומר לכסא של רגל אחד) אשטוהל פון איין פוס וזכות פון איין מענטש, פון מיר אליין וועט געווים ניט קענן העלפין צו מיינע קינדר זיי זאלן גערעטעט ווערן פון דיין כעס ווען זיי וועלן זינדיגען: אשר נשבעת להם בך. משה האט געזאגט צו הקב"ה (לא נשבעת להם בדבר שהוא כלה) דו האסט ניט גשווארן צו זיי בייא אזו אזאך וואס ווערט פארלענדט (לא בשמים) דו האסט ניט גישווארן ביי די הימלן (ולא בארץ) אונ ניט ביי די ערד (לא בהרים ולא בגבעות) אונ ניט ביי די בערג אונ ניט ביי אנדערע הויכע ערטער (אלא בך) נאר דו האסט גשווארען בייא דיר (שאתה קיים ושבועתך קיימת לעולם) דוא ביסט אויף אייביג איז דאך דיין שבועה אויך אויף אייביג (שנאמר) ווי עס שטייט אין פסוק דר מלאך הט גיזאגט צוא אברהם (בי נשבעתי נאום ה') הקב"ה האט געזאגט איך שווער ביי מיר אז איך וועל בענטשין אברהמען אונ וועל מעהרין זיינע קינדער ווי די שטערן אין הימל (וליצחק נאמר) צו יצחק איז גזאגט גיווארן (והקימותי את השבועה אשר נשבעתי לאברהם אביך) איך וועל האלטין דיא שבועה וואס איך האב גשווארן צוא

רש"י

ק"ו לכסא של רגל א' (ברכות לב): אשר נשבעת להם בך. לא נשבעת להם בדבר שהוא כלה לא בשמים ולא בארץ לא בהרים ולא בגבעות אלא בך שאתה קיים ושבועתך קיימת לעולם שנא' (בראשית כב טז) בי נשבעתי נאם ה' וליצחק נאמר (שם כו ג) והקימותי את השבוע' אשר נשבעתי

שפתי חכמים

למה פי' גבי אברהם עשר נסיונות דלמא שריפה לחוד י"ל דהי מינייהו מפקת כיון דתרווייהו איתנהו גבי אברהם: ט יש מקשים מאי ק"ו הוא זה והא משה ג"כ יש לו זכות אבות דהא הוא מבני בניהם דלפירש"י בפ' שלח ואעשה אותך לגוי גדול ולא כתיב ואעשה את ערך וגו' שאתה מזרעם ומתרצים אלו לא חטאו בעגל היו נכנסין

דעת זקנים מבעלי התוספות

(טו) לחת. חסר כתיב לומר ששניהם שוות ושנים כנגד שמים וארץ וכנגד חתן וכלה וכנגד שני שושבינין חמשה דברות על לוח זה וחמשה על לוח זה כנגד חמשה חומשי תורה ושניהם עשרה כנגד עשרה מאמרות שבהן נברא העולם ובעירובין פרק כיצד מעברין א"ר אלעזר מאי דכתיב לוחות אבן אם משים אדם עצמו כאבן תלמודו מתקיים בידו ואם לאו אין תלמודו מתקיים בידו וא"ר אלעזר מאי דכתיב חרות על הלוחות אלמלא לא נשתברו לוחות הראשונים לא נשתכחה תורה מישראל רב אחא אמר אף אין אומה ולשון שולטת בהם שנאמר חרות אל תיקרי חרות אלא חירות:

פירוש לתורת אלהים

דו האסט צוא זייא גשווארן בך אין דיר [עיין רש"י] ותדבר אונ דוא האסט גירעט צוא זייא ארבה איך וועל מערען אייערי קינדער אז זייא וועלן זיין אזו פיל ככוכבי אזוי וויא דיא שטערען אין הימל וכל הארץ אונ דאס גאנצי לאנד אשר וואס איך האב גיזאגט אתן וועל איך געבען צוא אייערי קינדער ונחלו אונ זיי וועלן דם ארבין אויף אייביג [עיין רש"י]:

(יד) וינחם יי אונ גאט ברוך הוא האט זיך בראטען על הרעה אויף דעם בייז אשר וואס ער הט גערעט לעשות צוא טאהן צוא זיין פאלק: (טו) ויפן אונ משה הט זיך גיקערט וירד משה אונ משה האט גינידערט פון דעם בארג סיני ושני לוחות אונ דיא צווייא לוחות העדות דאס בצייגניש בידו אין זיין האנט לוחות דיא לוחות זענען גוועען גשריבן פון זייערי צוויי זייטן [ע' רש"י]

משלי נחמיה

וועבן אויף גראבע מלבושים אונ שטארקע אונ הט גערופן איין שניידער ער זאל מאכן פון דעם וועבעכץ מלבושים פר דעם זון וועגן אז דר שניידר איז געקומן נעמען דיא מאס אויף דעם זון ער זאל זיי מאכען צו דער מאס זאגט דר פאטר צו דעם שניידער דו זאלסט ניט נעמן איין מאס ווארום אין גאנצן מיין במיען זיך פון די מלבושים איז זייא זאלן לאנג גידורן זיי זאלן צוניץ קומן פון זיינעט וועגען אונ פון זיינע קינדר וועגען דרום נוצט דיר ניט דיא מאס בעסר מאך אביסל ברייטער אונ לענגער איטליכר מענטש זאל זיי קענן אן טוען, דר נמשל איז ווען משה זאל גיוועזן בעטן גאט נאר אויף דעם דור וואלט ער גוועזן גיבעטין גאט בפירוש ער זאל זיי ניט פר טיליגען, זיין כוונה איז אבער גיוועזן אויף די איבריגע דורות אויך אז עס זאל אין זיי ניט שולט זיין דער מדת הדין דרום הט ער גיבעטען גאט סתם (והנחם על הרעה לעמך) באדענק דיך סיי אויף וום פר אש' עבין זאלסטו. קיין מאל ניט טאן די יודען:

מִשְּׁנֵי עֶבְרֵיהֶם מִזֶּה וּמִזֶּה הֵם
כְּתֻבִים׃ טז וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים
הֵמָּה וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹהִים הוּא
חָרוּת עַל־הַלֻּחֹת׃ יז וַיִּשְׁמַע יְהוֹשֻׁעַ
אֶת־קוֹל הָעָם בְּרֵעֹה ברעו ק׳ וַיֹּאמֶר
אֶל־מֹשֶׁה קוֹל מִלְחָמָה בַּמַּחֲנֶה׃
יח וַיֹּאמֶר אֵין קוֹל עֲנוֹת גְּבוּרָה וְאֵין
קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי

כְּתִיבִין מִתְּרֵין עִבְרֵיהוֹן
מִכָּא וּמִכָּא אִנּוּן
כְּתִיבִין׃ טז וְלוּחַיָּא
עוֹבָדָא דַייָ אִנּוּן וּכְתָבָא
כְּתָבָא דַייָ הוּא מְפָרַשׁ
עַל לוּחַיָּא׃ יז וּשְׁמַע
יְהוֹשֻׁעַ יָת קָל עַמָּא כַּד
מְיַבְּבִין וַאֲמַר לְמֹשֶׁה
קָל קְרָבָא בְּמַשְׁרִיתָא׃
יח וַאֲמַר לָא קָל גִּבָּרִין
דְּנָצְחִין בִּקְרָבָא וְאַף לָא
קָל חַלָּשִׁין דְּמִתַּבְּרִין קָל

תו"א מזה ומזה הם מגילה טו: והלחת אבות טו ס׳ הזוהר פ׳ משפטים: חרות על עירובין נד:וישמע יהושע ס׳ הזוהר פ׳ ויקהל:

בעל הטורים

(יז) ברעה. כתיב בה"א בשביל ה׳ דברים שעשו. אכלו ושתו. ויקומו לצחק. וישתחוו. ויזבחו. ומחולות: (יח) קול ענות אנכי שמע. בגימ׳

רשב"ם

(טז) מעשה אלהים המה. ולא פסל אותם משה. אבל האחרונים כתוב בהם פסל לך: חרות. כמו חרט: (יח) חלושה. נצחון כדכתיב ויחלוש יהושע:

רש"י

לאברהם אביך וליעקב נאמר (שם לה מא) אני אל שדי פרה ורבה נשבע לו באל שדי: (טו) משני עבריהם. היו האותיות נקראות י ומעשה נסים הי׳ (שבת קד): (טז) מעשה אלהים המה. כמשמעו הוא בכבודו עשאן. ד"א כאדם האומר לחבירו כל עסקיו של פלוני במלאכה פלונית כך כל שעשועיו של הקב"ה בתורה: חרות. ל׳ חרת וחרט אחד הוא שניהם לשון חיקוק אנטלי"ר בלעז (איינגשניידען): (יז) ברעה. בהריעו שהיו מריעים ושמחים וצוחקים: (יח) אין קול ענות גבורה. אין קול הזה נראה קול עניית גבורים הצועקים נצחון ולא קול חלשים שצועקים וי או ניסה: קול ענות. קול הרופין וגדופין המענין את נפש שומען

בית יהודא

דיין פָאטֶער אַבְרָהָם (וּלְיַעֲקֹב נֶאֱמַר) צוּ יַעֲקֹב איז גֶעזָאגְט גִיוָוארֶן (אֲנִי אֵל שַׁדַּי פְּרֵה וּרְבֵה) איך בִּין אֵל שַׁדַּי פְּרוּכְטְבַּאר דיך אונ מֶעהְר דיך וּפֶעלְקֶער אונ מְלָכִים וֶועלִין פון דִיר זַיין, אונ די לַאנְד וֶועל איך גֶעבִּין צוּ דַיינֶע קִינְדֶער (נִשְׁבַּע לוֹ בְּאֵל שַׁדַּי) הָט הקב"ה גִשְׁוואוֹרֶן צוּ יַעֲקֹב בַּיי זַיין נָאמֶן אֵל שַׁדַּי: (טו) וּמִשְּׁנֵי עֶבְרֵיהֶם) פון צְוֵויי זַייטִין (הָיוּ הָאוֹתִיּוֹת נִקְרָאוֹת) זֶענֶען די אוֹתִיּוֹת גֶעלֵיינְט גִיוָוארְן (וּמַעֲשֵׂה נִסִּים הָיוּ) עֶס איז גִיוֶוען מִיט נִסִּים אַז מֶען הָט גֶעקֶענְט לֵייעֶנֶען פון בֵּיידֶע זַייטֶן גְלַייךְ: (טז) וּמַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה) זָאגְט רש"י (כְּמַשְׁמָעוֹ) ווי עֶס איז דֶער מֵיינוּנְג פון פָּסוּק (הוּא בִּכְבוֹדוֹ עֲשָׂאָן) הקב"ה אַלֵיין הָט גֶעמַאכְט די לוּחוֹת (דָּבָר אַחֵר) נָאךְ אַפְּשַׁט איז (כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵרוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית) ווי איין מֶענְטְשׁ זָאגְט צוּא זַיין חָבֵר דָאס גַאנְצֶע בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג פון יֶענֶעם מֶענְטְשׁ איז נָאר מִיט יֶענֶע אַרְבֶּעט (כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הקב"ה בַּתּוֹרָה) דָאס גַאנְצֶע פֶערְגֶעניגֶען פון הקב"ה איז נָאר מִיט דֶי תּוֹרָה: וְחָרוּת). זָאגְט רש"י (לָשׁוֹן חָרַת וְחָרַט אֶחָד הוּא) דֶר וָוארְט חָרַת אונ דֶער וָוארְט חָרַט איז אֵיינְס (שְׁנֵיהֶם לָשׁוֹן חִיקּוּק) בֵּיידֶע וֶוערְטֶער חָרַת אונ חָרַט איז דֶרְטַייטְשׁ קְרִיצֶען, אַיינְשְׁנַיידֶען: (יז) וּבְרֵעֹה). מֵיינְט מֶען (בַּהֲרִיעוֹ) אין זַיין שַׁאלִין, שְׁרַייעֶן (שֶׁהָיוּ מְרִיעִים וּשְׂמֵחִים וְצוֹחֲקִים) זֵיי הָאבֶּען גֶעשַׁאלְט וְגֶעשְׁרִיגֶען אונ גֶעפְרֵייט אונ גֶעלַאכְט: (יח) וְאֵין קוֹל עֲנוֹת גְּבוּרָה). משֶׁה הָאט גִיזָאגְט (אֵין קוֹל הַזֶּה נִרְאֶה קוֹל עֲנִיַּית גִּבּוֹרִים הַצּוֹעֲקִים נִצָּחוֹן) דיא שְׁטִימֶע זֶעהְט נִיט אוים זִיא זָאל זַיין אַשְׁטִימֶע וָואס דִיא שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשִׁין שְׁרַייעֶן מִיט פְרֵייד ווייל זֵייא הָאבֶּן אַייגֶנְעגוּמֶען אַמִלְחָמָה (וְלֹא קוֹל חַלָּשִׁים) אונ דָאס איז נִיט אַשְׁטִימֶע פון שְׁוַואכֶע מֶענְטְשִׁן (שֶׁצּוֹעֲקִים וַוי אוֹי נִיסָה) וָואס שְׁרַייעֶן ווַי אָדֶער זֵייא שְׁרַייעֶן מִיר זָאלֶן אַנְטְלוֹיפֶען: וְקוֹל עַנּוֹת). איך הֶער אַשְׁטִימֶע וָואס פַּיינִיגְט מִיךְ, וָואס איך וויל זִיא נִיט הֶערֶן (קוֹל חֵרוּפִין וְגִידּוּפִין) אַשְׁטִימֶע פון פַארְשֶׁעמוּנְג אונ לֶעסְטֶערוּנְג (הַמְעַנִּין אֶת נֶפֶשׁ שׁוֹמְעָן כְּשֶׁנֶּאֱמָרִין לוֹ) וָואס זֵיי פַּייניגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט די רֵייד אונ

שפתי חכמים

לארץ כמו שהבטיח הקב"ה את אברהם לזרעך אתן את הארץ ועכשיו שיכלם ש"מ א"כ דהחטא גרם שלא יתקיים הבטחת אברהם וא"כ במה יודע איפוא שתתקיים הבטחת משה שיהיו בניו לגוי גדול אולי יחטאו בניו ולא תתקיים ג"כ הבטחה. וא"ת שזכות משה תתקיים על כל פנים אף אם יחטאו בניו א"כ ק"ו הוא הרי זכות של ג׳ אבות לא הועיל זכותם להגן בשביל החטא ולהביאם לארץ ק"ו זכותי לבד: י פי׳ כגון נקוב נקרא בוכן וכן כל התיבות ומעשה נסים הוא פי׳ שהכתב היה חקוק משני עבריהם וא"כ מ"ם וסמ"ך שבו היו כמו תקועים סביב

פירוש לתורת אלהים

מִזֶּה וּמִזֶּה פון דֶער זַייט אונ פון דֶער אַנְדֶערֶער זַייט
הֵם כְּתוּבִים זֶענֶן זֵיי גִיוֶוען גִשְׁרִיבֶּן: (טז) וְהַלּוּחוֹת אונ
די לוּחוֹת מַעֲשֵׂה זֶענֶן גִוֶוען גָאטְס וֶוערְק וְהַמִּכְתָּב אונ
דָם גִשְׁרִיפְט מִכְתַּב איז גִוֶוען אַגְשְׁרִיפְט פון גָאט חָרוּת
איז גִוֶוען אוים גִקְרִיצְט עַל הַלּוּחוֹת אויף דיא לוּחוֹת:
(יז) וַיִּשְׁמַע אונ יְהוֹשֻׁעַ הָט גִהֶערְט אֶת הַקּוֹל דָם קוֹל פון
דֶעם פָאלְק בְּרֵעֹה מִיט שַׁאלוּנְג וָואס זֵייא הָאבֶּען
גְשַׁאלְט אונ הָאבֶּען זִיךְ גִפְרֵייט וַיֹּאמֶר אונ עֶר הָאט
גִיזָאגְט צוּא מֹשֶׁה קוֹל מִלְחָמָה אַקוֹל פון אַמִלְחָמָה איז
אין דֶער מַחֲנֶה פון די יִשְׂרָאֵל: (יח) וַיֹּאמֶר אונ מֹשֶׁה
הָט גִזָאגְט אֵין קוֹל דָם קוֹל וַוייזְט נִיט אוים עֲנוֹת פון
אַגְשְׁרֵיי וָוס גִבּוֹרִים שְׁרַייעֶן אין דֶער מִלְחָמָה זֵייא
הָאבֶּען מְנַצֵּחַ גִוֶוען וְאֵין קוֹל אונ דָאס קוֹל וַוייזְט נִיט
אוֹם עֲנוֹת פון אַגְשְׁרֵיי פון שְׁלַאפֵי וָוס שְׁרַייעֶן אין דֶער

שָׁמֵעַ׃ יט וַיְהִי כַּאֲשֶׁר קָרַב אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיַּרְא אֶת־הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת וַיִּחַר־אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו מידיו ק׳ אֶת־הַלֻּחֹת וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת הָהָר׃ כ וַיִּקַּח אֶת־הָעֵגֶל אֲשֶׁר עָשׂוּ וַיִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ וַיִּטְחַן עַד אֲשֶׁר־דָּק וַיִּזֶר עַל־פְּנֵי הַמַּיִם וַיַּשְׁקְ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃

תו"א ויהי כאשר תענית כח עקרים מ"ד פט"ו : ויזר על פני ע"ז מד ס' הזוהר פ' משפטים:

אונקלוס

דִּמְחַיְּכִין אֲנָא שָׁמַע׃
יט וַהֲוָה כַּד קְרִיב לְמַשְׁרִיתָא וַחֲזָא יָת עֶגְלָא וְחִנְגִּין וּתְקֵיף רוּגְזָא דְמֹשֶׁה וּרְמָא מִידוֹהִי יָת לוּחַיָּא וְתַבַּר יָתְהוֹן בְּשִׁפּוֹלֵי טוּרָא׃
כ וּנְסֵיב יָת עֶגְלָא דִּי עֲבַדוּ וְאוֹקֵיד בְּנוּרָא וְשָׁף עַד דַּהֲוָה דְּקִיק וּזְרָא עַל אַפֵּי מַיָּא וְאַשְׁקִי יָת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃

רשב"ם

(יט) וישלך מידיו. כשראה את העגל תשש כחו ולא הי' בו כח להשליכם רחוק ממנו קצת שלא יזיק את רגליו בנפלם כדרך כל משליכי משוי כשאין בהם כח לשאת. וכן ראיתי בפרקים של רבי אליעזר ועיקר פשוטו כך: (כ) ויזר. ניפור. ויקן מן קנה. ויזר מן זרה. הנה הוא זורה. ואת האש זרה הלאה:

בעל הטורים

שנהרג חור. ועבדו ע"ז : ענות . ב'. קול ענות. יום ענות אדם נפשו שזה הענות לא נתכפר להם : (יט) וישלך מידו. חסר יו"ד שנכפרו י' דברות וי"פ פסל בתורה וי"פ תועבת ה' במשלי :

בית יהודא

ווען די רייד ווערן געזאגט צו אים : (יט) וישלך מידיו וגו']. (אמר) משה הט געזאגט (מה פסח שהוא אחד מן המצות) מאדאך דר קרבן פסח וואס ער איז נאר איין מצוה פון די תורה (אמרה תורה כל בן נכר לא יאכל בו) הט דיא תורה געזאגט דר מענטש וואס איז פרעמד צו הקב"ה זאל ניט עסן פון קרבן פסח (התורה כולה כאן) דא איז דיא גאנצע תורה (וכל ישראל מומרים) אונ אלע יודען דינען עבודה זרה (ואתננה להם) וועל איך געבן צו זיי די תורה ? דריבער הט ער די לוחות צו בראכען *) : ותחת ההר]. מיינט מען (לרגלי ההר) ביי די פיס פון בארג, דאס הייסט אונטען נעבן בארג : (כ) ויזר]. זאגט רש"י (לשון נפוץ) פארשפרייטונג (וכן) אונ אזוי שטייט אין פסוק (יזורה על נוהו גפרית) ער וועט פארשפרייטן אויף זיין וואהנונג שוועבעל (וכן) אונ אזוי שטייט נאך אין פסוק (כי חנם מזורה הרשת) אומזיסט

רש"י

כשנאמרין לו : (יט) וישלך מידיו וגו'. (שבת פז) אמר מה פסח שהוא אחד מן המצות אמרה תורה כל בן נכר לא יאכל בו התורה כולה כאן וכל ישראל מומרים ואתננה להם : תחת ההר. ב לרגלי ההר : (כ) ויזר. ל' נפוץ וכן (איוב יח) יזורה על נוהו גפרית וכן (משלי א) כי חנם מזורה

שפתי חכמים

וההיקף שבאמצע לא היה בנס לא מחובר ולא נפלו וכב"ר מפורש כמו שהכתב נקרא בעבר זה כך היה נקרא בעבר השני וזה היה מעשה נסים : ב דק"ל דתחת ההר משמע שהיה תוך והלא בהר לכן

דעת זקנים מבעלי התוספות

(כ) וישק. פירש"י בשלשה מיתות נידונו עדים והתראה בסייף כדין עיר הנדחת שהן מרובין . וקשה א"כ יהא ממונם אבד וי"ל שנדונו בסייף כדין בני נח דאמרינן בסנהדרין שדינן בסייף:

ליקוטי מרדכי

(יט) וישלך מידיו את הלחות וישבר אתם תחת ההר. דער פענח רזא שרייבט בעסר הט ער זייא געזאלט אנידער לייגען אויף דעם בארג גאנצער הייט כדי אז די ישראל וועלען תשובה טאהן וועט ער זיי נעמן אונ וועט זיי געבן צו די ישראל, נאר משה הט זיך אזוי גקלערט אז איך וועל דיא לוחות לאזין ליגן גאנצער הייט אונ אין די לוחות שטייט דאך (לא תעשה לך פסל) דוא זאלסט דיר נישט מאכען קיין בילד אונ קיין שום גשטאלט וועט זיך גאט ברוך הוא נוקם זיין אין די ישראל איבר דעם איז אים גיפעלין ער זאל זיי געבעד צוא ברעכען :

פירוש לתורת אלהים

מלחמה לאמר אנטלופען קול ענות נאר אזו אקול פון לעסטרונג וואס פיינגט דעם גוטן מענטש ווס הערט דאס צוא אנכי שומע הער איך : (יט) ויהי אונ עס איז גוועןו כאשר קרב אז משה הט גנעהנט צו דער מחנה וירא אונ ער הט גזעהן דם עגל ומחולות אונ דם ווס זיי טאנצן דער ביי ויחר אונ עס האט גרומט דער צארן פון משה וישלך אונ ער האט אוועק גווארפן פון זייני הענט את הלוחות דיא לוחות וישבר אונ האט זיי צו בראכן תחת ההר אונטער דעם בארג [עיין רש"י] : (כ) ויקח אונ ער הט גנומן דם עגל אשר וואס זיי האבען גמאכט וישרוף אונ האט דאס פאר ברענט אין פייער ויטחן אונ הט דם צו מאלן עד ביז עס איז דין גווארן

*) הערה וישבר אותם, ער האט צובראכין די לוחות, איז דאך אקשיא פאר וואס הט ער די לוחות צובראכין, ער הט געדארפט די לוחות לייגין אין אקאסטין אונ בעהאלטין, נאר אין די סדרה עקב שטייט משה הט גזאגט ואתפוש בשני הלוחות, איך האב אנגענומען די צווייא לוחות ואשליכם מעל שתי ידי, אונ איך האב זייא גיווארפין פון איבר מיינע צוויי הענט, ווס איז דר מיינונג איבער מיינע צוויי הענט ? נאר אזוי איז גיוועין, מיר ווייסין אלע זאכין ווס אין הימעל זענען רוחניות, אז זיי קומען אראפ אוף די ערד ווערין זיי גשמיות, אז זיי דארפין צוריק קומען אין הימעל ווערין זיי צוריק רוחניות, ווי מיר געפינען ביי די מלאכים ווס זענען געקומען צו אברהם, צו גדעון, צוא מנוח, די לוחות זענען אוך גיוועין אין הימעל רוחניות, ווען משה האט זיי אראפגענומען פון הימל זענען זיי גיווארין גשמיות, ווי עס שטייט אין פסוק ושני לוחות בידו, צווייא לוחות אין זיין האנט, צו ווס דארף די תורה זאגין אין זיין האנט, געווים זענען די לוחות גיוועין אין זיין האנט, נאר דר פסוק מיינט אין הימעל זענען דיא לוחות גיוועין רוחניות, בייא ארוחניות קען מען דאך ניט זאגין אצאהל, איינס אדער צוויי, דריבער זאגט דר פסוק ושני לוחות, ווען זענען זיי גיוועין לוחות, אונ צוויי, בידו, ווען משה הט זיי גענומען אין זיין האנט, דריבער ווי משה הט גיזעהן דעם עגל אונ ווי די יודין טאנצין מיט אים, הט ער גיוואלט ארוף שיקן די לוחות צוריק אין הימעל, אזוי ווי אמלאך ווערט צוריק ארוחני אונ גייט ארוף אין הימל, דריבער הט משה גיזאגט ואשליכם מעל שתי ידי, איך האב זיי גיווארפין אין דערהייך, צום הימעל, אריבער איבר מיינע צוויי הענט, הקב"ה הט אבר די לוחות ניט גיוואלט צוריק נעמן, זענען זיי געבליבן גשמיות אונ זענען צוריק אראפגעפאלין אוף דר ערד אונ זענען צובראכין גיווארן, דריבער הט משה גזאגט ואשברם לעיניכם, איך האב די לוחות צובראכין פר אייערע אויגין, דס הייסט איך בין שולדיג ווס זייא זענען צובראכין גיווארען :

ישראל: כא ויאמר משה אל־אהרן
מה־עשה לך העם הזה כי־הבאת
עליו חטאה גדלה: כב ויאמר אהרן
אל־יחר אף אדני אתה ידעת את־
העם כי ברע הוא: כג ויאמרו לי
עשה־לנו אלהים אשר ילכו לפנינו
כי־זה ׀ משה האיש אשר העלנו
מארץ מצרים לא ידענו מה־היה

תו"א ויאמר משה אל אהרן מגילה כה:

אונקלוס

כא ואמר משה לאהרן
מה עבד לך עמא הדין
ארי איתיתא עלוהי
חובא רבא: כב ואמר
אהרן לא יתקף רוגזא
דרבוני את ידעת ית
עמא ארי בביש הוא:
כג ואמרו לי עביד לנא
דחלן די יהכן קדמנא
ארי דין משה גברא די
אסקנא מארעא
דמצרים לא ידענא מה

בעל הטורים

(כב) כי ברע. אותיות ערב שערב רב גרמו להם לעשותו:

רש"י

הרשת שזורין בה דגן וקטנית: וישק את בני ישראל. (יומא סו) נתכוין לבדקם כסוטות ל שלש מיתות נדונו שם אם יש עדים והתראה בסייף כמשפט אנשי עיר הנדחת שהן מ מרובים עדים בלא התראה במגפה שנאמר ויגוף ה' את העם לא עדים ולא התראה בהדרוקן שבדקום המים וצבו בטניהם: (כא) מה עשה לך העם הזה. כמה נ יסורים סבלת שיסרוך עד שלא תביא עליהם חטא זה: (כב) כי ברע הוא. בדרך רע הם הולכין תמיד ם ובנסיונות לפני

בית יהודא

איז פארשפרייט דיא קערנער אין דיא נעץ (שזורין בה דגן וקטניות) מען פארשפרייט אין דיא נעץ קערנער קארען אונ ארבעס: וישק את בני ישראל. זאגט רש"י (נתכוין לבדקם כסוטות) משה האט געוואלט זיי זאלן טרינקען די וואסער אונ זאלן שטארבען פון די וואסער ווי עם שטארבט אסוטה וואס הט מזנה געוועז פון די מים המאררים (שלש מיתות נידונו שם) די יודען זענען געשטראפט געווארען מיט דריי ערליי מיתות (אם יש עדים והתראה בסייף) די מענטשען וואס אויף זיי איז געוועז עדות אז זיי האבן געדינט צום עגל, אונ מען הט זיי אנגעזאגט זיי זאלן צום עגל ניט דינען, אונ זיי האבן געדינט, האט מען זיי געהרגת מיט אשווערד (כמשפט אנשי עיר הנדחת) וויא דער דין איז אויב אגאנצע שטאט יודען דינען עבודה זרה, הרגת מען זיי מיט אשווערד (שהן מרובין) נוייל זיי זענען פיל, אז איין יוד דינט עבודה זרה הרגת מען אים מיט שטיינער, דאס איז סקילה, אונ אז פיל מענטשען צוזאמען דינען עבודה זרה הרגת מען זייא מיט אשווערד (עדים בלא התראה) די יודען וום אויף זיי איז דא עדות אז זיי האבן געדינט צום עגל, נאר מאן הט זיי ניט אנגעזאגט פריער זיי זאלען ניט דינען צום עגל, זענען געשטארבען מיט אמגפה (שנאמר) וויא עם שטייט אין פסוק ניגוף ה' את העם, הקב"ה הט געשיקט אמגפה אויף דעם פאלק (לא עדים ולא התראה) די מענטשען וואס אויף זיי איז קיין עדות געוועז אז זייא האבן געדינט עבודה זרה, אונ געוויס הט מען זיי ניט אנגעזאגט זיי זאלן ניט דינען צום עגל, זענען זיי געשטראפט געווארן מיט הדרוקן (שבדקום המים וצבו בטניהם) דיא וואסער האבען זיי קראנק געמאכט, זייערע בייכער זענען געשוואלען געווארען: (כא) מה עשה לך העם. משה הט געזאגט צו אהרן (כמה יסורים סבלת שיסרוך) וויא פיל יסורים האסטו געהאט פון דיא יודען (עד שלא תביא עליהם חטא זה) איידער דוא האסט אויף זייא געברייגגט די זינד: (כב) כי ברע הוא. ער איז שטענדיג אין שלעכטען פירונג (בדרך רע הם הולכין תמיד) זיי גייען שטענדיג אין שלעכטען וועג (ובנסיונות לפני המקום) זייא

דעת זקנים מבעלי התוספות

(כב) כי ברע הוא. ואלו לא עשה להם היו מעמידין להם מלך ויהיה מרה באחרונה. ויצא העגל הזה נראה שהתיך זהב באש ויצק אותו בדפוס ויצא ממנו עשוי בבת אחת ומה ראו לעשות צורת העגל י"ל משעה שראו את אלהי ישראל והחיות הם ככף רגל עגל לכך בחרו דמות עגל. ויש אומר שהשליך שם טס שהעלו בו ארונו של יוסף שכתוב בו

שפתי חכמים

פי' לרגלי הסר: ל והטעם שבדק אותם כסוטות הוא כי הזונה אחר עכו"ם הוא כאשה המזנה תחת בעלה כמו שאמרו במדרש והביאו רש"י בשיר השירים בפסוק שני שדיך מ"ם בדק אותם כסוטות וק"ל: מ כלו' שמיתתן בסייף ולא בסקילה כיחיד העובד שמיתתו בסקילה: נ כלו' כמה יסורין עשו לך שהוכרחת לעשות להם עגל בתמיה ולרבותא אמר שהרי אפי' יסורין בעלמא לא עשו לך: ם דק"ל למה לא כתיב כי רע הוא אם הדבר שב לישראל ל"פ ברע קאי על הדרך הרע ומש"ה הוצרך להוסיף ולו' הם הולכים כי בדרך נופל ל' הליכה ואמר תמיד מפני שבזולת זה היה משמע שאמר בעבור הדרך הזה

פירוש לתורת אלהים

ויזר אונ הט דם פר שפרייט על אויף דעם וואסר וישק אונ ער הט גמאכט אן טרענקן דער מיט די קינדר ישראל: (כא) ויאמר אונ משה הט גזאגט צו אהרן מה עשה וום פר איין יסורים האט דיר דם פאלק אן גטאהן כי הבאת אז דוא האסט גמוזט ברענגן אויף אים אזוי אגרוסי זינד: (כב) ויאמר אונ אהרן האט גזאגט צו משה אל יחר לאז ניט גרומן דר צארן פון מיין האר אתה ידעת די ווייסט דאך וואל דם פאלק כי ברע הוא אז זיי גייען תמיד אין שלעכטען וועג: (כג) ויאמרו אונ זיי האבן צו מיר גזאגט עשה מאך צו אונז געטר אשר וום זיי זאלען גיין פר אונז כי זה משה ווארום דער דאזגר מענש משה אשר וום ער האט אונז אויף גיבראכט פון דעם לאנד מצרים לא ידענו ווייסען מיר ניט מה וום צו אים איז גווארען:

לו: כד וָאֹמַר לָהֶם לְמִי זָהָב הִתְפָּרָקוּ
וַיִּתְּנוּ־לִי וָאַשְׁלִכֵהוּ בָאֵשׁ וַיֵּצֵא הָעֵגֶל
הַזֶּה: כה וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־הָעָם כִּי פָרֻעַ
הוּא כִּי־פְרָעֹה אַהֲרֹן לְשִׁמְצָה
בְּקָמֵיהֶם: כו וַיַּעֲמֹד מֹשֶׁה בְּשַׁעַר

אונקלוס

הֲוָה לֵהּ: כד וַאֲמָרִית
לְהוֹן לְמַן דַּהֲבָא פָּרִיקוּ
וִיהָבוּ לִי וּרְמֵיתֵהּ
בְנוּרָא וּנְפַק עֶגְלָא הָדֵין:
כה וַחֲזָא מֹשֶׁה יָת עַמָּא
אֲרֵי בְטִיל הוּא אֲרֵי
בַטֵּילִנּוּן אַהֲרֹן
לְאַסְבוּתְהוֹן שׁוּם בִּישׁ
לְדָרֵיהוֹן: כו וְקָם מֹשֶׁה

תו"א ואשלכהו שם: וירא משה מגילה שם: כי פרוע הוא שבת קיט: ויעמוד משה יומא סו:

רשב"ם

וישק את בני ישראל. בדקן כסותות: (כד) ויצא העגל הזה. נגמרה מלאכתו כדכתיב ויצא לצורף כלי. ומוציא כלי למעשהו: (כה) כי פרוע הוא. בטל מן המצות ממצות בוראו כדכתיב ותפרעו כל עצתי. פרעהו אל תעבר בו: לשמצה. לדברי לעג וקלס בשונאיהם. כמו ותקח אזני שמץ מנהו. כעין דבור:

בעל הטורים

(כה) פרוע. ב'. כי פרוע הוא ורחשו יהיה פרוע מה מלורע טמא אף עכו"ם מטמא:

בית יהודא

געיען שטענדיג מיט פרובונג פר הקב"ה: (כד) וָאוֹמַר לָהֶם]. איך האב געזאגט צו זיי (דָּבָר אֶחָד) איין וואָרט (לְמִי זָהָב לְבַד) איך האב נאר געזאגט „לְמִי זָהָב", ווער האט גאלד (וְהֵם מִהֲרוּ וְהִתְפָּרְקוּ וַיִּתְּנוּ לִי) אונ זיי האבן זיך געאיילט אונ האבן אראפגענומען די אויער־רינגליך פון זייערע אויערן אונ האבן מיר געגעבן:וָאַשְׁלִכֵהוּ בָאֵשׁ], איך האב די גאלד אריינגעוואָרפען אין פייער (וְלֹא יָדַעְתִּי שֶׁיֵּצֵא הָעֵגֶל הַזֶּה) אונ איך האב ניט געוואוסט אז פון פייער וועט ארויסגיין דר עגל (וַיֵּצֵא) אונ דר עגל איז ארויסגעגאנגען: (כה) וּפָרוּעַ]. מיינט מען (מְגוּלֶּה) אופגעדעקט (נִתְגַּלָּה שִׁמְצוֹ וְקָלוֹנוֹ) עס איז אויפגעדעקט געוואָרען זייגע שענדליכע טראכטונגען (כְּמוֹ) ווי עס שטייט אין פסוק (וּפָרַע אֶת רֹאשׁ הָאִשָּׁה), ער האט אפגעדעקט דעם קאפ פון די אשה: וּלְשִׁמְצָה בְּקָמֵיהֶם]. מיינט מען (לִהְיוֹת לָהֶם הַדָּבָר הַזֶּה לִגְנוּת בְּפִי כָּל הַקָּמִים עֲלֵיהֶם) דיא זאך וואס זיי האבן געמאכט דעם עגל וועט זיין צו דיא יודען אשאנדע פון די אלע פיינד זייערע וואס ווילען אויפשטיין אויף זיי צו מלחמה, דיא פעלקער וועלען זאגן מיט וואס זענען די יודען בעסער ווי מיר זענען, זיי דינען אויך עבודה

רש"י

המקום: (כד) ואמר להם. דבר אחד למי זהב ע לבד והם מהרו והתפרקו ויתנו לי: ואשלכהו באש. ולא ידעתי פ שילא העגל הזה ויצא: (כה) פרוע. מגולה נתגלה שמצו וקלונו כמו (במדבר ה) ופרע את ראש האשה: לשמצה בקמיהם. להיות להם הדבר הזה לגנות בפי כל הקמים

שפתי חכמים

שכוונתם בו לרעה וזה א"א שאם היה יודע משה זה היה לו לגדור גדר מתחלה טרם שיעשו הרעה לפיכך הוצרך להוסיף מלת תמיד כלו' כל מעשיהם הם תמיד ברע: ע דאל"כ כל החטא הוא שלו ומפרש דאהרן לא אמר התפרקו אלא אמר למי זהב בלבד והם מיהרו והתפרקו: פ פי' וילא העגל הזה מבלתי שילור אותו בחרט דאל"כ מאי וילא העגל הזה מאחר שהשליך אותו באש והתיך אותו בחרט שלר בו לורת העגל בהכרח הוא שילא העגל הזה אבל ממה שהעיד עליו הכ' שאמר אהרן פרקו נזמי וגו' נשיכם וגו' וכתיב וילר אותו בחרט וגו' וא"כ איך אמר אהרן ואומר להם דבר אחד וכו' וגם מה שאמר ואשליכהו באש וגו' דמשמע שמעלמו ילא הה הוא לקח את הזהב וילר אותו בחרט ויעשהו עגל מסכה נראה שמפני יראתו של משה הוליא שקר מפיו עכ"ל הרא"ס. אך קשה איך הוליא אהרן קדוש ה' דבר

דעת זקנים מבעלי התוספות

עלה שור וכו': (כה) לשמצה. זהו שמץ ופסול שכל העכו"ם מלעיגים עלינו על מה שעשו אבותינו העגל. ויש להשיב להם שכל יום הם עושין פסילין לעכו"ם ומלעיגין עלינו משל למלך שהיתה לו אשה יפה והיו שפחותיה אומרות אדונינו המלך יגרש אותך ויקח אותנו לנשים אומרת להם למה אומרות לה כי אתמול כשבא אדונינו המלך מן השוק ראה מעט טנוף מפחם על ידך ומאס בך אומרת להם שוטות ומה אשה יפה כמוני בשביל לכלוך מועט שאוכל להדיח אותו ולא יהיה רשומו ניכר יניח אותי אתם שמלוכלכות בטיט ובכסוי הקדרות כל

ליקוטי מרדכי

(כד) וָאוֹמַר לָהֶם לְמִי זָהָב וגו' וָאַשְׁלִיכֵהוּ בָאֵשׁ וַיֵּצֵא הָעֵגֶל הַזֶּה. דר **אור פני משה** שרייבט אהרן איז גערעכוגט צווישן די זיבן חסידים וואס זענען געוועזין אויף דר וועלט אונ זאל זיך אזו פר ענטפערן פר משה וואס ער האט זיי געזאגט צו וועמען איז דא גאלד האב איך עס גיוואָרפען אין פייער איז ארויס גיגאנגען דם עגל וואס פר איין תירוץ איז דם. נאר דר פשט פון דעם פסוק איז אזו (וָאוֹמַר לָהֶם) איך האב צו זייא געזאגט אז איהר האט חשק צו מאכן אייך איין עבודה זרה פון גאלד, כלומר ווייל איר הט פיל גאלד פרעג איך אייך אבר (לְמִי זָהָב) צו וועמען איז דם גאלד איז עס דען אייערס, דם גאלד איז דאך גאטס ווי דר פסוק זאגט (לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב אָמַר ה' צְבָאוֹת) צו מיר איז דם זילבר אונ צו מיר איז דם גאלד הט דער הערשאפטיגער גאט געזאגט, נמצא ווי געשיקט זיך אז דם גאלד איז צו גאט אונ ער הט אייך פון דעם גאלד צו געטיילט זאלט איר מיט דעם גאלד זינדיגן אקעגן גאט, אונ זיי האבן מיך אבער נישט גוואלט צו הערין אונ האבן אום גיטאן זייערע גילדענע אוירינגלך אונ האבן מיר גיגעבן האב איך עס אריין געוואָרפן אין פייער אונ האב געמיינט אז עס וועט פר ברענט ווערן האט אבער דם ערב רב גמאכט מיט זייער כישוף איז ארוס אים דעם פייער דם קאלב:

פירוש לתורת אלהים

(כד) וָאוֹמַר אונ איך האב צוא זייא נאר איין וואָרט גיזאגט לְמִי זָהָב צוא וועמען איז פר האנדען גאלד הִתְפָּרָקוּ האבען זייא תיכף געאיילט אונ האבען דאס גאלד אפ גליידיגט אונ האבן מיר גגעבען וָאַשְׁלִכֵהוּ אונ איך האב דם גאלד אריין גוואָרפען אין פייער וַיֵּצֵא אונ עס איז ארוס גגאנגען דער עגל אונ איך האב ניט גוואוסט אז עס וועט ארוס גיין איין עגל: (כה) וַיַּרְא אונ משה האט גזעהן דאס פאלק כִּי פָרֻעַ אז ער איז גוואָרען אנפלעקט כִּי פְרָעֹה וואָרום אהרן הט אנפלעקט די זאך זאל צוא זייא זיין לְשִׁמְצָה צוא אשאנד בְּקָמֵיהֶם אין מויל פון אלי וואס שטייען אויף זיי אויף שלעכטס טאהן זיי: (כו) וַיַּעֲמֹד אונ משה הט זיך גשטעלט בְּשַׁעַר אין דעם טויער פון דר מַחֲנֶה

הַמַּחֲנֶה וַיֹּאמֶר מִי לַיהוָה אֵלָי
וַיֵּאָסְפוּ אֵלָיו כָּל־בְּנֵי לֵוִי׃ כז וַיֹּאמֶר
לָהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
שִׂימוּ אִישׁ־חַרְבּוֹ עַל־יְרֵכוֹ עִבְרוּ
וָשׁוּבוּ מִשַּׁעַר לָשַׁעַר בַּמַּחֲנֶה וְהִרְגוּ
אִישׁ־אֶת־אָחִיו וְאִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ
וְאִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ׃ כח וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־לֵוִי
כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיִּפֹּל מִן־הָעָם בַּיּוֹם
הַהוּא כִּשְׁלֹשֶׁת אַלְפֵי אִישׁ׃ כט וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה מִלְאוּ יֶדְכֶם הַיּוֹם לַיהוָה כִּי

בִּתְרַע מַשְׁרִיתָא וַאֲמַר
מַן דַּחֲלַיָּא דַיְיָ יֵיתוּן
לְוָתִי וְאִתְכַּנַּשׁוּ לְוָתֵהּ
כָּל בְּנֵי לֵוִי׃ כז וַאֲמַר
לְהוֹן כִּדְנַן אֲמַר יְיָ אֱלָהָא
דְיִשְׂרָאֵל שַׁווּ גְּבַר
חַרְבֵּהּ עַל יַרְכֵּהּ עִבָרוּ
וְתוּבוּ מִתְּרַע לִתְרַע
בְּמַשְׁרִיתָא וּקְטוּלוּ גְּבַר
יָת אֲחוּהִי וּגְבַר יָת
חַבְרֵהּ וֶאֱנָשׁ יָת
קָרִיבֵהּ׃ כח וַעֲבַדוּ בְנֵי
לֵוִי כְּפִתְגָּמָא דְמֹשֶׁה
וּנְפַל מִן עַמָּא בְּיוֹמָא
הַהוּא כִּתְלָתָא אַלְפִין
גַּבְרָא׃ כט וַאֲמַר מֹשֶׁה
קָרִיבוּ יֶדְכוֹן קֻרְבָּנָא

רשב"ם

(כז) איש את אחיו. החוטא בעגל: (כט) מלאו ידכם היום. כמו כי מלאו אחרי ה' לשעבר. היום. חנכו כל יד ויד שלכם בקרבן לה'. שהרי איש בבנו ובאחיו שלחתם ידיכם לשמים:

רש"י

עליהם: (כו) מי לה' אלי. יבא אלי: כל בני לוי. (יומא סו) מכאן שכל השבט כשר: (כז) כה אמר וגו'. והיכן אמר (שמות כב) זובח לאלהי' יחרם כך שנויה במכילתא: אחיו. מאמו והוא ישראל: (כט) מלאו ידכם. אתם ההורגים אותם בדבר זה תתחנכו ל להיות כהנים למקום

בית יהודא

זָרָה: (כו) וּמִי לַה' אֵלָיו. וֶוער עֶס אִיז צוּ הקב"ה (יָבֹא אֵלַי) זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר: וְכָל בְּנֵי לֵוִי. זָאגְט רש"י (מִכָּאן שֶׁכָּל הַשֵּׁבֶט כָּשֵׁר) פוּן דָאנֶען וַוייסֶען מִיר אַז דֶר גַאנְצֶער שֵׁבֶט לֵוִי אִיז גֶוועֶן פְרוּם, זֵיי הָאבֶּן נִיט גֶעדִינְט דֶעם עֵגֶל: (כז) וְכֹה אָמַר וגו'. זָאגְט רש"י (וְהֵיכָן אָמַר) וואוּ הָאט הקב"ה דָס גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (זוֹבֵחַ לָאֱלֹהִים יָחֳרָם), וֶוער עֶס וֶועט שֶׁעכְטֶען קָרְבָּנוֹת צוּ דִי עֲבוֹדָה זָרָה זָאל עֶר פַארְווִיסְט וֶוערֶען (כָּךְ שְׁנוּיָה בִּמְכִילְתָּא) אַזוֹי הָאבֶּען מִיר גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר מכילְתָּא: וְאָחִיו. אַרְט רש"י דֶער בְּרוּדֶער פוּן אַלֵוִי אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַלֵוִי, נָאר מֶען מֵיינְט (אָחִיו מֵאִמּוֹ) עֶר אִיז מִיט אִים אַבְּרוּדֶער פוּן אֵיין מוּטֶער (וְהוּא יִשְׂרָאֵל) אוּנ עֶר אִיז אַיִשְׂרָאֵל, נִיט אַלֵוִי: (כט) וּמִלְאוּ יֶדְכֶם. מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִי לְוִיִּם (אַתֶּם הַהוֹרְגִים אוֹתָם) אִיר לְוִיִּם וָואס אִיר וֶועט הַרְגֶען דִי יִשְׂרְאֵלִים וָואס הָאבֶּען גֶעדִינְט צוּם עֵגֶל (בְּדָבָר זֶה

דעת זקנים מבעלי התוספות

שעה ושעה יקח לנשים: (כו) מי לה' אלי. מי שעמד ביראת ה' ולא פשע בעגל יבא אלי מיד, ויאספו אליו כל בני לוי כל השבט שלם שלא נפקד ממנו איש אבל שאר השבטים לא נמצא כל השבט שלם ולכך כתיב בהם האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו במעשה העגל ואת אחיו לא הכיר בעגל ואת בניו לא ידע נע ל כי כלם שמרו אמרתך מה שאין כן בשאר השבטים ונראה לפי שהיו שבט לוי קרובים למשה לפיכך לא נתרצה אחד מהם להמיר מנהג במקומו ובספר הרמב"ם ז"ל אומר שאברהם מסר קבלת התורה ליצחק ויצחק ליעקב ויעקב ללוי וזרעו הושיבו ישיבות שלא פסקה מהם תורה כלל ולפיכך לא נשתעבדו במצרים שלא עסקו במלאכה בימיהם כי אם בתורה. ונראה ששלש כתות היו במעשה העגל כת אחת אומרת אשר ילכו לפנינו ולא נתכוונו אלא למנהיג לבד. וכת אחרת קבלוהו לע"ז והם שלשת אלפי איש שנדונו בסייף. ושבט לוי שכלם

שפתי חכמים

שקר מפיו ועיין (בנח"י): צ פי' מי שהוא לה' שירא ממנו יבא אלי ויחסר מלת יבא דאם לא כן משמע מי שהוא לה' ויראה ממנו הוא קרוב אלי מאי ויאספו אליו כל בני לוי: ק דק"ל כיון שכל שבט לוי היה כשר למה אמר שיהרגו איש את אחיו ומתרץ אחיו מאמו שאינו לוי אלא ישראל: ר פי' מתחלה היו הבכורים כהנים למקום וכשחטאו בעגל

פירוש לתורת אלהים

יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אוּנ עֶר הָט גְזָאגְט מִי וֶוער וִויל דִינֶען צוּ גָאט זָאלֶן אַלֵי קוּמֶן צוּ מִיר וַיֵּאָסְפוּ אוּנ זֵיי הָאבֶּן זִיךְ צוּ אִים אַיין גְזַאמִילְט אַלִי קִינְדֶר פוּן לֵוִי: (כז) וַיֹּאמֶר אוּנ עֶר הָט צוּ זֵייא גְזָאגְט אַזוֹ הָט גָאט גְזָאגְט אֱלֹהֵי דֶער גָאט פוּן דִי יִשְׂרָאֵל שִׂימוּ טוּט אִיטְלִיכֶר מֶענְשׁ זַיין שְׁוֶוערְד עַל יְרֵכוֹ אוֹיף זַיין דִיךְ עִבְרוּ פָארְט אִיבֶּר וָשׁוּבוּ אוּנ קֶערְט ווִידֶער מִשַּׁעַר פוּן אֵיין טוֹיער צוּם אַנְדֶרֶן טוֹיער בַּמַּחֲנֶה אִין דֶר מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל וְהִרְגוּ אוּנ הַרְגִית אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ זַיין בְּרוּדֶער וָואס אִיז פוּן מוּטֶער זַייט אוּנ אִיז אַיִשְׂרָאֵל וְאִישׁ אוּנ אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ זַיין גְזֶעלֶן וְאִישׁ אוּנ אִיטְלִיכֶר מֶענְשׁ זַיין קָרוֹב וָוס הָאבֶּן דָס עֵגֶל גְדִינְט: (כח) וַיַּעֲשׂוּ אוּנ דִי קִינְדֶר פוּן לֵוִי הָאבִּין גִיטָאהֶן כִּדְבַר אַזוֹי וִויא מֹשֶׁה הָאט צוּא זֵייא גִירֶעט וַיִּפֹּל אוּנ עֶס אִיז גִיפַאלֶען פוּן דֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם אִין דֶעם דָאזִיגֶען טָאג כִּשְׁלֹשֶׁת אֵיין עֶרֶךְ פוּן דְרַייא טוֹזִינְט מֶענְשֶׁען: (כט) וַיֹּאמֶר אוּנ מֹשֶׁה הָאט צוּא זֵייא גִיזָאגְט מִלְאוּ אִיר הָט דֶר פִילְט הַיינְטִיגֶן טָאג אַיעֶרִי הֶעְנְט [ע"פ"י]

אִישׁ בִּבְנוֹ וּבְאָחִיו וְלָתֵת עֲלֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה׃ ל וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־הָעָם אַתֶּם חֲטָאתֶם חֲטָאָה גְדֹלָה וְעַתָּה אֶעֱלֶה אֶל־יְהוָה אוּלַי אֲכַפְּרָה בְּעַד חַטַּאתְכֶם׃

לא וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה וַיֹּאמַר אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה וַיַּעֲשׂוּ

אונקלוס

יוֹמָא דֵין קֳדָם יְיָ אֲרֵי גְבַר בִּבְרֵהּ וּבַאֲחוּהִי וּלְאַיְתָאָה עֲלֵיכוֹן יוֹמָא דֵין בִּרְכָן׃ ל וַהֲוָה בְּיוֹמָא דְבַתְרוֹהִי וַאֲמַר מֹשֶׁה לְעַמָּא אַתּוּן חַבְתּוּן חוֹבָא רַבָּא וּכְעַן אֶסַּק קֳדָם יְיָ מָאִים אֲכַפַּר עַל חוֹבֵיכוֹן׃ לא וְתָב מֹשֶׁה לִקְדָם יְיָ וַאֲמַר בְּבָעוּ חָב עַמָּא הָדֵין חוֹבָא רַבָּא וַעֲבָדוּ לְהוֹן

תו"א אנה חטא יומא פו ערכין טו: ויעשו להם יומא פו:

בעל הטורים

(ל) אכפרה. ב' במס' דין ואידך אכפרה פניו במנחה וזהו שאמרו לעולם יהא אדם זהיר בתפלת המנחה. אכפרה בעד חטאתכם להתפלל עליכם מתי אכפרה פניו במנחה:

בית יהודא

תִּתְחַנְּכוּ לִהְיוֹת כֹּהֲנִים לַמָּקוֹם) מיט די זאך וועט איר בעניית ווערן צו זיין כהנים צו הקב"ה: וכי אישו. (כִּבְּם יְמַלֵּא יָדוֹ בִּבְנוֹ וּבְאָחִיו) יעדער מענטש פון אייך וועט ערפילען זיין האנט צו ווערן היילוג ווייל ער וועט הרגנען אפילו זיין זוהן אונ זיין ברודער וואס האבן געדינט צום עגל: (ל) וַאֲכַפְּרָה בְּעַד חַטַּאתְכֶם) . משה הט געזאגט צו די יודען (אָשִׂים כֹּפֶר וְקִנּוּחַ וּסְתִימָה לְנֶגֶד חַטַּאתְכֶם) איך וועל טאן

רש"י

(זבחים קטו): כי איש. מכם ימלא ידו ש בבנו ובאחיו: (ל) אכפרה בעד חטאתכם. אשים כופר וקנוח וסתימה

שפתי חכמים

והקריבו קרבן לעכו"ם הרגו אותם ואתם תהיו תחתם כהנים למקום ואמר תתחנכו כי מלוי יד מורה על החינוך כשנכנס לדבר להיות מוחזק מאותו יום והלאה כדפירש"י לעיל בפ' תרומה: ש ואע"פ שלא הוזכר בהריגה רק אחיו וקרובו ורעהו מישראל אמר בנו לרבותא שאפי'

דעת זקנים מבעלי התוספות

דבקו בה': (כט) ולתת עליכם היום ברכה. ומכאן זכו בני

ליקוטי יוסף

(לא) אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדוֹלָה. דער תורת אמת שרייבט ווי געשיקט זיך דם אז משה רבינו וס ער ווערט אן גערופן (רַעְיָא מְהֵימְנָא) דם איז טייטש דר באגלייבטר פאסטך כלומר וס ער הט די ישראל געפירט באמונה אונ איז געגאנגן צו גאט ברוך הוא פר זיי בעטין אז ער זאל זיי מוחל זיין זאל ער כא ן דם גישעפט פון דעם חטא אזו גרוס אין גאטס אויגען אדרבא ער הט דעם חטא געדארפט צו נישט מאכן אונ זאגן צו גאט וואס הארט דיך דאס וואס זייא האבען זיך געמאכט איין גילדענעם גאט וס קאן דען חלילה שאטין אקעגן דיין גרויסקייט אונ אקעגין דיין כבוד. נאר די זאך איז אזו ווארום באמת דר מענטש זאל וועלען באקלערין אז עס איז ניט דא קיין גרעסערר עונש ביי דעם וס ער זינדיגט אקעגין גאט ברוך הוא ווייא דיא עבירה אליין אזו וויא אונזערע חכמים שרייבן (שְׂכַר עֲבֵירָה עֲבֵירָה) דם געצאלטס פון דר עבירה איז טאקע די עבירה אליין

פירוש לתורת אלהים

צוא זיין כהנים צוא גאט כי איש ווארום איטליבער מענטש פון אייך האט דער פילט זיין האנט צוא הרגינין בבנו אין זיין שטיף זוהן ובאחיו אונ אין זיין שטיף ברודר ולתת אונ דארך דעם וועט גאט אויף אייך היינטיגען טאג געבען ברכה איין בענטשונג: (ל) ויהי עס איז גוועזן ממחרת פון מארגען פריא ויאמר אונ משה האט גיזאגט צום פאלק ישראל אתם איר האט גיזינדיגט חטאה אגרויסי זינד ועתה אונ אצונד אעלה איך וועל אויף גיין צוא גאט אולי טאמר וועל איך טאהן איין אום לייזונג אדר איין אפ ווישונג בעד קעגען אייערי זינד: (לא) וישב משה אל יי אונ משה הט זיך ווידער גקערט צו גאט ויאמר אונ הט גזאגט אנא איך בעט דיך חטא דאס פאלק האט גיזינדיגט חטאה אגרויסי זינד ויעשו אונ זייא ה[illegible] אבן

משלי יהודא

(לא) אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדוֹלָה. אז יודען האבן גימאכט דם עגל הט משה גיזאגט צו גאט איך בעט דיך דיין פאלק הט שטארק געזינדיגט. עס איז א שטארקע קשיא אוף משה רבינו ער קומט בעטין פר די יודן אונ רעט נאך אוף זיי שלעכטס, דער מדרש זאגט גאט איז קיין מאל ניט אין כעס אוף די יודען אפילו ווען ער איז אין כעס איז דר כעס נאר לפנים אבער אין אמת איז ער ניט אין כעס, עס איז א משל א מלך הט געשיקט זיין קנעכט אזילבערנע כלי אמתנה נאר עס איז ניט גיוועזן קיין גוט זילבער אונ דר קנעכט הט זיך גישעמט צו זאגן דעם מלך אז עס איז ניט קיין גוט זילבר הט דר קנעכט קלוגר גטוען אונ זאגט צום מלך איך וויל ניט די כלי אומזיסט איך וועל דיר צאלן פר דר כלי איז גיגאנגען דער קנעכט אונ האט גיבראכט רענדלך פר דר כלי וויפיל זיא הט דיא ווערט אונ צווישן די רענדלך הט ער אריין געלייגט איין שלעכט רענדיל זאגט דר מלך צו דעם קנעכט ווי קומט איין שלעכט רענדיל צווישן די רענדליך ענפערט אים דר קנעכט ביי מיין לעבין אז דם רענדיל איז פונקט ווי דער כלי. דער נמשל איז משה הט גיזעהן אז גאט איז אויף די יודן אין כעס אונ הט געוויסט אז ער איז נאר לפנים הט זיך משה מישב גיוועזן ער זאל זאגען צו גאט אז דר כעס איז נאר לפנים איז ניט קיין דרך ארץ איז ער געקומן צוא גאט אונ הט

לָהֶם אֱלֹהֵי זָהָב׃ לב וְעַתָּה אִם־תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם־אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ׃ לג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה מִי אֲשֶׁר חָטָא־לִי אֶמְחֶנּוּ

אונקלוס

דַּחֲלָן דִּדְהָב׃ לב וּכְעַן אִם שַׁבְקַת לְחוֹבֵיהוֹן וְאִם לָא מְחֵינִי כְעַן מִסִּפְרָךְ דִּי כְתַבְתָּא׃ לג וַאֲמַר יְיָ לְמֹשֶׁה מַן דִּי חַב קֳדָמַי אֶמְחֵנֵּהּ מִסִּפְרִי׃

תו"א ואם אין מחני ברכות לב ראש השנה יו סוטה יד׃

רשב"ם

(לב) מספרך. ספר חיים: אשר כתבת. כדכתיב כל הכתוב לחיים בירושלים:

רש"י

לנגד התשמישים להבדיל ביניכם ובין החטא: (לא) אלהי זהב. (ברכות לב יומא פו) אתה הוא שגרמת להם שהשפעת להם זהב וכל חפצם מה יעשו שלא יחטאו. משל למלך שהיה מאכיל ומשקה את בנו ומקשטו ותולה לו כיס בצוארו ומעמידו בפתח בית זונות מה יעשה הבן שלא יחטא: (לב) ועתה אם תשא חטאתם. הרי טוב איני אומר לך מחני. ואם אין מחני וזה מקרא קצר וכן הרבה: מספרך. (ברכות לב) מכל התורה כולה שלא יאמרו עלי שלא הייתי

בית יהודא

אַ אָפְּזוּוִישׁוּנְג אוּנ אַפַּארְמַאכוּנְג גֶעגֶן אַייֶערֶע זִינְד (לְהַבְדִּיל בֵּינֵיכֶם וּבֵין הַחֵטְא) עֶס זָאל אָפְּשֵׁיידֶען צְווִישֶׁן אַייךְ אוּנ אַייֶער זִינְד: (לא) וֶאֱלֹהֵי זָהָב. משֶׁה הָט גֶעזָאגְט צוּ הקב"ה (אַתָּה הוּא שֶׁגָּרַמְתָּ לָהֶם) דוּ הָאסְט גֶעבְּרֵיינְגְט דִי יוּדֶען צוּ דִי זִינְד זֵיי זָאלֶען מַאכְן דֶעם עֵגֶל (שֶׁהִשְׁפַּעְתָּ לָהֶם זָהָב וְכָל חֶפְצָם) וַוייל דוּ הָאסְט זֵיי גֶעגֶעבֶן פִיל גָאלְד אוּנ אַלְץ וָואס זֵיי הָאבֶּן גֶעוָואלְט (מַה יַּעֲשׂוּ שֶׁלֹּא יֶחֶטְאוּ) וָואס זָאלֶן זֵיי טָאן זֵייזָאלֶן נִיט זִינְדִיגֶען (מָשָׁל לְמֶלֶךְ שֶׁהָיָה מַאֲכִיל וּמַשְׁקֶה אֶת בְּנוֹ וּמְקַשְּׁטוֹ) לְמָשָׁל אַמֶלֶךְ הָט גֶעהַאט אַזוּהְן, עֶר הָט דֶעם זוּהְן גֶעגֶעבֶן גוּט עֶסֶן אוּנ גוּט טְרִינְקֶען אוּנ טַייֶערֶע קְלֵיידֶער (וְתוֹלֶה לוֹ כִּיס בְּצַוָּארוֹ) אוּנ עֶר הָאט אִים אָנְגֶעטָאן אַבֵּייטִיל גֶעלְט אוֹיף זַיין הַאלְדז (וּמַעֲמִידוֹ בְּפֶתַח בֵּית זוֹנוֹת) אוּנ עֶר הָט אִים גֶעשְׁטֶעלְט (גֶעגֶעבֶן אַוואהְנוּנְג) נֶעבֶן דִי שְׁטוּבִּין וואוּ זוֹנוֹת וואהְנֶען (מַה יַּעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחֱטָא) וָואס הָט גֶעקֶענְט טָאן דֶער זוּהְן אַעֵצָה עֶר זָאל נִיט זִינְדִיגֶען, גֶעווִיס הָאט עֶר מְזַנֶּה גֶעוֶוען מִיט דִיא זוֹנוֹת: (לב) משֶׁה הָט גֶעזָאגְט צוּ הקב"ה (וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם) אוּנ אִיצְט וֶועט אַזוֹי זַיין, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט שֵׁיינְקֶען דִי יוּדֶען זֵייעֶר זִינְד (הֲרֵי טוֹב) אִיז גוּט (אֵינִי אוֹמֵר לְךָ מְחֵנִי) וֶועל אִיךְ נִיט זָאגֶן צוּ דִיר דוּא זָאלְסְט מִיךְ אָפְּמֶעקֶען (וְאִם אַיִן מְחֵנִי) אוּנ אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זֵיי נִיט שֵׁיינְקֶען זֵייעֶר זִינְד, מֶעק מִיךְ אָפּ פוּן דַיין סֵפֶר וָוס דוּ הָאסְט גֶעשְׁרִיבֶּען, זָאגְט רש"י (וְזֶה מִקְרָא קָצָר) דָאס אִיז אַקוּרְצֶער פָּסוּק (וְכֵן הַרְבֵּה) אוּנ אַזוֹי זֶענֶען דָא פִיל פְּסוּקִים קוּרְצֶע: וּמִסִּפְרְךָ. פוּן דַיין סֵפֶר מֵיינְט מֶען (מִכָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ) פוּן דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה (שֶׁלֹּא יֹאמְרוּ עָלַי שֶׁלֹּא הָיִיתִי כְּדַאי לְבַקֵּשׁ עֲלֵיהֶם רַחֲמִים) יוּדֶען זָאלֶן נִיט זָאגֶען אוֹיף מִיר אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט גֶעוֶועז צוּ בֶּעטֶען

דעת זקנים מבעלי התוספות

לוי שברכן משה בזאת הברכה אע"פ שלא ברכן יעקב וגם בני ראובן ברכן לפי שקיימו ברכתו [צוואתו] לעבור חלוצים לפני אחיהם: (לב) מחני נא. פירש"י מכל התורה. ותימא שעדיין לא נכתבה תורה ופירש רשב"ם מספרך זה ספר החיים שאדם נכתב בו בר"ה והכי אמרי' בר"ה מספרך אלו הבינונים אשר כתבת אלו הצדיקים. ד"א אם אין אתה מוחל להם א"כ היאך תמחול על ספרך אשר שברתי אם תמחול לי מחול להם כי אין משוא פנים בדבר והשיב לו הקב"ה מי אשר חטא לי וגו' כלומר הם גרמו לך והפשיעה שלהם היא אבל אתה כדין עשית שהם לא היו ראויין לקבל הלוחות ומ"מ הוא נמחק מכל פרשת ואתה תצוה שאין משה נזכר בה לפי שקללת חכם אפילו על תנאי היא באה:

שפתי חכמים

אם היה בנו היה הורגו לקדושת השם: ת פי' דרש"י סבר כל בעד שבמקרא פירושו נגד וכאן אין נופל ל' נגד לכ"פ דהאי אכפרה קאי ול' כפרה אלא ל' קנוח וסתימה. וא"כ שפיר נופל בו ל' נגד: א דק"ל למה אמר משה אלהי זהב ולא אמר אלהי סתם אלא כך היה כוונתו אתה הוא שגרמת להם: ב ואף שלא נתנה התורה ככר כ' משה מכראשית עד

פירוש לתורת אלהים

(ט) (אם המלך טוב יכתב לאבדם) אויב דר קעניג שטימט איין זאל מען הייסן שרייבן די אידן צו פערלירען דער אלשיך שרייבט המן איז געווען זייער קלוג האט ער בכיון געזאגט לאבדם, דער ווארט לאבד קען געטייטשט ווערן מאכן פערלירען זייער פערמעגען, ד"ה מען זאל זיי באבירן, מאכן פאר ארימע לייט, אונ לאבד קען מען טייטשן פערניכטען, אומברייגגן פון דר וועלט. ער האט געוואלט זעהען וואס אחשורוש וועט זאגן אונ דאן הט ער גערעכענט אוב אחשורוש וועט מסכים זיין זייא זאלען פערלירען דעם פערמעגן וועט ער שון אין די בריף אומדרייען די כוונה אויף זייער לעבען. דער בעל חרושי רב"ץ זאגט המן הט זיך פערשטעלט פאר א אידישען בעל טובה, ער הט געזאגט, די אידען לידען דר פאר וואס זייא זייגען אפגעזונדערט פון אלע פעלקר מאן ברויך זייא מאכען פערלירען צווישען די פעלקר, ד"ה מאן ברויך מאכן פארלירען דעם נאמן איד (ישראל), אונ דאן וועט זייא גוט זיין, אונ אזוי וויא דאס פאדערט אסך געלט צו קאסטן דען מאן ברויך צאהלן געלט די מענטשן וואס וועלן זיי אנרייזן צו דעם וועל איך דאס געבן. (ועשרת אלפים ככר כסף) אונ צעהן טויזענט צענטנער זילבער. דר רבנו בחיי שרייבט המן הרשע הט געגעבען פר יעדען אידען זיין העכסטן ווערטה אונ וויפיל איז עס? 50 שקלים (עיין ערכין):

פירוש ע"ט

איז אנדערש פון אלע פעלקר ואת דתי און דעם קעניגס געזעצן ערפילן זיי ניט ולמלך אונ פר דעם קעניג לוינט ניט ער זאל זיי אזוי לאזן: (ט) אם על המלך אויב דר קעניג וועט איינשטימן וואלט איך גזאגט אז ער זאל באפעהלן זיי צו פארניכטן אונ דערפאר וועל איך צעהן טויזענט צענטער זילבער אפוועגן צו די וואס פערפערטיגן דאס געלד להביא אונ דם געלט זאל אריין אין קעניגליכע קאסע: (י) ויסר הט דר קעניג אראפגענומן פון האנט זיין זיגעל רונג ויתנה אונ הט אים דערלאנגט המן'ען: (יא) ויאמר אונ הט אים אזוי גזאגט דם געלט שייגק איך דיר אונ מיט דם פאלק קענסטו טהון וואס דיר געפעלט: (יב) ויקראו אונ עס זיינען גרופן גווארן די קעניגליכע געהיים שרייבערס אין דעם דריי־צעהנטן טאג ניסן ויכתב אונ מען הט גשריבן ווי המן הט באפוילן צו אלע גענעראל־גובערנאטארן אונ גובערנאטארן וואס געפינען זיך אין יעדער פראווינץ אונ צו די שטאטהאלטר פון יעדר פאלק צו יעדעס לאנד אין איהר שריפט אונ צו יעדער

גאציאן אין איהר שפראך בשם אין קעניגס נאמן אחשורוש איז עס גשריבן גווארן אונ מיט דעם קעניגליכן זיגל איז עס גווען גחתמת: (יג) ונשלוח אונ דער באפעל זאל געשיקט ווערען דורך דיא קוריערן אין אלע לענדער וואס געהערן צום קעניג להשמיד אז מאן זאל געגצליך פערניכטן די יודען, יונג, אונ אלט, פרויען אונ קליינע קינדער אלעמן אין איין טאג בשלשה עשר אין דעם דרייצעהנטן טאג אדר ושללם לבוז אונ זייער פארמעגן זאל מען צו רויבן: (יד) פתשגן הכתב אונ קאפיעס פון דעם

פנינים יקרים

זיך דר פריים, אוך דר מזל פון אדר איז דגים פיש, הט ער אזוי געזאגט אזוי ווי פיש שלינגן איין אלץ וואס קומט זיי אין מויל אזוי וועל איך זיי איינשלינגן, גאט הט אבר געזאגט אזוי ווי עס איז דא פיש וואס שלינגן איין אונ פיש וואס ווערן איינגעשלונגען, אזוי וועסטו זיין פון די פיש וואס ווערען איינגעשלונגען:

ליום הזה: טו הרצים יצאו דחופים בדבר המלך והדת נתנה בשושן הבירה
והמלך והמן ישבו לשתות והעיר שושן נבוכה: ס ד א ומרדכי ידע את־כל־
אשר נעשה ויקרע מרדכי את־בגדיו וילבש שק ואפר ויצא בתוך
העיר ויזעק זעקה גדולה ומרה: ב ויבוא עד לפני שער־המלך כי אין
לבוא אל־שער המלך בלבוש שק: ג ובכל־מדינה ומדינה מקום אשר דבר־
המלך ודתו מגיע אבל גדול ליהודים וצום ובכי ומספד שק ואפר יצע לרבים:
ד ותבואינה ותבואנה קרי נערות אסתר וסריסיה ויגידו לה ותתחלחל המלכה מאד
ותשלח בגדים להלביש את־מרדכי ולהסיר שקו מעליו ולא קבל: ה ותקרא
אסתר להתך מסריסי המלך אשר העמיד לפניה ותצוהו על־מרדכי לדעת מה־
זה ועל־מה־זה: ו ויצא התך אל־מרדכי אל־רחוב העיר אשר לפני שער־המלך:
ז ויגד־לו מרדכי את כל־אשר קרהו ואת | פרשת הכסף אשר אמר המן לשקול
על־גנזי המלך ביהודים ביהודיים יתיר י לאבדם: ח ואת־פתשגן כתב־הדת אשר־נתן בשושן
להשמידם נתן לו להראות את־אסתר ולהגיד לה ולצוות עליה לבוא אל־המלך
להתחנן־לו ולבקש מלפניו על־עמה: ט ויבוא התך ויגד לאסתר את דברי מרדכי:

תו"א ומרדכי ידע את כל אשר נעשה. מגילה טו: כי אין לבא אל שער המלך בלבוש שק. ברכות שם: ותתחלחל המלכה מאד. מגילה טו סוטה כ נדה עח: ותקרא אסתר להתך. מגילה טו בתרא ד:

רש"י

להנתן חוק גזרת המלך: גלוי לכל העמים. דבר זה: (טו) והדת נתנה בשושן. מקום שהיה המלך שם ניתן ו החוק כן ביום להיות עתידים ליום י"ג לחדש אדר לכך. והעיר שושן נבוכה. ז היהודים שבה: (א) ומרדכי ידע. בעל החלום אמר לו שהסכימו העליונים על כך לפי שהשתחוו לצלם בימי נבוכדנצר ושנהנו ח מסעודת אחשורוש: (ב) כי אין לבוא. אין דרך ארץ לבוא אל שער המלך בלבוש שק: (ג) דבר המלך ודתו. כשהשלוחים נושאי הספרים עוברים שם נתנה הדת בעיר: (ז) פרשת הכסף

שפתי חכמים

ומכאן ראיה מגזרת אם נלחום כו': ו דק"ל הרי בכל מדינה ניתן הדת ולמה אמר בשושן. לכ"פ מקום שהמלך כו': ז דק"ל היאך העיר שהיא עלים והכנים נבוכה. לכ"פ היהודים שבה: ח אף ע"ג דתרי

פירוש ע"ט

אוקז זאל פערעפענטליך ווערן פיר אלע אונטער־טהאנן פון אלע לענדער להיות אז זיי זאלן זיין גרייט צוא דיזער צייט: (טו) הרצים דיא קוריערן זיינען איילענדיג פאנאנדער גלאפן מיט'ן קעניגליכן אוקאז והדת און דער זעלבער באפעל איז שוין אין שושן אויך געגעבן געווארן והמלך דער קעניג מיט המן'ען האבן זיך געזעצט טרינקען אבער די יודן פון שושן זיינען צוטומעלט געווארן:

(א) ומרדכי אז מרדכי הט ערפאהרן וואס עס איז געשעהן, הט ער צוריסן זיינע קליידער וילבש הט זיך אנגעטהאן אזאק, און זיך באשאטן מיט אש, און איז ארויס אין שטאט און הט ביטער געשריען: (ב) ויבא און איז ער געקומען ביז פאר'ן קייזערליכן הויף כי דען עס וואהר פערבאטן אריינצוקומען אין קעניגליכן הויף איינגעהילט אין אזאק: (ג) ובכל און אזוי וואהר אויך אין אלע לענדער וואו דער קעניג־ליכער אוקאז איז אנגעקומען אבל א גרויסער טרויער ביי די יודן וצום מען האט געפאסט געוויינט און געקלאגט, אין זאק און אש האבען זיך די גרעסטע געוואלגערט: (ד) ותבואנה אסתר'ס קאממער פרויען און איהרע בעדינטע זיינען געקומען און האבן איהר דערציילט אז מרדכי גייט אין אזאק ותתחלחל הט זיך די קעניגין שרעקליך ערשראקן ותשלח און הט גלייך געשיקט קליידער אנצוקליידן מרדכי'ן ולהסיר און מען זאל איהם אויסטאן דעם זאק, אבער מרדכי האט ניט געוואלט אנעמן: (ה) ותקרא האט אסתר גרופן התך'ן וועלכער וואהר איינער פון דיא קעניגליכע בעדינטע וועלכע דער קעניג הט איהר צו בעדינונג געגעבן ותצוהו און הט אים בעפוילען צו דערגיין די אורזאכע ביי מרדכי'ן וואס דאס בעטייט: (ו) ויצא איז התך ארויס צו מרדכי'ן אויף דעם גרויסן פלאטץ וועלכער איז פאר דעם שלאס טהויער: (ז) ויגד הט איהם מרדכי דערציילט וואס עס הט מיט אים געטראפן *) ואת פרשת אויך פון דער בעשטימטע סוממא געלט וואס המן הט פערשפראכן אריין צו טראגן אין די קעניגליכע קאססע אום מען זאל די יודן פערטיליגן: (ח) ואת פתשגן כתב הדת און די קאפיע פון קעניגליכן אוקאז וואס מען האט אויסגעטהיילט אין שושן די יודן צו פערטיליגען הט ער התך'ן געגעבן להראות אום ער זאל דם ווייזן אסתר'ן און איהר אללעס ערציילען ולצוות עליה און איהר בעפעהלען אין זיין נאמען גיין צום קעניג בעטן שוטץ און גנאדע פיר איהר פאלק: (ט) ויבא איז התך צוריק גגאנגן צו אסתר'ן און הט איהר

*) הערה ווי ער הט זיך ניט געוואלט בוקען פר המן'ען, און ווי ער האט זיך פערטהיידיגט דאס ער איז איוד, און ווי צוליב דעם האט המן בעשלאסן אויס צו ראטען אללע יודען (הרלב"ג).

י וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַהֲתָךְ וַתְּצַוֵּהוּ אֶל־מָרְדֳּכָי׃ יא כָּל־עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ וְעַם מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ
יֹדְעִים אֲשֶׁר כָּל־אִישׁ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר־יָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֶל־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית אֲשֶׁר לֹא־
יִקָּרֵא אַחַת דָּתוֹ לְהָמִית לְבַד מֵאֲשֶׁר יוֹשִׁיט־לוֹ הַמֶּלֶךְ אֶת־שַׁרְבִיט הַזָּהָב וְחָיָה וַאֲנִי
לֹא נִקְרֵאתִי לָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ זֶה שְׁלוֹשִׁים יוֹם׃ יב וַיַּגִּידוּ לְמָרְדֳּכָי אֵת דִּבְרֵי אֶסְתֵּר׃
יג וַיֹּאמֶר מָרְדֳּכַי לְהָשִׁיב אֶל־אֶסְתֵּר אַל־תְּדַמִּי בְנַפְשֵׁךְ לְהִמָּלֵט בֵּית־הַמֶּלֶךְ מִכָּל־
הַיְּהוּדִים׃ יד כִּי אִם־הַחֲרֵשׁ תַּחֲרִישִׁי בָּעֵת הַזֹּאת רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם
אַחֵר וְאַתְּ וּבֵית־אָבִיךְ תֹּאבֵדוּ וּמִי יוֹדֵעַ אִם־לְעֵת כָּזֹאת הִגַּעַתְּ לַמַּלְכוּת׃ טו וַתֹּאמֶר
אֶסְתֵּר לְהָשִׁיב אֶל־מָרְדֳּכָי׃ טז לֵךְ כְּנוֹס אֶת־כָּל־הַיְּהוּדִים הַנִּמְצְאִים בְּשׁוּשָׁן וְצוּמוּ
עָלַי וְאַל־תֹּאכְלוּ וְאַל־תִּשְׁתּוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לַיְלָה וָיוֹם גַּם־אֲנִי וְנַעֲרֹתַי אָצוּם כֵּן וּבְכֵן
אָבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר לֹא־כַדָּת וְכַאֲשֶׁר אָבַדְתִּי אָבָדְתִּי׃ יז וַיַּעֲבֹר מָרְדֳּכָי וַיַּעַשׂ כְּכֹל
אֲשֶׁר־צִוְּתָה עָלָיו אֶסְתֵּר׃ ה א וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַתִּלְבַּשׁ אֶסְתֵּר מַלְכוּת וַתַּעֲמֹד
בַּחֲצַר בֵּית־הַמֶּלֶךְ הַפְּנִימִית נֹכַח בֵּית הַמֶּלֶךְ וְהַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא מַלְכוּתוֹ בְּבֵית

תו"א ויגידו למרדכי את דברי אסתר. מגילה טו: לך כנוס את כל היהודים. שם: וצומו עלי וגו' ואל תשתו. יבמות קכא: וכאשר אבדתי אבדתי. מגילה ה: ויעבר מרדכי. שם: ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות. בס"י זוהר פ' חקת: ותעמד בחצר בית המלך הפנימית. מגילה דף טו:

שפתי חכמים

דעית ניסו בפ"ק דמגילה ובמדרש ילקוט כתב רש"י בניסן יחד דס"ל דהא והא גרס כי זולת חטא הצלם לא נגזרה עליהם כלייה כ"כ וזולת חטא הסעודה היה עדיין הס"י מאריך. אפו ובזה נחתם גזר דינ' מלא אופן הגזירה היה בעבור הצלם וחתימת הגזר דין היה בעבור הסעודה וכן הוכיח מהר"ר שלמה אלקבץ בהקדמת ספרו מנות הלוי שכן דעת רשב"י בפ"ק דמגילה: ט פי' עד עכשיו נבעלתי באונס ועכשיו אלך מדעתי: י דק"ל הל"ל ויעש מרדכי כל אשר צותה מהו ויעבור לכ"פ שעבר על דת כו': כ דאל"כ בגדי מלכות מבע"ל. פ"ק

רש"י

פירוש הכסף: (יג) **אל תדמי בנפשך**. אל תחשבי כמו (במדבר לג נו) והיה כאשר דמיתי. אל תדמי בנפשך אל תהי סבורה להמלט ביום ההריג' בבית המלך שאין את רוצה לסכן עצמך עכשיו על הספק לבא אל המלך שלא ברשות: (יד) **ומי יודע אם לעת כזאת הגעת**. ומי יודע אם יחפוץ בך המלך לשנה הבאה שהוא זמן ההריגה: **לעת כזאת**. שהוא היה עומד בניסן וזמן ההריג' באדר לשנ' הבאה: **הגעת למלכות**. אם תגיעי לגדול' שאת בה עכשיו: (טז) **אשר לא כדת**. שאין דת ליכנס אשר לא יקרא. ומדרש אגדה אשר לא כדת שעד עתה באונס ט ועכשיו ברצון: **וכאשר אבדתי אבדתי**. וכאשר התחלתי לילך לאבוד אלך ואמות. ומ"א כאשר אבדתי מבית אבא אובד ממך שמעכשיו שאני ברצון נבעלת לעכו"ם אני אסורה לך: (יז) **ויעבר מרדכי**. על דת להתענות י ביום טוב ראשון של פסח שהתענה י"ד בניסן וט"ו וט"ז שהרי ביום י"ג נכתבו הספרים: (א) **מלכות**. בגדי מלכות ורבותינו אמרו שלבשתה כ רוח הקודש כמה דאת אמר (דברי הימים א יב יח) ורוח לבשה את עמשי:

פירוש ע"ט

איבערגעגעבען מרדכי'ס ווערטער: (י) ותאמר האט אסתר געזאגט התך'ן ותצוהו ער זאל איבערגעבען מרדכי'ן: (יא) כל עבדי המלך אלע קעניגליכע דינער און אלע אונטערטהאנען וויסען אשר דאס דר יעניגער, מאן אדער פרוי, וועלכער וואגט אריין צו גיין צום קעניג אין זיין אינעווייניגסטען הויף אונגערופען אחת מוז ער לויט דעם אלגעמיינעם געזעטץ שטארבען לבד אויסגענומען אז דר קעניג דערלאנגט אים זיין גאלדענע רוט דאן בלייבט ער לעבען ואני און איך בין שוין ניט גערופען געווארען צום קעניג צוויי דרייסיג טעג: (יב) ויגידו אלס מאן האט אסתר'ס אנטווארט איבערגעגעבען מרדכי'ן: (יג) ויאמר האט מרדכי געהייסען אסתר'ן זאגען אל תדמי זאלסט זיך ניט איינבילדען אז אין קעניגליכען פאלאץ וועסט דו פון געפאהר געראטעט ווערען איינע פון אלע יודען: (יד) כי דען ווען דו וועסט יעצט שווייגען און ניט בעטען דעם קעניג רוח והצלה וועלען די אידען בעקומען הילף און רעטונג פון איין אנדער קוועלע ואת אבער דו ווייל דו האסט ניט געבעטען און דיין פאטערס פאמיליע וואס צו ליב זיי איז געווארען די צרה וועלען געוויס פערלארען גיין ומי יודע און ווער ווייס? פילייכט ביזטו קעניגין געווארען נור צו ליב דיזער צייט צו העלפען די יודען: (טו) ותאמר האט אסתר בעפוילען איבערצוגעבען מרדכי'ן: (טז) לך כנוס גיי פערזאמעל אלע יודען וואס געפינען זיך אין שושן און פאסט פון מיינעט וועגען ואל תאכלו און איהר זאלט ניט עסען און טרינקען ביז דריי טעג, ניט ביי טאג, ניט ביי נאכט, און איך און מיינע יונג־פרויען וועל אויך פאסטען ובכן און דאן וועל איך קומען צום קעניג אונגעזעטצליך וכאשר און ווען איך בין פערלארען, וועל איך פערלארען זיין: (יז) ויעבור איז מרדכי ארום געגאנגען די גאנצע שטאדט און האט געזעהען עס זאל געטהאן ווערען וויא אסתר האט אנגעזאגט:

(א) ויהי אז עס איז געקומען דער דריטער טאג האט זיך אסתר קעניגליך אנגעטהאן ותעמוד און האט זיך געשטעלט אין די אינעווייניגסטע גאלעריע*) פון קעניגליכען שלאס נוכח געגענאיבער דעם קעניגס וואהנצימער והמלך און דער קעניג איז גראדע געזעסען אין אוידיענץ זאל אויף זיין קעניגליכען טראהן

*) **הערה** אין יעדער קעניגליכען שלאס איז דא אויסענווייניגסטע גאלערען, דיזע הערען גירופען חצר און אינעווייניגסטע גאלעריען וועלכע הערען גירופען חצר הפנימי: (א"מ)

המלכות נכח פתח הבית: ב ויהי כראות המלך את־אסתר המלכה עמדת בחצר
נשאה חן בעיניו ויושט המלך לאסתר את־שרביט הזהב אשר בידו ותקרב
אסתר ותגע בראש השרביט: ג ויאמר לה המלך מה־לך אסתר המלכה ומה־
בקשתך עד־חצי המלכות וינתן לך: ד ותאמר אסתר אם־על־המלך טוב יבוא
המלך והמן היום אל־המשתה אשר־עשיתי לו: ה ויאמר המלך מהרו את־המן
לעשות את־דבר אסתר ויבא המלך והמן אל־המשתה אשר־עשתה אסתר:
ו ויאמר המלך לאסתר במשתה היין מה־שאלתך וינתן לך ומה־בקשתך עד־
חצי המלכות ותעש: ז ותען אסתר ותאמר שאלתי ובקשתי: ח אם־מצאתי חן
בעיני המלך ואם־על־המלך טוב לתת את־שאלתי ולעשות את־בקשתי יבוא המלך
והמן אל־המשתה אשר אעשה להם ומחר אעשה כדבר המלך: ט ויצא המן
ביום ההוא שמח וטוב לב וכראות המן את־מרדכי בשער המלך ולא־קם ולא־
זע ממנו וימלא המן על־מרדכי חמה: י ויתאפק המן ויבוא אל־ביתו וישלח ויבא
את־אהביו ואת־זרש אשתו: יא ויספר להם המן את־כבוד עשרו ורב בניו ואת

ת"א ויהי כראות המלך את אסתר המלכה. שם: ויאמר לה המלך מה לך. שם: יבא המלך והמן. שם: ויספר להם המן, שם:

סחצי הספר בפסוקים

רש"י

(ג) עד חצי המלכות. דבר שהוא באמצע ובחצי המלכות הוא בית המקדש שהתחילו לבנותו בימי כורש וחזר בו וצוה לבטל המלאכ' ואחשורוש שעמד אחריו גם הוא ביטל המלאכה ופשוטו של מקרא אף אם תשאלי ממני חצי המלכות אתן לך: (ד) יבוא המלך והמן. רבותינו אמרו טעמים הרבה בדבר מה ראתה אסתר שזימנה את המן כדי לקנאו במלך ובשרים שהמלך יחשוב שהוא חושק אליה ויהרגנו ועוד טעמים רבים: (ה) אל המשתה. כל סעודה נקראת על שם היין שהוא עיקר: (ח) ומחר אעשה כדבר המלך. מה שבקשת ממני כל הימים לגלות לך את עמי ואת מולדתי: (י) ויתאפק. נתחזק לעמוד על כעסו כי היה ירא להכנס בלא רשות. ויתאפק אישטני"ר בלע"ז:

משלי חכמים

ה (י) (ויתאפק המן ויבא אל ביתו) דער מחבר פון כבוד חכמים פרעגט וואס דערציילט מיר דער פסוק אז ער הט זיך איינגעהאלטן אונ איז אהיים געגאנגן נוייזט אום אז ער וואלט זיך ניט איינגעהאלטן וואלט ער

פירוש ע"ט

אנטקעגן איינגאנג פון דער גאלעריע: (ב) ויהי ווי דר קעניג הט די קעניגן אסתר דערזעהן שטיין אין פארזאלע נשאה האט זיא גקראגן חן אין זיינע אויגן אונ ער הט איהר די גאלדענע רוט דער־לאנגט וועלכע ער הט געהאלטן אין האנד ותקרב איז אסתר צוגעגאנגן אונ הט בעריהרט די שפיץ רוט: (ג) ויאמר הט דר קעניג געפרעגט מה לך וואס איז דיר, קעניגן אסתר? אין וואס בעשטייט דיין פערלאנג עד חצי המלכות זאגאר ווען דו ווענסט א האלבע קעניגרייך פערלאנגן וועט עס דיר אויך געגעבן ווערן: (ד) ותאמר האט אסתר געזאגט, ווען דר קעניג וועט זא גוט זיין יבא זאל ער היינט קומן צוזאמען מיט המן'ן צום מאהל צייט וואס איך האב היינט געמאכט פון זיינעט וועגן: (ה) ויאמר הט דער קעניג געזאגט, זאל מאן שנעל היסען המן'ען ערפילן אסתר'ס וואונש ויבא אונ דער קעניג מיט המן'ען זיינען געקומן צום מאהלצייט וואס אסתר הט געמאכט: (ו) ויאמר ביי די וויין הט דער קעניג ווידער געזאגט צו אסתר'ן מה שאלתך אין וואס באשטייט דיין פערלאנג, עס זאל ערפילט ווערן ומה אונ אין וואס באשטייט דיין ביטע ווען דוא פערלאנגסט א האלבע קעניגרייך, זאל מאן דיר עס געבן: (ז) ותען הט אסתר געענטפערט דו ווילסט וויסען מיינע פאדערונגן: (ח) אם אויב איך האב גפונן גונסט ביין קעניג אונ ווען דר קעניג איז אזוי גוט נאכצוגעבן מיין וואונש אונ צו ערפילען מיין פערלאנג יבא זאל דר קעניג מארגן אויך קומן מיט המן'ען צו דעם מאהלצייט וואס איך וועל פיר אייך צו גרייטן ומחר אונ מארגן וועל איך ערפילן דעם קעניגליכן באפעל צו זאגן אין וואס בעשטייט מיין ביטע: (ט) ויצא המן איז אין יענעם טאג ארויס גגאנגן פרייליך אונ פארגעניגט וכראות נאהר ווי המן הט דר זעהן אין קעניגליכן טהויער מרדכי'ן וועלכער איז פאר אים ניט אויפגעשטאנען אונ זאגאר זיך ניט אריק געטהאן וימלא איז ער אויף מרדכי'ן פול גווארן מיט וואוטה: (י) ויתאפק נור ער האט זיך איינגעהאלטן ביז ער איז צו הויזע גגאנגן וישלח אונ דאן הט ער געשיקט רופן אלע זיינע פריינדע אונ אויך זיין פרוי זרש: (יא) ויספר אונ המן הט זיי דערציילט *) ווי רייך ער איז אונ וויפיל קינדער ער הט ואת כל אונ ווי דר קעניג הט איהם גרויס געמאכט אונ ווי ער הט אים דעם ערשטען ראנג

*) הערה איינענטליך איז ניט צו פערשטיין וואס עס שטייט ער האט זיינע גוטע פריינד אונ זיין פרוי דער ציילט וויפיל קינדער ער האט, ווייס דען זיין פרוי ניט וויפיל קינדער ער האט? דערפאר טייטשט דער רלב"ג דעם ווארט „ויספר" ער האט זיי אויסגערעכנט וואס פאר אגרויסע שטעלען זיינע קינדער פערנעמען אין קעניגרייך. [א"ם]

כל־אשר גדלו המלך ואת אשר נשאו על־השרים ועבדי המלך: יב ויאמר המן
אף לא־הביאה אסתר המלכה עם־המלך אל־המשתה אשר־עשתה כי אם־אותי
וגם־למחר אני קרוא־לה עם־המלך: יג וכל־זה איננו שוה לי בכל־עת אשר אני
ראה את־מרדכי היהודי יושב בשער המלך: יד ותאמר לו זרש אשתו וכל־אהביו
יעשו־עץ גבה חמשים אמה ובבקר | אמר למלך ויתלו את־מרדכי עליו ובא עם־
המלך אל־המשתה שמח וייטב הדבר לפני המן ויעש העץ: ס ו א בלילה ההוא
נדדה שנת המלך ויאמר להביא את־ספר הזכרנות דברי הימים ויהיו נקראים לפני
המלך: ב וימצא כתוב אשר הגיד מרדכי על־בגתנא ותרש שני סריסי המלך
משמרי הסף אשר בקשו לשלח יד במלך אחשורוש: ג ויאמר המלך מה־נעשה
יקר וגדולה למרדכי על־זה ויאמרו נערי המלך משרתיו לא־נעשה עמו דבר:
ד ויאמר המלך מי בחצר והמן בא לחצר בית־המלך החיצונה לאמר למלך
לתלות את־מרדכי על־העץ אשר־הכין לו: ה ויאמרו נערי המלך אליו הנה
המן עמד בחצר ויאמר המלך יבוא: ו ויבוא המן ויאמר לו המלך מה־לעשות

תו"א אף לא הביאה אסתר. זוהר פ' תלוה: וכל זה איננו שוה לי מגילה טו: בלילה ההוא נדדה שנת המלך. שם יט: ויאמר להביא את ספר הזכרונות. מגילה טו: לא נעשה עמו דבר. שם טז: הכין לו. שם:

רש"י

(יג) איננו שוה לי. אינני חש לכל הכבוד אשר לי: בכל עת וגו'. אמרו רבותינו שהיה מראה לו שטר שמכר עצמו לעבד על חוסר מזונות כשנתמנו ראשי גייסות מרדכי והמן במלחמה אחת: (א) נדדה שנת המלך. של נס היה. ויש אומרים שם את לבו על שזימנה אסתר את המן שמא נתנה עיניה בו ויהרגהו: להביא את ספר הזכרונות. דרך המלכים כשאינן נודדת אומרים לפניהם משלים וחידות עד שתנתם הוזרת עליהם. ורבותינו אמרו מתוך שנתן לבו על המן ואסתר אמר אי אפשר שלא ידע אדם שהוא אוהבי עלתם ויגלה לי והזר ואמר שמא עשה לי אדם טובה ולא גמלתיו ואין חוששין

שפתי חכמים

מגילה: ל דק"ל למה זה נדדה שנת המלך בלילה הזאת יותר מבכל הלילות והלילה הזה לא היה יכול לישן בהיותו שמח וטוב לב משמח במשתה אסתר ובדרך הטבע השמחים במשתה ביום שהם ישנים

פירוש ע"ט

געגעבן איבער אַלע פירסטן אונ שטאַטס בעאַמטע: (יב) ויאמר דאַן האָט ער זיי ווידער דערציילט אַז זאָגאַר די קעניגין אסתר האָט קיינעם אויסר אים ניט געלאַדן צום מאָהלצייט וואָס זי האָט געמאַכט וגם און אויך מאָרגען, האָט ער זיי דערציילט, בין איך צוא איהר געלאַדן מיט'ן קעניג: (יג) וכל זה אָבער דאָס אַלץ האָט ביי מיר קיין ווערדע בכל עת זאָ לאַנג ווי איך זעה נאָך זיטצען דעם אידען מרדכי אין קעניגליכן הויף: (יד) ותאמר לו האָט זרש צו איהם געזאָגט אונ אַלע פריינד האָבן איינגעשטימט יעשו עץ אַז מען זאָל מאַכן אַ תליה פופציג איילן די הויך ובבקר אונ אין דער פריה זאָג דעם קעניג אַז מען זאָל מרדכי'ן אויף הייגען אויף איהר ובא וועסט דו שוין גיין לוסטיג מיט'ן קעניג צום מאָהלצייט וייטב איז דער ראַטה המן'ען געפעלן געוואָרן אונ ער האָט גלאָזט בויען די תליה:

(א) בלילה אין דער זעלבער נאַכט נדדה האָט גראָדע דער קעניג ניט געקענט שלאָפן ויאמר האָט ער דאַפיר געהייסן ברייגנען די כראָניק, וואו עס ווערען פאַרשריבן די מערקווירדיגסטע זאַכען ויהיו אונ מאַן האָט זיי פאָרגעלעזן פאַר דעם קעניג: (ב) וימצא האָט מען געפונען געשריבן די געשיכטע אשר וויא מרדכי האָט ענטדעקט אַז בגתן אונ תרש, צוויי קעניגליכע בעדינטע, וואָס פלעגן שטיין אויף וואַך ביים טיהר אשר בקשו האָבן געוואָלט טויטן דעם קעניג: (ג) ויאמר האָט דער קעניג געפרעגט מיט וואָס פאַר אַן עהרע אונ ווירדע האָט מען דאַפיר מרדכי'ן בעלוינט, האָבן אים די קאַמערדינער געענטפערט לא נעשה מען האָט אים מיט דם מינדעסטע ניט בעלוינט: (ד) ויאמר האָט דער קעניג געפרעגט ווער איז אין פאַרגעמאַך*) והמן אונ המן איז גראָדע אָנגעקומען אין די אויסווייניגסטע גאַלערעע פון פּאַלאַץ אום צו זאָגען דעם קעניג אַז מען זאָל מרדכי'ן אויפהייגען אויף דער תליה וואָס ער האָט געמאַכט: (ה) ויאמרו האָבן די קאַמערדינער געזאָגט, המן וואַרט אין פאָרצימער ויאמר המלך יבא האָט דער קעניג געזאָגט, זאָל ער הערייַנקומען: (ו) ויבא איז המן אַריין געקומען ויאמר פרעגט אים דער קעניג מה וואָס זאָל מאַן טהאָן מיט

משלי חכמים

גיט געקומען אהיים? נאָהר דר תרוץ איז ער האָט געוואוסט אַז בעס איז אַ שלעכטער בעל עצה האָט ער זיך איינגעהאַלטן גאַר דער בעס איז ביי איהם געווען אַזוי גרוס אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט צו אַנדערע אַרבייט נאָהר ער האָט תומ"י געשיקט נאָך זיינע גוטע פריינד אונ נאָך זיין פרוי זרש: ו (ו) (ויבא המן ויאמר לו המלך מה לעשות באיש) אַז המן איז אַריין געקומען האָט איהם דער קייזער

*) הערה דער מנהג איז אַז יעדער טאָג, אין דער פריה, קומען אייניגע הויף בעאַמטע צום קייזער צוא ערקונדיגען זיך וועגען דיא נייעס בצ'עהלט וואָס דער קעניג וועט אהיים געבען אויך זיך צו בעראָטהן וועגען פערשידענע זאַכען וואָס געהערט צום קעניגרייך, אַזוי ווי יעצט מען אין פאָרצימער ביז דער קעניג רופט זיי. (רמ"א) [א"ט]

באיש אשר המלך חפץ ביקרו ויאמר המן בלבו למי יחפץ המלך לעשות
יקר יותר ממני: ז ויאמר המן אל־המלך איש אשר המלך חפץ ביקרו:
ח יביאו לבוש מלכות אשר לבש־בו המלך וסוס אשר רכב עליו המלך ואשר
נתן כתר מלכות בראשו: ט ונתון הלבוש והסוס על־יד־איש משרי המלך
הפרתמים והלבישו את־האיש אשר המלך חפץ ביקרו והרכיבהו על־הסוס ברחוב
העיר וקראו לפניו ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו: י ויאמר המלך
להמן מהר קח את־הלבוש ואת־הסוס כאשר דברת ועשה־כן למרדכי היהודי
היושב בשער המלך אל־תפל דבר מכל אשר דברת: יא ויקח המן את־הלבוש
ואת־הסוס וילבש את־מרדכי וירכיבהו ברחוב העיר ויקרא לפניו ככה יעשה לאיש
אשר המלך חפץ ביקרו: יב וישב מרדכי אל־שער המלך והמן נדחף אל־ביתו אבל
וחפוי ראש: יג ויספר המן לזרש אשתו ולכל־אהביו את כל־אשר קרהו ויאמרו
לו חכמיו וזרש אשתו אם מזרע היהודים מרדכי אשר החלות לנפל לפניו לא־
תוכל לו כי־נפול תפול לפניו: יד עודם מדברים עמו וסריסי המלך הגיעו ויבהלו

ת"א ויאמר המן בלבו. מגלה טו: ועשה כן למרדכי. שם: ויקח המן. שם (ברכות ב יומא מ): את הלבוש. שם: ויקרא לפניו ככה יעשה. שם: וישב מרדכי. שם: ויספר המן. שם: אם מזרע היהודים. שם עקידה שער כז: וסריסי המלך. מגלה שם:

רש"י

עוד לי לפיכך ויאמר להביא את ספר הזכרונות: (ט) ונתון הלבוש והסוס על יד איש. ואת הכתר לא הזכיר שראה עינו של מלך רעה על שאמר שיתנו הכתר בראש אדם: (יב) וישב מרדכי. לשקו מ ולתעניתו: אבל וחפוי ראש. רבותינו נ פירשו הדבר במסכת מגילה: (יג) אשר החלות לנפל וגו'. אמרה אומה זו נמשלו לכוכבים ס ולעפר כשהם יורדים עד לעפר וכשהם עולים

שפתי חכמים

שינה שקועה בלילה הנמשכת אחר המשתה. לכ"פ שם היה: מ דק"ל לנ"ל דשב מרדכי הלא כל עצמו של הכתוב אינו אלא לספר במפלתו של המן. לכ"פ לשקו ולתעניתו ויום ג' לתעניתו היה שהתחיל להתענות ביום י"ד בניסן וי"ד שקרא המקרא ליום אתמול שלישי ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות יום שלישי לשילוח הרצים היה: נ דק"ל מה השילוח שייך בזה. לזה אמר ר"פ וכו' דדרשו בפ"ק דמגלה ע"ז: ס בגמרא בפ"ק דמגילה דייק מסיפיה דקרא כי נפול תפול לפניו שתי נפילות אלו למה מלמד שאמרה לו אומה זו נמשלת לעפר ולכוכבים וכו' גם רש"י עיקר דיוקו מסיפיה דקרא לכן כתב

פירוש ע"ט

א מענשען וועלכען דר קעניג וויל בעזונדרע עהרע אפגעבען ויאמר המן בלבו האט המן א טראכט געגעבען, וועמען אויסער מיר וויל דער קעניג אזעלכע עהרע ווייזען: (ו) ויאמר האט המן געענטפערט דעם קעניג איש אמאן וועלכען דער קעניג וויל בעזונדר אויס צייכנען: (ח) יביאו זאל מאן ברענגען דעם קעניגלכען מאנטעל וואס דר קעניג האט געטראגען וסוס אונ דעם פערד אויף וועלכען דר קעניג האט גריטען ואשר אין דעם טאג וואס מען האט דעם קייזער געקריינט: (ט) ונתון אונ מען זאל דאס קלייד אונ דעם פערד איבער געבען איינעם פון די גרויסע בעאמטע והלבישו אונ ער זאל אנקליידען דעם מאן, וועלכען דר קעניג וויל עהרען והרכיבהו אונ מען זאל אים ארום פירן אויף די גרעסטע פלעטצער פון שטאט וקראו אונ מען זאל פיר אים אויסרופען ככה אזוי טוט מאן מיט א מענשען וועלכען דר קעניג וויל בעזאנדער אויס־צייכנען: (י) ויאמר האט דער קעניג געזאגט צו המן'ען מהר נעם געשווינד דס קלייד אונ דעם פערד ווי דו האסט געזאגט ועשה אונ טהוא אזוי מיט דעם יודען מרדכי וועלכער זיצט אין מיין קעניגלכען הויף אל תפל דבר זאלסט ניט וואגן אנדערש צו טהאן ווי דו האסט געזאגט: (יא) ויקח המן האט המן גענומען דאס קלייד אונ דעם פערד וילבש אונ ער האט מרדכי'ן אנגע־קליידעט אונ ער האט אים ארום געפירט אויף דעם פערד אין אלע גרעסטע פלעטצער פון שטאט ויקרא אונ האט פאר אים אויסגערופען ככה אזוי טהוט מאן מיט א מאן וועלכען דער קעניג וויל אויסער־ארדענטליכע עהרע ווייזען: (יב) וישב מרדכי האט זיך נאך דעם אומגעקעהרט אין קעניגלכען טויער אונ המן נדחף איז איילענדיג אהיים געלאפען אבל פערטרויערט פון די גרויסע שאנדע: (יג) ויספר אונ האט באלד דערציילט זיין פרוי זרש אונ זיינע פריינדע וואס מיט אים האט פאסירט ויאמרו לו האבען אים די ערפאהרענע פריינד צו זאמען מיט זיין פרוי זרש געזאגט אם ווען מרדכי איזט ווירקליך פון יודישען הערקונפט אשר החלות איז אז דו האסט שוין איינמאהל אנגעפאנגען צו פאלען פאר אים לא תוכל וועסטו אים שוין ניט בייקומען כי נפול תפול וועסט נאך אימער טיפער פאר אים פאלען: (יד) עודם זיי האבען נאך געהאלטען אין מיט'ן ריידען וסריסי אונ די קעניגלכע בעדינטע זיינען אנגעקומען ויבהילו אונ האבען גנומען איילען המן'ען, ער זאל שנעל קומען

משלי חכמים

געפרעגט: ווס זאל מאן טאן מיט א מענטשן וועלכער דער קייזער וויל כבוד אן טאן דר פרי חיים פרעגט פאר וואס האט אחשורוש ניט געפרעגט המן'ען גלייך אויף מרדכי'ן אז: ווי ע' האט געפרעגט ביי זיינע בעדינטע! נור אחשורוש האט געוואוסט אז המן איז מרדכי'ן א שונא בנפש וועט ער געוויס ניט ראטען לטובתו, דרום האט ער איהם געפרעגט סתם, וואס פאר א מענטש עס איז, זאל ער זיין פון גרויסע צוא פון קליינעם שטאנד:

להביא את־המן אל־המשתה אשר־עשתה אסתר: ז א ויבא המלך והמן לשתות
עם־אסתר המלכה: ב ויאמר המלך לאסתר גם ביום השני במשתה היין מה־
שאלתך אסתר המלכה ותנתן לך ומה־בקשתך עד־חצי המלכות ותעש: ג ותען
אסתר המלכה ותאמר אם־מצאתי חן בעיניך המלך ואם־על־המלך טוב תנתן לי
נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי: ד כי נמכרנו אני ועמי להשמיד להרוג ולאבד ואלו
לעבדים ולשפחות נמכרנו החרשתי כי אין הצר שוה בנזק המלך: ס ה ויאמר המלך
אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה מי הוא זה ואי־זה הוא אשר־מלאו לבו לעשות כן:
ו ותאמר אסתר איש צר ואויב המן הרע הזה והמן נבעת מלפני המלך והמלכה:
ז והמלך קם בחמתו ממשתה היין אל־גנת הביתן והמן עמד לבקש על־נפשו
מאסתר המלכה כי ראה כי־כלתה אליו הרעה מאת המלך: ח והמלך שב מגנת

תו"א אם מלאתי חן בעיניך. במס המקפות בהלחה עקידה שער מד: כי נמכרנו אני ועמי. מגילה שם: כי אין הלר שוה בנזק המלך. זוהר פ' תלוה: ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה. מגילה פ"א דף טז: איש לר ואויב המן. שם דף יב טז: והמלך קם. מגילה פ"א דף טז: והמלך שב. שם:

שפתי חכמים

וגומר לחירות שדיוקו ממה שכתיב אח"כ: ע פי' של כלתה נגמרה ואח"כ ק"ל מה רעה עשו לו שאומר כלתה הרעה ועוד במה ידע שליח עכשיו שידע שממשפחת מלכים היא דבר עמה הוא בעצמו: (ז) כי כלתה. נגמרה הרעה ע והשנאה והנקמה:

רש"י

עד לרקיע ועד הכוכבים: (ג) תנתן לי נפשי. שלא אהרג בשלשה עשר באדר שגזרת גזירת הריגה על עמי ומולדתי: ועמי. ינתן לי בבקשתי שלא יהרגו ואם תאמר מה איפכת לך כי איככה אוכל וראיתי וגו': (ד) כי אין הצר שוה בנזק המלך. אינכו חושש בנזק המלך שאילו רדף אחר הנאתך היה לו לומר מכור אותם לעבדים ולשפחות וקבל הממון או החי' אותם להיות לך לעבדים הם וזרעם: (ה) ויאמר המלך אחשורוש ויאמר לאסתר המלכה. כל מקום שנאמר ויאמר ויאמר שני פעמים אינו אלא למדרש ומדרשו של זה בתחלה היה מדבר עמה על ידי

ליקוטי א"ם

ז (א) ויבא המלך והמן לשתות עם אסתר המלכה) דער קעניג איז געקומען מיט המן'ען צו טרינקען מיט די קעניגין אסתר. איז אייגענטליך א פראגע דעם ערשטען מאהל שטייט סתם זיי זיינען געקומען צום מאהל צייט און דא שטייט זיי זיינען געקומען טרינקען, נור די זאך איז אז זייא זיינען טאקע ביידע געקומען אנטרינקען, אייבשיבור'ן אסתר'ן, אחשורוש האט געוואלט דער גיין איהרע פערבארגענע געדאנקען אין וואס באשטייט איהר ביטע, און ווער איז זיא, ד"ה איהר געבורט, איהר יחוס דען ער הט נאך אלץ ניט געוואוסט פון ווס פר א פאלק זי שטאמט, און צוליב ווס הט זי איינגעלאדען נור המן'ען, ווס דאס בעווייזט אויף בעזונדערע התקרבות, ווס עס ווייזט ניט אוף ערליכקייט און קיישהייט; המן ווידר הט גערעכענט אז זיא האט איהם ליבער פון דעם קעניג האט ער אויך געוואלט זי זאל ווס מעהר טרינקען אום צו דער גיין איהרע פערבארגענע געדאנקען וועגען איהם:

פירוש ע"ט

צום מאהל צייט וואס דיא קעניגען אסתר האט צוגעברייטעט:

(א) ויבא דר קעניג און המן זיינען געקומען מיט שפייזען מיט די קעניגען אסתר: (ב) ויאמר דר קעניג זאגט אויף דעם צווייטען טאג ווידר ביים טרינקען די ווייז צו אסתר אין ווס באשטייט דיין וואונש, קעניגען אסתר ותנתן און עס זאל געגעבן ווערן ומה און אין וואס באשטייט דיין ביטטע, זאגאר א האלבע קעניגרייך ותעש וועט עס אויך ערפילט ווערען: (ג) ותען הט די קעניגין אסתר געענטפערט אם אויב איך האב געפונען גונסט אין דיינע אויגען און אויב דר קעניג וועט בעשטעמיגען תנתן זאל מאן מיר מיין לעבן אויף מיין ביטטע שענקן ועמי און מיין פאלק'ס לעבן אויף מיין וואונש: (ד) כי נמכרנו דען איך מיט מיין פאלק זיינען פערקויפט געווארען צום אויסראטונג, פערניכטונג און פערטיליגונג ואלו יא, ווען מאן וואלט אונז נור פערקעבט און שקלאפינן פערקופט וואלט איך געשוויגן דען דר רבעגדר פיינד ליידט ניט זיין קייזער'ס שאדען: (ה) ויאמר הט דר קעניג אחשורוש העפטיג אויסגערופען מי הוא זה ווער איז דר און וואו איז דער מאן וועלכר האט געוואגט אזוינס צו טהאן: (ו) ותאמר הט אסתר געענטפערט איש דר גרויזאמר און ראכענדר פיינד איז דער געמיינר המן און המן איז דער ציטערט געווארן, פירכטענד פארן כעס פון קעניג און פון די קעניגן: (ז) והמלך און דר קעניג איז מיט גרוים צארן אויפגעשטאנען פון דעם מאהלצייט וויין און איז אריין אין שלאס גארטען והמן און המן איז געבליבן לבקש אום אויסצובעטן מען זאל אים דאס לעבען שענקן כי ראה דען ער האט פערשטאנען דאס פון קעניגס זייט איז שוין זיין אונגליק בעשלאסען: (ח) והמלך אז דער קעניג הט זיך פון גארטן צוריק אין שפייזעזאל אומגעקעהרט והמן ערשט המן פאלט *) אויף די סאפע אויף וועלכע אסתר איז

*) הערה ווי קומט עס אז המן זאל מאן אזא נארישקייט אין דער צייט וואס ביידע וואהרען אויף אים העכסט אויפגעבראכט? נור דער אבן עזרא זאגט, המן האט גענומען בעטען אסתר'ן זי זאל, אויף איהם רחמנות האבען און בעטען דעם קעניג אז מאן זאל איהם שענקען דאס לעבען און איז געפאלען צו איהרע פיס. ווי דער קעניג איז אריין איז ער נאך מעהר דער שראקען געווארען און וועלענדיג זיך אויפהייבען איז ער אריף געפאלען אויף אסתר'ן. און דער קעניג וועלכער איז אריין צוריק מיט כעס האט דעם שרעקליכען טעות ניט פערשטאנען. (א"מ)

הביתן אל־בית ׀ משתה היין והמן נפל על־המטה אשר אסתר עליה ויאמר המלך
הגם לכבוש את־המלכה עמי בבית הדבר יצא מפי המלך ופני המן חפו׃ ט ויאמר
חרבונה אחד מן־הסריסים לפני המלך גם הנה־העץ אשר־עשה המן למרדכי אשר
דבר־טוב על־המלך עמד בבית המן גבה חמשים אמה ויאמר המלך תלהו עליו׃
י ויתלו את־המן על־העץ אשר־הכין למרדכי וחמת המלך שככה׃ ס ח א ביום
ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את־בית המן צרר היהודיים יתיר י׳
ומרדכי בא לפני המלך כי־הגידה אסתר מה הוא־לה׃ ב ויסר המלך את־טבעתו
אשר העביר מהמן ויתנה למרדכי ותשם אסתר את־מרדכי על־בית המן׃ ס ג ותוסף
אסתר ותדבר לפני המלך ותפל לפני רגליו ותבך ותתחנן־לו להעביר את־רעת
המן האגגי ואת מחשבתו אשר חשב על־היהודים׃ ד ויושט המלך לאסתר את

תו"א והמן נפל על המטה. סס כנהדרין קס: הגם לכבוש את המלכה. פסחים ק: וחמת המלך. ראש השנה יב מגילה טז סנהדרין קת זבחים קיג: ותשם אסתר את מרדכי על בית המן. מגילה י:

רש"י

(ח) והמן נפל. פ׳ המלאך דחפו: על המטה אשר אסתר עליה. דרכן היה ליסב בסעודה על לדן על גבי המטות כמו שנאמר בראש הספר מטות זהב וכסף לבני המשתה: הגם לכבוש. לשון תימה הוא לכבוש להאנוס בחזקה כמו (במדבר לב כב) ונכבשה הארץ: (ט) גם הנה העץ. גם רעה אחרת עשה שהכין העץ לתלות הוהכו של מלך שהציל המלך מסם המות: (א) מה הוא לה. איך הוא קרוב לה: (ג) להעביר את רעת המן. שלא

שפתי חכמים

שנגמרה הרעה דלמא ירע לו עוד כאשר אירע באמת לכ"פ הסנאה והנקמה כלומר נגמר׳ הסנא׳ שיסנאהו ויעש׳ בו נקמה: פ והמן נופל נפל מבע"ל. לכ"פ המלאך דוחפו והכי איתא בפ"ק דמגילה ופירש"י נופל משמע לי עושה והולך נופל תמיד רוצה לזקוף ומלאך מפילו:

פירוש ע"ט

גזעסן ויאמר הט זיך דר קעניג אפגערופן הגם לכבוש ווילסטו די קעניגען זאגאר אין מיין הויז געוואלט אנטהאן הדבר ווי נור דער ווארט איז פון קעניגס מויל ארויס ופני המן חפו האט מאן המן׳ס געזיכט באדעקט *): (ט) ויאמר האט זיך איינר פון דעם קעניגס בעדינטע מיט׳ן נאמן חרבונה אפגערופן אזוי אז דער קעניג האט עס געקענט הערען, עס שטייט נאך גרייט דער גאלגאן אויף וועלכן המן האט געוואלט אויפהייגען מרדכי׳ן דעם קעניגס רעטער ביי איהם אין הויז, פופציג איילן די הויך, ויאמר האט דער קעניג גזאגט הייגט המן׳ן אויף אים: (י) ויתלו הט מען המן׳ען אויפגעהאנגן אויף דעם זעלבען גאלגאן, וועלכן ער הט אן גיגרייט פאר מרדכי׳ן וחמת דאן איז דעם קעניגס צארען געשטילט געווארן:

(א) ביום ההוא נאך אין דעם זעלבן טאג הט דער קעניג אחשורוש אוועקגעגעבן די קעניגין אסתר את בית די הויז פון דעם יודענפיינד המן ומרדכי אונ מרדכי וואהר פארגעשטעלט פר דעם קעניג, דען אסתר הט אים גזאגט וואס ער איז איהרער: (ב) ויסר אונ דער קעניג הט זיין זיגעלרונג אראפגענומן וועלכן ער הט פון המן׳ען צוריק גענומן אונ הט אים מרדכי׳ן איבערגעגעבן ותשם אונ אסתר הט גמאכט מרדכי׳ן פאר א פערוואלטר איבר המן׳ס הויז: (ג) ותוסף **) אסתר הט אבר ווידר גערעדט צום קעניג, אונ האט זיך צו זיינע פים גווארפען ותבך אונ זי הט גוויינט אונ אים שטארק געבעטן להעביר צו פערניכטן די שלעכטס וואס המן הט אנגעמאכט אונ זיינע בייזע גדאנקן וועגן די אידען: (ד) ויושט הט דר קעניג דער לאנגט אסתר׳ן דעם

ליקוטי א"ם

ח (א) (ביום ההוא נתן המלך אחשורוש לאסתר המלכה את בית המן צורר היהודים) הגאון ר׳ חיים קאללער מפשעמיסל פרעגט איינגע ריכטיגע שאלות אוף דעם פסוק א) פר וואס רופט דר פסוק המן׳ען אוך נאכן טוט „צורר היהודים?" ב) אונ מיט וואס פר ארעכט האט אחשורוש אוועק געגעבן אסתר׳ן המן׳ס הויז? צו דען אז ער איז בעשטראפט געווארן מיט דעם טוט איז דען שוין זיין פערמעגן אויך קאנפיסקירט געווארן ג) אונ פר וואס שטייט (ומרדכי בא) מרדכי איז יעצט געקומן, איז ער דען יעצט געקומען דעם ערשטען מאהל? עס הט געדארפט שטיין „ויבא מרדכי", נאהר די זאך איז אזוי געוועזן. המן אלס משנה למלך האט געהאט א קאזיאנע הויז, אז ער איז געשטארבן איז די הויז איבערגעגאנגן צוריק צום קייזר, אונ אחשורוש וועלכר הט געוואלט ווייזען אסתר׳ן אז זיין הארץ איז ניט געוועזן גאנץ מיט המן׳ען צו פארלענדן די אידען האט ער איהר בכיון געגעבן די הויז וואו עס הט געוואונט דר יודען־פיינד, דר צורר היהודים אונ אום אוך צו ווייזען אז אלע וואס וועלען פיינט האבן די יודען איז גלייך ווי זיי וואלטען פיינט געהאט די קעניגן, וואס איז א יודען. אונ מרדכי וואס איז ביז יעצט געוועזן נור איינער פון די קליינע הויף באמטע וויא עס שטייט (ומרדכי יושב בשער המלך) איז יעצט געקומן פאר׳ן קייזר, ד"ה ער הט איהם דערהויכט אונ געמאכט פאר אצווייטע קעניג (משנה למלך), דען אסתר האט איהם געזאגט אז ער איז איהר פעטער, הט ער איהם געגעבן א פאסטען ווי עס פאסט פאר די קעניגינ׳ס א פעטער:

---

*) **הערה** אין פרס איז געווען אמאדע, אז דער יעניגער איך וועלכען דער קעניג פלעגט שטארק רייז ווערען אונ פלעגט איהם שוין סהער ניט וועלען זעהען פלעגט מאן אויף איהם ארויףווארפען אויפ׳ן געזיכט אמאסקע. (הראב"ע) [א"מ]

) **הערה מאן דארף וויסען אז די זאך ווי אפרופען אקייזערליכען באפעל וואהר אין פרס אונ אין מדי כמעט אונמעגליך האט אח"ר געמוזט קומען נאך איינגע מאהל אונגערופען אונ דערפאר שטייט ווייטער (פסוק ד) דער קעניג האט אסתר׳ן דער לאנגט די גאלדענע רוטה, דען די גאלדענע רוטה פלעגט מאן ניטצען נור אז מאן פלעגט קומען אונגערופען אונ דער קייזער האט מוחל געווען (רבינו אבן יחייא). [א"מ]

שַׁרְבִט הַזָּהָב וַתָּקׇם אֶסְתֵּר וַתַּעֲמֹד לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ: ה וַתֹּאמֶר אִם־עַל־הַמֶּלֶךְ טוֹב
וְאִם־מָצָאתִי חֵן לְפָנָיו וְכָשֵׁר הַדָּבָר לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְטוֹבָה אֲנִי בְּעֵינָיו יִכָּתֵב לְהָשִׁיב
אֶת־הַסְּפָרִים מַחֲשֶׁבֶת הָמָן בֶּן־הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי אֲשֶׁר כָּתַב לְאַבֵּד אֶת־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר
בְּכׇל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ: ו כִּי אֵיכָכָה אוּכַל וְרָאִיתִי בָּרָעָה אֲשֶׁר־יִמְצָא אֶת־עַמִּי וְאֵיכָכָה
אוּכַל וְרָאִיתִי בְּאׇבְדַן מוֹלַדְתִּי: ס ז וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ לְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה
וּלְמׇרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי הִנֵּה בֵית־הָמָן נָתַתִּי לְאֶסְתֵּר וְאֹתוֹ תָּלוּ עַל־הָעֵץ עַל אֲשֶׁר־שָׁלַח יָדוֹ
בַּיְּהוּדִיים יתיר י׳: ח וְאַתֶּם כִּתְבוּ עַל־הַיְּהוּדִים כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ וְחִתְמוּ
בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ כִּי־כְתָב אֲשֶׁר־נִכְתָּב בְּשֵׁם־הַמֶּלֶךְ וְנַחְתּוֹם בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ אֵין
לְהָשִׁיב: ט וַיִּקָּרְאוּ סֹפְרֵי־הַמֶּלֶךְ בָּעֵת־הַהִיא בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי הוּא־חֹדֶשׁ סִיוָן בִּשְׁלוֹשָׁה
וְעֶשְׂרִים בּוֹ וַיִּכָּתֵב כְּכׇל־אֲשֶׁר־צִוָּה מׇרְדֳּכַי אֶל־הַיְּהוּדִים וְאֶל הָאֲחַשְׁדַּרְפְּנִים־וְהַפַּחוֹת
וְשָׂרֵי הַמְּדִינוֹת אֲשֶׁר ׀ מֵהֹדּוּ וְעַד־כּוּשׁ שֶׁבַע וְעֶשְׂרִים וּמֵאָה מְדִינָה מְדִינָה וּמְדִינָה
כִּכְתָבָהּ וְעַם וָעָם כִּלְשֹׁנוֹ וְאֶל־הַיְּהוּדִים כִּכְתָבָם וְכִלְשׁוֹנָם: י וַיִּכְתֹּב בְּשֵׁם הַמֶּלֶךְ
אֲחַשְׁוֵרֹשׁ וַיַּחְתֹּם בְּטַבַּעַת הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁלַח סְפָרִים בְּיַד הָרָצִים בַּסּוּסִים רֹכְבֵי הָרֶכֶשׁ
הָאֲחַשְׁתְּרָנִים בְּנֵי הָרַמָּכִים: יא אֲשֶׁר נָתַן הַמֶּלֶךְ לַיְּהוּדִים ׀ אֲשֶׁר בְּכׇל־עִיר־וָעִיר
לְהִקָּהֵל וְלַעֲמֹד עַל־נַפְשָׁם לְהַשְׁמִיד לַהֲרֹג וּלְאַבֵּד אֶת־כׇּל־חֵיל עַם וּמְדִינָה הַצָּרִים אֹתָם

תו"א ותאמר אם על המלך טוב. עקידה שער לג: ויקראו ספרי המלך. רלב"ג הבנס ז: מהדו ועד כוש. מגילה יב: מדינה ומדינה ככתבה. שם: ככתבם וכלשונם. שם: האחשתרנים בני הרמכים. שם פ"ב:

שפתי חכמים / רש"י

צ דק"ל היא בקשה להפר מחשבות המן והוא השיב הנה בית המן תתקיים עצתו הרעה: (ז) הנה בית המן וגו'. ומעתה
צ הכל רואים שאני חפץ בכם וכל מה שתאמרו יאמינו הכל שמאתי הוא לפיכך אין צריכין אתם להשיבם אלא כתבו
ספרים אחרים כטוב בעיניכם: (ח) אין להשיב. אין כח להשיבו ולעשות כתב המלך כזיוף: (ט) ככתבה.
באותיות שלה: כלשונו. הוא הדיבור: (י) ביד הרצים. רוכבי סוסים שלוח להם לרוץ: האחשתרנים. מין גמלים

פירוש ע"ט

באלדענעם רוטה ותקם איז זי אויפגעשטאנען פון דר ערד אונ האט זיך גלייכגעשטעלט פאר'ן קעניג: (ה) ותאמר אונ הט אזוי געזאגט אם ווען דער קעניג וועט גוט זיין אונ איך האב ווירקליך געפונען גונסט אין זיינע אויגען אונ מיין פארשלאג וועט איהם געפעלען וטובה אונ איך האב איינגען ווערטה אין זיינע אויגען יכתב זאל מאן שרייבען אז מאן זאל צור־ריק נעמען די בריף, וועלכע זיינען די פרוכט פון המן'ס שלעכטע גדאנקען אשר אונ אין וועלכע ער הט געשריבען דס מאן זאל אלע יודען פון קעניגס לענדער פערניכטען: (ו) כי איככה דען ווי קען איך אויסהאלטען צו צוזעהן דעם אונגליק וואס מיין פאלק וועט טרעפען, אונ ווי קען איך ערטראגען צו זעהן דעם אונטערגאנג פון מיין פאמיליע: (ז) ויאמר הט דר קעניג געזאגט צו די קעניגין אסתר אונ צו מרדכי דעם יודען הנה איך האב שון המן'ס הויז אוועק געגעבען אסתר'ן, אונ איהם אליין הט מאן אויף געהאנגען על ווייל ער הט געוואלט שלעכטס טהאן די יודען *): (ח) ואתם אונ איהר שרייבט וועגן די יודען אין קעניגליכען נאמען ווי פר אייך איז בעסער וחתמו אונ בעזיגעלט עס מיט'ן קעניגליכען זיגעל כי כתב דען יענעס שרייבען וואס איז איינמאהל אין קעניגס נאמען געשריבען אונ מיט'ן קעניגליכען זיגעל בעזיגעלט אין להשיב קען מאן עס שון ניט צוריק נעמען: ט ויקראו גלייך זיינען גרופען געווארען די קעניגליכע געהיים שרייבער בעת דס מאהר אין דריטען מאנאט, סיון, דעם דריי אונ צוואנציגסטען ויכתב אונ מאן האט געשריבען אלץ ווי מרדכי הט געהייסען וועגען די יודען, ואל האחשדרפנים צו אלע סאטראפען, גובערנאטארען, שטאטהאלטער פון אלע לענדער וואס געפינען זיך פון הודו ביז כוש הונדערט זיבען אונ צוואנציג לענדער, מדינה פיר יעדעס לאנד אין איהר שריפט, אונ פיר יעדע נאציאן אין איהר שפראך ואל אונ צו די יודען אין זייער שריפט אונ שפראך: (י) אונ עס איז געשריבען געווארען אין נאמען פון קעניג אחשורוש אונ מיט דעם קעניגליכען זיגעל בעזיגעלט וישלח אונ די בריף זיינען אפגעשיקט געווארען דורך רייטענדע קוריערען אויף שנעלפיסיגע ראססען, דראמאדערען אונ מול־שטהיערען: (יא) אשר נתן דס דר קעניג הט געגעבען די יודען (ערלויבנים) אשר וואס געפינען זיך אין יעדער שטאט זיך צו פערזאמלען אונ זיך צו פער־טהיידיגען להשמיד אויף צו פארטיליגען, הרגען אונ

*) הערה אייגענטליך איז אגרויסער וואונדער, אסתר האט ביטער געוויינט אונ געבעטען פערניכטען המן'ס בריף אונ אחשורוש האט איהר געענטפערט אז ער האט איהר שוין אוועק געגעבען המן'ס הויז, נאהר די זאך וואהר אזוי אחשורוש האט איהר געענטפערט: וואס עס איז געווען מעגליך צו טהאן האב איך געטהאן דאמיט וואס איך האב זיין הויז צו גענומען אונ איהם אויפגעהאנגען האב איך אלעמען געוויזען אז איך וויל ניט טהאן די אידען קיין שלעכטעס, אבער מעהר האב איך קיין מאכט ניט, דען אבּרופען א קייזערליכען אוקאז איז לויט די געזעצע פון פרס אונ מדי אונמעגליך נור איהר שרייבט נאך אמאהל אונ דאס וועט געוויס ווירקען. (רמ"ט): [א"מ]

טף ונשים ושללם לבוז: יב ביום אחד בכל־מדינות המלך אחשורוש בשלושה
עשר לחדש שנים־עשר הוא־חדש אדר: יג פתשגן הכתב להנתן דת בכל־מדינה
ומדינה גלוי לכל־העמים ולהיות היהודיים יתיר י׳ עתודים עתידים קרי ליום הזה
להנקם מאיביהם: יד הרצים רכבי הרכש האחשתרנים יצאו מבהלים ודחופים
בדבר המלך והדת נתנה בשושן הבירה: ס טו ומרדכי יצא ׀ מלפני המלך
בלבוש מלכות תכלת וחור ועטרת זהב גדולה ותכריך בוץ וארגמן והעיר שושן
צהלה ושמחה: טז ליהודים היתה אורה ושמחה וששן ויקר: יז ובכל־מדינה
ומדינה ובכל־עיר ועיר מקום אשר דבר־המלך ודתו מגיע שמחה וששון ליהודים
משתה ויום טוב ורבים מעמי הארץ מתיהדים כי־נפל פחד־היהודים עליהם:
ט א ובשנים עשר חדש הוא־חדש אדר בשלושה עשר יום בו אשר הגיע דבר־
המלך ודתו להעשות ביום אשר שברו איבי היהודים לשלוט בהם ונהפוך הוא
אשר ישלטו היהודים המה בשנאיהם: ב נקהלו היהודים בעריהם בכל־מדינות

תו"א ומרדכי יצא מלפני המלך. מגילה טז: והעיר שושן צהלה ושמחה שם יח: ליהודים היתה אורה ושמחה. שם טז עקרים מ"ב פכ"ט: ובכל מדינה ומדינה ובכל עיר ועיר. שם דף כ: שמחה וששון ליהודים. סוכה מח:

רש"י

ממהרים לרוץ: (יא) ושללם לבוז. כאשר נכתב ואין זה תשובה לשאלתה. לכך פירש ומעתה הכל רואים וכו': בראשונות והם בבזה לא שלחו את ידם שהראו לכל שלא נעשה לשם ממון: (יג) פתשגן. אגרת מפורש: (יד) מבהלים. ממהרים אותם לעשות מהרה לפי שלא היה להם פנאי שהיה להם להקדים רצים הראשונים להעבירם: (טו) ותכריך בוץ. מעטה בוץ טלית העשוי להתעטף: (יז) מתיהדים. מתגיירים:

שפתי חכמים

פירוש ע"ט

פערניכטן יעדע פיינדליכע פאלקס־פערזאמלונג אין יעדע לאנד וועלכע וועלן זיי וועלן שלעכטס טהאן אותם זיי אונ זייערע קינדער אונ פרוען ושללם אונ זייער פארמעגן צו פלינדערן: (יב) ביום דיא ערלויבניס איז געגעבן אויף איין טאג אין אלע קעניג־ליכע לענדער וואס געהערן אחשורוש'ן בשלשה אויף דעם דרייצענטן טאג פון צוועלפטן מאנאט, דאס איז אדר: (יג) פתשגן איין קאפיע פון דיזן באפעל זאל פאנאנדער געטיילט ווערן אין יעדע לאנד אלס איין קייזערליכער אוקאז גלוי אום אלע אונ־טערטהאנן זאלן וויסן ולהיות אונ די יודן מעגן זיין פארגעברייט אויף דיזן טאג ראכע צוא נעמען פון זייערע פיינד: (יד) הרצים די קוריערן אויף ראססען אונ דראמאדערן זיינן דרינגענד שנעל פאנאנדער געפארן בדבר מיט'ן קעניגליכן אוקאז והדת אונ אין שושן איז ער איבעראל אויסגערופען געווארען:

(טו) ומרדכי אונ מרדכי איז ארוס פון קעניג אנגעטהאן בלבוש אין קעניגליכע גוואנד וועלכע וואר הימעל בלוי אונ ווייס, אונ מאן האט אים גטראגען אונטער אבאלדאכען אויף וועלכען עס וואר אגאלדענע קרון (כדעת הרלב"ג) ותכריך אונ אויך וואר אויף אים א הולע פון ביסוס אונ פורפור והעיר דם זעהענדיג זיינן די יודן פון שושן זייער פרייליך געווארן: (טז) ליהודים דיא יודן איז געווארן ליכטיג, מאן האט גמאכט פריידן־פעסטע אונ מאן איז געוועזן לוסטיג: (יז) ובכל מדינה אונ אין יעדער לאנד אונ יעדע שטאט ווו דער קייזערליכער אוקאז איז אנגעקומען שמחה האבן זיך די יודן שטארק גפרייט אונ האבן בעלער גמאכט ורבים אונ פילע מענטשן פון דיא פעלקער האבן זיך מגייר געוועזן, דען זייא האבן זיך שטארק ערשראקן פר די יודן:

(א) ובשנים אונ אז עס איז אנגעקומען דער דרייצענטער טאג פון צוועלפטן מאנאט אדר אין וועלכן דער קייזערליכער אוקאז האט געברוכט אויסגעפירט צוא ווערן ביום אין דעם טאג וואס די יודן פיינד האבן געהאפט צו געוועלטיגן איבער זיי ונהפוך אונ וועלכער איז פערקערט געווארן אז די יודן זאלן קענען געוועלטיגן איבער זייערע פיינד: (ב) נקהלו האבן זיך אלע יודן פערזאמעלט אין אלע שטעט פון אלע לענדער וואס האבען געהערט צום קעניג אחשורוש לשלח יד אייגענהענטיג זיך אפרעכנן מיט דיא וואס זוכן

פנינים יקרים

(טו) (ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות) דער מדרש זאגט מרדכי איז געווארן קייזער איבער די אידען ד"ה דר ריש גלותא אזוי ווי דער קייזער גייט אן געטאן אין פורפור אזו הט זיך מרדכי אנגעטאן אין אפורפור קלייד, אזוי ווי דער קייזער גייט אין א קרון אזו האט ער געקראגען אפירסטליכע קרון. אזו ווי פר דעם קעניג הט מאן מורא אזו הט מאן פר מרדכי מורא געקריגען ווי עס שטייט (כי נפל פחד מרדכי עליהם) אזו ווי דר קייזער הט זיינע מטבעות אזו האט מרדכי געהאט זיינע מטבעות וכו' איין זייט איז געוועזן מרדכי פון דעם צווייטן אסתר. פרעגט דער מדרש פאר וואס האט ער דערגרייכט צו אזא הויכע מדרגה; ענטפערט דער מדרש ווייל ער איז געוועזן (איש טוב) אגוטער מענטש (איש שלום) אונ א פרידליכר מענטש אונ ניט נאהר ער פלעגט זיך ניט קריגן מיט קיינעם נאהר ער פלעגט נאך זוכען אז צוויי פלעגן זיך קריגן זייא שלום צו מאכן ווי עס שטייט ווייטר (ומבקש שלום):

המלך אחשורוש לשלח יד במבקשי רעתם ואיש לא־עמד בפניהם כי־נפל פחדם
על־כל־העמים: ג וכל־שרי המדינות והאחשדרפנים והפחות ועשי המלאכה אשר
למלך מנשאים את־היהודים כי־נפל פחד־מרדכי עליהם: ד כי־גדול מרדכי בבית
המלך ושמעו הולך בכל־המדינות כי־האיש מרדכי הולך וגדול: ה ויכו היהודים
בכל־איביהם מכת־חרב והרג ואבדן ויעשו בשנאיהם כרצונם: ו ובשושן הבירה
הרגו היהודים ואבד חמש מאות *איש: ז ואת | פרשנדתא ואת | דלפון ואת |
אספתא: ח ואת | פורתא ואת | אדליא ואת | ארידתא: ט ואת | פרמשתא ואת |
אריסי ואת | ארידי ואת | ויזתא: י עשרת בני המן בן־המדתא צרר היהודים הרגו
ובבזה לא שלחו את־ידם: יא ביום ההוא בא מספר ההרוגים בשושן הבירה לפני
המלך: יב ויאמר המלך לאסתר המלכה בשושן הבירה הרגו היהודים ואבד חמש
מאות איש ואת עשרת בני־המן בשאר מדינות המלך מה עשו ומה־שאלתך וינתן
לך ומה־בקשתך עוד ותעש: יג ותאמר אסתר אם־על־המלך טוב ינתן גם־מחר
ליהודים אשר בשושן לעשות כדת היום ואת עשרת בני־המן יתלו על־העץ:
יד ויאמר המלך להעשות כן ותנתן דת בשושן ואת עשרת בני־המן תלו: טו ויקהלו
היהודיים יתיר י׳ אשר־בשושן גם ביום ארבעה עשר לחדש אדר ויהרגו בשושן
שלש מאות איש ובבזה לא שלחו את־ידם: טז ושאר היהודים אשר במדינות
המלך נקהלו | ועמד על־נפשם ונוח מאיביהם והרוג בשנאיהם חמשה ושבעים אלף

תו"א ואת פרשנדתא מגילה טו: ויזתא. שם: עשרת בני המן. שם: ובבזה לא. שם: ויאמר המלך לאסתר המלכה. שם:

*איש בראש הדף ואת בסופו וצריך לכותבם כעין שירת האזינו ובדף אחד לבדו: סת׳ זעירא פשו"ן זעירא סו׳ אריכא סו׳ זעירא

רש"י

(ג) ועשי המלאכה. אותם שהיו ממונים ק לעשות לרכי המלך: (י) עשרת בני המן. ראיתי בסדר עולם אלו י׳ שכתבו שטנה על יהודה וירושלי׳ כמש"כ בספר עזרא (עזרא ד) ובמלכות אחשורוש בתחלת מלכותו כתבו שטנה על יושבי יהודה וירושלים. ומה היא השטנה לבטל העולים מן הגולה בימי כורש שהתחילו לבנות את הבית והלשינו עליהם הכותי׳ והחדילום וכשמת כורש ומלך אחשורוש והתנשא המן דאג שלא יעסקו אותן שבירושלים בבנין ושלחו בשם אחשורוש לשרי עבר הנהר לבטלן: ובבזה לא שלחו את ידם. שלא יתן המלך עין לרה בממון: (יג) ואת עשרת בני המן יתלו על העץ. אותן שנהרגו: (יד) ותנתן דת.

שפתי חכמים

ק דק"ל וכי עושי מלאכה לבד הם למלך שכתב ועושי המלאכה אשר למלך והלא כל העכו"ם כולם הם למלך. לכ"פ אותם שהם ממונים לעשות לרכי המלך כלומר אשר למלך שב על המלאכה לא על עושי

פירוש ע"ט

זייער אומגליק וויש אבער קיינר פון די וואס האבן זיך געשטעלט געגן זיי, הט זיי ניט געקענט בייקומן, כי דען זייער פורכט איז געפאלן אויף אלע פעלקער: (ג) וכל אויך אלע פירסטן, גענעראל־גובערנאטארן, פאשאען אונ אלע קעניגליכע בעאמטע האבן די יודן אנגעהייבן צו עהרען כי דען זיי האבן זיך געשראקן פיר מרדכי׳ן: (ד) כי גדול דען מרדכי איז געווארן אנגעזעהען ביין קעניג ושמעו אונ זיין רוף האט זיך פערברייטערט אין אלע לענדער אז כי האיש דער מאן מרדכי ווערט נאך גרעסר ווערן: (ה) ויכו אונ אזוי האבען דיא יודן געשלאגן אלע זייערע פיינד מיט׳ן שווערד והרג געשלאגן ביז צום אוסראטן אונ האבן מיט זייערע פיינד געטאן נאך זייער ווילן: (ו) ובשושן אונ אין די רעזידענץ האבן זיי געהרגת פינף הונדערט מאן אונ המן׳ס צעהן קינדער ובבזה נאר זייער פארמעגן האבען זיי ניט גערירט: (יא) ביום דעם זעלבן טאג הט מאן דעם קעניג דערלאנגט די צאהל פון די געהרגתע אין די רעזידענץ: (יב) ויאמר הט דר קעניג געזאגט צו די קעניגן אסתר, די יודן האבען אין שושן געהרגת פינף הונדערט מאן אויך המן׳ס צעהן קינדער, אונ ווער ווייס וויפיל זייא האבען געהרגת אין די איבעריגע פראווינצן ומה דאך אוב דו האסט נאך צו פערלאנגן ווערט עס אויך בעוויליגט ווערען ומה בקשתך האסטו נאך אוואונש זאל עס געשעהן: (יג) ותאמר הט זי געענטפערט ווען דר קעניג ווערט איינשטימן זאל מאן די יודן פון שושן אויך מארגען ערלויבן צו טהאן וויא הייגט ואת אונ די קערפער פון המן׳ס צעהן זין זאל מאן הענגען: (יד) ויאמר הט דר קעניג געזאגט אז עס קען אזו זיין ותנתן אונ מאן הט דעם באפעל באקאנט גמאכט אין שושן אונ המן׳ס צעהן זין האט מאן אויפגעהאנגען: (טו) ויקהלו דרום האבען זיך דיא יודען פון שושן פערזאמלט דעם 14 אדר אונ האבן געהרגת נאך דריי הונדערט מאן ובבזה אבער זייער פארמעגן האבן זיי ניט גערירט: (טז) ושאר אבער דיא יודן פון דיא איבעריגע לענדער פון דעם קעניג האבן זיך פערזאמלט צו פערטהיידיגן זייער לעבן אונ צו שאפן זיך רוהע פון זייערע פיינד, וועלכע זיי האבן געהרגת פינף אונ זיעבציג טוזינט ובבזה אונ

זייער

וְלַבִּזָּה לֹא שָׁלְחוּ אֶת־יָדָם׃ יז בְּיוֹם־שְׁלֹשָׁה עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְנוֹחַ בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר
בּוֹ וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה׃ יח וְהַיְּהוּדִיים יתיר י׳ אֲשֶׁר־בְּשׁוּשָׁן נִקְהֲלוּ בִּשְׁלֹשָׁה
עָשָׂר בּוֹ וּבְאַרְבָּעָה עָשָׂר בּוֹ וְנוֹחַ בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ וְעָשֹׂה אֹתוֹ יוֹם מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה׃
יט עַל־כֵּן הַיְּהוּדִים הַפְּרָוזִים הפרזים קרי הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי הַפְּרָזוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה
עָשָׂר לְחֹדֶשׁ אֲדָר שִׂמְחָה וּמִשְׁתֶּה וְיוֹם טוֹב וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ׃ כ וַיִּכְתֹּב
מָרְדֳּכַי אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּשְׁלַח סְפָרִים אֶל־כָּל־הַיְּהוּדִים אֲשֶׁר בְּכָל־מְדִינוֹת הַמֶּלֶךְ
אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הַקְּרוֹבִים וְהָרְחוֹקִים׃ כא לְקַיֵּם עֲלֵיהֶם לִהְיוֹת עֹשִׂים אֵת יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר
לְחֹדֶשׁ אֲדָר וְאֵת יוֹם־חֲמִשָּׁה עָשָׂר בּוֹ בְּכָל־שָׁנָה וְשָׁנָה׃ כב כַּיָּמִים אֲשֶׁר־נָחוּ בָהֶם
הַיְּהוּדִים מֵאֹיְבֵיהֶם וְהַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב לַעֲשׂוֹת
אוֹתָם יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ וּמַתָּנוֹת לָאֶבְיֹנִים׃ כג וְקִבֵּל
הַיְּהוּדִים אֵת אֲשֶׁר־הֵחֵלּוּ לַעֲשׂוֹת וְאֵת אֲשֶׁר־כָּתַב מָרְדֳּכַי אֲלֵיהֶם׃ כד כִּי הָמָן בֶּן־
הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר כָּל־הַיְּהוּדִים חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים לְאַבְּדָם וְהִפִּל פּוּר הוּא הַגּוֹרָל
לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם׃ כה וּבְבֹאָהּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אָמַר עִם־הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה
אֲשֶׁר־חָשַׁב עַל־הַיְּהוּדִים עַל־רֹאשׁוֹ וְתָלוּ אֹתוֹ וְאֶת־בָּנָיו עַל־הָעֵץ׃ כו עַל־כֵּן קָרְאוּ

